STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05937

# MEIR YEZEFOVITSH

Eliza Orzeszkowa

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

3112

ע. אָרושעסקאָ.

# מאיר יעזעפאָוויטש

באנד I

27

פאַרלאַג „ידיש", וואַרשע
געגרינדעט דורך יעקב לידסקי.

פערקויף: געזעלשאַפט „צענטראַל", וואַרשא.

פארלאג ייִדיש ווארשע

DRUK. SKORA i MYLNER WARSZAWA NOWOLIPKI 6.

# הקדמה.

ביי די שפּיצען פון דער ציוויליזאַציע קומען זיך צונויף און פעראייניגען זיך האַרמאָניש די פערשידענע צווייגען פון דעם גרויסען בוים, וואָס הייסט: מענשהייט. בילדונג איז דער בעסטער אַפּאָסטאָל פון אַלגעמיינער ברידערשאַפט. די בילדונג פערגלעט די אינערליכע און אויסערליכע רייבונגען; זי ערלויבט די געבוירענע אייגענשאַפטען פון די פערשידענע פעלקער צו ענטוויקלען זיך איינע נעבען די אַנדערע אין געגענזייטיגער אַכטונג; זי רייניגט זאָגאַר אָב דאָס ווילד־פלייש, וואָס ווערט מיט דער צייט אָנגעוואַקסען אויף די רעליגיעזע אמונות און פיהרט זיי צו צו זייער איינפאַכסטען אויסדרוק, אַזוי אַז זיי זאָלען קאָנען זיך בעגעגענען אָהן פעראַכטונג און שאָדען.

אַנדערש קומט־פאָר אין די טיפעניש פון פאָלק, און די אונטערשטע שיכטען, איבער וועלכע עס שיינט נישט די זון פון וויסען. דאָרט זענען די מענשען נאָך היינט אַזעלכע, ווי זיי זענען געווען מיט הונדערטער יאָהרען צוריק. די צייט, וועלכע גראָבט־אויס קברים פאַר זייערע עלטערן, האָט אָבער צוזאַמען מיט זיי נישט בעגראָבען די פאָרמען און אינהאַלט, וואָס לעבען נאָך אַלץ און רופען־אַרויס צווישען דער געזעלשאַפט אונפערשטענדליכע אַנאַכראָניזמען (אָבגעלעבטע אַלטע פאָרמען). דאָרט עקזיסטירען נאָך אָבגעזונדערטקייטען, וואָס מיט זייערע שאַרפע שפּיצען שטויסען זיי אָב פון זיך אַלץ, וואָס איז נישט, ווי זיי; דאָרט איז פערשפּרייט פיזישע און מאָראַלישע נויט, וואָס איז

פאַר די, וועלכע געפינען זיך אויבען, אין דער הויך, גאַרניט בעקאַנט. דאָרט זאַמלען זיך צונויף פינסטערע פערזענליכקייטען, די רעשטלעך פון דער געזעלשאַפט, וועלכע אַנטלויפען פון דער ליכטיגער שיין, אין די טונקעלע שטריכען פון די ספינקסען, וואָס היטען די קברים, און עס פערשפרייטען זיך די פערגליווערטע פאָרמען פון די אמונות, געפיהלען און מנהגים, וואָס זענען ווי אַנ׳עדות, אַז איבער דער וועלט קאָנען גלייכצייטיג הערשען די גייסטער פון פיל יאָהרהונדערטען.

דער פאַטריציאַט און פלעבס (אַריסטאָקראַטיע און פאָלק), פערלירענדיג אין פערלויף פון דער צייט זייערע אייגענשאַפטען און רעזאָן פון זייער עקזיסטענץ, האָבען איצט זיך געטוישט מיט זייערע אַמאָליגע ראָלען. די העכערע געזעלשאַפט איז געוואָרען די פערטיליגערין פון גלייכהייט, דער המון ווידער האַלט זיך עקשנות׳דיג ביי די אָבגעזונדערטהייטען און אייגענאַרט. און אויב אַמאָל האָבען די, וואָס זענען געשטאַנען אויבען, אונטערדריקט און פערפאָלגט די, וועלכע האָבען אין הכנעה און שפלות געלעבט אונטען, אין דער-נידער, הויבען זיך איצט אויף פון דער-נידער דידאָזיגע נישט-געזונדע אינסטינקטען און די שווערע שטיינער פון בעליידיגונג, וועלכע פערפעסטען דאָס לעבען און מאַכען שווער דעם וועג פאַר די אויסדערוועהלטע פון דער ציוויליזאַציע.

דידאָזיגע אומגליקליכע און אומגליק-פערשפרייטענדיגע נידעריגע טיילען, וואָס זענען אָבגעזונדערט פון דער אַרומיגער וועלט דורך אַ דיקער קייט פון בערג פון פינסטערניש, עקזיסטירען ביי יודען, ווי ביי אַנדערע און זאָגאַר פיל מעהר, ווי ביי אַנדערע. זייער צו-לאַנגע עקזיסטענץ דערקלערט זיך דורך פיל היסטאָרישע סבות און נאַציאָנאַלע אייגענשאַפטען. היינט זענען זיי אַנ׳ערשיינונג, וואָס וואָלט געדאַרפט זעהן אויף זיך דאָס אויג פון אַ דענקער און קינסטלער מיט זייער איינפלוס, וואָס זיי פערשפרייטען אַרום און מיט דער אייגענאַרטיגקייט זייערער, אויף וועלכע עס רוהען געהיימניספולע שאָטענס און עס בלישטשען אויך ליכטיגע פייערלעך. און דאָך—ווער אינטערעסירט זיך מיט זיי און קאָן זיי? אַפילו די, וועלכע זענען פעראייניגט מיט זיי דורך

איין בלוט און טראַדיציע און וועלכע עס וואָלט געדאַרפט ציהען צו דידאָזיגע ערטער, וואָס זענען פערזונקען אין פינסטערניש, שיקען אַהין נישט קיין קינסטלער און אַפּאָסטאָלען און וויסען אַפילו נישט שטענדיג וועגען זייער עקזיסטענץ.

ווי ערשטוינט, צום ביישפּיל, וואָלט געווען די יודישע געזעלשאַפט פון איינער פון די גרעסטע פוילישע שטעדט, וואָס בעשטעהט פון געבילדעטע געלערנטע מענער, פּאַכלייט, אָנפיהרער פון גייסטיגען מענשליכען לעבען, און פון פרויען, וועלכע אונטערשיידען זיך נישט לויט זייער עליגאַנץ און בענעהמונג פון די בעסטע פרויען פון אַנדערע געזעלשאַפטען,—ווי ערשטוינט וואָלט דידאָזיגע געזעלשאַפט פון שוואַרצע רעק און זיידענע קליידער געווען, ווען עמיצער זאָל זיי פּלוצלונג אָנהויבען דערצעהלען וועגען דעם, וואָס איז אַזוינס שיבאָוו און וואָס דאָרט קומט-פאָר! שיבאָוו? אויף וועלכען פּלאַנעט געפינט זיך די שטאָדט? און אויב אויף אונזער פּלאַנעט, וועלכע מענשען וואוינען דאָרט? ווייסע, שוואַרצע אָדער געלע?

איך, לעזער, וויל אייך דאָ בעקאָנען מיט יענעם טיפען, זעהר טיפען געזעלשאַפטליכען טאָל, וואָס טראָגט דעם אויבערדערמאָהנטען נאָמען. נישט לאַנג האָט דאָרט זיך אָבגעשפּילט אַן׳אינטערעסאַנטע טראַגעדיע, וועלכע פערדינט אייער פריינדליכען בליק, שטאַרקע האַרץ־קלאַפּעניש און לאַנגע אומעטיגע מחשבות. אַזוי ווי אָבער, כדי בולט׳ער מאַכען די פאַקטען און פערזאָנען, דאַרף מען זיי ווייזען אויף דעם פאָן, אויף וועלכען זיי זענען אויפגעקומען און זיך ענטוויקעלט, ווי אויך יענע טיפע פערספּעקטיווען, וואו עס געפינען זיך די עלעמענטען, וואָס זענען די סבה פון זייער עקזיסטענץ,—דעריבער דערלויבט מיר, איידער איך וועל אויפדעקען דעם פאָרהאַנג פון דער ערשטער סצענע פון דער טראַגעדיע, זאָל איך אייך דערצעהלען, אין קורצע שטריכען, די געשיכטע פון אַ קליין שטעדטעל.

ווייס, ווייט פון אייזענבאַהנען-נעץ, וואָס שניידט-דורך די ביאַלאָרוסישע געגענדען, ווייט אַפילו פון פליסיגען טייך דווינאַ, וואָס לויפט-פאַרביי דער געגענד, אין איינעם פון די פערוואָרפענסטע ווינקעלעך, וואָס קאָנען נאָך היינט עקזיסטירען אין אייראָפּאַ, צווישען גלאַטע, שטילע און ברייטע טאָלען, דאָרט, וואו עס געהען זיך צונויף צוויי ברייטע זאַמדיגע וועגען, וועלכע, פערשפרייטענדיג זיך אונטער דעם האָריזאָנט פון ווייסען הימעל, פערשווינדען ווייטער אין דער טיפעניש פון שוואַרצען וואַלד, זעהט זיך אַ הייפעל פון עטליכע הונדערט קלענערע און גרעסערע הייזלעך, וואָס שטעהען אַזוי נאָהנט צוגעדריקט איינס צום צווייטען, אַז קוקענדיג אויף זיי, קאָן מען זאָגען, אַז זיי האָבען אַמאָל איבערגעלעבט עפּעס אַן׳אומגליק, און האָבען זיך צוגעטוליעט איינס צום צווייטען, כדי צוזאַמען לייכטער זיך טיילען מיט אַ וואָרט און מיט טרעהרען.

דאָס איז שיבאָוו, אַ שטעדטעל מיט אַ יודישער בעפעלקערונג. אַ שטעדטעל, וואָס איז נאָך מעהר אָבגעשלאָסען פון אַנדערע אַזעלכע שטעדטלעך, כמעט אינגאַנצען אָבגעשלאָסען, ווייל נאָר אויף איין געסעל, וואָס געפינט זיך אויפ׳ן סאַמע עק פון שטעדטעל, וואוינען אין עטליכע כאַטעס און הויפלעך אַ פיר צעהנדליג זעהר אָרימע מיעשטשאַנעס און זעהר שטילע, אַלטע עמעריטען.

דאָס איז דאָס איינציגע געסעל, וואו עס הערשט אַ שטיל-

קייט און זומער בליהען דאָרט בעשיידענע בלומען. אויף די איבעריגע געסלעך זענען קיין בלומען נישטאָ, נאָר עס הערשט אַ גרויסער און אונאויפהערליכער הו־האַ. דאָרט טומלען זיך מענשען און לויפען אַהן אויפהער אַרום אַהין און אַהער פּעשמייעטע און צוטומעלטע, אינעווייניג אין די הייזער און איבער די איינגע, בלאָטיגע דורכגאַנגען, וואָס טראָגען דעם נאָמען גאַסען, און אויף דעם קיילעכיגען, גאַנץ ברייטען מאַרק, וואָס שטעהט אין מיטען שטעדטעל, און אַרום וועלכען עס שטעהען אָפּען נידעריגע קרעמלעך, אויף וועלכע עס בלייבט נאָך דעם האַנדעל פון אַ גאַנצע וואָך אַ גרויסע בלאָטע און שמוץ, און איבער וועלכע עס דערהויבט זיך, ענדליך, די הויכע, דונקעלע וואונדערבאַרע געשטאַלט פון דער שוהל.

דידאָזיגע געביידע איז איינע פון די איצטיגע שוין זעלטענע רעשטלעך פון דער אַלטער יודישער אַרכיטעקטור. דאָ קאָנען געפינען פאַר זיך אַ אינטערעס סיי דער מאַלער אין סיי דער אַרכעאָלאָג. שוין פון ערשטען אויגענבליק קאָן מען דערקאָנען, אַז דאָס איז אַ טעמפּעל, כאָטש לויט איהר אויסזעהן איז די שוהל נישט עהנליך צו אַנדערע טעמפּלען. איהרע פיר דיקע, הויכע, שוואַרצע וועגד שאַפען אַ מאָנאָטאָנע ליניע פון אַ גרויסען פירעק און האָבען אַ טונקעל-ברוינעם קאָליר, וועלכער גיט איהר צו אַ כאַראַקטער פון ערנסטקייט, אַלטקייט און אומעט. זיי זענען שוין גענוג אַלט, אָט דידאָזיגע הויכע וועגד, ווייל אויף זיי וואַקסען דאָ און דאָרט לאַנגען פּאַסען פון גרינעם מאָך. אויבען, הויך געהען אַ רייהע לאַנגע, שמאָלע, טיף-אַריינגעזעצטע פענסטערלעך, וואָס דערמאָהנען מיט זייער פאָרם די האַרמאַטען פון געמויעטע פעסטונגען; נאָך העכער בעדעקט די גאַנצע געביידע אַ דאַך, וואָס זיינע דריי שווערע שטאָקען, וואָס פאַלען איינער אויפ׳ן אַנדערן, זעהען אויס עהנליך צו דריי ברוינע, ריזיגע שוואָמען.

אַלץ, וואָס האָט נאָר עפּיס אַ גרעסערן ווערט פאַר׳ן כלל, איז דאָ צונויפגעזאַמעלט און בעהאַלטען אונטער דער שוץ פון די ברוינע וועגד פון דער שוהל און איהר אַלטען דאַך. דאָ, נעבען די ברייטע הויפען, שטעהען די שולען, חדרים און די אינסטי-

טוציע פון קהל; דאָ שטעהט דאָס נידעריגע, שוואַרצע הייזעל מיט צוויי פענסטערלעך, וואו עס וואוינען שוין פון דורות לאַנג די רבנים, וועלכע שטאַמען פון דער פאַמיליע טאָדראָסעס, וואָס איז בעריהמט אין שיבאָוו און אויך ווייטער אויסער דעם שטעד-טעל; דאָ הערשט אויך שטענדיג אַ מוסטערהאַפטע ריינקייט, און כאָטש ערגעץ אַנדערש, איבערהויפט צו הערבסט און פריהלינג, באָדען זיך מענשען כמעט אין בלאָטע און שמוץ, איז דער שוהל-הויף שטענדיג געשיצט דורך די טרוקענע און ווייסע שטיינער. אַפילו אַ שטרויעלע איז שווער צו זעהן אויף זיי, ווייל אויב עס געפינט זיך יאָ אַזוינס, ווערט עס באַלד אַראָפּגענומען דורך דער האַנד פון די דורכגעהער, וואָס זאָרגען זיך וועגען דער שיינ-קייט פון די ערטער, וואָס געפינען זיך ביים מקום קדוש.

וואָס פאַר אַ בעדייטונג שיבאָוו האָט פאַר דער יודישער בעפעלקערונג פון ביאַלאָרוס און זאָגאַר ווייטער, אויף די בריי-טע וועגען פון ליטא, דאָס קאָן מען אַרויסזעהען פון אַ קליינעם עפּיזאָד, וואָס איז געשעהן מיט אַ געוויסען מעהר פרעהליכען, איידער קלוגען שליאַכטשיץ אין אַ געשפּרעך מיט אַ געוויסען יו-דישען מעקלער, נישט אַזאַ דערשלאָגענער, ווי אַ היציגער.

דער יוד, דער מעקלער איז געשטאַנען ביי דער טיר פון פּריצ׳ס קאַבינעט, אַ ביסעל איינגעבויגען צום פּריץ, מיט אַ שמיי-כעל, שטענדיג גרייט צו אַ שנעלען שפּרונג, אום צו דינען דעם פּריץ, און צו אַ גלייך ווערטעל, איהם צו וועקען זיין גוטען הו-מאָר.

דער פּריץ איז געווען אין אַ גוטען הומאָר און געמאַכט חוזק פון יודעל.

—חיים׳עק—האָט ער געזאָגט—ביזט געווען אין קראָקוי?

—איך בין נישט געווען, יאַסניע פּאַניע!

—ביזט דו, חיים׳עק, נישט קיין חכם!

חיים׳עק האָט זיך פערנויגט.

—חיים׳עק, ביזט געווען אין רוים?

—איך בין נישט געווען, יאַסניע פּאַניע!

—ביזט דו, חיים׳עק, נישט קיין גרויסער חכם

חיימ׳עק האָט ווידער זיך פערנויגט, נאָר גלייך אויף דערנעהנטערט זיך אויף צוויי טריט נעהנטער צום פריץ. אויף זיינע ליפען האָט אָנגעהויבען שפּילען איינער פון יענע שמייכלען, וואָס יענען די אייגענשאַפט פון די מענשען פון זיין שטאַם, ספּריטנע, ייהרעוודיגע יודען, וועלכע מען קאָן נישט זאָגען אויף זיכער: צי עס שטעקט אין זיי הכנעה, אָדער אָבהאַלטענער נצחון,—חניפה, אָדער חוזק!

—ענטשולדיגט מיר, יאַסניע פּאַניע,—האָט ער שטיל געזאָגט—צי איז דער פריץ געוועזן אין שיבאָוו?

שיבאָוו איז געווען ווייט פון דעם אָרט, וואו עס איז פּאָרגעקומען דער שמועס, אַ מייל 20. דער שליאַכטשיץ האָט געענטפערט:

—איך בין נישט געוועזן.

—וואָס-זשע וועט איהר איצט זאָגען?—האָט נאָך שטילער געמורמעלט חיימ׳עק.

די לעגענדע שווייגט וועגען דעם, וואָס האָט אויף דעראָויגער האַרבער פראַגע געענטפערט דער פרעהליכער שליאַכטשיץ, אָבער פון דעם בענוצען זיך מיט שיבאָוו אַלס אַ בעווייז, וואָס איז אַ געהעריגער ענטפער אויף דער בעליידיגונג, קאָן מען אַרויסזעהן, אַז פאַר חיימ׳קען איז שיבאָוו געווען דאָס, וואָס פאַר דעם פריץ קראָקוי און רוים, ד. ה. אַ צענטר פון ציווילע און רעליגעזע מאַכט.

ווען עמיצער זאָל דאַן געווען פרעגען דעם יודעל, דעם מעקלער: פאַרוואָס שטעלט ער אזוי הויך אַ קליין שטעדטעל, וואָס ליגט פערוואָרפען צווישען וויסטע וועגען, וואָלט ער, וואַהרשיינליך, אָנגערופען נאָך צוויי נעמען פון צוויי משפחות, וואָס וואוינען אין שיבאָוו שוין דורות-לאַנג: די יעזעפאָוויטשעס און טאָדראָסעס. צווישען דיביידע משפחות איז געווען אַזאַ אונטערשייד און זיי האָבען זיך אַזוי איינגעטיילט, אַז די יעזעפאָוויטשעס האָבען מיט זיך פאָרגעשטעלט אין אַ הויכען גראַד אַ עלעמענט פון וועלטליכע, גרויסע מעלות, ווי יחוס און גרויסע בעציהונגען, עשירות און פעהיגקייט אין מאַכען געשעפטען און פערגרעסערן דעם

מאַיאָנטעק, וועהרענד די טאָדראָסעס זענען געווען פאָרשטעהער פון גייסט, ווי תּורה, פרומקייט און אַ שטרענג רעליגיעז לעבען, ביז אַסקעטיזם...

עס קאָן זאָגאַר זיין, אַז חיים׳עק וואָלט אויף דער פראַגע, פאַרוואָס ער שטעלט אַזוי הויך דאָס שטעדטעל שיבאָוו, פערגע-סען אָנצורופען די יעזעפאָוויטשעס, ווייל חאָטש אַלע יודען אויף פיל צעהנדליג מייל אַרום האָבען שטאָלצירט מיט דער עשירות און מאַכט פון דערדאָזיגער פאַמיליע, ווי מיט איינס פון זייערע נאַציאָנאַלע פערמעגענס, האָט דערדאָזיגער ריין-וועלטליכער גלאַנץ דאָך אויסגעזעהן בלאָס ביי דער שיין פון דער גייסטיגער היי-ליגקייט, מיט וועלכער עס איז געווען אַרומגערינגעלט פון זעהר לאַנג דער נאָמען פון די טאָדראָסעס.

פון לאַנגע, לאַנגע יאָהרען האָט די גאַנצע יודישע בעפעל-קערונג פון ביאַלאָרוסיע און ליטא געהאַלטען די טאָדראָסעס פאַר אַ פערפאָלקאָמטען מוסטער פון פרומקייט און עהרליכקייט. צי איז ווירקליך אַזוי געווען? דאָ און דאָרט האָבען זיך געפונען למדנים, וואָס ווען מען פלעגט ריידען וועגען דער לומדות און פרומקייט פון די טאָדראָסעס, פלעגען זיי עפּיס וואונדערליך שמייכלען און צווישען זיך שושקען וועגען דעם. די בעריהמטע פרומקייט פון די טאָדראָסעס האָט די געלעהרנטע תּלמוד׳יסטען נישט גע-קאָנט אַזוי צופרידענשטעלען. זיי זענען אָבער געווען די גרעסטע מינדערהייט; נאָר געצעהלטע עטליכע צעהנדליג מענשען זענען געווען, וואָס האָבען געצווייפעלט אין דער פרומקייט פון די טאָ-דראָסעס. דער עולם אָבער האָט געגלויבט און פלעגט פאָהרען קיין שיבאָוו, ווי אין אַ געבענשט אָרט, נאָך תּורה, נאָך אַן עצה, אַ טרייסט און אַ גוט וואָרט.

אָבער נישט פון אייביג איז שיבאָוו געווען דאָס אָרט פון תּורה און פרומקייט. די ערשטע גרינדער פון דער שטאָדט זע-נען געווען קאַראַאימער, די פאָרשטעהער פון אָפּאָזיציאָנעלען גייסט, וואָס האָבען זיך אָבגעטיילט פון יודענטום. אַמאָל, שוין זעהר לאַנג, האָבען זיי אַריבערגעצויגען אויף זייער אמונה די רייכע בעפעלקערונג פון דער כערסאָנער גובערניע, אַ געגענד פון גאָלד

און ווייך, און זענען געוואָרען די הערשער פון דער געגענד. דער-נאָך האָבען זיי, מיט די ערינערונגען פון זייער אַמאָליגער הער-שאַפט, מיט זייער איינציגען רעליגעזיען בוך, די ביבעל, אויס-געוואַנדערט אין דער וועלט, און אַ קליין הייפעל זייערס, וואָס איז אַריינגעבראַכט געוואָרען קיין ליטא דורך דעם ליטווישען גרויספירשט וויטאָלד, איז אַוועק קיין ביאַלאָרוס און דאָרט זיך בעזעצט אין די הייזלעך און שטיבלעך, וועלכע מען האָט אַ נאָ-מען געגעבען שיבאָוו.

אין יענע צייטען פלעגט אין די אָוועגדען פון פרייטאָג און שבת הערשען אין שיבאָוו אַ טויטע שטילקייט און פינסטערניש, ווייל די קאַראַאימער בעגעגנען נישט דעם הייליגען טאָג פון שבת מיט אַ רוישיגער שמחה און ברייטע סעודות, נאָר מיט פינסטער-ניש, שטילשווייגען, טרויער און מחשבות וועגען זייער אַמאָליגער קראַפט און הערשאַפט. אין יענע אָוועגדען פלעגען פון די שוואַר-צע הייזלעך, דורך די קליינע פינסטערע פענסטערלעך זיך הע-רען דרויסען אויסגעצויגענע, אומעטיגע קלאַנגען. דאָס האָבען די פאָטערס דערצעהלט זייערע קינדער: וועגען די נביאים, וועלכע האָבען אויף די טייכען פון בבל אַוועקגעוואָרפען זייערע האַרפען און זיך אָבגעשניטען די פינגער פון די הענד, כדי מען זאָל זיי נישט קאָנען צווינגען צו זינגען אין קנעכטשאַפט, וועגען דער גע-בענשטער געגענד, וואו עס האָבען אַמאָל יודען געלעבט אין פריי-הייט, גליק און רוה, נישט-וויסענדיג פון קריג און שווערד; וועגען הייליגען טייך סמבטיון, וועלכער שיצט די יודישע פער-וואָגעלטע פון די שונאים זייערע.

עס איז אָבער אָנגעקומען די וואַנדער-צייט, ווען דאָ און דאָרט האָט מען פרייטאָג-צו-נאַכטס שוין געזעהן אין די הייזער בלי-שטשענדע פייערלעך און עס האָבען זיך געהערט רוישענדע תפלות און געזאַנגען. דאָס זענען געווען אָנגעקומענע יודען. זיי, וואָס האַלטען זיך אין דער תורה שבעל פה, האָבען אַרויסגע-שטופט דאָס הייפעלע קאַראַאימער און די קאַראַאימישע געמיינדע איז ביסלעכווייז געוואָרען אַלץ קלענער; דעם לעצטען קלאַפ האָט זיי געגעבען אַ מענש, וואָס איז בעקאַנט אין דער יודישער גע-

שיכטע פון פוילען, מיכל יעזעפאָוויטש „סעניאָר".

דאָס איז געוועזן דער ערשטער יעזעפאָוויטש, וועמענס נאָמען שטאַמט פון דער ווייטער פערגאַנגענהייט. זיין פאַמיליע, וועלכע האָט זיך בעזעצט אין פוילען שוין גאַנץ לאַנג, איז געווען איינע פון די, וועלכע האָט פאַר די צייטען פון די יאַגעלאָנען, אונטער'ן איינפלוס פון די רעכטען און פרינציפען, וואָס זענען געשאַפען געוואָרען אַ דאַנק דעם אונגעוועהנליך-הויכען צושטאַנד פון בילדונג אין פוילען, זיך אַסימילירט מיט דער איבעריגער בעפעלקערונג. אַלס „סעניאָר" אָדער „עלטסטען" איבער אַלע יודען, וואָס האָבען געוואוינט אין ליטא און אין ביאַלאָרוס, האָט איהם בעשטימט דער קעניג זיגמונד דער ערשטער, דורך אַ דיפּלאָם, וואָס לויטעט אַזוי:

„מיר זיגמונד, מיט גאָטס גנאָד א. אַז. וו... זענען מודיע אַלע יודען, וואָס וואוינען אין דער מלוכה פון אונזער פאָטערלאַנד... אָנערקענענדיג די פערדינסטען פון אונזער טרייען יודען מיכל יעזעפאָוויטש, און שטרעבענדיג, אַז אין אייערע אַנגעלעגענהייטען מיט אונז זאָלט איהר אין קיין זאַך נישט האָבען קיין שטערונג, האָבען מיר, לויט דער גערעכטיגקייט, בעשטימט: אַז מיכל יעזעפאָוויטש זאָל איינאָרדנען אַלע אייערע אַנגעלעגענהייטען ביי אונז און זאָל זיין דער עלטסטער איבער אייך אַלע, און איהר דאַרפט דורך זיין פערמיטלונג זיך ווענדען צו אונז און אין אַלץ איהם פאָלגען. ער וועט זיין אייער שופט און הערשער, לויט אונזערע געזעצען און די שולדיגע וועט ער בעשטראָפען מיט אונזער ערלויבניש, יעדען לויט זיינע פערדינסטען"...

פון די עטליכע נאָטיצען, וועלכע די געשיכטע האָט וועגען איהם געגעבען, איז לייכט צו דערקענען, אַז ער איז געווען אַ מענש פון אַ שטאַרקען און פעסטען ווילען. מיט אַ פעסטער האַנד האָט ער רעגירט מיט זיינע גלויבענס-גענאָסען און די, וועלכע האָבען איהם נישט געוואָלט פאָלגען, צום ביישפיל, די קאַראַאימער, האָט ער אַריינגעוואָרפען אין חרם, אויסשליסענדיג זיי פון דער יודישער געזעלשאַפט און צונעהמענדיג ביי זיי דאָס רעכט פון הילף און פריינדשאַפט מיט יודען. אַ

דאַנק דעם איז די עקזיסטענץ פון די אַמאָליגע איינוואוינער פון שיבאָוו, וואָס איז פריהער געווען אַ גאַנץ טרויעריגע, אָרימע און הילפלאָזע, ענדליך געבראַכט געוואָרען אין אָרדנונג. די אייניקלעך פון די כאַזאַרישע הערשער, די סעקטאַנטען, וועלכע זענען, ווי גע־וועהנליך, געווען די גרויסע מינדערהייט צווישען דער געזעלשאַפט און וועלכע זענען געווען ביי די איבעריגע פעראַכטעט און פער׳־מיאוס׳ט, אָרימע און גע׳רודפ׳טע, מיט זייער עקשנות׳דיגער צוגע־בונדענקייט צו דער ביבעל, מיט זייערע פאָעטישע לעגענדען, האָ־בען פערלאָזט דאָס אָרט, וואו זיי האָבען אַ געוויסע צייט געהאַט מנוחה. זיי זענען אַוועק אין דער ברייטער וועלט, איבערלאָזענ־דיג די צייכענס פון זייער 200-יעהריגען לעבען אין די גרויע הייזלעך, וואָס זענען צעוואָרפען איבער ביאַלאָרוס, איבערלאָזענ־דיג נאָר עטליכע פאַמיליעס, וואָס זענען געווען שטאַרק צוגעבונ־דען צו די אַלטע קברים, צו די ביינער פון זייערע עלטערן און צו זייערע חרוב׳ע הייליגטימער.

די יודען זענען געוואָרען די פאָלקאָמע הערשער איבער שיבאָוו. און, וואָס אמת איז, אַ דאַנק זייער טעטיגקייט, מוט און גוטע צוזאַמענאַרבייט, מיט׳ן כח פון אונגעוועהנליכער געגענזייטי־גער הילף, האָבען זיי דאָס שטעדטעל איבערגעמאַכט פון אַן אָרט פון שטילקייט, טרויער און אָרימקייט אין אַן אָרט פון בעווע־גונג, אויפלעבונג און ריינקייט.

אין אַלגעמיין איז גוט געגאַנגען אין יענע צייטען די יו־דען, וואָס זענען געווען אונטערגעוואָרפען דער הערשאַפט פון סעניאָר. אויסער די מאַטעריעלע ערפאָלגען האָט פאַר זיי אויך אָנגעהויבען שיינען די האָפנונג צו בעפרייען זיך פון דער גייסטי־גער פינסטערניש און געזעלשאַפטליכער ערנידערונג. דער סעניאָר איז, וואַהרשיינליך, געווען אַ מענש פון אַ שנעלען און קלאָרען בליק און ביי די פון דורות-לאַנג עקזיסטירענדע פאָראורטיילען האָט ער דאָך פערשטאַנען דעם גייסט פון דער צייט און די בעדערפני־שען פון זיין פאָלק. נישט אויס רעליגעזען פאַנאַטיזם, נאָר צו־ליב ריין-אַדמיניסטראַטיווע און געזעלשאַפטליכע צוועקען האָט ער אָבגעשטויסען די קאַראַאימער פון יודענטום; ווייל כאָטש ער איז

געווען פרום און שטרענג זיך געמוזט האַלטען אין דער רעליגיע, איז ער אָבער אויך געווען אַ מענש פון סקעפּטיציזם. אין איינער פון זיינע ביטעס צום קעניג האָט ער, פערענטפערענדיג זיך אויף די פאָרוואורפען, וואָס מען האָט איהם געמאַכט וועגען איינינע נישט-גערעכטיגע געריכטס-אורטיילען, איראָניש געשריבען:

„אונזערע ספרים לערנען פערשידען און מיר ווייסען נישט, ווי אַזוי זיך צופיהרען, ווייל גמליאל הייסט אַזוי און אליעזר הייסט אַנדערש. אין תלמוד בבלי שטעהט אַזוי, און אין תלמוד ירושלמי אַנדערש. מיר האַלטען זיך אין רמב"ם און די היינטיגע רופען איהם „אַפּיקורס". איך ראַט שטענדיג די געלערנטע, זיי זאָלען אָנשרייבען אַזעלכע קלוגע ספרים, אַז סיי נאַראָנים, סיי קלוגע זאָלען זיי קאָנען פערשטעהן".

פונקט צו יענער צייט איז אין מערב, צווישען די יודען, וואָס האָבען זיך בעזעצט אין שפּאַניען און אין פראַנקרייך, גענאַנגען אַ וכוח, צי מען דאַרף פערבאָטען פאַר יודען וועלטליכע למודים. די ספקות האָבען אָבער לאַנג נישט געדויערט, ווייל די גרעסטע מעהרהייט יודען זענען געווען דערפאַר, אַז מען זאָל אַבסאָלוט אָבטיילען דאָס יודישע פאָלק פון די גייסטיגע שטרעבונגען און אַרבייט פון דער איבעריגער מענשהייט. אין יעדער געזעלשאַפט זענען דאָ אַזעלכע מאָמענטען, ווען זי פערזינקט אין פינסטערניש. דאָס טרעפט זיך אַממעהרסטען דאַן, ווען די לאַנגע בעמיהונגען, איבערגעלעבטע ליידען און טייכען פערגאָסען בלוט שוואַכען-אָב די לעבעדיגע קראַפט און ענערגיע פון פאָלק. אָט אַזאַ מאָמענט האָבען איבערגעלעבט די מערב-יודען אין 16-טען יאָהרהונדערט נאָך לאַנגע דורות וואַנדערונגען, נאָך אַ לעבען פול שרעק, בלוט און פייער. שוין לאַנג זענען אַריבער די צייטען, ווען צווישען יודען זענען געווען בעריהמטע דאָקטוירים פון וועלטליכע וויסענשאַפט, וועלכע האָבען אַרויסגערופען צו זיך די ליבע פון פעלקער און אַכטונג פון די קיסרים. יודען זענען שוין געווען עטליכע דורות ווייט פון דעם אַלזייטיגען און ערהאַבענעם געדאַנק פון רמב"ם, וועלכער האָט, אַכטענדיג ווי געהעריג די

יודישע תורה, אויך געאַכטעט די גריכישע פילאָזאָפען. ער האָט געוואָלט בעגרינדען די לעהרע פון דער ביבעל און תלמוד אויף מאַטעמאַטישע און אַסטראָנאָמישע יסודות. ער האָט אָפען אַרויס-געוויזען אַ שטרעבונג צו מאַכען אַ קיצור פון תלמוד און אַלץ אַריינגעהמען אין איין ווערק, וואָס זאָל אָבער זיין קלאָר, ווי דער טאָג. ער האָט געהאַלטען, אַז אַפילו די רעליגיעזע טראַדיציעס קאָנען נישט בעפעסטיגען קיין פאַלשע מיינונגען, ווייל „די אויגען געפינען זיך אין פאָדערשטען טייל פון מענשענס קאָפּ און נישט הינטען, כדי ער זאָל האָבען די מעגליכקייט צו קוקען פאָראויס״. צוזאַמען מיט׳ן נביא ישעיהו האָט ער פאָראויסגעזאָגט: „אַז די גאַנצע וועלט וועט אַמאָל ווערען פול מיט וויסען, פונקט ווי דאָס וואַסער פערפילט דעם אָבגרונד פון ים״.

עס זענען אַריבער 400 יאָהר, זינט פון דער וועלט איז פערשוואונדען געוואָרען די סימפּאַטישע פיגור פון יודישען פילאָ-זאָף, וועלכער איז איבערהויפּט געווען איינער פון די טיפסטע דענקער פון מיטעל-אַלטער. אָנשטאָט דעם ריז מיט דעם אָדלער-בליק און פייערדיג האַרץ זענען געקומען קאַרליקעס מיט מידע און פערביטערטע הערצער, מיט אַ בליק, וואָס האָט געקוקט אויף דער וועלט טונקעל, בעגרענצט און פערדעכטיג.

אין דערזעלבער צייט זענען געגאַנגען אַזעלכע וכוחים אויך צווישען די יודען אין פוילען. אָבער דאָ זענען זיי נישט געווען אַזוי אויסגעמאַטערט פון די רדיפות, וועלכע זיי האָבען געליטען פיל ווינציגער, ווי זייערע ברידער אין מערב. דאָ האָבען זיי געהאַט מעהר פרייהייט און רעכט, זייער עקזיסטענץ איז געווען מעהר פערזיכערט און דעריבער האָבען זיי געהאַט ווינציגער פער-אַכטונג צו פרעמדע נעסטען.

צווישען זיי איז ענטשטאַנען אַ גאַנץ בעדייטענדע פאַרטיע, וועלכע האָט הויך געפאָדערט וועלטליכע קענטנישען און גערופען צו סאָלידאַריטעט מיט דער איבעריגער בעפעלקערונג אין איהר אַרבייט און שטרעבונגען. איינער פון די אָנפיהרער פון דער פאַר-טיע איז געווען דער ליטווישער סעניאָר יעזעפאָוויטש. לויט זיין איניציאַטיוו האָט מען צונויפגערופען דעם ועד, וועלכער האָט זיך

געווענדט צו אַלע פוילישע יודען מיט פאָלגענדען אויפרוף:
„גאָט האָט אַ סך ספירות; אָדם הראשון האָט געהאַט אַ סך קווּעלען פון שלמות; אַזוי דאַרפען אויך די יודען נישט בעגרענ-צען זיך מיט איינס (גייסטיגען וויסען). די תורה פערנעהמט דעם ערשטען פּלאַץ, אָבער דאָס הייסט נאָך נישט, אַז מיר טאָרען נישט עסען פון וויינציגער-געשמאַקע עפּעל... אין די הויפען פון די קיסרים האָבען דאָך געלעבט יודען; מרדכי איז געווען אַ צדיק, אסתר איז געווען קלוג און נחמיה איז געווען דער בעל-יועץ פון פערסישען קעניג,—און זיי האָבען געראַטעוועט דאָס פאָלק פון קנעכטשאַפט. לערנט זיך, זייט נוצליך דעם קעניג און זיינע יועצים און אייך וועט מען אַכטען. יודען אויף דער וועלט איז דאָ אַזויפיל, ווי שטערען אין הימעל, ווי זאַמד אויפ׳ן דנאָ פון ים, אָבער זיי לייכטען נישט ווי שטערען, און יעדער טרעט זיי ווי זאַמד... אָבער דער ווינד ברענגט די זאָמען פון פערשידע-נע ביימער, און קיינער פרעגט נישט, פון וואַנען איז אויסגעוואַק-סען דער שענסטער בוים, פּאַרוואָס-זשע האָט צווישען אייך נישט געקאָנט אויסוואַקסען אַ לבנון-צעדער אָנשטאָט אַ דאָרן?"
איינגיכען איז דער מענש, אונטער וועמענס איינפלוס עס איז אָנגעשריבען געוואָרען דער אויפרוף, וואָס ראָט די פויל-שע יודען אויסדרעהען דעם קאָפּ אין יענער זייט, פון וואַנען עס געהט די שיין פון דער צוקונפט, אויסגעקומען צו טרעפען זיך פנים אל פנים מיט אַ מענשען, וואָס זיין בליק איז געווען גע-ווענדעט אין דער פערגאַנגענהייט און אין דער פינסטערניש.
דאָס איז געווען נחמיה טודרוס, וואָס איז נישט לאַנג גע-ווען אָנגעקומען פון שפּאַניען און זיך בעזעצט אין שיבאָוו, אַנ׳-אייניקעל פון בעריהמטען טודרוס אַבולאַפי הלוי, וועלכער האָט אַ געוויסע צייט גע׳שמ׳ט מיט זיין לומדות און פרומקייט, נאָר דערנאָך אַריינגעפאַלען אין די פינסטערע סודות פון דער קבלה און מיט זיין השפעה מיטגעהאָלפען צו דער ענטשטעהונג פון איי-נע פון די געפעהרליכסטע וואַהנזיניגע שיטות צווישען יודען. די לעגענדע דערצעהלט, אַז דערזעלבער נחמיה טודרוס, וואָס האָט געהאַט דעם טיטעל „נשיא", האָט געבראַכט קיין פוילען דאָס בוך

זוהר, וועלכער האָט ענטהאַלטען אין זיך דעם עיקר פון דער גע-פעהרליכער קבלה-לעהרע, און אַז אין יענער צייט האָט זיך אָנ-געהויבען דאָס צונויפמישען דעם תלמוד מיט דער לעהרע פון דער קבלה, וועלכע האָט אַלץ מעהר אָנגעהויבען ווירקען אויף די מוחות און לעבען פון די פוילישע יודען און זיך אַלץ מעהר פערשפּרייט. די געשיכטע דערצעהלט אונז גאָרנישט וועגען דעם קאַמף, וואָס האָט זיך אָבגעשפּיגעלט צווישען יודען צוליב דער-דאָזיגער נייער לעהרע, נאָר די מסורה, וואָס איז פערבליבען ביי איינצעלנע פאַמיליעס, דערצעהלט אונז, אַז אין קאַמף צווישען מיכל יעזעפאָוויטש, וואָס האָט שוין פון לאַנג געוואוינט אין פוילען, און נחמיה טודרוס, וואָס איז געקומען פון שפּאַניען, איז דער ערשטער בעזיגט געוואָרען. ער האָט געליטען, זעהענדיג אַז זיין תּאָלק געהט אויף אַ פאַלשען וועג און, גע׳רודפ׳ט דורך די אינ-טריגער פון זיין פאַנאַטישען געגנער, איז ער געשטאָרבען אין די בעסטע יאָהרען. זיין נאָמען איז ביי דער פאַמיליע פון די יעזע-פאָוויטשעס אַריבער פון דור צו דור. אַלע האָבען דאָ געשטאָל-צירט מיט דער ערינערונג, כאָטש וואָס ווייטער, אַלץ ווינציגער האָט מען פערשטאַנען די אמת׳ע בעדייטונג דערפון.

פון יענער צייט הויבט זיך אָן די עפּאָכע פון טודרוסעס ווירקונג און די גייסטיגע ווירקונג פון די יעזעפאָוויטשעס ווערט ביסלעכוויז אַלץ קלענער. ווען די ספּערע פון ברייטער געזעל-שאַפטליכער טעטיגקייט איז פאַר זיי אינגאַנצען פערמאַכט געוואָ-רען, האָבען זיי אָבגעגעבען זייער גאַנצע ענערגיע אויף צו פער-גרעסערן זייערע מאַטעריעלע רייכטימער. די טייכען זענען יעדעס יאָהר געוועזן פול מיט שיפען, וואָס האָבען געהערט צו זיי און געפיהרט צו די גרויסע פּאָרטען אַ גרויסע צאָהל פון פערשידענע סחורות. זייער הויז, וואָס האָט זיך געפונען אין אַ אָרים שטאָד-טעל, איז ביסלעכוויז געוואָרען דער הויפּט-צענטר פון דער שטאָד-טישער אינדוסטריע און קרעדיט. צו זיי, ווי צו די ראָטשילדס, פלעגען זיך ווענדען די אַלע, וואָס האָבען זיך גענויטיגט אין גאָלד צוליב דער עקזיסטענץ פון זייערע אונטערנעהמונגען און צו פער-ווירקליכען זייער פּלענער.

די יעזעפּאָוויטשעס האָבען שטאָלצירט מיט זייער עשירות און איינגאַנצען אויסגעהערט זיך קימערן וועגען יענער מאַכט, וואָס בעשטעהט פון איינפלוס אויף די מוחות און שיקזאַל פון פאָלק און וועלכע עס האָט אַמאָל בענוצט זייער זיידע. דידאָזיגע מאַכט האָבען שוין, ווייזט אויס, אויף שטענדיג צוגענומען ביי זיי די טודרוסעס, דיזעלבע, וועלכע האָבען שטענדיג געלעבט אין נויט, כמעט אין אָרימקייט, אין אַ אָרים שטיבעל ביי דער שוהל, נישט געהאַלטען פון עשירות, שענקייט און זאָגאַר בעקוועמליכקייט, אָבער דערפאַר זענען זיי געווען בעריהמט אין גאַנצען לאַנד און צו זיי זענען געווען געווענדעט די פרומע קרעכצען, פייערדיגע טרוימען און בענקשאַפט פון פאָלק. נאָר איין מאָל אין פערלויף פון 200 יאָהר האָט איינער פון די יעזעפּאָוויטשעס געפּרובירט צו פערכאַפּען אין זיינע הענד די גייסטיגע השפעה,

דאָס איז געווען ענדע 16-טען יאָהרהונדערט. אין וואַרשאָ איז געזעסען דער גרויסער פּיהר-יעהריגער סיים. די קלאַנגען וועגען די דעבאַטען, וואָס זענען דאָרט פאָרגעקומען, זענען אויך דערגאַנגען ביז דעם קליינעם ווייס-רוסישען שטעדטעל. די בעפעלקערונג פון דעם שטעדטעל האָט אויפמערקזאַם זיך צוגעהערט און געוואַרט. צווישען פאָלק זענען אַרומגעגאַנגען קלאַנגען, פול האָפנונג און אונרוהיגקייט: אויך וועגען יודען רעדט מען דאָרט!

וואָס רעדט מען דאָרט וועגען אונז? וואָס שרייבט מען דאָרט? אַזוי האָבען זיך געפרעגט איינער דעם צווייטען די לאַנגבערדיגע דורכגעהער פון די שיבאָווער גאַסען, אָנגעטהאָן אין לאַנגע קאַפּאָטעס אין פוטערנע היטלען. די נייגעריגקייט איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז אַפילו דער האַנדעל און די געשפעטען האָבען זיך אַ ביסעל אָבגעשטעלט. אייניגע זענען אַוועק קיין וואַרשאָ אַליין, כדי צו זיין נאָהנטער צו דער קוועלע, פון וועלכער עס זענען געגאַנגען אַלע ידיעות. פון דאָרטען האָבען זיי געשיקט זייערע ברידער לאַנגע בריף, שמוציגע און צוקנייטשטע צייטונגען, בלעטלעך אַרויסגעריסען פון פערשידענע ביכער און בראָשורען.

פון די אַלע, וואָס זענען פערבליבען אין שטעדטעל, האָבען בעזונדערס אויפמערקזאַם און אונרוהיג זיך צוגעהערט צו די אַלע ידיעות צוויי מענשען: דער רב נחום טודרוס און הערש יעזע־פאָוויטש, אַ רייכער סוחר.

אין די בעציהונגען פון דידאָזיגע צוויי מענשען האָט זיך געשפירט אַ איינגעהאַלטענע פייעריגע שנאה. זיי האָבען איינער דעם צווייטען נישט ליב געהאַט. אויסערליך איז צווישען זיי געווען אַ פאָלקאָמער שלום, אָבער ביי יעדען גרעסערן פאַל האָט שטורמיש זיך אַרויסגעוויזען דער אַנטאָגאָניזם צווישען אייניקעל פון דעם סעניאָר מיכל, דעם אָנהענגער פון רמב״ם און דעם אייניקעל פון פאַנאַטישען קבלה־מאַן, נחמיה טודרוס.

ענדליך, איינמאָל איז פון וואַרשאָ אָנגעקומען אַ בויגען פאַפיר, וואָס איז אין ווייטען וועג צוקנייטשט און גרין געוואָרען און אין וועלכען עס איז געווען געשריבען:

„אַלע אונטערשיידען אין קליידונג, שפראַך און זיטען צווישען יודען און דער איבעריגער בעפעלקערונג דאַרפען אָבגעשאַפט ווערען. אַלץ, וואָס איז נוגע רעליגיע, פערבלייבט נישט־געריהרט. אַפילו צו די סעקטעס דאַרף מען זיך בעציהען טאָלעראַנט, אויב נאָר זיי וועלען נישט שעדליך ווירקען אויף דער זיטליכקייט. יודען, יונגער פון 20 יאָהר, טאָר מען נישט דערלאָזען שמד׳ן זיך. יודען בעקומען דאָס רעכט צו ערווערבען ערד און די, וועלכע וועלען זיך פערנעהמען מיט ערדאַרבייט, ווערען אויף 5 יאָהר בעפרייט פון צינזען און בעקומען אינוועטאַר. מענער טאָרען נישט התונה־האָבען פאַר 20 יאָהר און פרויען — פאַר 18 יאָהר״.

דאָס פאַפיר האָט מען אַרומגעטראָגען איבער די גאַסען, מאַרקען און הייזער, געלייענט עס הונדערטער מאָל, געפאָכט דערמיט אין דער לופטען, ווי מיט אַ צייכען פון טריאומף אָדער טרויער, ביז עס איז ענדליך, דורכגעהענדיג דורך טויזענדטער ציטערענדיגע הענד, נישט צוריסען געוואָרען אויף שטיקלעך, בעדעקט געוואָרען מיט גרינגליכען שטויב און פערניכטעט געוואָרען.

זאָך האָט די בעפעלקערונג פון שיבאָוו נישט מיט אַמאָל

אויסגעדריקט איהר מיינונג וועגען איבערגעלייענטען. די מינדער-הייט האָט געוואָרט אַנ׳ענטפער פון הערש׳ן, די גרעסטע מעהר-הייט האָט זיך איינגעקוקט אין געזיכט פון ר׳ נחום.

ר׳ נחום איז אַריבערגעשטיגען די שוועל פון זיין אָרים הייזעל און, אויפהויבענדיג איבער דעם גרויען קאָפּ זיינע מאָ-גערע הענד, אויסדריקענדיג דערמיט שרעק און פערצווייפלונג, האָט ער עטליכע מאָל איבער׳חזר׳ט:

—אַ גזירה! אַ צרה!

—אַ אומגליק! אַ אומגליק! וועה איז אונז!—האָט נאָך איהם איבערגע׳חזר׳ט דער המון, וואָס האָט אין דעם טאָג איבער-פילט דעם הויף פון שוהל. אָבער אין זעלבען מאָמענט האָט הערש יעזעפאָוויטש, וואָס איז געשטאַנען ביי דער טיר פון שוהל, פער-לעגט די ווייסע האַנד אויפ׳ן ברייטען גאַרטעל פון אַטלאַסענעם כאַלאַט, מיט דער צווייטער האַנד האָט ער געפיהרט איבער דער געדיכטער געלבליכער באָרד, הויך אויפהויבענדיג דעם קאָפּ, וואָס איז געווע׳ן בעדעקט מיט אַ טייער ביבער-היטעל, און אויך אַזוי הויך, ווי דער רב, נאָר מיט אַ גאַנץ אַנדערן טאָן, געזאָגט:

—אַ טרייסט! אַ ישועה!

—אַ ישועה! אַ ישועה!—האָט נישט-דרייסט און שטיל ווי-דערהאָלט די קליינע גרופּע פון זיינע פריינד, קרום קוקענדיג אויפ׳ן רב. אָבער דער אַלטער רב האָט געהאַט אַ גוטע שמיעה: ער האָט דערהערט. זיין ווייסע באָרד האָט זיך אַ שאָקעל געטהאָן און זיינע שוואַרצע אויגען האָבען געשפריצט מיט בליקען אויף הערש׳ן.

—זיי וועלען אונז הייסען גאָלען די בערד און טראָגען קורצע קליידער,—האָט ער אויסגעשריען מיט צאָרן און יאָמער.

—זיי וועלען פערלענגערן אונזער שכל און פערברייטערן אונזער האַרץ!—האָט זיך דערהערט פון דער טיר די הויכע שטימע פון הערש׳ן.

—זיי וועלען אונז איינשפּאַנען אין פלוגען און הייסען בע-אַרבייטען די ערד פון דעם גלות-לאַנד,—האָט געשריען ר׳ נחום.

—זיי וועלען עפענען פאַר אונז די אוצרות פון דער ערד

און הייסען איהר ווערען אונזער פאַטערלאַנד !—האָט געשריען הערש.

—זיי וועלען אונז פערבאָטען צו היטען כשרות !

—די פנימ׳ער פון אונזערע זיהן וועלען ווערען בעוואַק-סען מיט בערד, איידער זיי וועלען קאָנען זיך נעהמען ווייבער.

—זיי וועלען זיך נעהמען ווייבער דאַן, ווען עס וועט זיך ענטוויקלען דער שכל אין זייערע קעפּ און די קראַפט אין די הענד.

—זיי וועלען אונז הייסען וואַרעמען זיך ביי אַ פרעמדען פייער און טרינקען וויין פון אַ פרעמדען ווייגאַרטען.

—זיי וועלען אונז שנעלער ברענגען צום יובל הגדול, דעם טאָג פון דער גאולה, ווען אַ שעפּעלע וועט ליגען צוזאַמען מיט אַ טיגער.

—הערש יעזעפאָוויטש! הערש יעזעפאָוויטש! אין דיר רעדט די נשמה פון דיין זיידען, וועלכע האָט געוואָלט פערפיהרען אַלע יודען צו פרעמדע געטער.

—ר׳ נחום! ר׳ נחום! אין דיינע אויגען קוקט אַרויס די נשמה פון דיין זיידען, וועלכע האָט אַלע יודען געהאַלטען פער-זונקען אין פינסטערניש!

אַזוי האָבען זיך אויסגעשמועסט דידאָזיגע מענשען צווישען דעם שוויגענדיגען המון. די שטימע פון ר׳ נחום איז געוואָרען אַלץ דינער און שניידענדיגער, די שטימע פון ר׳ הערש האָט גע-קלונגען אַלץ שטאַרקער, אַלץ טיפער. די געלע באַקען פון אַל-טען רב זענען בעדעקט געוואָרען מיט טונקעל-רויטע פלעקען, דאָס געזיכט פון יעזעפאָוויטש איז בלאַס געוואָרען. דער רב האָט גע-טרייסעלט איבער׳ן קאָפּ מיט אויסגעטריקענטע הענד, אָבגעוואָר-פען זיין פיגור דאָ פאָראויס, דאָ הינטען און זיין זילבערנע באָרד האָט זיך צעוואָרפען איבער די אַקסלען. הערש איז גע-שטאַנען גלייך און אונבעוועגליך. אין זיינע אויגען האָט געגלאַנצט אַ צאָרנדיגע איראָניע, און די האַנד, אַריינגעשטעקט אין גאַרטעל, האָט שאַרף זיך אַרויסגעטיילט אויף׳ן שוואַרצען פאָן פון אַטלאַס. עטליכע טויזענד אויגען זענען שנעל איבערגעלאָפען פון איין פנים

צום צווייטען, עטליכע טויזענד טיפען האָבען נערוועז געציטערט, נאָר אַלץ געשוויגען.

ענדליך האָט איבער'ן הויף פון שוהל זיך דורכגעטראָגען זעהר אַ שאַרפער שניידענדער געשריי פון ר' נחום:

—אַ גזירה! אַ צרה!—האָט ער געקרעכצט, וויינענדיג און אויפהויבענדיג די הענד איבער'ן קאָפּ.

—אַ טרייסט! אַ ישועה! האָט אויפהויבענדיג די הענד, מיט אַ פרעהליכער שטימע אויסגעשריען הערש.

דער עולם האָט נאָך אַווײלע געשוויגען און געשטאַנען אונ-בעוועגליך, דערנאָך האָבען די קעפּ אָנגעהויבען זיך איינבויגען איינער צום צווייטען, ווי כוואַליעס, וואָס געהען אין פערשידענע זייטען, און ווי דער גערויש פון וואַסער האָבען אָנגעהויבען רוי-שען די ליפּען. פּלוצלונג האָבען עטליכע טויזענד הענד זיך אויפ-געהויבען אַרויף מיט אַ בעוועגונג פון טרויער און אונרוהיגקייט, און עטליכע טויזענד שטימען האָבען אויסגעשריען מיט איין גרויי-סען איינשטימיגען אויסרוף:

—אַ גזירה! אַ צרה!

ר' נחום האָט געזיגט.

הערש האָט אַ קוק געטהאָן אַרום זיך. די פריינד האָבען איהם פעסט אַרומגערינגעלט. זיי האָבען בישט נאָכגעשריען מיט'ן עולם, נאָר געשוויגען. זייערע קעפּ זענען געווען אַראָבגעלאָזען און די בליקען אַראָבגעלאָזט צו דער ערד.

איבער'ן געזיכט פון הערש איז אַריבער אַ מינע פון פער-אַכטונג. און ווען דער עולם האָט אין שטופּעניש אָנגעהויבען זיך צודריקען צו דער שוהל, ווען ר' נחום איז געלאָפען פאָראויס פאַר'ן עולם, טרייסלענדיג מיט די געלע הענד איבער דעם גרויען קאָפּ, און שוין אויף דער שוועל פון שוהל אָנגעהויבען זאָגען די תפלה, וועלכע יודען זאָגען געוועהנליך אין אַ עת צרה; ווען, ענד-ליך, די פינסטערע ווענד פון דער שוהל זענען פערפולט געוואָ-רען מיט הויכע וויינענדע געשרייען: „גאָט, ראַטעווע דיין פאָלק, ראַטעווע פון אונטערגאַנג דאָס רעשט פון פאָלק ישראל!"—איז דער יונגער סוחר לאַנג געשטאַנען אָהן בעוועגונג און טיף פער-

טראַכט געקוקט אין דער ערד, דערנאָך איז ער לאַנגזאַם דורכ-געגאַנגען דעם גרויסען מאַרק און פערשוואונדען געוואָרען אין דעם גרויסען און אויפגערוימטען הויז, וואָס איז דאָ געשטאַנען.

דאָס איז געווען דאָס גרעסטע און שענסטע הויז אין גאַנ-צען שטעדטעל. עס איז נאָך געווען אינגאַנצען ניי, ווייל הערש אַליין האָט עס אויסגעבויט, און עס האָט געגלאַנצט מיט די געל-לע ווענד און ליכטיגע פענסטער. אינווענינ, אין אַ גרויסען צימער, אויף אַ געוועהנליך בענקעל איז לאַנג געזעסען הערש מיט אַ פינסטערן בליק, אָנשפּאַרענדיג דעם קאָפּ אויף די הענד. דערנאָך האָט ער אויפגעהויבען דעם קאָפּ און גערופען:

—פריידע! פריידע!

ביי דידאָזיגע ווערטער האָט זיך געעפענט די טיר פון דערבייאיגען צימער און אין דער גאָלדענער שיין פון וואוינונג האָט זיך בעוויזען אַ יונגע שען-געוואוקסיגע פרוי. אויף איהר קאָפּ איז געווען אָנגעבונדען אַ ווייסע טוך, איהר ברוסט איז געווען בעדעקט מיט אַ ווייסען פאַרטוך, וואָס איז געווען אַראָבגעהאָנגען פון האַלז, וועלכער איז געווען בעפּוצט מיט שנירלעך פערל ביז דער ערד. פון לאַנגען, שמאָלען געזיכט האָבען איהרע גרויסע שוואַרצע אויגען געלויכטען מיט פרייד און פייער. זי האָט זיך אַוועקגעשטעלט נעבען איהר מאַן און שווייגענדיג איהם אָנגע-קוקט מיט אַ פראַגע-צייכען.

הערש האָט מיט די אויגען איהר אָנגעוויזען אויף דער באַנק, אויף וועלכע זי האָט זיך גלייך געזעצט.

—פריידע!—האָט ער אָנגעהויבען,—צי האָסטו געהערט, וואָס עס איז היינט פאָרגעקומען ביי אונז אין שטעדטעל?

—איך האָב געהערט,—האָט זי שטיל געענטפערט,—מיין ברודער יוסף איז געווען ביי מיר און האָט מיר דערצעהלט, אַז דו האָסט זיך געקריגט מיט ר׳ נחומ׳ן.

—ער וויל מיך אויפעסען, פונקט ווי זיין עלטער-זיידע האָט אויפגעגעסען מיין עלטער-זיידע׳ן.

און אין פריידעס שוואַרצע אויגען האָט אַ בליק געטהאָן אַ אונרוהיגקייט.

—הערש!—האָט זי אויסגעשריען,—קריג זיך נישט מיט איהם. ער איז אַ צדיק. נאָך איהם װעלען אַלע נאָכגעהן.

—נו!—האָט נאָך אַ קלײנער פויזע געענטפערט מיט אַ שמײכעל דער מאַן,—זאָלסט זיך נישט זאָרגען! איצט קומט שוין אַ אַנדער צײט, ער װעט מיר גאָרנישט טהאָן. און איך קאָן נישט שװײגען, װען מײן האַרץ פאָדערט פון מיר הויך, אַז איך זאָל רײדען. איך קאָן נישט צוקוקען, װי אַזוי דערדאָזיגער מענש רופט אָן גוטס שלעכטס, און װי דער נאַרישער עולם, װאָס פערשטעהט גאָרנישט, קוקט איהם אין די אויגען אַרײן און רעדט איהם נאָך. נו! װי קאָן דער עולם עפּיס פערשטעהן? האָבען דען די טודרוסעס איהם אַמאָל געלערנט אונטערשײדען פון שלעכטס ביז גוטס און פון דער פערגאַנגענהײט ביז דער צוקונפט?

נאָך אַ װײלע שװײגען האָט הערש װידער זיך אָנגערופען:

—פרײדע!

—װאָס, הערש!

—צי האָסט דו נישט פערגעסען, װאָס איך האָב דיר דערצעהלט װעגען מיכל סעניאָר?

די פרוי האָט מיט אַנ׳אויסדרוק פון ענטציקונג צונויפגעלעגט די הענד.

—פאַרװאָס זאָל איך פערגעסען? דו האָסט מיר דערצעהלט װעגען איהם שענע געשיכטען.

—דאָס איז געװען אַ גרויסער, זעהר אַ גרויסער מאַן! איהם האָבען די טודרוסעס אויפגעגעסען. װען נישט זײ, װאָלט ער פיל אויפגעטהאָן פאַר יודען. אָבער עס מאַכט נישט אויס. איך װעל איהם פרעגען, װי אַזוי ער האָט דאָס געװאָלט מאַכען, ער װעט מיך אויסלערנען און איך װעל דאָס טהאָן!

פרײדע איז בלאַס געװאָרען.

—װי אַזוי-זשע װעסט דו איהם פרעגען,—האָט זי געזאָגט בעאונרוהיגט,—װען ער איז שוין לאַנג אויף דער װעלט נישטאָ.

אַ געהײמניספולער שמײכעל איז איבערגעגאַנגען איבער די דינע ליפּען פון הערש.

—איך װײס שוין װי אַזוי. אַמאָל מאַכט גאָט אַזוי, אַז

אויך די, וואָס זענען שוין לאַנג געשטאָרבען, האָבען די מעגליכ־קייט צו ריידען און צו לערנען זייערע אייניקלעך.

—פריידע!—האָט ער אָנגעהויבען אין אַווילע אַרום,—ציי ווייסט דו, וואָס האָט געטהאָן דער סעניאָר מיכל, ווען ער האָט דערשפּירט, אַז די טודרוסעס ווילען איהם אויפעסען און אַז ער וועט שטאַרבען פריהער, איידער עס ווילען אָנקומען אַנדערע צייטען?

—נו! וואָס-זשע האָט ער געטהאָן?

—ער האָט זיך פערשלאָסען אין זיין צימער און לאַנג דאָרט געזעסען אַליין. ער האָט גאָרנישט געגעסען, נישט געטרונקען, נישט געשלאָפען, נאָר געשריבען. וואָס-זשע האָט ער אָנגעשריבען? וועגען דעם ווייס נאָך קיינער נישט, ווייל ער האָט ערגעץ ווייט בעהאַלטען זיינע כתבים. ווען ער האָט זיך דערשפּירט שלעכט, און איהם איז קלאָר געוואָרען, אַז זיינע טעג זענען געצעהלטע, האָט ער געזאָגט זיינע זיהן: „איך האָב אָנגעשריבען אַלץ, וואָס איך האָב געוואוסט אין געפיהלט און געוואָלט טהאָן, נאָר איך האָב פון אייך אויסבעהאַלטען מיינע כתבים דערפאַר, ווייל ביי דער איצטיגער לאַגע קאָן מען זיי נישט אויסנוצען. די טודרוסעס רעגירען און ווילען נאָך לאַנג רעגירען און ווילען קאָנען מאַ־כען אַזוי, אַז נישט אייערע קינדער, נישט אייערע אייניקלעך ווע־לען נישט אַ קוק טהאָן אויף מיינע כתבים, און ווען זיי זאָ־לען יאָ אַ קוק טהאָן, וואָלטען זיי עס צוריסען אויף שטיקלעך, ווייל מיכל סעניאָר איז געווען אַ סופר, און זיי וואָלטען איהם פערשאָלטען אַזוי, פונקט ווי מען האָט פערשאָלטען דעם רמב״ם. אָבער עס וועט קומען אַ צייט, ווען מיין אור-אייניקעל וועט ווע־לען האָבען מיין צוואה, אום פון איהר אַרויסנעהמען, וואָס מען דאַרף טראַכטען און טהאָן אויף צו בעפרייען די יודען פון דער טמשלה פון די טודרוסעס און ברענגען זיי צו דער זון, וואָס שיינט פאַר אַנדערע פעלקער. יענער אור-אייניקעל מיינער, וועל־כער וועט דאָס שטאַרק ווילען, וועט געפינען מיין צוואה, און איהר דאַרפט נאָר איבער׳חזר׳ן אייערע עלטערע זיהן פאַר׳ן טויט, אַז אַזאַ צוואה איז דאָ און אַז דאָרט איז אָנגעשריבען פיל שענעס.

און אזוי זאל עס געהן פון דור צו דור. אזוי בעפעהל איך אייך. געדענקט, אז איהר האט געפאלגט יענעם, וועמענס נשמה איז ווערט צו-זיין אונשטערבליך" (רמב"ם).

הערש איז אנטשוויגען געווארען. פריידע איז געזעסען אונ-בעוועגליך, איינקוקענדיג זיך נייגעריג אין געזיכט פון מאן.

—דו וועסט זוכען דידאזיגע צואה? —האט זי שטיל גע-פרעגט.

—איך וועל זוכען,—האט געזאגט דער מאן, — און וועל זי געפינען, ווייל איך בין דאס דער אור-אייניקעל, וועגען וועלכען עס האט גערעדט פאר'ן טויט מיכל סעניאר.

די פרוי האט זיך אויפגעשטעלט, שיינענדיג פון פרייד.

—וואס פאר א גוטער דו ביזט, הערש, — האט זי אויסגע-שריען—וואס דו האסט מיר, א פרויענצימער, פערטרויט אזעלכע וויכטיגע זאכען און אזעלכע גרויסע געדאנקען!

—פארוואס דען זאל איך דיר נישט פערטרויען? צי ביזט דו א שלעכטע בעל-הבית'טע אדער א שלעכטע מאמע פאר די קינ-דער? דו טוהסט אלץ גוט, פריידע, און דיין נשמה איז אזוי שען ווי דיינע אויגען.

דאס געזיכט פון דער יונגע יודישער פרוי איז בעגאסען געווארען מיט א פורפור-רויטקייט. זי האט אראבגעלאזט די אוי-גען, נאר איהרע ליפען האבען שטיל געמורמעלט ווערטער פון ליבע אדער דאנקבארקייט.

הערש האט זיך אויפגעהויבען פון ארט.

—וואו וועלען מיר זוכען די צואה? —האט ער פערטראכט געפרעגט.

—וואו? —האט די פרוי ווידערהאלט.

—פריידע! —האט ווייטער געזאגט דער מאן, —מיכל סעניאר האט נישט געקאנט בעהאלטען די צואה אין דער ערד, ווייל דארט קאלטען די ווערם אויפגעגעסען, אדער עס וואלט פון איהר שטויב געווארען. איז מעגליך, אז זי זאל זיין אין דער ערד?

—ניין, —האט געענטפערט די פרוי. —אין דער ערד איז די צואה נישטא!

—ער האָט עס אויך נישט געקאָנט בעהאַלטען אין וואַנד. ער האָט דאָך געוואוסט, אַז וואַנד ווערען גיך איינגעבראָכען און פערטווישט מיט נייע. איך אַליין האָב געשטעלט נייע וואַנד און גוט געזוכט אין די אַלטע, אָבער גאָרנישט געפונען.

—נישט געפונען,—האָט טרויעריג נאָכגעזאָגט פריידע.

—ער האָט אויך נישט געקאָנט בעהאַלטען דאָס אויפ'ן דאַך, ער האָט דאָך פערשטאַנען, אַז דער דאַך וועט אָנהויבען פוילען, ווען מען וועט איהם אַראָבנעהמען און שטעלען אַ נייעם. ווען איך בין געבוירען געוואָרען, איז אויף אונזער הויז שוין געווען, וואַהר־שיינליך, דער צעהנטער דאַך, נאָר איך רעכען, אַז די צוואה האָט נישט געקאָנט זיין אין דאַך.

—נישט מעגליך!—האָט נאָכגעזאָגט די פרוי.

—וואו־זשע דען קאָן זי זיין?

ביידע האָבען זיך פערטראַכט. פלוצלונג, נאָך אַ ווײַלע שוויי־גען, האָט די פרוי אויסגעשריען:

—הערש! איך ווייס, די צוואה געפינט זיך דאָרט!

דער מאַן האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ. די פרוי האָט אויס־געצויגען די האַנד און אָנגעוויזען אויף אַ גרויסען שאַנק, וואָס איז געשטאַנען אין ווינקעל און געווען אָנגעפילט פון אויבען ביז אַראָב מיט גרויסע ביכער און גרויע, מיט שטויב בעדעקטע בענ־דער.

—דאָרט?—האָט הערש איבערגעפרעגט מיט אַ צווייפלענדער שטימע.

—דאָרט!—האָט ענערגיש ווידערהאָלט די פרוי,—צי האָסט דו אַליין מיר נישט געזאָגט, אַז דאָס זענען די ספרים פון מיכל סעניאָר, אַז אַלע יעזעפאָוויטשעס האָבען זיי געהיט אַלס אָנדענ־קען וועגען איהם, נאָר אַז קיינער פון זיי האָט נישט געלייענט, ווייל די טודרוסעס פערבאָטען צו לייענען אַזעלכע ספרים.

הערש האָט איבערפיהרט מיט דער האַנד איבער'ן שטערן. די פרוי האָט ווידער געזאָגט:

—מיכל סעניאָר איז געווען אַ קלוגער מענש און ער האָט פאָראויסגעזעהן, וואָס שפּעטער וועט זיין. ער האָט געוואוסט, אַז

דידאָזיגע ספרים וועט קיינער נישט לייענען, נאָר יענער, וואָס וועט וועלען זיי איבערלייענען, וועט זיין יענער אור-אייניקעל, וועלכער וועט זיך דערוואַרטען ביז נייע צייטען און געפינען די צואה.

—פריידע! פריידע!—האָט אויסגעשריען הערש,—דו ביזט אַ קלוגע פרוי.

די שוואַרצע פרויען-אויגען אונטער דעם ווייסען טוך האָבען שעמעוודיג זיך אַראָבגעלאָזט.

—הערש! איך וועל געהן אַ קוק טהאָן אויף די קינדער און פערשלעפערן דעם קלייניטשקען, וואָס האָט נאָר-וואָס געוויינט. איך וועל צוטיילען די אַרבייט צווישען די דינסטען און הייסען פערלעשען די לאָמפען, דערנאָך וועל איך קומען און דיר העלפען אין דיין אַרבייט.

—קום!—האָט הערש געזאָגט, און ווען די פרוי איז אָבגעגאַנגען אין דערבייאיגען צימער, פון וועלכען עס האָט זיך געהערט דאָס פלוידערן פון די קינדער און דינערשאַפט, האָט ער איהר נאָכגעקוקט און מיט אַ האַלבער שטימע געזאָגט:

—אַ קלוגע פרוי איז טייערער פון גאָלד און ברילליאַנטען. מיט איהר קאָן דאָס האַרץ פון מאַן זיין רוהיג.

אין עטליכע מינוט אַרום איז זי צוריקגעקומען, פערמאַכט די טיר אויפ'ן שלאָס און שטיל געפרעגט דעם מאַן:

—וואו-זשע איז דער שליסעל?

הערש האָט אָבגעזוכט דעם שליסעל פון זיין עלטער-זיידענס שאַנק, און ביידע האָבען דאָ אָנגעהויבען אַראָבנעהמען פון די פאָליצעס די גרויסע ספרים. דערנאָך האָבען זיי די ספרים פונאַנדערגעלעגט אויף דער ערד, זיך אָנגעבויגען איבער זיי און לאַנגזאַם, מיט אַ אָנגעשטרענגטער אויפמערקזאַמקייט איבערגעבלעטערט איינס נאָך דעם אַנדערן די געלע בלעטער. וואָלקענס שטויב האָבען זיך אויפגעהויבען פון פאַפיר, צו וועלכען עס האָט זיך אין פערלויף פון דורות קיין האַנד נישט צוגעריהרט, דער שטויב האָט זיך געלעגט ווי אַ גרויע שיכט אויף דעם שניי-ווייסען טוך פון פריידע'ן און בעשאָטען די גאָלדפאַרביגע האָהר פון הערש'ן. נישט

קוקענדיג דערויף, האָבען זיי ווייטער געשמאַק געאַרבייט. אויף זייערע פּנים׳ער איז געווען אַזאַ אויסדרוק פון פייערליכקייט, גלייך ווי זיי וואָלטען אויפגעגראָבען דעם קבר פון עלטער-זיידען, כדי אַרויסצובעקומען פון דאָרטען די גרויסע מחשבות, וואָס זענען בעגראָבען געוואָרען צוזאַמען מיט איהם.

דער טאָג האָט שוין געהאַלטען ביים פערגעהן, און פון הערש׳ס ברוסט האָט זיך אַרויסגעריסען אַ געשריי, ענליך צו דעם געשריי, מיט וועלכען מענשען בעגעגענען גליק און נצחון; פריידע האָט גאָרנישט געזאָגט: זי האָט זיך אויפגעהויבען פון דער ערד און מיט אַ אויסדרוק פון דאַנקבאַרקייט האָט זי אויסגעצויגען איבער׳ן קאָפּ די צונויפגעפלאָכטענע הענד.

דערנאָך האָט הערש לאַנג און הייס מתפלל-געווען ביים פענסטער, פון וועלכען עס האָבען זיך געזעהן די ערשטע נאַכטשטערען. אין פערלויף פון דער גאַנצער נאַכט האָט ביי דעם פענסטער געברענט אַ פייער. ביים טיש, אָנשפּאַרענדיג דעם קאָפּ אויף די הענד, איז געזעסען הערש און זיך אַריינגעלייענט אין עפּיס געלע פּאַפּירלעך, וואָס זענען געלעגען פאַר איהם. ווען עס איז טאָג געוואָרען, ווי נאָר דער מזרח-ברעג פון הימעל האָט אָנגעהויבען בעדעקט ווערען מיט אַ ראָזען אָבשיין, איז ער אַרויסגעגאַנגען פון זיין הויז, אָנגעטהאָן אין אַ וועג-כאַלאַט און פוטערנעם היטעל, זיך אַרויפגעזעצט אויף אַ פוהר, אויסגעבעט מיט שטרוי, און אָבגעפאָהרען. אָבפאָהרענדיג, איז ער געווען אַזוי פערזונקען אין געדאַנקען, אַז ער האָט זיך אַפילו נישט געזעגענט מיט די קינדער און מיט די אייגענע, וואָס האָבען זיך צונויפגעקליבען אין הויף, און נאָר אַ שאָקעל געטהאָן מיט׳ן קאָפּ צו פריידע׳ן, וועלכע איז געשטאַנען אויפ׳ן גאַנעק אין איהר ווייסען טוך, וואָס איז איצט געווען רויט פון די שטראַהלען פון דער אויפגעהענדער זון, און מיט איהרע שוואַרצע אויגען, פול מיט טרויער און שטאָלץ צוזאַמען, האָט זי לאַנג בעגלייט דעם אָבפאָהרענדען מאַן.

וואוהין איז הערש אָבגעפאָהרען? דורך בערג, וועלדער און טייכען איז ער אָבגעפאָהרען אין אַ ווייטען קאַנט, אַהין, וואו צווישען די בלאָטעס און שוואַרצע ערד פון פינסקער געגענד האָט

געלעבט דער פערטיידיגער פון גלייכבערעכטיגונג און בילדונג פאר די פוילישע יודען, דער מיטגליד פון סיים בוטרימאָוויטש. דאָס איז געווען אַ געבוירענער שליאַכטשיץ און אין דערזעלבער צייט אַ דענקער. ער האָט געזעהן קלאָר און ווייט. פאַר איהם זענען געווען אָפען פיל היסטאָרישע רעזולטאַטען און פאַקטאָרען, וואָס זענען געווען בעהאַלטען פאַר אַנדערע מענשען.

ווען הערש איז אַריינגעקומען אין הויז פון שליאַכטשיץ און האָט זיך אָבגעשטעלט פאַר דעם ערנסטען געזיכט פון קלוגען דעפוטאַט, האָט ער זיך פערנויגט און אָנגעהויבען ריידען אַזוי:

—איך בין הערש יעזעפאָוויטש, אַ סוחר פון שיבאָוו, אַ אור-אייניקעל פון מיכל יעזעפאָוויטש, וועלכער איז געווען דער עלטסטער איבער אַלע יודען און לויט׳ן ווילען פון קעניג אַליין געטראָגען דעם טיטעל: סעניאָר. איך בין געקומען אַהער פון ווייט. נאָך וואָס בין איך אַהער געקומען צופאָהרען? כדי צוזעהן דעם גרויסען דעפוטאַט און ריידען מיט דעם גרויסען מחבר, וואָס זיינע ווערטער האָבען אַריינגעגאָסען אין מיין נשמה און מיינע אויגען אַזאַ שיין, ווי דער שיין פון דער זון. גרויס איז דער גלאַנץ פון דעם שיין. אָבער ער האָט מיך נישט בלינד געמאַכט, ווייל אַזוי ווי גראָז רינגעלט אַרום די צווייגען פון אַ מעכטיגען דעמב, אַזוי וויל איך, אַז מיין מחשבה זאָל אַרומרינגלען דיין גרויסען געדאַנק, און אַז ביידע זאָלען זיי זיך פערשפרייטען איבער די מענשען, ווי אַ רעגענבויגען, נאָך וועלכען עס וועט מעהר נישט זיין אויף דער וועלט נישט קיין פינסטערניש, נישט קיין קאַמף.

ווען אויף דידאָזיגע ווערטער האָט דער דעפוטאַט געענטפערט מיט אַ העפליכען און צושמייכלענדען טאָן, האָט הערש ווייטער געזאָגט:

—איהר, פריץ, האָט געזאָגט, אַז מען דאַרף שאַפען אייביגען שלום צווישען ביידע פעלקער, וואָס פיהרען אַ שטענדיגען קריג, לעבענדיג אין איין און דעמזעלבען לאַנד?

—יאָ, איך האָב דאָס געזאָגט!—האָט דער דעפוטאַט בעשטעטיגט.

—איהר האָט געזאָגט, פריץ, אַז אַ יוד, ווען ער וועט בע-

קומען גלײַכע רעכטען מיט די קריסטען, װעט אויפהערען זײַן שעדליך?

—איך האָב דאָס געזאָגט.

—איהר האָט געזאָגט, אַז איהר האַלט די יודען פֿאַר פּוי-לישע בירגער און אַז עס איז נויטיג, אַז זײ זאָלען שיקען זײע-רע קינדער אין די װעלטליכע שולען, אַז זײ זאָלען האָבען רעכט צו קויפֿען ערד און אַז בײ זײ זאָלען אָבגעשאַפֿט װערען פֿיל זאַכען, װאָס זענען נישט גוט און קלוג.

—איך האָב דאָס געזאָגט!—האָט דער דעפּוטאַט בעשטעטיגט.

דאַן האָט דער הויך-געװאוקסיגער פֿערנעהמער יוד מיט דעם שטאָלצען געזיכט און קלוגען בליק, שנעל זיך אײנגעבויגען און אַ קוש געטהאָן די האַנד פֿון דעפּוטאַט, נאָך אײדער יענער האָט בעװיזען צו כאַפּען זיך און נישט דערלאָזען דאָס.

—איך בין דאָ אַ פֿרעמדער,—האָט ער שטיל געזאָגט,—אַ גאַסט אין דעמדאָזיגען לאַנד, אַ יונגערער ברודער...

ער האָט זיך אויסגעגלײַכט און פֿון דער אַטלאַסענער קע-שענע אַרויסגעשלעפּט אַ פּעקעלע פּאַפּיר, װאָס איז פֿון אַלטקײט געל געװאָרען.

—אָט דאָס האָב איך איך געבראַכט,—האָט ער געזאָגט,—פֿאַר מיר איז דאָס טײערער פֿון גאָלד, פּערל און בריליאַנטען...

—װאָס-זשע איז דאָס אַזױנס?—האָט דער דעפּוטאַט גע-פֿרעגט.

הערש האָט געענטפֿערט מיט אַ פֿײערליכען טאָן:

—דאָס איז אַ צואה פֿון מײן זײדען מיכל יעזעפֿאָוױטש, דעם סעניאָר.

די גאַנצע נאַכט זענען זײ צוזאַמען געזעסען און געלײענט בײ דעם שײן פֿון װעקסענע ליכט. דערנאָך האָבען זײ אויפֿגע-הערט לײענען און אָנגעהויבען רײדען. זײ האָבען גערעדט מיט האַלבע שטימען, אָנבויגענדיג אײנער צום אַנדערן די געזיכטער, װאָס האָבען געפֿלאַמט פֿון אויפֿרעגונג. דערנאָך, װען עס איז שוין טאָג געװען, האָבען זײ גלײַכצײטיג זיך אויפֿגעהויבען און, דער-לאַנגענדיג אײנער דעם אַנדערן די הענד, האָבען זײ זיך פֿער-

איינגט אין אַ ברידערליכֿען תקיעת-כף.

ווענען וואָס האָבען זיי געלייענט אַ גאַנצע נאַכֿט ? ווענען וואָס האָבען זיי גערעדט און וואָס האָבען זיי בעשלאָסען ? וועל-כֿע געפיהלען האָבען אין זיי אַרויסגערופען בעגייסטערונג און האָפנונג און זיי געבראַכֿט צו פעראייניגען זיך דורך אַ ברידער-ליכֿען תקיעת-כף ?

ווענען דעם האָט קיינער גאָרנישט געוואוסט. דאָס אַלץ איז פערזונקען געוואָרען אין דער פינסטערער נאַכֿט פון די היסטאָ-רישע סודות, אין וועלכֿער עס זענען פערשוואונדען געוואָרען אַזוי-פיל ליכֿטיגע שטרעבונגען און געדאַנקען. זיי זענען פערשוואונ-דען געוואָרען אונטער דער ווירקונג פון נישט-גינסטיגע אומשטענ-דען. אַוועק, אָבער נישט אויף אייביג. נישט זעלטען קומט אונז אויס צו פרעגען זיך: פון וואַנען נעהמען זיך דידאָזיגע בליצען פון געדאַנקען און שטרעבונגען, ווענען וועלכֿע קיינער האָט פרי-הער גאָרנישט געוואוסט ? און מיר ווייסען גאָרנישט, אַז די קווע-לע זייערע שטאַמט פון אַזעלכֿע מאָמענטען, וועלכֿע קיין איינ-ציגער היסטאָריקער האָט נישט פערשריבען אויף די בלעטער פון דער געשיכֿטע.

אויפ'ן צווייטען טאָג איז צום שליאַכֿטשיצ'ס הויז צוגע-פאָהרען אַ פוהר, איינגעשפאַנט אין צוויי פערד. אין דער פוהר האָבען זיך אַריינגעזעצט דער בעל-הבית פון דעם הויז צוזאַמען מיט זיין יודישען גאַסט און זיי האָבען זיך אַוועקגעלאָזט אין וויי-טען וועג—אין דער רעזידענץ.

אין עטליכֿע חדשים אַרום איז הערש צוריקגעפאָהרען פ... וואַרשאָ קיין שיבאָוו. ווען ער איז צוריקגעקומען, איז ער אַנ'אויפ-געלעבטער אַרומגעגאַנגען איבער'ן שטעדטעל: גערעדט, דערצעהלט, ערקלערט, איינגע'טענה'עט און געקליבען אָנהענגער פאַר די רע-פאָרמען און ענדערונגען, וואָס האָבּ'ן געדאַרפט פאָרקומען אין לעבען פון זיין פאָלק. דערנאָך איז ער אָבגעפאָהרען, צוריקגעקו-מען און נאָכֿאַמאָל אָבגעפאָהרען... אַזוי האָט געדויערט עטליכֿע יאָהר.

פלוצלונג פון דער לעצטער רייזע איז הערש צוריקגעקומען

אַ געענדערטער, מיט אויסגעלאָשענע אויגען, און אַ שטערען בע-דעקט מיט טרויער. ער איז אַריין אין זיין הויז, שווער זיך אַראָב-געלאָזט אויפ'ן באַנק און, אָנשפּאַרענדיג דעם קאָפּ אויף די הענד, הויך אָבגעזיפצט.

פריידע איז געשטאַנען נעבען איהם אַ טרויעריגע, אַנ'אונרו-היגע, נאָר שטיל און געדולדיג געוואַרט. זי האָט נישט געוואַגט צו פרעגען און געוואַרט, אַז דער מאַן זאָל מיט אַ בליק אָדער מיט אַ וואָרט איהר געבען צו פערשטעהן, וואָס דאָ איז געשעהן. ענדליך האָט ער אויפגעהויבען די טרויעריגע און אויסגעלאָשענע אויגען און געזאָגט:

—אַלץ איז פערלאָרען!

—פאַרוואָס פערלאָרען?—האָט שטיל געפרעגט פריידע.

הערש האָט געמאַכט מיט דער האַנד אַ בעוועגונג, ווי ער זאָל וועלען אויסדריקען, אַז עס איז אונטערגאַנגען עטוואָס גרויסעס.

—ווען עס פאַלט-איין אַ הויז,—האָט ער געזאָגט,—פאַלען די בעלקעס אויף די קעפּ פון די איינוואוינער און דער שטויב פער-שיט די אויגען...

——דאָס איז אמת!——האָט פריידע בעשטעטיגט.

——איין גרויסע געביידע איז איינגעפאַלען... די בעלקעס זענען געפאַלען אויף אַלע אונזערע פלענער און אַרבייט, און דער שטויב האָט זיי פערדעקט... אויף לאַנג!

דערנאָך האָט ער זיך אויפגעהויבען, אָנגעקוקט פריידע'ן מיט אויגען פול טרעהרען און געזאָגט:

——מען דאַרף ווידער בעהאַלטען די צואה. ווייל איצט קאָן זי שוין ווידער נישט אויסגענוצט ווערען. קום, פריידע, מיר ווע-לען דאָס בעהאַלטען וואָס ווייטער, עס קאָן זיין, אונזערס אַ אור-אייניקעל וועט דאָס זוכען און געפינען...

פון יענעם טאָג אָן האָט הערש אָנגעהויבען קענטליך עלטער ווערען. זיינע אויגען זענען אויסגעלאָשען געוואָרען, די פּלייצע איינגעבויגען. ער פלעגט אָפט גאַנצע שעה'ן אָבזיצען אויפ'ן בענ-בעל, וואַקלענדיג זיך פון איין זייט אויף דער צווייטער, אויף אַ קול אָבזיפצען און שטיל איבער'חזר'נדיג: „אַ גזירה! אַ צרה! אַנ'-

אומגליק, אַנ׳אומגליק!״ אַרום דעמדאָזיגען טרויעריגען מענשען איז שטיל און בעזאָרגט אַרומגעגאַנגען אַ שלאַנקע פרוי אין אַ קאָ-לירט קלייד און ווייסען טוך. איהרע שוואַרצע אויגען האָבען אָפט זיך אָנגעפילט מיט טרעהרען און זי איז אַרומגעגאַנגען אַזוי פאַר-זיכטיג אין לייכט, אַז אַפילו די פערל, וואָס האָבען בעפוצט איהר האַלז, האָבען נישט איבערגעריסען זיין פערטראַכטקייט. צייטענ-ווייז האָט פריידע מיט פערוואונדערונג געקוקט אויף איהר מאַן. זיינע ליידען האָבען זי טרויעריג געמאַכט, אָבער זי האָט עס נישט איינגאַנצען פערשטאַנען. וואָס האָט ער זיך אַזוי גענומען צום האַרצען? זיין רייכטום איז נישט קלענער געוואָרען, די קינ-דער זענען געוואַקסען און געווען פּאָלקאָם געזונד. מיט איין וואָרט, אַלץ האָט געהאַלטען אַזוי, ווי פאַר יענער גרויסער מחלוקה מיט ר׳ נחומ׳ן, ווען זיי האָבען געפונען די אַלטע שמות! דידאָזיגע קלוגע און ליבענדע פרוי האָט נישט געקאָנט פערשטעהן, אַז דער גייסט פון איהר מאַן האָט געלעבט אין אַ ספערע פון גרוי-סע געדאַנקען און אַז ער האָט געליבט דידאָזיגע ספערע, אַז אַרויס-געטריבען פון איהר דורך נישט-גינסטיגע אומשטענדען, האָט ער נישט געקאָנט געפינען קיין טרייסט אין דעם טרויער און בענק-שאַפט נאָך דער ספערע. זי האָט דאָס נישט געקאָנט פערשטעהן, ווייל איהר גאַנצע וועלט איז געווען נאָר דאָס אייגענע הויז. זי האָט נישט געוואוסט, אַז אויף דער וועלט איז דאָ אַזאַ בענק-שאַפט און אַזאַ טרויער, וואָס נעהמען זיך נישט פון פערלירען קינדער, אַ פרוי, פערמעגען אָדער הויז, און אַז פון אַזאַ בענק-שאַפט איז דעם מענשליכען גייסט אַמשווערסטען זיך אויסקורי-רען.

אין דערזעלבער צייט האָבען אין שוואַרצען שטיבעל פון ר׳ נחומ׳ן זיך געהערט פרעהליכע אויסרופען:

—אַ גאולה! אַ גאולה!—האָט אויסגעשריען, ווענדענדיג צום עולם דער אַלטער רב, ווען ער האָט זיך דערוואוסט, אַז אַלץ איז פערלאָרען, דאָס הייסט אַז עס זענען אינגאַנצען דורכגעפאַ-לען יענע, וועלכע האָבען געוואָלט הייסען יודען, אַז זיי זאָלען ראַזירען די בערד, טראָגען קורצע מלבושים, ריידען פויליש, לער-

נען אין די אָרטיגע שולען, זיך נעהמען צו ערד-אַרבייט און נישט חתונה-האָבען צו יונג.

ר׳ טודרוס האָט זיך געפרעהט און גערופען צו פרעהען זיך די גאַנצע עדה, וועלכע האָט געגלויבט אין זיין חכמה און קדושה. זיין נצחון איז געווען גרויס, אָבער ער האָט געוואָלט נאָך מעהר. ווען איהם וואָלט זיך איינגעגעבען פערניכטען די יע-זעפאָוויטשעס, וואָלט עס געהייסען פערניכטען יענע שטרעבונג צו פראָגרעס, וועלכע קעמפט מיט דער שטרעבונג, וואָס וויל האַל-טען פערגליווערט די רעשטען פון דער פערגאַנגענהייט. ווער קאָן וויסען, וואָס עס וועט געשעהן אין דער צוקונפט ? ווער וויים, צי פון דערדאָזיגער פערשאָלטענער משפחה וועט נישט געבוירען ווערען אַ מענש, וואָס וועט האָבען גענוג קראַפט צו פערניכטען אַלץ, וואָס איז געשאַפען געוואָרען דורך דורות לאַנג ? ווען די געשעהענישען זאָלען אָננעהמען אַנ׳אַנדער גאַנג, וואָלט איצט דאָך דאָס דורכגעפיהרט הערש אַליין מיט דער הילף פון זיינע איינ-פלוסרייכע פריינד צווישען די קריסטען.

און אָט האָבען אויף הערש יעזעפאָוויטש׳ן אָנגעהויבען זיך שיטען פון אַלע זייטען בעשולדיגונגען, האַס און פערשידענע שטיקלעך, ווי אַמאָל אויף זיין זיידען מיכל. אין שוהל האָט מען איהם הויך בעשולדיגט אין דעם, אַז ער היט נישט קיין שבת, קומט אין פריינדליכע בעציהונגען מיט גוים און, זיצענדיג מיט זיי ביי איין טיש, עסט ער טריפות. מען האָט איהם אויך בעשול-דיגט, אַז אין סכסוכים מיט עמיצען וויל ער נישט געהן צו קיין רב, נאָר צו די אָרטיגע ריכטער, פאָלגט נישט די פער-אָרדנונגען פון קהל און טרעט-אַרויס געגען איהם, אַכטעט נישט די יודישע אויטאָריטעטען, ווי ער גיט נישט אָב גענוג כבוד ר׳ נחומ׳ן.

הערש האָט שטאָלץ זיך פערטיידיגט, אייניגע בעשולדיגונ-גען אָבגעוואָרפען, אין אַנדערע זיך מודה געווען, נאָר דערביי האָט ער זיך פערענטפערט מיט אַ זעלכע ראיות, וועלכע עס האָ-בען נישט געוואָלט אָנערקענען נישט דאָס פאָלק, נישט זייגע פיהרער.

לאַנג האָט זיך עס געצויגען, נאָר ענדליך אויפגעהערט. די בעשולדיגונגען זענען פערשוויגען געוואָרען, די אינטריגעס פערשוואונדען; עס איז אויך פערשוואונדען געוואָרען דער, וואָס האָט דאָס אַלץ אַרויסגערופען, ווייל גייסטיג האָט ער אַליין אויפגעהערט עקזיסטירען. הערש איז אַלט געוואָרען פאַר דער צייט; זיין נשמה איז געוואָרען פערביטערט, דער אומזיסטיגער קאַמף האָט איהם פערמאַטערט און ער האָט זיך פערשלאָסען אין די אינטערעסען פון זיין פריוואַטען לעבען, ווידער אָנגעהויבען זיך פערנעהמען מיט האַנדעל און פערשידענע געשעפטען, נאָר איצט איז שוין נישט אַלץ געגאַנגען אַזוי גלענצענד, ווי פריהער, ווייל יודען האָבען צו איהם נישט געשפירט קיין סימפאַטיע און נישט געשטיצט, ווי אַנדערע. ער האָט קיינעם נישט דערצעהלט זיינע געפיהלען און געדאַנקען, וואָס זענען די לעצטע צייט איהם געקומען אין קאָפּ אַריין, ווען קיינער האָט וועגען דעם גאָרנישט געוואוסט. נאָר פאַר'ן טויט האָט ער לאַנג גערעדט מיט פריידע'ן. זיינע קינדער זענען נאָך געווען צו־יונג, אַז ער זאָל פאַר זיי קאָנען אויסדערצעהלען זיינע פערשוואונדענע האָפנונגען, אומזיסטיגע בעמיהונגען און דערשטיקטער שמערץ. ער האָט דאָס אַלץ זיי איבערגעגעבען דורך זיין פרוי. אָבער עס איז נישט בעקאַנט, צי האָט פריידע פערשטאַנען און געדענקט די ווערטער פון פערשטאָרבענעם, צי האָט זי געוואָלט און געקאָנט דאָס איבערגעבען די אייניקלעך. יעדענפאַלס האָט זי אַליין געוואוסט דאָס אָרט, וואו עס איז געווען בעהאַלטען די צואה פון סעניאָר, וועלכע איז געווען די ירושה נישט בלויז פון דער משפחה יעזעפאָוויטש, נאָר פון אַלע יודען. אמת, וועגען דער ירושה האָט קיינער נישט געוואוסט און נישט געזאָרגט, אָבער ווער ווייס? אפשר זענען דאָרט געווען אוצרות, הונדערט מאָל טייערערע, איידער דאָס גאַנצע פערמעגען פון דער רייכער פאַמיליע?

אַלזאָ, די לעצטע שטרעבונגען און געדאַנקען פון סעניאָר זענען ווידער געשלאָפען ערגעץ אין דער שטיל, וואַרטענדיג אויף אַ דרייסטע האַנד פון וועלכען עס איז אייניקעל, וועלכע וועט, שטרעבענדיג צו וויסען, וועלען אויפוועקען זיי און אַרויסטראָגען

זיי אויף דער וועלט. אָבער אין שטעדטעל איז נאָך הערש׳ס טויט נישט געבליבען קיין איין מענש, וואָס זאָל בענקען צו ליכט, קיין איין האַרץ, וואָס זאָל קלאַפּען פאַר עפּיס אַנדערש, אַ חוץ דער אייגענער ווייב, קינדער און איבערהויפּט פערמעגען.

דאָרט האָט געהערשט אַ טומעל פון האָרעווען און שטרע־בען צו געלד, דאָרט האָט געהערשט פינסטערניש, וואָס האָט גע־שטאַמט פון מיסטישע שטרעבונגען און פחד. עס איז געווען שווער און דושנע פון דעם פוסטען קליינליכען לעבען, וואָס האָט זיך געהאַלטען פעסט ביי דער פערגאַנגענהייט.

ביי די יודען האָט די גאַנצע בעפעלקערונג פון שיבאָוו גע׳־שמ׳ט מיט איהר מאַטעריעלער און גייסטיגער מאַכט, חכמה, פרומ־קייט, כמעט הייליגקייט...

און איבער דעם אַלעמען, איבער דעם ווייטען געזעלשאַפט־ליכען לעבען, האָט געהאָנגען אַ כמאַרע פון די פינסטערסטע עלעמענטען: דאָס בוקען זיך פאַר דער טויטער בוכשטאַב פון טעקסט, וואָס האָט שוין פערלאָרען דעם זין, קאַזואיסטיק, טיפע אונוויסענהייט, פערדעכטיגעס און פיינדליכעס אויסמיידען פון אַלץ, וואָס איז געקומען פון ברייטע און ליכטיגע, אָבער „פרעמדע״ האָריזאָנטען.

# ער׳שטעס קאַפּיטעל.

דאָס איז געווען מיט דריי יאָהר צוריק. איבער די שמוציגע גאַסען פון שטעדטעל האָט זיך אויפגעהויבען אַ פייכטער נעבעל און האָט פערשטעלט דעם אויסגעשטערענטען הימעל. איבער די נידעריגע הייזלעך האָט זיך אַ דורכגעטראָגען אַ מערץ-ווינדטעלע מיט אַ ריח פון פריש-געאַקערטע פעלדער, אָבער דאָסדאָזיגע ווינדטעלע האָט נישט געקאָנט פערטרייבען די שווערע און שטיקענדיגע דאַמפען, וואָס זענען געגאַנגען פון די פענסטער און טירען.

אָבער נישט-געקוקט אויפ׳ן נעבעל און די שווערען דאַמפען, האָט דאָס גאַנצע שטעדטעלע אויסגעזעהן זעהר יום-טוב׳דיג און פרעהליך. אין די גרויע נעבעל-קנוילען האָבען העל געלויכטען טויזענדטער פענסטער און דער עולם האָט הויך געשמועסט אָדער געדאַוועט. ווען אַ פאַרבייגעהער וואָלט אַריינגעקוקט דורך אַ פענסטער אין אַ הייזעל אַריין, וואָלט ער געזעהן זעהר בעלעבטע פאַמיליען-סצענעס. אין די גרויסע און קליינע חדרים זענען געשטאַנען לאַנגע טישען, יום-טוב׳דיג סערווירט, און פרויען אין געבלומטע הויבען האָבען גע׳בעל-הבית׳עוועט אויף וואָס די וועלט שטעהט. ווייל עווייז האָבען זיי צוגעטראָגען צו די טישען פערשידענע מאכלים, וואָס זיי האָבען אַליין געמאַכט און האָבען דערביי געשמייכעלט פון גרויס תענוג. בערדיגע יודען האָבען געהאַלטען אויף די הענד קליינינטשקע קינדער, האָבען זיי עפּטער געקושט אין די רויטע בעקלעך אַריין אָדער געוואָרפען זיי צו דעם נידעריגען

באַלקען און דער עולם אַרום האָט געלאַכט פון גרויס נחת. די איבעריגע זענען געזעסען אויף די בענק, געמאַכט מיט די הענד און שטאַרק געשמועסט וועגען די ענינים פון דער פערגאַנגענער וואָך.

דאָס איז געווען פרייטאָג-צו-נאַכט.

אינ׳ם גאַנצען שטעדטעל איז געווען בלויז איין הייזעל, אָנגעפילט מיט חושך און שטילקייט. דאָס איז געווען אַ קליין גרויע הייזעל, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ זייט, פונקט ווי עס וואָלט זיך צוגעטוליעט צו דעם באַרג, וואָס איז דערביי געלעגען און וואָס איז געווען דער איינציגער הויכער פונקט אויף דעם אונענדליך גרויסען טאָל-שטח. דערדאָזיגער באַרג איז, איבעריגענס, אַנטשטאַנען נישט דורך דער נאַטור. ווי די לעגענדע דערצעהלט, האָבען די קאַראַאימער פאַרצייטענס אָנגעשאָטען אַ באַרג און דערויף אויסגעבויט אַ טעמפעל. איצט אָבער איז פון דעמדאָזיגען טעמפעל קיין זכר נישט געבליבען. דער נאַקעטער זאַמדיגער באַרג האָט בעשיצט דאָס הייזעל פון ווינד און זאַווערוכעס, און דאָס הייזעל האָט זיך אַזוי ווי מיט יראה און דאַנקבאַרקייט געטוליעט צו איהם. אויפ׳ן שפּיץ באַרג, איבער׳ן דאַך פון הייזעל איז געוואַקסען אַנ׳אַלטער באַרנבוים. אין זיינע בלעטער האָט שטיל גערוישט דער ווינד און עטליכע שטערענדלעך האָבען זיך דורכגעלויכטען.

אַ גרויסער, נישט-בעאַרבייטער שטח ערד, בלויז ערטערווייז פערזייהט מיט פערשידענע ירקות, האָט אָבגעטיילט דאָס אָרט פונ׳ם שטעדטעל. אויף אַלץ איז דאָ געלעגען אַ שטילשווייגען, און בלויז פון ווייטען האָבען זיך דערטראָגען צאַרטע קלאַנגען. ברייטע שטיקער נעבעל און דאַמפען זענען אינדערפינסטער געשוואומען איבער דעמדאָזיגען שטח ערד פון שטעדטעל צו דעם הייזעל.

דורך די צוויי קליינטשקע פענסטערלעך, וואָס זענען בעשטאַנען פון שטיקעלעך גלאָז, האָט מען געקאָנט זעהן, ווי אינווענינ איז דאָס הייזעל שוואַרץ, ווי אַ תהום. פון דאָרט האָט מען אויך געהערט אַנ׳אַלטען מאַנסבילשען קול, וואָס האָט אַפילו געציטערט, אָבער ער האָט דאָך גאַנץ הויך געקלונגען:

-הינטער ווייטע ימים און ווייטע הויכע בערג פליסט דער

טייך סמבטיון...—האָט אינדערפינסטער געקלונגען דערדאָזיגער קול.—
אָבער נישט מיט וואַסער פליסט ער און נישט מיט מילך און נישט
מיט האָניג, נאָר מיט געלבע זאַמדען און גרויסע שטיינער.

דער ציטריגער אַלטער קול איז אַנטשוויגען געוואָרען, און
אינ׳ם תהום, וואָס האָט זיך געשוואַרצט מיט זיינע צוויי קליי-
ניטשקע פענסטערלעך, איז פון דאָסניי טויט-שטיל געוואָרען. איצט
אָבער איז דידאָזיגע שטילקייט איבערגעריסען געוואָרען פון אַנ-
דערע קלאַנגען:

—זיידע, דערצעהל ווייטער.

אָט די ווערטער האָט אַרויסגעזאָגט כמעט אַ קינדיש פרויען-
קול׳כעל, וואָס האָט אָבער געקלונגען מרה-שחורה׳דיג און פער-
טראַכט.

האָט דער זיידע געפרעגט:

—נו, וואָס, זיי געהען נאָך נישט?

—מען הערט נישט!—האָט ביים פענסטער געענטפערט דער
פרויען-קול.

אין דעם שוואַרצען תהום האָט ווידער גענומען קלינגען
דער ציטריגער און כריפענדיגער קול:

—הינטער דעם הייליגען טייך סמבטיון וואוינען פיר שבטים:
גד, אָשר, דן און נפתלי. דידאָזיגע שבטים זענען אַנטלאָפען אַהין,
וויל מען האָט זיי שטאַרק גע׳רודפ׳ט, אָבער גאָט, געבענשט און
געלויבט זאָל ער זיין, האָט זיי אויסבעהאַלטען פון די פיינד
הינטער׳ן טייך פון זאַמד און שטיינער... די זאַמדען פון דעמדאָ-
זיגען טייך הויבען זיך אויף אַזוי הויך, ווי די אינדען פון אוקינוס
און די שטיינער רוישען און קלאַפען אַזוי שטאַרק, ווי אַ וואַלד
אין אַ שטורם... אָבער אַז עס קומט-אָן דער הייליגער שבת...

דאָ איז ער ווידער אַנטשוויגען געוואָרען און אין אַ ווײלע
אַרום שטיל געפרעגט:

—זיי געהען נאָך אַלץ נישט?

קיין ענטפער איז נישט געקומען. אַפנים, אַז דאָס צווייטע
וועזען, וואָס איז געזעסען אין הייזעל, האָט זיך צוגעהערט
פריהער, איידער עס האָט געענטפערט.

—זיי געהען!—האָט זיך דערהערט אַנ׳ענטפער,

אין דעם שוואַרצען תהום האָט עמיץ שווער אָבגעזיפצט.

—זיידע, דערצעהל ווייטער!—האָט געבעטען דער פרויען-קול ביים פענסטער, אויך אַזוי ריין און דייטליך, ווי פריהער, אָבער איצט האָט ער שוין געקלונגען נישט קינדיש, נאָר מיט אַ גרויסער קראַפט.

דער זיידע האָט געשוויגען.

פון דער זייט פון שטעדטעל האָט זיך געטראָגען צום הייזעל אַ שרעקליכער גערויש. מען האָט געקאָנט הערען אַ טופעריי פון פיס, שטילע אויסגעשרייען און דאָס זילבערנע געלעכטער פון קינדער.

באַלד האָט זיך בעוויזען נעבען הייזעל אַ שוואַרצער בע-וועגליכער פלעק, וואָס האָט זיך אַזוי ווי געקויקעלט איבער דער ערד. דער פלעק האָט זיך דערנעהנט צום הייזעל און האָט זיך צושאָטען אויף עטליכע קליינינטשקע טיילכעלעך, וואָס האָבען זיך אַ וואָרף געטהאָן מיט געשריי, פייפעריי און געלעכטער צו די קרומע וועגד און קליינע פענסטערלעך.

קינדער זענען דאָס געווען, יונגלעך פון פערשידענער על-טער. דער עלטסטער פון זיי איז אַלט געווען אַ יאָהר פערצעהן, דער יונגסטער—אַ יאָהר פינף. אינדערפינסטער האָט מען נישט גע-קאָנט זעהן, ווי זיי זענען אָנגעטהאָן, אָבער אונטער די קליי-נישטקע היטעלעך און די געדיכטע געקרויזעלטע האָר האָבען פיבערליך אַרויסגעגלאַנצט זייערע אויגלעך. די יונגלעך זענען גע-ווען זעהר אויפגערעגט פון שטיפען אָדער אַזוי פון עפּיס אַ שטאַר-קען געפיהל.

—גוט שבת, קאַראַאימער!—האָבען אַלע אויסגעשריען אין איין קול און געגומען קלאַפען אין דער פערשפאַרטער טיר. דאָס הייזעל האָט זיך געטרויסעלט און די שויבען אין די פענסטער האָבען געציטערט.

—פאַרוואָס צינדסטו נישט אָן קיין ליכט פרייטאָג-צו-נאַכטס? פאַרוואָס זיצסטו, ווי אַ שד אין אַ שוואַרצער נאָרע? כופר! אַפּיקורס! רשע!—האָבען די עלטערע געשריען.

—בטלן! קבצן! משוגענער!—האָבען די יונגעלעך געריסען די העלזער מיט די לעצטע כוחות.

מען האָט אַלץ מעהר און מעהר געשאָטען מיט זידעל-ווערטער, מען האָט גע'חוזק'ט, אויסגעלאַכט און געהאַקט אין דער טיר אַריין, אָבער אין דער אייגענער רגע האָט זיך דערהערט אַ קול פון אַ מיידעל, אַ רוהיגער קול, ווי פריהער, אָבער אַזאַ שטאַרקער, אַז ער האָט פערדעקט אַלעמענס קולות אין דרויסען.

—זיידע, דערצעהל ווייטער!

—אַי-אַי-אַי! ווי קאָן איך דערצעהלען, אַז זיי שרייען און וידלען זיך אַזוי, — האָט זיך דערהערט דעם אַלטענס קול.

אָבער דאָסמאָל האָט שוין דער קול פונ'ם מיידעל געקלונ-גען ווי אַ בעפעהל. דאָס איז שוין גאָרנישט געווען קיין קול פון אַ קינד, און אין איהם האָבען זיך געשפירט יסורים, פעראַכטונג און אַ פערלאַנג צו זיין רוהיג.

און אין די ווילדע געשרייען פון די קינדער, וואָס האָבען זיך געזידעלט, געפייפט, געמיאַאוקעט און געלאַכט, זענען געפאַ-לען ציטריגע ווערטער, ווי אַ טרויעריג געזאַנג אין אַ געוויטער:

—און אין דעם הייליגען שבת פון גאָט, געבענשט און געלויבט זאָל ער זיין, רוהט זיך אָב דער טייך סמבטיון... די זאַמדען הערען-אויף צו שפרינגען, ווי די אינדען אין ים, און די שטיינער הערען-אויף צו רוישען, ווי אַ וואַלד... דער טייך בלייבט שטעהן רוהיג, אונבעוועגליך, אָבער אַ גרויסער נעבעל הויבט זיך אויף פון איהם, אַזאַ גרויסער, אַז ער דערגעהט ביז די הויכע וואָלקענס און פערבאָרגט פון די פיינד די פיר שבטים: גד, אָשר, דן און נפתלי...

אָבער אַרום דעם הייזעל מיט די קרומע ווענד, וואָס איז אינווענינ שוואַרץ ווי אַ תהום, האָט דער הייליגער טייך סמבטיון נישט געפלאָסען און האָט נישט בעשיצט די דאָרטיגע מענשען פון שונא.

דער שונא איז בעשטאַנען פון קליינע קינדער, אָבער זיי זענען געווען אַ סך. זיי האָבען געמאַכט די לעצטע אָנשטרענגונג: אַ טרויסעל האבען זיי געטהאָן די ראַהמען פון די שוואַכע פענ-

סטער. עטליכע שויבען האָבען זיך צושאָטען אויף שטיקלעך, און איבער דעם לעדיגען שטח האָט זיך פונאַנדערגעטראָגען אַ נצחונ׳-דיגער אויסגעשריי. אין די צובראָכענע פענסטער האָבען זיך גע-נומען שיטען שטיקער ערד און קליינע שטיינדלעך... דער אַל-טער קול האָט זיך דערוויטערט אין דער טיפעניש פון הייזעל: דער אַלטער האָט זיך, משמעות, בעהאַלטען אין אַ ווייטען ווינ-קעל.

און מיט ציטער און אימה האָט ער געשריען:

—אַי-אַי-אַי-! רבונו-של-עולם!

אָבער דער קול פונ׳ם מיידעל האָט רוהיג געקלונגען:

—זיידע, שאַ! זיידע, שריי נישט! זיידע, שרעק זיך נישט!

פלוצלונג האָט זיך הינטער די קינדער, וואָס זענען גע-האַנגען אויף די ווענד, אויף דער טיר און פענסטער, דערהערם אַ הילכיגער קול, ווי אַ בעפעהל:

—שטיל זאָלט איהר מיר זיין, שגצים! וואָס טהוט איהר דאָ, מזיקים! אַוועק פון דאַנען!

די קינדער זענען תיכף שטיל געוואָרען און איינס נאָכ׳ן צווייטען גענומען אָבטרעטען פון די ווענד.

דער, וואָס זיין קול האָט אַזוי הויך און בעפעהלעריש גע-קלונגען, איז געווען אַ שלאַנק הויך בחור׳ל. זיין לאַנגפאָלעדי-גער מאַנטעל, בעפוצט מיט טייערן פעל, האָט איינג אַרומגעכאַפּט זיין טאַליע. אינדערפינסטער האָט זיין פנים אויסגעזעהן וויס, אָבער די אויגען האָבען געלויכטען מיט אַזאַ פייער, וואָס נאָר יונגע אויגען קאָנען אַזוי לייכטען.

—וואָס טוהט איהר דאָ?—האָט ער זיי בייז און האַרב איבערגעפרעגט נאָכאַמאָל.—וואוינען דאָ וועלף אין הייזעל, וואָס איהר שרייט און זידעלט זיך און וואַרפט שטיינער אין פענ-סטער?

לכתחילה האָבען די קינדער געשוויגען, שטעהענדיג צוזאַ-מען אין אַנ׳איינג קופקעלע. אָבער אין אַ מינוט אַרום האָט זיך אַרויסגערוקט דער גרעסטער פון זיי און אפשר אויך דער סאַ-מע דרייסטער און האָט זיך אָנגערופען:

—אָבער פאַרוואָס בענשען זיי נישט קיין ליכט לכבוד שבת?

—וואָס געהט עס אייך אָן?

—נו, וואָס געהט עס דיר אָן?—האָט זיך פערטיידיגט דער פער׳עקשנ׳טער יונגעל.—מיר קומען אַהער אַלע וואָך און אַלע וואָך טהוען מיר דאָ דאָס אייגענע, וואָס היינט.

—איך וויים, אַז איהר טהוט עס אַלע וואָך און דעריבער טאַקי וויל איך אייך פאַקען... און אָט האָב איך אייך געפּאַקט... גו, חברה, אַהיים! אַהיים זאָלט איהר מיר געהן!

—אָבער, מאיר, פאַרוואָס געהסטו נישט אַהיים? דיין זיי־דע און די באָבע עסען דאָך שוין לאַנג פיש...פאַרוואָס שריי־סטו און אַליין ביזטו מחלל שבת?

ביי דעם יונגען בחור׳ל האָבען נאָך שטאַרקער גענומען ברענען די אויגען. ער האָט אַ טופּע געטהאָן מיט׳ן פוס און אַ גע־שריי געטהאָן מיט אַזאַ בייזען קול, אַז דאָס חברה׳לע איז זיך באַלד צולאָפען אין אַלע זייטען און געבליבען איז בלויז דער סאַמע עלטערער פון זיי, וואָס האָט געוואָלט ווייזען, אַז ער האָט קיין מורא נישט פאַר זיין מוסר. ער האָט אויפגעהויבען אַ שטי־קעל ערד און געוואָלט אַריינוואַרפען אין הייזעל אַריין.

אָבער צוויי שטאַרקע הענד האָבען איהם אָנגעכאַפּט ביי דער האַנד אוןביים קאָלנער.

—געה,—האָט געזאָגט דאָס בחור׳ל,—איך וועל דיך אָב־פיהרען אַהיים.

דאָס יונגעל האָט אַ געשריי געטהאָן און זיך גענומען ריי־סען פון אָרם. אָבער אַ פעסטע האַנד האָט איהם געהאַלטען און אַ שטאַרקער, אָבער שוין אַ רוהיגער קול האָט איהם געצוואונגען צו שווייגען.

שטיל איז געוואָרען אַרום הייזעל. אין הייזעל גופא איז געווען פינסטער, ווי אין אַ תהום און עס האָט זיך געהערט אַ כריפּענדיג אָבזיפצען פון עפּיס אַנ׳אַלטער ברוסט, און ביים פענ־סטער מיט די צובראָכענע שויבען האָט זיך דערהערט אַ שטילער מיידעלשער קול:

—אַ דאַנק.

—אַ גוטע נאַכט!—האָט דאָס יונגע בחור׳ל געענטפערט דערויף און איז אַוועק, פיהרענדיג מיט זיך זיין קליינינטשקען געפאַנגע-נעם.

ביידע זענען שווייגענדיג דורכגעגאַנגען עטליכע געסלעך.

זיי האָבען זיך אָבגעשטעלט ביי אַ הויז מיט אַ גאַנעק, מיט אַ גרויסען פאָרהויז, וואָס האָט זיך געצויגען איבער דער גאַנצער לענג פון דער גאַס. עס איז געווען קענטיג, אַז דאָס איז אַן-אַכסניא. די פענסטער אין יענעם טייל הויז, וואָס זענען געווען בעשטימט פאַר די געסט, זענען געווען פינסטער. אָבער אין די אַנדערע פענסטער, וועלכע זענען געשטאַנען ביי אַ האַלבען אַר-שין פון דער ערד, וואָס איז געווען בעדעקט מיט היי, שטרוי און מיסט, האָבען שבת-ליכט נעבעלדיג געברענט פאַר שמוציגע שויבען.

דער בעל-הבית פון דערדאָזיגער אַכסניא איז געווען יאַנ-קעל קאַמיאָמסקער. דאָס איז געווען אַ מענש, וואָס האָט פערנו-מען אַ הויכע שטעלונג אין די קהל׳שע ענינים און וואָס איז גע-ווען זעהר חשוב ביי דער בעפעלקערונג פאַר זיין פרומקייט. זיינע אייגענע ענינים האָט ער אויך זעהר גוט געפיהרט און האָט פערגרעסערט זיין עשירות.

דאָס יונגעל, וואָס דאָס שלאַנקע בחור׳ל האָט איהם גע-פיהרט ביי דער האַנד, האָט זיך גאָרנישט שלעכט געשפּירט. טייל-מאָל איז ער זיך צוגעשפּרונגען און גאַנץ פרעהליך געכאַפּט אַ זונג. ביידע זענען דורכגעגאַנגען דעם ווייכען קנעטיגען פּלאַץ ביים גאַנעק, נעבען די ליכטיגע פענסטער, און זענען אַריין אין גרויסען פאָרהויז, וואו אַ פערד האָט אינדערפינסטער געקלאַפּט מיט דער קאָפּיטע אָן דער ערד און אַ בהמה האָט הויך מעלה-גרה געווען. דאָס בחור׳ל האָט, טאַפּענדיג, געפונען די טיר. דאָ האָט מען זיך בעדאַרפט אויפהויבען אויף דריי צופוילטע טרע-פּעלעך. געעפענט די טיר, האָט ער אַריינגעשטויסען דאָס יונגעל אין הייזעל אַריין.

נאָכדעם האָט ער געוואָלט אַוועקגעהן, אָבער ער האָט פרי-

הער אַרייַנגעקוקט אין דער האַלבאָפֿענער טיר און זיך אָנגערו-פֿען :

—ר׳ יאַנקעל, איך האָב געבראַכט מענדלע׳ן. זאָג איהם, מוסר איהם אויס, אָדער בעשטראָף איהם, ווי אַ פֿאָטער, וואָרום ער שלעפּט זיך אַרום בייַנאַכט און בעפֿאַלט אונשולדיגע מענשען.

אויף דידאָזיגע ווערטער, וואָס זענען הויך אַרויסגעזאָגט געוואָרען, איז קיין שום ענטפֿער נישט געקומען.

אין דער אָפֿענער טיר איז נאָך אַלץ געשטאַנען דאָס בחור׳ל. עס האָט זיך געזעהן אַ גרויס צימער מיט שמוציגע ווענד, דער-ביי איז געשטאַנען אַ ריזיגען אויווען, וואָס איז שוואַרץ געוואָ-רען פֿון שטויב און סאַזשע. אינמיטען צימער איז געשטאַנען אַ גרויסער טיש, בעדעקט מיט אַ נישט-קלאָרען סערוועט און אויבען איז געהאָנגען אַ הענגלייַכטער מיט זיבען ליכט. מען האָט זיך נאָך נישט געזעצט צום טיש. אמת, אין די אַנדערע צימערן האָ-בען הויך געשמועסט ווייבער און קינדער, וואָס דערפֿון האָט זיך געלאָזט דרינגען, אַז די משפּחה איז אַ גרויסע, אָבער אין דעם צימער מיט׳ן לאַנגען טיש און דעם גרויסען אויווען איז קיינער נישט געווען, אויסער איין פּאַרשוין, וואָס איז געשטאַנען אין ווינקעל מיט׳ן רוקען צום פֿאָרהויז און מיט׳ן פּנים צו דער וואַנד. דאָס איז געווען אַ מאַן פֿון מיטעלער וואוקס, אָבער זעהר מאָגער און בויגזאַם. דאָס וואָרט „געשטאַנען" בעצייכענט נישט ריכטיג זיין לאַגע, הגם עס איז גאַנץ שווער צו געפֿינען עפּיס אַ פּאַסי-גען טערמין. אמת, ער איז נישט געגאַנגען און נישט געשפּרונ-גען, פֿונדעסטוועגען האָט ער זיך געהאַלטען אין איין שאָקלען. ער האָט געוואָרפֿען דעם קאָפּ פֿאָראויס און צוריק, צוגעבויגט זיין מאָגער גוף׳ל כמעט ביז צו דער ערד און כהרף-עין אויס-געבויגט עס צוריק. פֿון דידאָזיגע האַסטיגע בעוועגונגען האָט זיך זעהר געטרויסעלט זיין געדיכטע לאַנגע באָרד, וואָס איז אַרויפֿ-געפֿאָהרען אַזש אויף די אַקסלען. אָבער די קלאַנגען, וואָס האָ-בען זיך געגאָסען פֿון זיין ברוסט דאָ שטיל און ווייך און דאָ הויך און ליידענשאַפֿטליך, האָבען שטאַרק האַרמאָנירט מיט זיינע בעוועגונגען.

דאָס יונגע בחור'ל איז נאָך אַלץ געשטאַנען אין טיר און האָט זיך צוגעקוקט צו דערדאָזיגער פיגור, וואָס האָט מהפּלל־געווען מיט זיין גאַנצער נשמה אָדער, ריכטיגער, מיט זיין גאַנצען גוף: דאָס בחור'ל האָט, אַפנים, אָבגעוואַרט, ווען יענער וועט ענדיגען דאַווענען. אָבער יעדער האָט געוואוסט, אַז וואַרטען ביז ר' יאַנקעל וועט ענדיגען דאַווענען, איז אַ צו־לאַנגער ענין. דאָס בחור'ל איז אָבער געווען זעהר אונגעדולדיג.

—ר' יאַנקעל!—האָט ער זיך הויך אָנגערופען,—דיין זוהן שלעפט זיך אַרום ביינאַכט און בעפאַלט אונשולדיגע מענשען.

קיין ענטפער איז נישט געקומען.

—ר' יאַנקעל! דיין זוהן בעפאַלט גאָר אונשולדיגע מענשען מיט די מאוס'טע זידעלווערטער.

ר' יאַנקעל האָט אַלץ געדאַוענט מיט דעם אייגענעם ברען, וואָס פריהער.

—ר' יאַנקעל, דיין זוהן ברעכט־אויס די שויבען ביי אָרימע מענשען אין די הייזער.

ר' יאַנקעל האָט איבערגעמישט עטליכע זייטלעך פון זיין גרויסען סדור, וואָס ער האָט געהאַלטען אין די הענד און האָט אָנגעהויבען מיט אַ זינגענדיגען קול:

—זמ"ו ליי בכנור, בכנור וקול זמרה. בחצצרות וקול שפר הריעו לפני המלך יי!

ביי דידאָזיגע ווערטער איז פערמאַכט געוואָרען די טיר אין פאָרהויז. דאָס יונגע בחור'ל איז אַראָב פון די וואַקלענדיגע טרעפּעלעך, אַדורכגעגאַנגען דאָס גרויסע טונקעלע פאָרהויז און איז אַריין אינ'ם מיסט, וואָס איז געלעגען ביי דער טיר. אַז ער איז פאַרבייגעגאַנגען פאַרביי די בעלויכטענע פענסטער, האָט ער דערהערט, ווי עמיץ זינגט שטיל. ער האָט זיך אָבגעשטעלט— דאָס אייגענע וואָלט געטהאָן יעדער אויף זיין אָרט. דאָס איז געווען אַ מענער־קול, אַ ריינער און אַ יונגער, ווי דער קלאַנג פון פּערל, און ווייך, ווי אַ געבעט און פול אומעט און צער.

איבעריגענס, איז דאָס גאָר קיין חדוש נישט געווען. אליעזר, יאַנקעלס זוהן, איז געווען שיבאָווער חזן, דער זינגער

פון פאָלק און גאָט.

—אליעזר!—האָט עמיץ אַ שעפּטשע געטהאָן הינטער'ן פענסטער מיט אַ ווייכ̄ען פריינדליכ̄ען קול.

דער זינגער האָט, וואַהרשיינליך, דערהערט דאָסדאָזיגע שעפּטשען, ווייל ער איז זעהר נאָהנט געזעסען ביים פענסטער, וואָס איז נישט געוועזן קיין טאָפּעלעס. האָט ער אויפגעהויבען די ברעמען און אַ קוק געטהאָן צום פענסטער מיט בלויע גוטע אויגען. פונדעסטוועגען האָט ער נישט אויפגעהערט צו זינגען. פערקעהרט, ער האָט אויפגעהויבען אין דער-הויך זיינע צוויי ווייסע הענד, ווי אַלבאַסטער, און מיט אַ פּנים, וואָס האָט אויסגעדריקט בלויז עקסטאַז, האָט ער זיך נאָך שטאַרקער צוזונגען.

—אליעזר!—האָט אַ שעפּטשע געטהאָן דער פאַרבייגעהער און זיך צוגעשטעלט ביים נידעריגען פענסטער.

אין דעמדאָזיגען פענסטער זענען די שויבען געוועזן אַ סך ריינער, איידער אין די איבעריגע פענסטער. מען האָט דאָ גאַנץ דייטליך געקאָנט זעהן אַ קליין צימערל, וואו עס איז געשטאַנען בלויז אַ טיש און אַ שאַנק מיט ביכ̄ער. אויפ'ן טיש האָט געברענט אַ קליין געלב ליכ̄טעל און דערביי איז געזעסען אַ צוואַנציגיעהריג בחור'ל מיט זעהר אַ ווייס און לאַנג געזיכ̄ט. איצט האָט ער פערדעקט מיט די הענד דאָס געזיכ̄ט און די עלענבויגענס אָנגעשפּאַרט אָן טיש. פון זיינע פרישע רויטע ליפּען, וואָס זענען נאָך געוועזן פריי פון האָר, האָט זיך געגאָסען דאָס זיסע געזאַנג, וואָס האָט געקאָנט אַריינברענגען אין התפּעלות די גרעסטע מוזיקער.

דאָס בחור'ל, וואָס איז געשטאַנען ביים פענסטער, האָט שוין נישט גערופען מעהר דעם זינגער, וועלכ̄ער האָט געבעטען צו גאָט פאַר זיין פאָלק. ער איז אַוועק פון פענסטער פאַרזיכ̄טיג און מיט דרך-ארץ און זיך געסטאַרעט צו געהן מיט שטילע טריט. געגאַנגען איז ער איבער אַ לעדיגען טונקעלען פּלאַץ צו אַ גרויס, העל-בעלויכ̄טענעם הויז. ער האָט געקוקט אויף די שטערען, וואָס האָבען בלאַס געשימערט דורכ̄'ן רויהען נעבעל און האָט שטיל און פערטראַכ̄ט צוגעזונגען.

## צווייטעס קאַפּיטעל.

דאָס גרויסע העל-בעלויכטענע הויז וואָס איז געשטאַנען קעגען דעם גרויסען בית-המדרש אויף דער אַנדער זייט פון ברייטען מאַרק, איז טאַקי געווען דאָס אייגענע הויז, וואָס הערש יעזעפאָוויטש האָט אַמאָל אויסגעבויט און וואו ער האָט געוואוינט מיט זיין שענער פריידען. זיינע הונדערטיעהריגע וועגד זענען שוין לאַנג שוואַרץ געוואָרען פון שטויב און פון שלעכטע וועטערס, דאָך זענען זיי נאָך אַלץ געשטאַנען און געוועלטיגט איבער די אַרומיגע בנינים פון שטעדטעל.

נאָך מיט אַ שעה צוריק האָט זיך אין גרויסען צימער, וואו עס זענען געשטאַנען אַלטמאָדישע און איינפאַכע טישען און בענק, אָנגעהויבען דער הייליגער שבת.

צווישען די עטליכע צעהנדליג מאַנספּאַרשוינען און פרויען, וואָס האָבען לאַנגזאַם אָנגעפילט די חדרים פון הויז, האָט זיך אויפגעהויבען דער בעל-הבית פון שטוב און ראש פון דער משפּחה, שאול יעזעפאָוויטש, הערש'ס זוהן, און איז צוגעגאַנגען צום גרויסען טיש, איבער וועלכען עס זענען געהאָנגען צוויי שווערע זילבערנע הענגלייכטער, צו זיבען ליכט אין יעדערן. ר' שאול יעזעפאָוויטש, אַ מענש אַפילו אַ ברייטביינינגער, אָבער שוין אַנ'אויסגעבויגענער, מיט אַ צוקנייטשטען פנים און אַ ווייסער באָרד, ווי שניי, וואָס האָט אויסגעזעהן איבער אַכציג יאָהר, האָט איבערגענומען פון זיין עלטערן זוהנס האַנד דאָס פלעמעל, וואָס איז אומגעשפרונגען אויף אַ לאַנגען שטעקען, אויפגעהויבען עס צו די ליכט אין די הענגלייכטער און געמאַכט אַ ברכה מיט אַ טרוקענעם, אָבער נאָך פעסטען קול.

דער עולם האָט אונטערגעכאַפּט די ברכה מיט געזאַנג און

הייסע תּפילות, וואָס האָבען אָנגעפּילט די חדרים און זיך שטראָ-מענווייז געגאָסען דורך די פענסטער איבער דעם ברייטען טונ-קעלען מאַרק.

דאָס בחור׳ל, וואָס איז געגאַנגען פערטראַכט איבער׳ן מאַרק, האָט נאָך פון וויטען דערהערט דאָס שבת-געזאַנג און תּפילות און ער האָט געמאַכט שנעלערע טריט. אַז ער איז אַרויף אויף אַ גאַניק מיט די עטליכע טרעפּעלעך און איז אַדורכגעגאַנ-גען אַ לאַנגען קאָרידאָר, וואָס האָט צוטיילט דאָס גאַנצע הויז אויף צוויי חלקים, און נאָכדעם געעפענט די טיר, איז דאָס צי-מער געווען אָנגעפּילט מיט די פייערן פון די ליכט, און דער עולם, שוין נאָכ׳ן דאַווענען און שבת׳דיג געשטימט, האָט געשמועסט, געשמייכעלט אָדער געשטאַנען ביי די בענק און שטולען אַרום דעם לאַנגען, ריין-סערווירטען טיש.

דער עולם איז געווען זעהר אַ פערשידענאַרטיגער. דאָ זענען געווען שאול׳ס צוויי זיהן, וואָס האָבען געוואוינט מיט׳ן פאָטער: רפאל און אַברהם, מענשען מיט גרויע האָר, מיט שוואַרצע אוי-גען און שטרענגע פערטראַכטע געזיכטער. דאָ איז אויך גע-ווען בער, שאול׳ס איידעם, אַ יונגערמאַן מיט בלאָנדע האָר, מיט אַ בלאַסען פּנים און אַ ווייכען גלעזערנעם בליק; דאָ זענען געווען די טעכטער, שניהר און אייניקלעך, דערוואַקסענע פרוי-ען, מיט שען-ענטוויקעלטע פאָרמען, מיט הויכע הויבען אויף גוט-צוגעקאַמטע פּאַרוקען, און יונגע מיידלעך מיט טונקעלע פּנימ׳ער און לאַנגע צעפּ, און אין די אויגען האָט זיי געלויכטען אַ פיי-ערל פון הייליגען שבת. עטליכע יונגעלייט פון דער משפחה צו-זאַמען מיט די קינדער פון פערשידענער עלטער האָבען אַרומגע-רינגעלט דעם עק פון טיש. שאול אַליין איז געשטאַנען אויבענאָן און האָט מיט אַ מינע פון דערוואַרטונג געקוקט אויף דער טיר, וואָס האָט געפיהרט אין די וויטערדיגע הדרים. אין אַ מינוט אַרום האָבען זיך אין דערדאָזיגער טיר בעוויזען צוויי פרויען-געשטאַלטען. אויף איינער פון זיי האָבען געלויכטען בריליאַנטען, ווי רעגענבויגענס.

דאָס איז געווען זעהר אַן׳אַלטע פרוי, אָבער זי איז נאָך

געווען געניג הויך און האָט זיך געהאַלטען גלייך. מאַכט האָט זיך געשפּירט אין איהר. דער קאָפּ איז איהר געווען בעדעקט מיט אַ געבלומטען טורבאַן, וואָס זיינע עקען זענען פערבונדען געוואָרען דורך אַ גרויסען בריליאַנטענעם שנאָל. אַ בריליאַנט האָט אויך פערשלאָסען דעם גרויסען פּערל־האַלזבאַנד, וואָס איז אַראָבגעהאָנגען סאַמע ביז׳ן פאַרטוך. דער פאַרטוך, ווידער, האָט פון פאָרענט פערדעקט אַ שווער קאָלירט זיידענקלייד. די אוירינגלעך, לאַנגע ביז די אַקסלען און אַזוינע שווערע, אַז מען האָט זיי בעדאַרף אונטערהאַלטען מיט פעדעם, צוגעפעסטיגט צום טורבאַן, האָבען געלויכטען און געפינקעלט מיט בריליאַנטען, דימענטען און רובינען. ביי יעדער קלענסטער בעוועגונג האָבען זיי זיך אָנגעקלאַפּט אָן די פּערל און אָן דעם זילבערנעם קייטעלע, וואָס האָט אַרויסגעלויכטען אונטער זיי.

אַזוינע טייערע צירונג און פּוץ־זאַכען קאָן נאָר האָבען אַ פרוי פון אַ פירשטליכער משפחה. עס איז געווען קלאָר, אַז די־דאָזיגע הונדערטיעהריגע יודישע פרוי, וואָס האָט געטראָגען אויף זיך די טייערסטע צירונג, צונויפגעזאַמעלט פון דורות,— איז געווען הייליג פאַר די אַלע מענשען, וואָס האָבען זי אַרומגערינגעלט.

בשעת זי האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויף איינער פון איהרע אייניקלעך—אַ מיידעל מיט אַ טונקעל געזיכט און שוואַרצע האָר, ווי דער פליגעל פון אַ קראָה—און זיך אַוועקגעשטעלט ביים שוועל פון צימער, האָבען זיך אַלעמענס אויגען געווענדט צו איהר און אַלע פּנים׳ער האָבען געשמייכעלט און געשעפּטשעט:

—די באָבע! די עלטערבאָבע!

דאָס לעצטע וואָרט איז אַרויסגעזאָגט געוואָרען דורך דעם גרעסערן טייל פונ׳ם שבת׳דיגען עולם, ווייל דאָ האָבען זיך געפונען מעהר אוראייניקלעך און אור־אוראייניקלעך, איידער אייניקלעך. בלויז דער ראש פון דער משפחה און דער בעל־הבית פון הויז האָט אַרויסגעזאָגט:

—מאַמע!

וואונדערליך צאַרט און פייערליך האָט געקלונגען דאָסדאָ-

זיגע וואָרט, וואָס פּאַסט אַזוי פּאַר אַ קינד, אויף שאול׳ס פּער-
וועלקטע ליפּען, וואָס זענען געווען בעדעקט מיט ווייסע האָר,
ווי שניי. נאָכדעם, ווי ער האָט אַרויסגעזאָגט דאָסדאָזיגע וואָרט,
האָבען זיך אַזוי ווי אויסגעגלעט די קנייטשען אויף זיין שטערען,
וואָס איז געווען בעדעקט מיט ווייסע האָר און אויף די האָר—
אַ סאַמעטענע יאַרמאָלקע.

אָבער וואו איז פריידעס טונקעל גלאַט געזיכט, וואו זע-
נען איהרע שוואַרצע פייערדיגע אויגען און די שענע שלאַנקע
טאַליע? פריידע, וואָס איז געווען אַזאַ שטילע און גוטע ווייב
און אַזאַ חבר פון איהר מאַן, הערש יעזעפּאָוויטש? זי האָט זיי,
איבערגעלעבט אַזוי, ווי זי האָט איבערגעלעבט איהר מאַן, וואָס
איז געווען איהר האַר און איהר חבר. מיט דער צייט איז איהר
טאַליע, וואָס איז אַמאָל געווען פיין און שלאַנק, ברייטער גע-
וואָרען און האָט בעקומען די פאָרם פון אַ שטאַם, פון וועלכען
עס זענען אַרויסגעוואַקסען געוואָרען אַ סך שטאַרקע און קערנ-
דיגע צווייגען. איצט איז איהר פנים בעזייהט געוואָרען מיט
אַזויפיל קנייטשען, אַז עס איז נישט געבליבען אויף איהם קיין
איין גלאַט אָרט, און די אויגען זענען איינגעפאַלען, קלענער גע-
וואָרען און האָבען געקוקט מיט געלבע פערוועלקטע שוואַרצאַפּ-
לען אונטער וויעס אָהן ברעמען. אָבער אויף איהר פנים, וואָס
די האַנד פון דער צייט האָט עס צוקנייטשט און אַלט געמאַכט,
איז געלעגען אַ וואונדערליכע רוהיגקייט. פון די קליינע שוואַרצ-
אַפּלען האָט אַרויסגעקוקט אַ שמייכלענדיגע האַרמאָנישע נשמה,
וואָס ווערט איינגעשלאָפען צווישען גליקליכע קלאַנגען. אַ שטי-
לער שמייכעל פון אַ זיסען דרימעל האָט אַרומגערינגעלט איהרע
פערוועלקטע ליפען, וואָס שווייגען שוין לאַנג און וואָס עפע-
נען זיך אַמאָל בלויז דערויף, צו זאָגען אַ פּאָר קורצע ווער-
טער.

איצט האָט זי אַרומגענומען מיט דער האַנד, וואָס איז גע-
לעגען אין אַנ׳אַרבעל מיט ברייטע בופעס, דעם האַלז פון דער
יונגער געזונדטער מיידעל, האָט זיך צוגעשטעלט ביים טיש,
אַדורכגעפיהרט דעם עולם מיט אַ פינטעלדיגען בליק און שטיל

אַ פרעג געטהאָן :

—וואו איז מאיר ?

די עלטערבאָבע רעדט.

אַלע האָבען זיך גענומען בעוועגען פון דידאָזיגע ווערטער, פונקט ווי אַ בוים פון אַ ווינד. מענער, פרויען און קינדער האָבען זיך אַרומגעקוקט, און איבער דעם גרויסען צימער איז אַוועק אַ שעפּטשעריי :

—וואו איז מאיר ?

י גרויסע משפחה האָט נישט בעמערקט, אַז איינער פעהלט דאָ.

דער אַלטער שאול האָט נישט איבערגע׳חזר׳ט דער מוטערס פראַגע. זיין שטערען האָט זיך אָנגעוואָלקענט און בייז האָט ער געקוקט צו דער טיר.

אָבער אין דער אייגענער מינוט האָט זיך געעפענט די טיר. אין צימער איז אַריין אַ הויכער און אַ שלאַנקער יונגערמאַן, אין לאַנגע בגדים, בעשלאָגען מיט טייערן פעל. ער איז אַריין, פערמאַכט הינטער זיך די טיר און געבליבען שטעהן ביי דער שוועל, פונקט ווי ער וואָלט זיך פערשעמט אָדער דערשראָקען. ער האָט בעמערקט, אַז ער האָט פערשפּעטיגט און האָט פערשטאַנען, אַז מען האָט מקבל-שבת-געוועזן אָהן איהם. ער האָט אויך בעמערקט דעם זיידענס בליקען און די בליקען פון די פעטערס און די עלטערע פרויען, וואָס האָבען איהם אָנגעקוקט בייז און מיט פאָרוואורף.

אָבער דער באָבעס אויגען זענען נישט אָנגעפילט געוואָרען מיט כעס, ווי ביי אַלעמען. פערקעהרט, איהרע שוואַרצאַפּלען האָבען זיך נאָך פערגרעסערט און האָבען געלויכטען מיט שמחה. זיי האָבען אויפגעהערט צו פינטלען, די אויגען, און די שמאָלע געלבע ליפּען האָבען זיך בעוועגט, און ווי פריהער האָט זי אַרויסגעזאָגט מיט אַ גאַנץ הויכען קול, אָבער אָהן אַ שום קלאַנג:

—אייניקעל ! קינד-לעבען !

דערהערט דאָסדאָזיגע שעפּטשען, וואָס איז געווען אָנגעזאָפּט מיט שמחה און צערטליכקייט, איז שאול, וואָס האָט שוין

געוואָלט גוט אויס׳מוסר׳ן דאָס בחור׳ל, אַנטשוויגען געוואָרען, און די בייזע אויגען פון שאול׳ס קינדער זענען אַראָבגעלאָזט געוואָרען. דער פערשפעטיגטער איז בעגעגענט געוואָרען מיט אַ שטיל-שוויגען, וואָס האָט דאָך נישט געשטערם דער עלטערבאָבען איבערצו׳חזר׳ען נאָכאַמאָל:

—קינד-לעבען!

שאול האָט געמאַכט קידוש און די גאַנצע משפחה איז געשטאַנען אַרום איהם, אָבער דאָס בחור׳ל איז אַוועק אין אַ ווינקעל צימער און האָט דאָרט פערענדיגט די לעצטע תפילות פון פרייטאָג-צו-נאַכט. דערביי אָבער האָט ער קיין שום בעוועגונגען נישט געמאַכט מיט׳ן גוף. די הענד האָט ער רוהיג פערלעגט אויף דער ברוסט, און די אויגען האָבען אונבעוועגליך געקוקט אין פענסטער אַריין, וואו עס איז געלעגען אַ שוואַרצער אָוונד.

זיין לאַנג און איידעל געזיכט איז געווען בלאַס, ווי ביי אַלע נערוועאישע און ליידענשאַפטליכע מענשען. זיינע געדיכטע טונקעל-בלאָנדע האָר מיט אַ שימער פון גאָלד, זענען געפאַלען אויף זיין ווייסען שטערען, פון אונטער וועלכען עס האָבען פערטראַכט און טרויעריג געקוקט צוויי גרויסע, גרויע און טיף-זיצענדיגע אויגען. אויף זיין פנים איז געלעגען מרה-שחורה און קינדערשע שרעק. אין זיינע אויגען האָט זיך געשפּירט עפּיס אַ פיינליכער, געהיימער און אונרוהיגער געדאַנק און זיינע דינע ליפּען האָבען גערעדט פון עפּיס אַ פיהלבאַרקייט און פלעגען עטוואָס אויפציטערן אַזוי ווי פון אַ פערבאָרגענער מחשבה. די אויבערשטע ליפּ און די באַקען-בּרעגען זענען געווען בעדעקט מיט אַ גאָלדענעם פוך און דערפון האָט זיך געלאָזט דרינגען, אַז ער האָט שוין דערגרייכט צוואַנציג יאָהר. ד. ה. יענע עלטער, ווען אַ יוד בעדאַרף שוין פיהרען אַ זעלבשטענדיג פאַמיליענלעבען. אַז דאָס בחור׳ל האָט געענדיגט דאַוונען און איז צוגעגאַנגען צו זיין שטענדיגען אָרט ביים טיש, האָט זיך דערהערט אַ כריפּענדיגער קול, וואָס האָט געצויגען די ווערטער, פונקט ווי יענער וואָלט נישט גערעדט פשוט, נאָר געזונגען:

—מאיר, וואו ביזטו היינט געווען אַזוי לאַנג? וואָס האָסטו

געטהאָן אין שטאָדט, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבען דער שבת און ווען אַ יוד טאָר נישט מחלל-שבת-זיין. פאַרוואָס ביזטו נישט געוועזען ביים קידוש? פאַרוואָס האָסטו אַזאַ בלאַס געזיכט און אַזוינע מרה-שחורה׳דיגע אויגען אין אַזאַ פרעהליכען טאָג, בעת דער גאַנצער הימעל איז פול מיט שמחה און אַלע פרומע מענשען אויף דער ערד בעדאַרפען זיך פרעהען מיט דער גרויסער שבת-פרייד?

דאָס אַלץ האָט גערעדט אַ מענש מיט זעהר אַ משונה׳דיגער אויסערליכקייט. געוועזען איז ער אַ קליינינטשקער, אַ דאַרער און אַ טרוקענער, מיט אַ גרויסען קאָפּ, מיט האַרטע טונקעלע האָר, מיט אַ טונקעל-קיילעכיגען פנים, בעוואַקסען מיט פערפּלאָנטערטע האָר, מיט אַ גרויסער באָרד, וואָס האָט, קענטיג, זעהר פיינט געהאַט אַ בערשטעל מיט אַ קעמעל, און מיט קיילעכיגע אויגען, וואָס האָבען זיך שנעל בעוועגט אונטער די בולט׳ע ווייס און פלעגען טיילמאָל גלאַנצען זעהר שאַרף. די מאָגערקייט און טרוקענקייט פון זיין גופ׳ל האָט זיך בעזונדערס געוואָרפען אין די אויגען צוליב זיינע מלבושים, וואָס זענען געוועזען נאָך משונה׳דיגער, איידער ער אַליין. דידאָזיגע מלבושים זענען אייגענטליך בעשטאַנען פון איין העמד אָדער, בעסער געזאָגט, פון אַ זאַק, וואָס איז אויסגעניי הט געוואָרען פון גראָבען גרויען לייוועַנד און איז ביים האַלז און ביים טאַליע אַרומגעבונדען געוואָרען מיט אַ שטריקעל. דאָס העמד האָט געכאַפּט סאַמע ביז דער ערד און האָט צוגעדעקט זיינע טונקעלע נאַקעטע פיס.

ווער איז אָבער פאָרט געוועזען דערדאָזיגער מענש, וואָס האָט געטראָגען מלבושים פון אַנ׳אַסקעט, וואָס האָט געהאַט אויגען פון אַ פאַנאַטיקער און וואָס זיין פנים האָט אויסגעדריקט מיסטישען, טיפען, כמעט שכור׳ען עקסטאַז? דאָס איז געווען ר׳ משה דער מלמד און מדריך, אַ יוד אַ צדיק און אַ מופלג. אין זאַווערוכעס, אין רעגען, אין היץ און אין קעלט איז ער שטענדיג געגאַנגען אַ באָרוועסער, אָנגעטהאָן אין זיין לייוועַנדענעם העמד. קיינער האָט נישט געוואוסט, מיט וואָס ער לעבט, מיט וואָס ער נעהרט זיך. מסתמא איז איהם צוגעוואָרפען

געוואָרען אַ ביסעל קערנער אַמאָל דאָ, אַמאָל דאָרט, און דערמיט איז ער דורכגעקומען ווי-עס-איז. ער איז אָבער געווען די רעכטע האַנד און דאָס רעכטע אויג ביי דעם גרויסען שיבאָוועד רב ר׳ יצחק טודרוס און דאָס שטעדטעל האָט זעהר געהאַלטען פון איהם.

דערהערט דעם מלמד׳ס פראַגען, האָט זיך מאיר יעזעפאָ-וויטש, דער אוראייניקעל פון הערש׳ן און דער אייניקעל פונ׳ם אַלטען שאָול׳ן, נישט געזעצט ביים טיש, נאָר ער האָט זיך אויסגעגלייכט, אַראָבגעלאָזט די אויגען צו דער ערד און געענט-פערט מיט עפּיס אַ ציטריגען קול:

—רבי! איך בין נישט געווען דאָרט, וואו מען פרעהט זיך און מען מאַכט גוטע געשעפטען. איך בין געווען דאָרט, וואו עס איז פינסטער, וואו אָרימע מענשען זיצען און וויינען אינ-דערפינסטער...

—נו!—האָט אויסגערופען דער מלמד.—אָבער ווען איז דאָס היינט אַזוי אומעטיג? היינט איז שבת, איז אומעטום ליכ-טיג און פרעהליך... וואו קאָן עס היינט זיין פינסטער?..

עטליכע דערוואַקסענע מענשען פון דער משפחה האָבען אויפגעהויבען די קעפּ און געפרעגט דאָס אייגענע, וואָס דער מלמד:

—וואו איז מאיר געווען?

מאיר האָט נישט געענטפערט. זיין פּנים מיט די אַראָבגע-לאָזטע אויגען האָט אויסגעדריקט פערלעגענהייט און קווענקלע-ניש.

פלוצלונג האָט איינס פון די מיידלעך, וואָס איז געזעסען ביים צווייטען עק טיש, פרעהליך אויסגעשריען און אַ פּאַטש גע-טהאָן מיט די הענד. דאָס איז געווען יענס מיידעל מיט׳ן שוואַרצ׳-חנ׳עווידיגען פּנים און שטיפערישע שוואַרצע אויגען, וואָס האָט צוגעפיהרט די עלטערבאָבע צום טיש.

—איך וויים, וואו היינט איז פינסטער!

אַלע אויגען זענען אויסגעשטעלט געוואָרען אויף איהר און אַלע האָבען געפרעגט:

—וואו ?

דערזעהן, אַז אַלע קוקען אויף איהר, איז לאה רויט געוואָרען און, אַ פערשעמטע, געענטפערט :

—ביים קאַראַאים, וואָס וואוינט דאָרט, ביים קאַראַאימישען בערגעל.

—מאיר, דו ביזט געווען ביי די קאַראַאימער ?

דידאָזיגע פראַגע האָבען עטליכֿע מענשען געפרעגט אין איין קול, איבערהויפּט אָבער האָט זיך געהערט דער שאַרפער שרייענדיגער קול פון מלמד.

אויף דעם בחור'ס פנים, וואָס האָט ביז אַהער אויסגעדריקט פערלעגענהייט, האָבען זיך איצט געלאָזט מערקען סימנים פון כעס.

—איך בין נישט געווען ביי זיי,—האָט ער איצט געזאָגט העכֿער, ווי פריהער,—איך האָב זיי אָבגעהיט פון אַ גרויסען אָנפאַל.

—פון אַנ'אָנפאַל ? פון וואָסער אָנפאַל ? ווער איז אָנגעפאַלען אויף זיי ?—האָט דער מלמד מיט חוזק געפרעגט.

דאָסמאָל האָט מאיר אויפגעהויבען די אויגען און האָט געקוקט דעם מלמד גלייך אין פנים אַריין.

—ר' משה,—האָט ער געזאָגט,—דו ווייסט, ווער עס איז אָנגעפאַלען אויף זיי. דיינע תלמידים זענען אָנגעפאַלען... אַלע פרייטאָג טהוען זיי עס... און פאַרוואָס זאָלען זיי עס טאַקי נישט טהאָן, בשעת זיי ווייסען...

ער האָט זיך אָבגעהאַקט און אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ. עס איז געווען קענטיג, אַז שרעק און כעס ראַנגלען זיך אין איהם.

—נו, וואָס ווייסען זיי ? פאַרוואָס דערזאָגסטו נישט, מאיר ? וואָס ווייסען זיי ? פאַרוואָס שווייגסטו ? וואָס ווייסען זיי ?—האָט ר' משה געלאַכֿט.

—זיי ווייסען, אַז דו, משה, וועסט זיי לויבען דערפאַר...

דער מלמד האָט זיך אויפגעהויבען אויף אַ שטול מיט ברייט-אָפענע און פינקלענדיגע אויגען. ער האָט אויפגעהויבען זיין טונקעלע און מאָגערע האַנד און געוואָלט עפּיס זאָגען, אָבער

דאָס בחור'ל מיט זיין שענעם שטאַרקען קול האָט איהם דאָס־מאָל געשטערט.

—משה!—האָט מאיר געזאָגט און מיט קענטיגער אָנשטרענגונג זיך געצוואונגען איינצובויגען מיט הכנעה דעם קאָפּ.—משה, איך האָב דרך-ארץ פאַר דיר... דו ביזט געווען מיין מלמד... איך פרעג דיך נישט, פאַרוואָס דו לאָזסט דיינע תלמודים, זיי זאָלען איינדערפינסטער בעפאַלען אָרימע מענשען... אָבער איך קאָן עס נישט צוזעהן... דאָס האַרץ הויבט מיר אָן וועה טהאָן, בשעת איך זעה עס, און מיר דאַכט זיך, אַז פון דידאָזיגע שלעכטע קינדער וועלען אַרויסקומען שלעכטע מענשען. אויב זיי ברעכען איצט די שויבען אין דעם אַלטענס הייזעל און אין די פענסטער וואַרפען זיי שטיינער, וועלען זיי דערנאָך הייזער אונטערצינדען און מענשען דער'הרג'ענען. און ווען איך וואָלט היינט נישט געקומען אַהין און וואָלט זיי נישט בעשיצט, וואָלטען זיי דאָס הייזעל איינגעוואָרפען און די מענשען דער'הרג'עט...

מיט דידאָזיגע ווערטער האָט זיך מאיר אַנידערגעזעצט אויף זיין שטענדיגען אָרט. אויף זיין פנים איז איצט קיין שום זכר נישט געבליבען פון עפּיס שרעק אָדער פערלעגענהייט. ער האָט, אַפּנים, שטאַרק געשפּירט, אַז ער איז גערעכט, ווייל ער האָט זיכער געקוקט אַרום זיך, און בלויז די ליפּען האָבען איהם געציטערט, ווי עס טרעפט שטענדיג מיט אונמיטעלבאַרע און איינדרוקספולע נאַטורען. אָבער אין דער אייגענער מינוט האָט דער אַלטער שאול און זיינע צוויי זיהן אויפגעהויבען די הענד אין דער הויך און אַ געשריי געטהאָן:

—שבת!

זייערע שטימען האָבען פייערליך געקלונגען, אָבער אויף מאיר'ן האָבען זיי געוואָרפען בייזע כעס'דיגע בליקען.

—שבת! שבת!—איז דער מלמד אונטערגעשפּרונגען אויפ'ן שטול און געוואָרפען מיט די הענד.—מאיר, אָנשטאָט דעם צו מאַכען קידוש לכבוד שבת און אָנפילען די נשמה מיט תענוג און אָבגעבען זי אין די הענד פונ'ם מלאך מט"טרון, וואָס בעשיצט יעקב'ס קינדער פאַר גאָט, כדי ער זאָל זי איבערגעבען אין די

הענד פון שר-העולם, דאָס הייסט דעם מלאך איבער אַלע מלאכים, דעם ראש פון דער וועלט, כדי דער שר-העולם זאָל זי איבער-געבען די ספירות, ד. ה. די גרויסע כוחות, וואָס האָבען בעשאַ-פען די וועלט, כדי דידאָזיגע ספירות זאָלען אַוועקטראָגען דיין נשמה צום כסא-הכבוד, אויף וועלכען עס זיצט דער אין-סוף און דאָ זאָל זי זיך בעהעפטען מיט איהם דורך אַ קוש פון אהבה,— אַנשטאָט דעם אַלעם, מאיר, ביזטו אַוועק בעשיצען מענשען פון עפיס אַנ׳אָנפאַל, ביזטו געגאַנגען פערהיטען זייער הויז און זייער לעבען? מאיר! מאיר! דו האָסט מחלל-שבת-געווען! דו בע-דאַרפסט אַוועקגעהן אין בית-המדרש און דאָרט תשובה-טהאָן, ווייל דו האָסט געזינדיגט, מאיר.

דעם מלמד׳ס ווערטער האָבען געהאַט אַ שטאַרקע וויר-קונג אויף אַלעמען—ר׳ שאול און זיינע זיהן האָבען געמאַכט אַ בייזע און אַ שטרענגע מינע, די ווייבער האָבען געגאַפט פון שרעק און אין לאה׳ס שוואַרצע אויגען—זי האָט די ערשטע אויסגעגעבען דעם בירודערס סוד—האָבען געבלישטשעט טרעהרען. בלויז שאול׳ס איידעם, דער ווייכער און בלויאויגיגער, האָט אַזוי ווי מיטגעפיהלט דעם בעל-עבירה׳ניק, און עטליכע יונגעלייט, וואָס זענען געווען אין גלייכע יאָהרען מיט איהם אָדער נאָך יונ-גער פאַר איהם, האָבען איהם אָנגעקוקט מיט נייגיר און פריינד-ליכקייט.

מאיר האָט געענטפערט און דער קול האָט איהם געצי-טערט.

—אין אונזערע הייליגע ספרים, ר׳ משה, אין דער תורה און דער משנה איז גאָרנישט געזאָגט געוואָרען וועגען ספירות און אין-סוף. דערפאַר אָבער שטעהט דאָרט דייטליך, אַז גאָט, וואָס האָט געהייסען אָבהיטען דעם טאָג שבת, האָט דערלויבט צוואַנ-ציג מענשען מחלל-צו-זיין איהם, ווען עס האַנדעלט זיך וועגען מציל-זיין איין נפש.

שוין דאָס אַליין, וואָס ער האָט געפרובט ענטפערן דעם מלמד, אַ מענש אַ למדן און אַ צדיק, די רעכטע האַנד פון ר׳ טודרוס׳ן, איז געווען אַנ׳אונגעהערטע און אויסטערלישע חוצפה,

בפרט נאָך, אַז ער איז נישט איינשטימיג, הגם נישט זעהר קלאָר, מיט דעם מלמד׳ס מיינונגען. ר׳ משה׳ס אַרויסגעשפּאַרטע אויגען זענען שיער נישט אַרויסגעפאַלען פון די אויגענלעכער — אַזוי שטאַרק זענען פערגרעסערט געוואָרען די שוואַרצאַפּלען און מיט אַזאַ צורויצטען בליק האָט ער אָנגעקוקט מאיר׳ס בלאַס פּנים.

—קאַראַאימער!—האָט ער אויסגעשריען; ער האָט זיך אַ וואָרף געטהאָן אויפ׳ן בענקעל און זיך אָנגעכאַפּט פאַר דער באָרד און די האָר פון קאָפּ.—דו ביזט געגאַנגען מציל-זיין די קאַראַאימער, די פערשטויסענע, די נישט-גלויביגע, די אָבגעשיידטע! פאַרוואָס שעכטען זיי חיות און עופות נישט פון פאָרענט, נאָר הינטער׳ן האַלז. פאַרוואָס קאָנען זיי נישט קיין משנה, קיין גמרא און קיין זוהר?

ער האָט זיך געוואָרגען פון כּעס און האָט געמוזט אַנטשווייגען ווערען און דערמיט האָט זיך מאיר בענוצט.

—רבי, זיי זענען זעהר אָרים!

—דער אין-סוף איז אַ נוקם ונוטר!

—דער המון רודפ׳ט זיי שרעקליך!

—דער אונוויסענדיגער פערפאָלגט זיי!

—דער אויבערשטער הייסט נישט פערפאָלגען. רב הונה האָט געזאָגט: אויב דער פערפאָלגער איז גערעכט און דער פערפאָלגטער איז אַ פערברעכער, שטעלט זיך דאָך דער אויבערשטער אויף דער זייט פון פערפאָלגטען.

אַ פייערדיגע רויטקייט האָט זיך בעוויזען אויף ר׳ משה׳ס באַקען.

זיינע אויגען האָבען פּשוט געפרעסען דאָס בלאַסע פּנים פונ׳ם בחור׳ל. אָבער דאָס בחור׳ל האָט איצט אַליין פייערדיגע און העזה׳דיגע בליקען און אויף זיינע ליפּען האָבען געציטערט איינגעהאַלטענע, נישט קיין אַרויסגעזאָגטע ווערטער.

דער עולם האָט ממש געכאַפּט פון שרעק און פּערדרוס, אינ׳ם וכּוח מיט׳ן מלמד האָבען מאַנכע געזעהן אַ זינד, אַנדערע— אַ סכּנה פאַר׳ן חוצפה׳דיגען בחור׳ל אָדער אַפילו פאַר דער גאַנצער משפחה.

כון אונטער שאול׳ס גרויע ברעמען איז געפאַלען אויפ׳ן אייניקעל אַ בייזער בליק און ער האָט אַ שעפּטשע געטהאָן
—שאַ-אַ!

מאיר האָט אָנגעבויגט דעם קאָפּ מיט הכנעה און געהאָר-זאַמקייט פאַר׳ן זיידען, אָבער איינער פון שאול׳ס זיהן, וואָס האָט געוואָלט אויסוויכערן ר׳ משה׳ס גרימצאָרן, האָט איהם אַ פרעג געטהאָן, וואָס איז דער אונטערשייד צווישען תּלמוד, זוהר און קבלה און צי בעדאַרף אַ פרומער מענש האַלטען מעהר פון דעם ערשטען אָדער ער בעדאַרף מעהר האַלטען פון קבלה.

אויסגעהערט דידאָזיגע פראַגע, האָט דער מלמד ברייט פו-נאַנדערגעשטעלט די עלענבויגענס אויפ׳ן טיש, אויסגעשטעלט די אויגען צו דער וואַנד און מיט אַ מינע פון אַ שטאַרק פערטראַכ-טען מענשען האָט ער גענומען ריידען לאַנגזאַם און פייערליך:

—ר׳ שמעון בן-יוחאי, וואָס האָט אַמאָל-אַמאָל געלעבט און וואָס האָט געוואוסט אַלץ, וואָס עס קומט-פאָר אויפ׳ן הימעל און אויף דער ערד, האָט געזאָגט, אַז דער תּלמוד איז אַ געמיינער קנעכט און אַז די קבלה איז אַ גרויסע קעניגין. מיט וואָס איז אָנגעפילט דער תּלמוד? מיט נאַרישקייטען און נישט ווילכטיגע זאַ-כען. ער לערנט אונז, וואָס איז ריין און וואָס איז נישט ריין, וואָס איז פערבאָטען און וואָס איז דערלויבט, וואָס איז עניות און וואָס איז נישט עניות. אָבער מיט וואָס איז אָנגעפילט דער זוהר, דער ספר פון ליכט, פון קבלה? דער זוהר איז אָנגעפילט מיט די גרעסטע לעהרעס וועגען גאָט און זיינע ספירות. דער זוהר ווייס אַלע זייערע נעמען און ווייזט אונז וואָס זיי טהוען און ווי אַזוי זיי בעשאַפען וועלטען. דאָרט שטעהט געשריבען, אַז גאָט הייסט אין-סוף, אַז זיין צווייטער נאָמען איז נוטריקין און דער דריטער נאָמען—גימטריא און נאָך נעמען. און די ספירות, די גרויסע הימעל-כוחות, ווערען אָנגערופען: מענשליכער קוואַל, כלה, ווייסער קאָפּ, גרויס פנים, קליין פנים, שפּיגעל, הימעל-טרעפּעלע, ערד-טרעפּעלע, ליליע און עפּעל-סאָד. און גאָט הייסט ביי יודען פאָטער. דער גאָט אין-סוף האָט נישט בעשאַפען די וועלט. די וועלט האָבען בעשאַפען די ספירות.

דער מלמד האָט געענדיגט, טיף אָבגעאָטעמט, אַראָבגעלאָזט די אויגען צו דער ערד און איז אַזוי ווי פּלוצלונג אַראָבגעפאַלען פון די הויכע מיסטישע בערג-שפּיצען אין די טאָלען פון דער ווירקליכקייט. אויף זיין טעלער איז געלעגען אַ שטיקעל פיש, זעהר גוט צוגעריכט מיט געווירצען, און כאָטש דער מלמד איז געווען אַ יוד אַנ׳אַסקעט, וואָס האָט נישט געהאַלטען פון עסען, האָט ער אָבער זעהר ליב געהאַט די שבת׳דיגע מאכלים און האָט געגעסען איבער די כוחות, ווייל ער איז געווען זיכער, אַז שבת בעדאַרף זיך פרעהען די נשמה און דער גוף, פונקט ווי ביידע געניסען גרויס תענוג פון לאַנגע און הייסע תפילות. מיט שוואַרצע הענד האָט ער געכאַפּט די בע׳טעמ׳טע שטיקעלעך פיש און געטראָגען זיי אין מויל אַריין און בעת-מעשה איז איהם דאָס פּנים פערגאָסען געווען מיט אַ שמייכעל און די אויגען האָבען געבּרענט מיט עקסטאַז. אַלע אַרום האָבען געשוויגען. דעם מלמד׳ס ווערטער האָבען געמאַכט אַ שטאַרקען רושם אויף אַלעמען. דער אַלטער שאול האָט איהם געהערט מיט גרויס יראה. די טיפע קנייטשען, וואָס האָבען דורכגעשניטען זיין שטערען, האָבען עטליכע מאָל אַ ציטער געטהאָן אונטער דעם איינפלוס פון עפּיס אַ געהיימען פּחד. זיינע זיהן האָבען פערטראַכט געקוקט צום טיש, פערזונקען אין ר׳ משה׳ס קלוגע ווערטער, און האָבען געזוכט עפּיס אַ וועג צו דידאָזיגע טיפע סברות און הויכע געדאַנקען. די ווייבער האָבען מיט אַ פרומער מינע געהאַלטען די הענד אויפ׳ן האַרצען, די קעפּ אַראָבגעלאָזט אין דער זייט און האָבען מיט התפּעלות שטיל געשעפּטשעט:

— אַ יוד אַ למדן! אַ יוד אַ למדן! אַ פרומער יוד! אַנ׳אמת׳ער תּלמיד פונ׳ם גרויסען ר׳ יצחק׳ן.

אָבער ווען עמיצער וואָלט זיך פון דער זייט צוגעקוקט צו די פּנימ׳ער, וואָס זענען געזעסען ביים טיש, וואָלט ער אַודאי בעמערקט די צוויי בליקען, וואָס האָבען זיך שנעל און אונבעמערקט איינגעשניטען אין איינאַנדער, בשעת דער מלמד האָט גערעדט. דאָס איז געווען בער און מאיר. דער ערשטער האָט געקוקט טרויעריג, דער צווייטער האָט מיט זיין בליק אויסגע-

דריקט האָס און חוזק. בשעת דער מלמד האָט גערעדט וועגען לויתן, וואָס איז אַזוי גרויס, אַז די גאַנצע וועלט האַלט זיך אויף איהם און וואָס אַז משיח וועט קומען, וועלען איהם די חכמים עסען פון קאָפּ און די עם-הארצים—פון עק, איז איבער מאיר׳ס דינע קלוגע ליפּען דורכגעלאָפען אַ שמייכעל. דערדאָזי-גער שמייכעל איז געווען עהנליך צו אַ שטאָך פון אַ חלף. ער האָט זיכער אַ שטאָך געטהאָן דעם, וואָס אויף זיינע ליפּען האָט זיך בעוויזען דער שמייכעל, אָבער ער האָט, וואַהרשיינליך, אויך געוואָלט איינשטעכען דעמיעניגען, וואָס האָט אַרויסגערופען דעמ-דאָזיגען שמייכעל. בער האָט איהם בלויז געענטפערט מיט אַ זיפץ. אָבער איניגע יונגעלייט, וואָס זענען געזעסען קעגענאיבער, האָבען בעמערקט דעם שמייכעל, וואָס האָט זיך נאָכדעם אָבגע-שפּיגעלט אויף זייערע פּנים׳ער. נאָך אַ מינוט שווייגען, וואָס איז איבערגעריסען געוואָרען דורכ׳ן קלאַפּען פון מעסער און לעפעל און דעם מלמד׳ס ווילד קייען, האָט זיך דער אַלטער שאול אָנ-גערופען:

—דאָס, וואָס ר׳ משה האָט אונז דאָ געזאָגט, איז פער-וויקעלט מיט הויכע טיפע סברות, און דערפאַר קומט איהם אַ גרויסען יישר-כוח! איהר הערט אונזערע חכמים, וואָס האַלטען-אונטער דעם כבוד און די שטאַרקייט פון פאָלק ישראל, וואָרום עס שטעהט געשריבען: „די חכמים זענען די זיילען פון דער וועלט.״ ווער עס שעצט און אַכפּערט זיי און לערנט זיך ביי זיי חכמה, דעם וועט פערגעבען ווערען אַלע זיינע זינד אויף יענער וועלט.

ר׳ משה האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ איבער׳ן טעלער און אַרויסגעזאָגט מיט אַ פולען מויל:

—די גוטע מעשים פון אַ מענשען פיהרען שטענדיג צו מחילה און גנאָד. זיי ענטפּלעקען פאַר איהם די סודות פון הי-מעל און ערד און טראָגען-אַוועק זיין נשמה צו די ספירות.

נאָך דידאָזיגע ווערטער האָט דער עולם געשוויגען מיט יראה, אָבער אין עטליכע מינוט ארום האָט זיך דערהערט בחור׳ס צאַרטער קול:

—ר׳ משה, וואָס הייסט טהאָן אַ גוטע זאַך? וואָס בעדאַרף מען טהאָן, בכדי צו פערהיטען די נשמה פון זינד און געניסען פון מחילה און גנאָד?

דער מלמד האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ און אַ קוק געטהאָן אויף מאיר׳ן. זיינע גרויע אויגען האָבען געברענט מיט ווילדען גרימצאָרן. אָבער אין דעם בחור׳ס שוואַרצאַפּלען האָבען געשפּילט זילבערנע פונקען פון איינגעהאַלטענעם שמייכלען.

—מאיר, ביזט מיין תלמיד, און דו קאָנסט נאָך פרעגען אַזוינע קשיות? האָב איך דיר דען נישט געזאָגט און נישט איבערגע׳חזר׳ט הונדערטער מאָל, אַז דאָס בעסטע פאַר׳ן מענשען איז לערנען? ווער עס טהוט אַזוי, דער וועט קומען צו מחילה, און דער, וואָס טהוט נישט אַזוי, וועט פערשאָלטען און אַרויסגעשטויסען ווערען פון ישראל׳ס הויז, הגם זיינע הענד װעלען זיין ריין און ווייס, ווי שניי.

געזאָגט דידאָזיגע ווערטער, האָט ער זיך געווענדט צו שאול׳ן, אָנווייזענדיג מיט אַ שוואַרצען פינגער אויף מאיר׳ן און געזאָגט:

—ער ווייס גאָרנישט און פערשטעהט גאָרנישט. ער האָט שוין פערגעסען אַלץ, וואָס ער האָט אַמאָל געלערנט.

דער אַלטער האָט לייכט אָנגעגנויגט זיין געקנייטשטען שטערען צום מלמד. ער האָט געוואָלט שלום-מאַכען צווישען זיי און געזאָגט:

—זיי איהם מוחל, רבי, ער איז נאָך אַ קינד! אַז ער וועט קליגער ווערען, וועט ער איינזעהן, אַז זיינע לעפצען האָבען גערעדט העזה׳דיגע זאַכען, אַז ער האָט זיך דערוועגט צו שפּאַרען מיט זיין רבי׳ן, און ער וועט זיכער זיין אַ פרומער און אַ וואויל-לערנער, ווי די אַלע, וואָס געהערן צו אונזער משפחה...

דער אַלטער האָט זיך אויסגעגלייכט. די אויגען, וואָס זענען שטאַר געוואָרען פון אַלטקייט, האָבען איצט געלויכטען מיט שטאָלץ.

—הערט נאָר, מיינע קינדער, אייניקלעך און אוראייניק-

לעך!—האָט ער אַרויסגעזאָגט.—אונזער משפחה, די משפחה פון די יעזעפאָוויטשעס איז נישט עפּיס אַבי אַ משפחה! מיר האָבען, גאָט צו דאַנקען, אַ סך געלד אין אונזערע קאַסטענס און איבער די טייכען שווימען אונזערע געהילצען, אָבער גרויסע אוצרות האָבען מיר אויך אין עבר. דער עלטערזיידע אונזערער איז געווען אַ סעניאָר, דער עלטסטער איבער אַלע יודען, וואָס האָבען געלעבט אין דעמדאָזיגען לאַנד, און דער קעניג האָט איהם זעהר ליב געהאַט. מיין פאָטער הערש, דער גרויסער הערש, איז געווען בעפריינדעט מיט די גרעסטע לייט, און זיי האָבען איהם אַריינגעזעצט אין זייערע קאַרעטעס און געפיהרט איהם צום קעניג אין סיים, וואָס איז דעמאָלט געזעסען אין וואַרשאַ...

דער אַלטער האָט אַ מינוט געשוויגען און בעטראַכט דעם עולם מיט ליכטיגע בליקען פון שטאָלץ און פייערליכקייט. די פייגעוועזענע האָבען נישט אַראָבגענומען די אויגען פון איהם. דער מלמד אָבער האָט אויסגעוויזען טריב און האָט לאַנגזאַם געטרונקען זיין וויין פונ׳ם גרויסען בעכער. די אַלטע דרעמלענ-דיגע עלטערבאָבע האָט זיך פּלוצלונג אויפגעכאַפּט מיט פינקלענ-דיגע געלע אויגען אונטער ציטריגע ברעמען און האָט אַרויסגע-וואָגט הויך, אָבער מיט אַ קול אָהן אַ שום קלאַנג:

—הערש! הערש! מיין הערש!

אין אַ ווײַלע אַרום האָט שאול ווייטער געזאָגט:

—אין אונזער משפחה איז פאַרהאַן אַ גרויסער אוצר, אַזאַ אוצר, וואָס איז נישט צו געפינען ביים גאַנצע פאָלק ישראל. דאָס איז די צוואה, וואָס מיכל סעניאָר האָט איבערגעלאָזט. דאָרט ליגען גרויסע חכמות... ווען מיר וואָלטען געפינען דידאָזיגע קלוגע צוואה, וואָלטען מיר געקאָנט זיין זעהר גליקליך. אָבער דאָס איז די צרה, וואָס מיר ווייסען נישט, וואו זי ליגט...

באַלד ווי שאול האָט גענומען ריידען וועגען דער וואונ-דערליכער צוואה, זענען צוויי פּאָר אויגען פערגאָסען געוואָרען מיט צוויי בעזונדערע פייערן. דער מלמד און מאיר—ביידע האָ-בען שאַרף אָנגעקוקט דעם אַלטען שאול׳ן, אָבער איינער האָט שטיל און גיפטיג צוגעלאַכט און דער צווייטער איז געווען זעהר

אונגעדולדיג און אויפגערעגט.

—דידאָזיגע צואה,—האָט שאול ווייטער געזאָגט,—איז גע-לעגען פערבעהאַלטען גאַנצע צוויי הונדערט יאָהר, און קיינער האָט זיך נישט צוגעריהרט צו איהר. אָבער אין צווייהונדערט יאָהר אַרום האָט זי מיין פאָטער הערש געפונען. קיינער ווייס נישט, וואו ער האָט זי געפונען, אויסער דער עלטערבאָבען...

ער האָט אַ וויז געטהאָן מיט׳ן פינגער אויף דער באָבען און פערענדיגט:

—בלויז זי אַליין ווייס, וואו ער האָט פערבעהאַלטען די-דאָזיגע צואה, אָבער זי האָט קיינעם נישט געזאָגט דערפון...

—פאַרוואָס-זשע האָט זי קיינעם נישט געזאָגט?—האָט דער מלמד אַ פרעג געטהאָן אין בעת-מעשה שטיל און גיפטיג צוגע-שמייכעלט.

שאול האָט געענטפערט מיט אַ טרויעריגען קול:

—ר׳ נחום טודרוס ז״ל האָט איהר פערבאָטען צו ריידען דעריבער.

—און פאַרוואָס האָט איהר, ר׳ שאול, אַליין נישט געזוכט דאָסדאָזיגע צואה-פאַפירל?

ר׳ שאול האָט נאָך טרויעריגער געענטפערט:

—ר׳ ברוך טודרוס, ר׳ נחום׳ס זוהן, און ר׳ יצחק,—לאַנגע יאָהר זאָל ער לעבען—ר׳ ברוכ׳ס זוהן, האָבען מיר פערוועהרט צו זוכען.

—טאָ זאָל זי טאַקי קיינער נישט זוכען!—האָט דער מלמד מיט אַלע כּוחות אויסגעשריען און אויפגעהויבען אין דער-הויך אַ האַנד, אין וועלכער עס האָט געשטעקט אַ גאָפעל.—זאָל קיינער נישט זוכען דאָסדאָזיגע פאַפירל, ווייל דאָס איז אַ שטיק אַפּיקורסות און געמיינהייט! ר׳ שאול! הייסט אייערע קינדער, אייניקלעך און אוראייניקלעך, זיי זאָלען עס נישט זוכען, און אויב זיי וועלען עס געפינען, זאָלען זיי עס אַריינוואַרפען אין פייער! וואָרום אויב עמיצער וועט יאָ אַמאָל געפינען דידאָזיגע צואה און וועט זי פאָרלייענען פאַר׳ן פאָלק, וועט ער אַריינגענומען ווע-רען אין חרם און וועט אַרויסגעשטויסען ווערען פון ישראל׳ס

הויז. אַזוי האָבען געזאָגט ר׳ נחום און ר׳ ברוך ז״ל. אין אַזוי זאָגט אויך ר׳ יצחק—הונדערט יאָהר זאָל ער לעבען! אומגליק און חרם וועט די צואה ברענגען יענעם, וואָס וועט זי געפינען.

נאָך דעם מלמד׳ס ווערטער, וואָס זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרען מיט גרויס ברען און פייער, איז אַלץ שטיל געוואָרען, און אין דעמדאָזיגען שטילשווייגען האָט זיך דערהערט אַ לאַנגער און אַ ציטריג-ליידענשאַפטליכער זיפץ.

אַלע האָבען זיך אומגעקוקט. מען האָט געוואָלט זעהן, ווער האָט עס אַזוי אָבגעזיפצט, אָבער מען האָט נישט געוואוסט, ווער. מען האָט בלויז בעמערקט, אַז מאיר שטעהט גלייך אויסגעצויגען, מיט אַ בלאַסען פנים, מיט ברענענדיגע אויגען און קוקט שאַרף דער עלטערבאָבען אין פנים אַריין. די באָבע האָט אַזוי ווי געשפּירט דעמדאָזיגען בליק פונ׳ם געליבטען אוראייניקעל, האָט זי אויפגעהויבען איהרע אַלטע אויגען און אַרויסגעזאָגט:

—מאיר?

—באָבע!—האָט ער זיך אָנגערופען און זיין קול האָט זעהר צאַרט געקלונגען.

—קינד-לעבען!—האָט די אַלטע אַרויסגעשעפּטשעט און איז פון דאָסניי אַנטדרעמעלט געוואָרען מיט אַ גליקליכען שמייכעל.

דער עולם האָט שוין כמעט ווי אָבגעעסען, אָבער ביים טיש איז איצט פאָרגעקומען עפּיס אַזוינס, וואָס וואָלט פאַר זייטיגען אויסגעוויזען זעהר משונה. פאַר די הויזיגע איז עס אָבער געווען זעהר אַ געוועהנליכע זאַך.

ר׳ משה, וואָס זיין שוואַרץ פנים האָט ממש ... פונ׳ם ווייַן, וואָס ער האָט געטרונקען, האָט זיך האַסטיג געטהאָן פון זיין אָרט און מיט אַן׳אויפגעהויבענעם קאָפּ האָט גענומען שפּרינגען, טאַנצען און שרייען אין מיטען צימער.

—שבת! שבת!—האָט ער געשריען און געטרויסעלט מיט די אַקסלען און קאָפּ.—שמחה! שמחה! דער גאַנצער הימעל טאַנצט און זינגט און פרעהט זיך!

דוד המלך האָט אויך געטאַנצט און געזונגען פאַר׳ן ...

הקודש, טאָ פאַרוואָס זאָל אַ פרומער יוד נישט טאַנצען און שפּרינגען און נישט אָנפילען זיין האַרץ מיט תענוג לכבוד שבת?

האָט ער געטאַנצט און געשפּרונגען אַרום טיש, זיך אָנגעבויגט און צוגעזעצט צו דער ערד און נאָכדעם אַלץ מעהר און מעהר אויפגעהויבען זיינע אַקסלען און פּנים. זיינע שווערע נאַקעטע פיס האָבען זיך אַלץ שטאַרקער און שווערער געפּלאָנטערט אונטער דעם איינגען לייווענדענעם כאַלאַט, און די פּאָדלאָגע האָט געציטערט אונטער זיי.

יעדער זייטיגער מענש וואָלט זיך מיט גרויס אינטערעס צוגעקוקט צו די אַלע, וואָס האָבען בייגעלעבט דעמדאָזיגען ווילדען טאַנץ. דער אַלטער שאול און זיינע זיהן האָבען זעהר ערנסט געקוקט אויף דעם טענצער. זייערע ליפּען האָבען גאָר נישט אַ ציטער געטהאָן פון עפּיס אַ לייכטען שמייכעלע. עס האָט אויסגעוויזען, אַז זיי קוקען אויף דעם מגושמ׳דיגען טאַנץ פון מלמד אַזוי, ווי עס קוקען פרומע מענשען אויף מיסטישע און סודות׳פולע, אָבער הייליגע מנהגים.

אמת, אין ר׳ שאול׳ס אַלטע אויסגעלעבטע, אָבער נאָך קלוגע אויגען פלעגט טיילמאָל אויפפלאַמען עפּיס אַ פייערל, ווי פון עפּיס אַ פערבאָרגענעם חוזק-שמייכעלע, אָבער קיינער האָט עס נישט געקאָנט בעמערקען, ווייל דער אַלטער האָט בעדעקט די אויגען מיט זיינע אָבגעבליאַקירטע ווייעס. דער העלבלאָנדער בער איז געזעסען גלייך אויסגעצויגען און האָט געקוקט זעהר ערנסט. אָבער זיין שטערען האָט זיך אַזוי ווי געקנייטש פון וועהטאָג און געקוקט האָט ער צו דער ערד. מאיר האָט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף דער האַנד און האָט, דאַכט זיך, גאָר נישט געהערט און געזעהן אָדער ער האָט זיך געמאַכט נישט־זעהענדיג. דערפאַר האָבען זיך די פרויען שטאַרק ענטציקט מיט דעם מלמד׳ס טאַנצען, האָבען זיך געוויגט אין טאַקט פון זיינע שפּרינגענדיגע פיס, געצויגען מיט די ליפּען און זיך דורכגעוואָרפען מיט התפעלות׳דיגע בליקען. ביי דעם צווייטען עק טיש, וואו עס איז געזעסען דאָס יונגוואַרג—יונגלעך און רויטבעקעלדיגע מיידלעך האָט זיך געהערט אַ שעפּטשען און אַ פערשטיקט

לאַכען. ר׳ משה האָט זיך פּאָרט איינגעמאַטערט, זיינע כּוחות האָבען זיך אויסגענומען, און זיין גוף, וואָס האָט שטאַרק געציטערט פון הייליגען עקסטאַז, איז שווער אַנידערגעפאַלען ביים גרויסען אויוועון פון גרינע קאַכעל. ער האָט זיך אָבער באַלד אויפגעהויבען, זיך הויך צולאַכט און גענומען מיט׳ן אַרבעל פון דעם גראָבען און האַרטען העמד אויסווישען דעם שווייס, וואָס איז איהם געשטאַנען אין גרויסע טראָפּענס אויפ׳ן שטערען און אויפ׳ן פּנים.

פון טיש האָט זיך אויפגעהויבען שרה, ר׳ שאול׳ס טאָכטער און צו אַלעמען צוגעטראָגען אַ קרוג מיט אַ זילבערנעם טאַז. דער עולם האָט צעוואַשען די הענד, געמאַכט אַ ברכה און אויסגעווישט די הענד מיט׳ן האַנדטוך, וואָס איז געהאָנגען ביי שרה׳ן אויפ׳ן אַרבעל. דערדאָזיגער האַנדטוך איז געווען ווייס, ווי שניי, מיט אויסגענייהטע ברעגען.

די שבת-סעודה האָט זיך געענדיגט.

אין עטליכע מינוט אַרום איז פון טיש אַראָבגענומען געוואָרען אַלץ, וואָס דאָרט איז געשטאַנען. דער עולם האָט זיך צוטיילט אויף עטליכע גרופּעס און אָנגעפילט דאָס צימער מיט קולות און פרעהליכע שמועסען.

מאיר איז אַ ווילע געשטאַנען פערטראַכט און געקוקט אינ׳ם טונקעלען דרויסען. נאָכדעם איז ער צוגעגאַנגען צו דער סאַמע עלטסטער און ערנסטער גרופּע, וואָס האָט זיך פערזאַמעלט אויף אַנ׳אָנגעזעהענעם אָרט פון צימער, וואו עס איז זעשטאַנען אַנ׳אַלטמאָדישער דיוואַן מיט אַ גרויסען געלבען ווענדטעל. אַברהם און רפאל, ר׳ שאול׳ס זיהן, און זיין איידעם בער האָבען איהם איצט אָבגעגעבען אַ חשבון פון די אַלע געשעפטען, וואָס זיי האָבען געפיהרט די גאַנצע וואָך, און האָבען ביי איהם אויך געפרעגט אַנ׳עצה וועגען מאַנכע ענינים*). עס זענען אָנ-

---

*) דער מחבר איז זיך דאָ, ווי אין אַ סך אַנדערע ערטער, שטאַרק טועה. שבת רעדט אַ יוד נישט פון געשעפטן.

דער איבערזעצער.

גערופען געוואָרען פערשידענע ציפער און סומעס געלד, וואָס זענען בעצאָהלט געוואָרען פאַר פאַרטיעס תבואה, און שנעל האָבען זיך בעוועגט די פינגער פון עטליכע פּאָר הענד. אַז עס זענען דערמאָהנט געוואָרען די פּאָרטען אין אויסלאַנד און די דאָרטיגע פרייזען פון תבואה און געהילץ, זענען די אויגען אָנגעצונדען געוואָרען מיט האָפנונג און שרעק אָדער מיט דער גיריגקייט צו פּאַקען אַ פערדינסטעל. עס איז געווען קענטיג, אַז דער אַלטער שאול האָט זיך ערשט געפונען אין זיין ריכטיגער מטיכיע... די הויכע און טיפע סברות פון די מיסטישע חכמים האָבען אַפילו דערוועקט אין איהם אַכטונג און פחד, אָבער די וועלט פון געשעפטען איז איהם אַזוי ווי נעהנטער געווען, נעהנטער, לעבעדיגער און בעקאַנטער. זיינע אויגען, אין וועלכע עס האָט געלויכטען עפּיס אַנ׳ענערגישער און אַ לעבעדיגער געדאַנק, זענען שוין נישט געווען שטאַר און אַלט, און בלויז זיינע ווייסע האָר און די לאַנגע ווייסע באָרד האָבען איהם צוגעגעבען דעם רייץ פון אַנ׳עלטסטען און אַ ראש פון דער משפּחה, וואָס אַלע ווילען הערען זיין עצה און אַ גוט וואָרט.

עטליכע מינוט צייט איז מאיר געשטאַנען מיט אַ גלייכגילטיגען פּנים צווישען דידאָזיגע מענשען, וואָס האָבען זיך געאַמפּערט וועגען האַנדעל, פּרנסה און היזק. עס האָט זיך געלאָזט מערקען, אַז אין דידאָזיגע ענינים האָט ער זיך קיינמאָל פערזענליך נישט בעטייליגט און אַז זיין אונמיטעלבאַרע נאַטור איז נאָך קיינמאָל נישט בעריהרט געוואָרען פונ׳ם האַנדעל-פיבער. ער האָט עטוואָס געגאַפּט, קוקענדיג אויפ׳ן פלעגמאַטישען בער׳ן, וואָס האָט זיך אין דערדאָזיגער מינוט פערוואַנדעלט אין גאָר אַנ׳אַנדער מענשען. דערצעהלענדיג דעם שוועהר פון זיינע אונטערנעהמונגען, האָט ער איהם געפּרובט איבערצייגען, אַז ער מוז מאַכען אַ היבשע הלואה ביי זיין ווייבס ברידער און דערביי האָט ער געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ בעוועגליכען און היציגען מענשען, וואָס האָט אַ גלאַט צינגעל. זיינע אויגען האָבען געברענט, די ליפּען האָבען זיך שנעל בעוועגט, די הענד האָבען געציטערט.

מאיר איז צוגעגאַנגען צו אַ צווייטער גרופּע.

אין דערדאָזיגער גרופּע, וואָס האָט זיך פּערזאַמעלט ביים צווייטען עק טיש, בעדעקט מיט אַ ווייסער סערוועט, האָט גע-וועלטיגט דער מלמד. ער האָט, ווי זיין שטייגער איז, פונאַנ-דערגעשטעלט די עלענבויגענס אויפ׳ן טיש און האָט פייערליך גע׳דרש׳ענט. דער עולם האָט זיך צוגעהערט מיט גרויס ערנסט.

—אַלץ, וואָס איז פאַרהאַן אויף דער וועלט: יעדער מענש און יעדע חיה און יעדעס גרעזעל און יעדער שטיין האָט זיין שורש דאָרט, אין דער-הויך, אין דער וועלט פון רוחניות, און דעריבער איז די גאַנצע וועלט אַזוי ווי אַ גרויסער בוים, וואָס זיינע וואָרצלען געפינען זיך אין דערדאָזיגער רוחניות-וועלט.

מאיר איז אַוועק פון דער גרופּע, וואָס האָט געהערט דעם מלמד און איז צוגעגאַנגען צום פענסטער. דאָרט האָבען צוויי יוגעלייט מיט אַראָבגעלאָזטע קעפּ אויף די הענד געשמועסט מיט גרויס ערנסט וועגען דעם, אַז אַ מענש, וועלכער געהט, ווי עס שטעהט געשריבען, אין אַ יום-טוב׳דיגער נאַכט און זעהט נישט זיין אייגענעם שאָטען, וועט שטאַרבען אין דעם אייגענעם יאָהר.

מאיר האָט זיך אַרומגעקוקט. אין אַ דערבייאיגען צימער האָבען עלטערע פרויען הויך געשמועסט פון זייער בעל-הבית׳יש-קייט און פון זייערע אונגעוועהנליך קלוגע קינדער. יונגע מייד-לעך זענען אין ווינקעל צימער געזעסען אויף די פּיאַטעס, פו-נאַנדערגעפּלאָנטערט זיך די לאַנגע צעפּ, געלאַכט און שטיל גע-זונגען.

אויף מאיר׳ס פּנים איז געווען קענטיג, אַז קיין איין גרו-פּע האָט איהם נישט געצויגען צו זיך. ער האָט זיך דאָ געפו-נען צווישען זיינע אייגענע, צווישען יענע, וואָס ער איז מיט זיי געווען פערבונדען מיט׳ן האַרץ און בלוט, און דאָך... מען האָט געקאָנט זאָגען, אַז ער האָט זיך געפונען אין אַ מדבר— אַזוי איינזאַם און עלענד איז ער געשטאַנען אינמיטען צימער מיט אַ טרויעריגען און מידען בליק. און אַ מינוט אַרום איז ער

שוין נישט געווען אין צימער. ער איז אַראָב פון גאַניקעל און איז אַוועק איבער דעם פינסטערן מאַרק צו ר׳ יאַנקעלס לאַנגען און שמאָלען הויז.

* * *

נאָך דעם זיידענס רייך-בעלוכטענע, גרויסע ריינע און שענע צימערן, האָט דאָס הויז פון ר׳ יאַנקלען, וואָס האָט גע-האַט די גרעסטע אַכסניא אין שיבאָוו און וואָס האָט דערצו גע-האַנדעלט מיט בראָנפען און איז אויך געווען אַ מיטגליד אין קהל, בעדאַרפט אויסזעהן מאיר׳ן זעהר איינג, מאוס, שמוציג און פינסטער. ביי ר׳ שאול׳ן האָט מען ערשט נישט לאַנג אָבגעגע-סען, אָבער דאָ האָט מען שוין אַראָבגערוימט פון טיש נאָך דער אָרימער פרייטאָג-צו-נאַכטס-וויעטשערע, וואָס איז געפראַוועט גע-וואָרען ביי אַ טריבען שטיל-שווייגען אָדער ביי אַ זידלעריי צווי-שען איינאַנדער. איבעריגענס, האָבען אַלע געוואוסט, אַז ר׳ יאַנ-קעל איז געווען זעהר קאַרג און האָט געשפּאָרט געלד. ווענען דער שטוב האָט ער זיך ווייניג מצער-געווען. אינדערהיים האָט ער זעלטען פערבראַכט, ווייל ער האָט זיך על-פּי-רוב בעשעפטיגט מיט די אַרענדעס פונ׳ם בראָנפען און קרעטשמעס אין די אַרו-מיגע דערפער, און אין שטעדטעל פלעגט ער זיך ווייזען נאָר דעמאָלט, ווען דאָס האָבען געפאָדערט די רעליגעזע אָדער די קהל׳שע ענינים. זיין ווייב יענטע און די צוויי דערוואַקסענע מיידלעך האָבען געפיהרט די אַכסניא, און געטהאָן אַלץ, וואָס אַזאַ אונטערנעהמונג האָט געפאָדערט.

פון די טומעלדיגע שמועסען, וואָס פלעגען אָנפילען די חדרים פון די יעזעפאָוויטשעס, האָט מען דאָ נישט געוואוסט. עפּיס אַ שטיקעל גערויש פלעגט דאָ ווערען נאָר דעמאָלט, ווען ר׳ יאַנקעל פלעגט אויפנעהמען געהויבענע געסט: דעם רב, וואָס האָט איהם זעהר ליב געהאַט, זיינע קהל-לייט אָדער זיינע חברים. שמחה און זויבערקייט זענען אָבער געווען זעלטענע געסט אין דערדאָזיגער שטוב.

אין דעם ערשטען צימער, וואוהין מאיר איז אַריין דורך דער טיר, וואָס האָט געפיהרט פונ'ם גרויסען שוואַרצען אַלכסניא-פּאָרהויז, האָט דערברענט דאָס לעצטע שטיקעל ליכט אין אַ פערשמאָלצענעם מעשענעם לייכטער. דאָ איז געווען שטיל און לעדיג. אין דעם צווייטען צימער, וואו דאָס ליכט איז שוין אויסגעגאַנגען, האָט שטאַרק געכראָפּעט דער בעל-הבית. אין דעם דריטען צימער, וואָס איז געווען פערשטעלט פון בעטען און קאַסטענס אַזוי, אַז מען האָט מיט גרויס מאַטערניש געקאָנט אַדורכגעהן צווישען זיי, האָט מאיר ביים שיין פון אַ קליין לעמפּעלע, וואָס איז געשטאַנען אויפ'ן אויווען, פערהאָנגען מיט שמאַטעס, בעמערקט עפּיס אַ פרויען-געשטאַלט. זי האָט מיט'ן פוס געוויגט אַ וויגעלע, שטיל צוגעזונגען און זיך געסטאַרעט איינצו-שלעפערן דאָס וויינענדיגע קינד. מאיר האָט זי פריינדליך בע-גריסט. זי האָט איהם געענטפערט און באַלד דערויף ווידער פער-זונקען אין איהר אַרבייט ביי אַ מעסיגען קלאַפּען פון דער וויג און ביים כראָפּען פון עטליכע פאַרשוינען אין דעמדאָזיגען צי-מער.

הינטער אַ נידעריגער טיר האָבען זיך דערהערט עטליכע מאַנסבילשע שטימען. מאיר האָט זי געעפענט און איז אַריין אין צימער פון אליעזר דעם חזן, וואָס האָט געהאַט אַ ווייס גע-זיכט און אַ וואונדערליכען קול.

אליעזר איז נישט אַליין געווען אין צימער. ביים טיש, אויף וועלכען עס האָט געברענט אַ געל ליכטעל, זענען געזעסען עטליכע יונגעלייט, וואָס האָבען אָנגעהערט צו דער פאַמיליע יע-זעפאָוויטש און וואָס זענען פריהער צוזאַמען מיט מאיר'ן געזעסען ביים טיש. מאיר האָט דאָ פרייער אָבגעאָטעמט אפשר דערפאַר, ווייל די לופט איז דאָ נישט געווען אַזאַ שווערע, ווי אין די איבעריגע חדרים, אָדער דערפאַר, ווייל ער האָט דאָ געזעהן זיינע געליבטע חברים, וואָס האָבען איהם אויך אָנגעקוקט מיט גרויס ליבע. אליעזר האָט אויפגעהויבען זיינע גרינליכע אויגען אויף דעם גאַסט און דער לעצטער האָט זיך שטיל אַנידערגע-זעצט ביים טיש.

—מאיר,—האט ער ווייך ארויסגעזאָגט.

—וואס ?—האט דער גאסט געפרעגט.

—דו ביזט היינט געווען צו-האסטיג און האסט שלעכט גערעדט מיט'ן מלמד. זיי האבען מיר דערצעהלט וועגען דעם.

און ער האט אָנגעוויזען אויף די זיצענדיגע יונגעלייט. מאיר האט שאַרף אָנגעקוקט דעם חזן. אין זיין בליק האט געשפילט עפּיס א חוזק-פייערל.

—מיינסטו טאַקי באמת, אַז איך האב היינט נישט גוט גערעדט מיט'ן מלמד ?—האט ער לאַנגזאַם געפרעגט.

דער חזן האט אָנגעבויגט דעם קאָפּ.

—גערעדט האסטו אייגענטליך גוט,—האט ער געזאָגט,— אָבער דו האסט עס נישט בעדאַרפט ריידען, ווייל דו קאָנסט האבען גרויסע צרות דערפון.

מאיר האט זיך צולאַכט מיט עפּיס א געצוואונגענער און טרויעריגער מינע.

—נו,—האט ער געזאָגט,—איך קאָן שוין מעהר נישט שווייגען און צוזעהן, ווי זיי פערדרעהען אונז אַלעמען דעם קאָפּ.

—קינד ! קינד ! וואס קאָנסטו אָבער טהאָן ?—האט עמיץ ארויסגעזאָגט מיט א לאַנגזאַמען און פוילען קול.

אַלע האבען זיך אָבגעקעהרט. דאס איז געווען דער פלעגמאַטישער בער, וואס איז אַריין דורך דער נידעריגער טיר. ער האט פּאַמעליך צוגעמאַכט די טיר הינטער זיך און זיך תיכף ומיד אויסגעצויגען אויף אליעזר'ס בעט. ער איז דא, אַפּנים, געווען אַנ'אָפטער גאַסט און דער עולם האט זיך פערהאַלטען גאַנץ רוהיג צו זיין אַריינקומען און צו זיין בעמערקונג. איינער פון מאיר'ס יונגע קרובים האט מיט אונצוטרוי און געלעכטער און א ביסעל פּאַרזיכטיג דערצעהלט דעם חזן וועגען דעם מלמד'ס דרשה, וועגען אין-אוף, וועגען די ספירות, וועגען דעם טאָג, ווען משיח וועט קומען און וועגען לויתן. א צווייטער האט געפרעגט אליעזר'ן, צי וועט גאָט מוחל-זיין דעמיעניגען אַלע זיינע מעשים, ווען ער וועט זיך פערטיפען אין משנה און זוהר.

אליעזר האָט אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ. ער האָט לאַנג נישט געענטפערט, נאָכדעם האָט ער לאַנגזאַם אויפגעהויבען דעם קאָפּ און געזאָגט:

—תּורה לערנט! דאָרט שטעהט געשריבען: איין גאָט איז דאָ אויף דער וועלט. ער בעדאַרפט נישט אייערע קרבּנות, אייער געזאַנג און לויב-לידער. ער וויל בעסער, איהר זאָלט ליב האָבען דעם אמת, איהר זאָלט בעשיצען די דערנידעריגטע, איהר זאָלט לערנען די אונוויסענדיגע און זאָלט היילען די קראַנקע—אָט דערין ליגען אייערע פליכטען.

די צוויי יונגעלייט האָבען ברייט אויסגעשטעלט די אויגען.

—שוין-זשע האָט דער מלמד גערעדט פאַלשע זאַכען?—האָבעןביידע אין איין קול אויסגעשריען.

אליעזר האָט ווידעראַמאָל לאַנג געשוויגען. עס איז געווען קענטיג, אַז ער וואָלט גערן נישט געענטפערט. אָבער די יונגע אונגעדולדיגע הענד האָבען איהם געצויגען פאַר׳ן אַרבעל און געפאָדערט אַנ׳ענטפער.

—ער האָט גערעדט פאַלשע זאַכען!—האָט ער, צולעצט, געענטפערט נישט זיכער.

דעמאָלט האָט איהם מאיר אַנידערגעלעגט די האַנד אויפ׳ן אַקסעל.

—אליעזר,—האָט ער געזאָגט,—מיט צוויי יאָהר צוריק, בשעת דו ביזט געקומען פון דער גרויסער שטאָדט, האָסטו מיר דערצעהלט, אַז מען האָט דיך געלערנט זינגען. דו האָסט מיר דעמאָלט געעפענט די אויגען, וואָס האָבען שוין אַליין געזוכט ליכט, און דו האָסט מיך געלערנט, אַז מיר זענען שוין נישט קיין עכטע בני-ישראל, אַז אונזער אמונה איז שוין נישט אַזאַ, ווי זי איז אונז געגעבען געוואָרען אויפ׳ן באַרג סיני, אַז זי איז פעראונרייניגט געוואָרען, ווי אַ וואַסער, בשעת אין איהם ווערט אַריינגעוואָרפען אַ הויפען בלאָטע און אַז אונזערע קעפּ און הערצער זענען שוואַרץ געוואָרען פון דערדאָזיגער בלאָטע. אליעזר, דו האָסט מיר אַזוי געזאָגט, און איך האָב דערקאָנט דעם אמת.

פון דעמאָלט-אָן האָב איך דיך ליב בעקומען, ווי אַנ'אייגענעם ברודער, וואָס האָט מיך געהאָלפען אַרויסגעהן פון אַ תּפיסה, אָבער פון דעמאָלט-אָן פיהל איך אויך אַ משא און אַ גרויסען אומעט אין מיין נשמה.

—אליעזר האָט דיך געלערנט, מאיר, און אליעזר שוויגט, און דו, זיין תּלמיד, הויבסט-אָן ריידען,—האָט זיך בער אָנגערופען און זיין קול האָט געקלונגען מיט חוזק.

—ווען איך וואָלט געקאָנט ריידען!—האָט מאיר אויסגעשריען מיט ברענענדיגע אויגען—אַך, ווען איך וואָלט געוואוסט, וואָס און ווי צו טהאָן.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער צוגעגעבען שטילער:

—אָבער איך קאָן נישט ריידען און נישט ווירקען. איך האָב בלויז אין האַרצען אַ סך האַס צו די-יעניגע, וואָס געבאַר'ען און אַ סך ליבע צו די געבאַרטע.

—און אַ סך מוט,—האָט בער לייכט אַרויסגעזאָגט פון בעט.

—ביז איצט האָב איך קיין מוט נישט געהאַט, אָבער, אָבער... ווען איך וואָלט נאָר געוואוסט, וואָס צו טהאָן, וואָלט איך אויך געהאַט מוט...

אַ ווײַלע האָבען אַלע געשוויגען. מאיר האָט דער ערשטער אָנגעהויבען ריידען:

—אליעזר, דו ביזט גליקליך!

—פאַרוואָס בין איך גליקליך?

—ביזט אומעטום געווען, האָסט געזעהן אַ סך קלוגע מענשען און אַ סך טשיקאַווע זאַכען. אַך, ווען איך וואָלט אויך געקאָנט אַרויספאָהרען אויף דער וועלט!

—אליעזר, דערצעהל אונז עפּיס פון דיינע נסיעות,—האָבען געבעטען צוויי יונגעלייט.

זיי האָבען געקוקט אויפ'ן חזן מיט נייגיר און אומעט.

פונ'ם שטעדטעלשען יונגוואַרג האָט בלויז איין אליעזר אָנגעזעהן אַ „וועלט.” צוליב זיין וואונדערליכען קול האָט מען איהם אַרויסגעשיקט אין אַ גרויסער שטאָדט. אָבער אַלץ, וואָס ער האָט

געזעהן אינדערפרעמד, האָט ער שוין לאַנג דערצעהלט זיינע חברים. אגב האָט ער געהאַט גאַנץ וועניג צו דערצעהלען, אָבער דער עולם האָט איהם שטענדיג אויסגעהערט מיט גרויס נייגיר און אַלע טאָג האָט ער דערצעהלט איינס-און-דאָסזעלבע. ווי אַזוי זעהט-אויס אַ גרויסע שטאָדט? ווי הויך זענען די הייזער און ווי שען זענען די עקיפּאַזשען, וואָס פאָהרען איבער די גאַסען? און וואָס פאַר אַנ׳אַדירים און חכמים וואוינען אין די דאָרטיגע הייזער און וויפיל יודען זענען דאָרט פאַרהאַן? זענען פאַרהאַן דאָרט יודען, וואָס האָבען אַ סך געלד, שענע פּאַלאַצען, רייכע קליידער און צי זענען זיי חשוב ביי דער בעפעלקערונג? און פאַרוואָס זענען זיי חשוב? דערפאַר, וואָס זיי זענען רייך? ניין. אָט אין שיבאָוו, צום ביישפּיל, זענען אויך פאַרהאַן רייכע סוחרים, אָבער די פּריצים האָבען פאַר זיי דרך-ארץ נאָר דעמאָלט, ווען זיי נויטי-גען זיך אין געלד. אַז זיי נויטיגען זיך אָבער נישט אין געלד, קוקען זיי אויף די רייכע יודען מיט פעראַכטונג.

אָבער די שטעדטישע יודען שעצט מען דערפאַר, ווייל זיי האָבען זיך אַ סך געלערנט און ווייסען אַ סך. זיי האָבען געלערנט נישט בלויז משנה און גמרא, נאָר זיי ווייסען אויך אַ סך אַנ-דערע גוטע זאַכען. פאַרוואָס אָבער איז אין שיבאָוו נישטאָ קיין שול, וואו מען וואָלט זיך געקאָנט לערנען אַנדערע וויסענ-שאַפטען און פאַרוואָס זאָגט דער רב, ר׳ יצחק, אַז דידאָזיגע וויסענשאַפטען זענען וויינטרויבען פון סדום און אַז יעדער ערלי-כער יוד בעדאַרף זיי אויסמיידען?

—אליעזר, זענען פאַרהאַן אויף דער וועלט וועגענס אָהן פערד? ווער-זשע האָט זיי אויסגעטראַכט?

—אליעזר, היט מען דאָרטען אָב כשרות? אליעזר, און וואָס זאָגט מען דאָרט וועגען אונזערע רבנים, די טודרוסעס?

—מען האַלט פון זיי נישט.

אַ מאָדנע זאַך! די גרויסשטעדטישע יודען האַלטען נישט פון די טודרוסעס און גלויבען נישט אין איין-סוף, גלויבען נישט אין די ספירות און קבלה.

—וואָס פאָרט זאָגען זיי וועגען תלמוד?

—װעגען תּלמוד זאָגען זײ, אַז דאָס איז אַ שװערער און אַ קלוגער ספר, און אַז דעמדאָזיגען ספר האָבען אָנגעשריבען גרויסע חכמים, אָבער מען בעדאַרף דעם תּלמוד מקצר-זײן, אַ סך ערטער בעדאַרף מען אַרויסװאַרפען, װײל איצט זענען אָנגעשטאַנען נײע צײטען און דאָס, װאָס האָט אַמאָל געטויגט, טויג שוין היינט נישט.

װידער אַ מאָדנע זאַך, מען בעדאַרף דעם תּלמוד מקצר-זײן, װײל, לערנען הײנטיגע צײטען גמרא איז זעהר שװער און דאָס קאַלעטשעט בײ די קלײנע קינדער דאָס מוח׳ל און דעם זכרון

אמת, זײ אַלײן געדענקען אויך, װי שװער עס איז זײ אָנגעקומען צו לערנען גמרא און װי די מלמדים האָבען זײ גוט געצימבעלט דערפאַר. אָט איז דער קלײניטשקער לײבעלע, דעם אָרימען שנײדערס יונגעל, שוין אויף תּמיד פערבליבען פון אַזאַ מין לערנען אַ תּמ׳עװאַטער און אַ קראַנקער.

—אָבער װער האָט עס מקצר-געװען דעם תּלמוד—עס זאָל איהם זײן לײכטער צום לערנען?

—דער גרויסער חכם, דער רמב״ם האָט איהם מקצר-געװען און די רבנים האָבען איהם דערפאַר פערשאָלטען.

װי, די רבנים האָבען פערשאָלטען דעם גרויסען חכם? דערפון איז געדרונגען, אַז די רבנים קאָנען אויך זײן שלעכטע מענשען, אָהן יושר, און נישט אַלעמאָל מעג מען גלויבען דערין, װאָס זײ זאָגען.

—און װאָס נאָך האָט געשריבען דער רמב״ם? ער האָט אָנגעשריבען דעם מורה נבוכים, אַ װעג-װײזער פאַר מענשען, װאָס זענען אַראָב פון װעג. דאָס איז אַ קלוגער און שענער ספר, װאָס אַז מען לײענט איהם, װילט זיך װײנען און לאַכען פון שמחה.

—אליעזר, דו האָסט דעמדאָזיגען ספר?

—יאָ! אײנער אַ קלוגער יוד האָט מיר איהם געגעבען. דערדאָזיגער יוד װאױנט אין דער גרויסער שטאָדט און איז דאָרט אַ גרויסער אַדװאָקאַט.

—לײען אונז איבער דעם ספר, אליעזר!

אין די טונקעלע מוחות פון די יונגעלייט, וואָס האָבען אונ-בעוואוסטזיניג געבענקט נאָך דער זון און נאָך דער ברייטער מענשהייט, האָט זיך טיילווייז און נעבעלהאַפט אָבגעשפּיגעלט די וועלט פון דערשיינונגען און געדאַנקען, וועלכע האָבען זיך גע-דרעהט אויף אַ ברייטען שטח. דערפון זענען נישט אויסגעאַר-בייט געוואָרען קיין בעשטימטע איבערצייגונגען און זיי האָבען אויך נישט בעקומען קיין וועגווייזענדיגען פאָדעם, וואָס זאָל פיה-רען צו אַ בעסערן לעבען, אָבער אין זייער געוויסען זענען שוין אַריינגעפאַלען ספקות, אין׳ם האַרץ זענען אַריינגעדרונגען פער-לאַנגען און די יונגע אויגען זענען פערנעבעלט געוואָרען פון אַנ׳אומעטיגער מחשבה, אַז זיי זענען אַרומגעבונדען מיט קיי-טען.

עס איז שוין געווען שפּעט, ווען די יונגעלייט זענען אויפגעשטאַנען פון די ערטער נאָך אַ לאַנגען שמועס. זיי זענען געשטאַנען קעגען אייגאַנדער מיט בלאַסע פּנימ׳ער און פייערדיגע אויגען. נאָך אַ מינוט שווייגען האָט זיך מאיר אָנגערופען:

—אליעזר! שוין-זשע וועלען מיר קיינמאָל נישט אויסרופען צום פאָלק, אַז עס זאָל זיך אַרומקוקען און קומען צום שכל? וועלען מיר דאָ שטענדיג פוילען, ווי די ווערים אין דער ערד, און צוזעהן מיט די אייגענע אויגען, ווי דאָס פאָלק ווערט דערשטיקט?

אליעזר האָט אַראָבגעלאָזט זיינע אויגען צו דער ערד. אויף די אויגען זענען געהאָנגען טרעהרען און ער האָט געזאָגט מיט זיין זינגענדיגען קול:

—אַלע טאָג זינג איך און וויין צו גאָט פאַר מיין פאָלק.

מאיר האָט געמאַכט אַנ׳אונגעדולדיגע בעוועגונג. אין דער אייגענער צייט האָט זיך בער, אַ שווערער, אויפגעהויבען פון בעט און זיך צולאַכט מיט אַ נידעריגען טרויעריגען געלעכטער.

—זינג און וויין,—האָט ער זיך אָנגערופען צו אליעזר׳ן—דיין בייזער פאָטער האָט דיך אָנגעפילט מיט אַזויפיל שרעק, אַז דו וועסט שוין קיינמאָל נישט קאָנען עטוואָס טהאָן.

אליעזר האָט אַרויפגעלעגט זיין האַנד אויף מאיר׳ס אַקסעל

און געזאָגט:

—אָבער ער וועט זיין דרייסט און וועט געהן געגען שטראָם.

אַז מאיר איז אַוועק, האָט ער ווידעראַמאָל דערזעהן די אייגענע פרוי, וואָס איז געזעסען איבער דער וויג פון דעם איינגעשלעפערטען קינד. זי האָט געדרעמעלט, אָנגעשפּאַרט מיט ביידע הענד אָן דער וויג. דער שיין פון דעם לעמפּעלע, וואָס האָט געברענט אויפ'ן אויווען, איז איצט געפאַלען גלייך אויף איהר און מען האָט געקאָנט זעהן איהר בלויען צוריסענעם קאַפּטאַן, וואָס האָט בלויז בעדעקט איהר רוקען, אָבער אויף דער ברוסט און אויף די הענד האָט מען געקאָנט זעהן דאָס גראָבע העמד. אויפ'ן קאָפּ האָט זי נאָך געטראָגען די שבת'דיגע הויבּ מיט אַ גרויסער צוקוועטשטער בלום, וואָס איהר רויטע פאַרבּ האָט געשאַפען אַ שטאַרקען קאָנטראַסט צו איהר געלבער צוקנייטשטער הויט פון איהר שטערען און באַקען. דידאָזיגע פרוי איז נישט געוועזען אַזוי אַלט, ווי אויסגעמוטשעט. פון דעם ערשטען קוק אויף איהר האָט מען באַלד געקאָנט זעהן, אַז דאָס לעבען איז איהר אַוועק אין שווערער פּראַצע און אַז זי איז קיינמאָל נישט דערפרישט געוואָרען פון אַ קליין טראָפּעלע פאַמיליען-גליק. קוקענדיג אויף איהר, האָט מען אויך געקאָנט איינזעהן, אַז זי וועט נישט דערלעבען, ווי פריידע, הערש'ס ווייב, ביז הונדערט יאָהר און אַז זי וועט נישט איינשלאָפען, ווי יענע, זיס און לאַנגזאַם איהר אייביגען שלאָף אין אַן אָנגענעהמען הויז צווישען אַ סך אייניקלעך און אוראייניקלעך. יענטע, דעם פרומען יאַנקעלס ווייב, איז געוועזען אויסגעמוטשעט מיט'ן גוף און מיט דער נשמה.

אַז די געסט זענען אַוועק און דער גערויש פון זייערע טריט, וואָס האָט זיך אויסגעמישט מיט'ן כראָפּען פון די שלאָפענדיגע מענשען, איז צורונען געוואָרען, האָט זיך אליעזר אַנידערגעשטעלט אין דער נידעריגער טיר פון זיין צימערל און אַ ווילע געקוקט פון וויטען אויף זיין דרעמלענדיגער מוטער.

—מאַמע,—האָט ער זיך שטיל אָנגערופען,—פאַרוואָס געהע-

סטו נישט שלאָפען? די קליינע חייקעלע איז דאָך שוין לאַנג איינגעשלאָפען און וועט שוין מעהר נישט וויינען. געה שלאָפען, מאַמע, רוה דיך אויס...

יענטע האָט דערהערט דעם זוהנס שעפטשען. זי האָט אויפגעהויבען די אויגען, טרויעריג אָנגעקוקט איהר שלאַנקען בחור׳ל, וואָס זיין פּיין געזיכט האָט זיך איינדערפינסטער געוויסט, ווי אַלעבאַסטער און—אַ וואונדערליכע זאַך!—זי האָט שוין מעהר נישט צוגעמאַכט איהרע קלייניטשקע אויגען און אין די שוואַרצאַפּלען האָט אויפגעלויכטען אַ פריידיג פייערל.

—אליעזר! קום-אַהער!—האָט זי אַרויסגעשעפּטשעט.

אליעזר איז צוגעגאַנגען און זיך אַנידערגעזעצט ביים ברעג פון בעט.

—אוי, מיינע צרות ביטערע! ווי קאָן איך געהן שלאָפען? חייקע איז קראַנק און קאָן זיך אַ ליאַדע מינוט צעוויינען, וועט זיך יאַנקעל אויפכאַפּען אַ בייזער...

—שלאָף, מאַמע,—האָט ער שטיל געשעפּטשעט,—איך וועל זי וויגען...

דאָס געלבע איינגעשרומפּענע געזיכט מיט דער גרויסער רויטער בלום איבער׳ן שטערען, האָט זיך אַראָבגעבויגט און איז איינגעשלאָפען, אָבער נישט אויף די הויכע קישענס, וואָס זעגען בעצויגען געוועזען מיט שמוציגע טשיכלעך, נאָר אויף די קניה פון איהר זוהן.

אליעזר האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויפ׳ן ברעג פון דער וויג, אַוועקגעלעגט דעם קאָפּ אויף די הענד און פערזונקען געוואָרען אין זיינע מחשבות. פון צייט-צו-צייט האָט ער מיט׳ן פוס געוויגט די וויג און שטיל צוגעזונגען.

—אוי, גרויסע צרות מיינע!—האָט די פרוי מיט׳ן געלבען פּנים געשעפּטשעט פון שלאָף, ליגענדיג אויף דעם זוהנס קניה.

—אוי, גרויסע צרות אונזערע, מיין פאָלק ישראל!—האָבען פערטראַכט געשעפּטשעט די ראָזע ליפּען פונ׳ם בחור׳ל, וואָס איז געזעסען איבער דעם וויגעלע.

***

ווען דאָס אַלץ איז פאָרגעקומען אין ר׳ יאַנקעלס הויז, האָט זיך אַ קליין ספּריטנע פיגורל שנעל בעוועגט אינדערפינסטער איבער דעם גרויסן שוהל-הויף, צוגעגאַנגען צום דעם קליינעם הייזעל פונ׳ם רב ר׳ יצחק טודרוס און איז פערשוואונדען גע-וואָרען הינטער דער נידעריגער טיר, וואָס האָט שטאַרק געסקרי-פּעט ביים עפענען און פערמאַכען זי.

אויף דעמדאָזיגען סקריפּען פון דער טיר האָט פון אינ-וועניג געענטפערט אַ מאַנסבילשער קול מיט אַ ריינעם, אָבער ני-דעריגען באַסען-טעמבר:

—משה, דאָס ביזטו?

—דאָס בין איך, דיין געטרייער קנעכט, דער שטויב פון דיינע פיס. זאָלען גוטע מלאכים קומען צו דיר אין חלום! זאָל דער אָטעם פון דיינע לעפצען זענען אַזוי זיס, ווי באַלזאַם און זאַלבאייל!

—משה, וואו ביזטו עס געווען אַזוי לאַנג?

דער מענש, וואָס איז געשטאַנען אין פאָרהויז, האָט גע-ענטפערט:

—איך בין געווען ביי די יעזעפאָוויטשעס צו דער וויע-טשערע... ביי זיי איז דער שבת׳דיגער טיש זעהר אַ רייכער, געה איך צו זיי אַלע פרייטאָג... איך וויל, אַז מיין נשמה זאָל זיך זעהר פרעהען...

—דו טהוסט זעהר גוט, משה, וואָס די פילסט-אָן דיין נשמה מיט שמחה און תענוג. נו, וואָס הערט מען דאָרטען?

—שלעכטע זאַכען הערט מען. צווישען ליליען און רויזען בעהאַלט זיך ווטיילמאָל אַ מאוס׳ער וואָרים.

—וואָס פאַר אַ וואָרים?

—דער וואָרים, וואָס גראָבט-אונטער אונזער גלויבען און וואָס קאָן אונז מאַכען פאַר אַפּיקורסים.

—אין וועמעס האַרץ ליגט פערגראָבען דערדאָזיגער וואָ-רים?

—ער ליגט אין מאיר יעזעפאָוויטשעס האַרץ, דעם רייכען

שאול'ס אַנ'אייניקעל.

—משה, האָסטו אַליין מיט די אייגענע אויגען געזעהן דעמ־דאָזיגען וואָרים און אַליין מיט די אייגענע אויערן איהם גע־הערט? מיין קאָפּ בעדאַרף זאָרגען וועגען אַלע נפשות פון אונ־זער קהילה און מיין קאָפּ בעדאַרף עס אַלץ וויסען.

אין פאָרהויז איז אַ ווײַלע שטיל געוואָרען. דער מענש, וואָס איז דאָרט געזעסען אין טיפער פינסטערניש ביי די פער־שפּאַרטע טירען פון רב, האָט זיך, אפּנים, פערזונקען אין זיינע רעיונות און ערינערונגען. נאָכדעם האָט ער גענומען ריידען מיט זיין הייזעריגען קול:

—יאָ, איך האָב געזעהן מיט די אייגענע אויגען און גע־הערט מיט די אייגענע אויערן... מאיר יעזעפאָוויטש האָט היינט נישט געמאַכט קיין קידוש ביים טיש צוגלייך מיט אַלעמען, און אַהיים איז ער געקומען גאַנץ שפּעט. איך האָב איהם אַ פרעג געטהאָן, וואָס האָט ער איצט געטהאָן, האָט ער מיר געענטפערט, אַז ער האָט בעשיצט פון אַ גרויסען אָנפאַל דעם קאַראַאים און זיין טאָכטער גאָלדע...

ער איז אַנטשוויגען געוואָרען און דער באַסען־קול האָט אַרויסגעזאָגט:

—ער האָט בעשיצט די אָבגעטרינענע און האָט מחלל־שבת־געווען.

—אין דעם הייליגען שבת־טאָג האַלט ער נישט זיין נשמה אין שמחה און תענוג.

—טאָ זאָל פערשאָלטען ווערען זיין דרך! זאָל איהם גאָט נישט מוחל־זיין!—האָט דער באַסען־קול אַרויסגעזאָגט הינטער דער טיר.

—ער זאָגט, אַז אין די הייליגע ספרים פון ישראל ווערט גאָרנישט גערעדט וועגען אין־סוף און וועגען די ספירות און אַז דער אייבערשטער הייסט נישט, מען זאָל רודפ'ען די אָבגעטרי־בענע!

—אונווירדיגע זאַכען רעדט דאָס בחור'ל. אין זיין גוף איז אַריין די נשמה פון זיין עלטערזיידען הערש יעזעפאָוויטש.

—רבי!—האָט משה איצט העכער אַרויסגעזאָגט, ווי פריהער. דעם רבי'ס ווערטער האָבען איהם צוגעגעבען מוט און ער האָט ווייטער געזאָגט:

—ער וועט זוכען דאָס פּאַפּיר, וואָס מיכל יעזעפּאָוויטש, דער סעניאָר, האָט איבערגעלאָזט... איך האָב עס פערשטאַנען פון זיינע אויגען. און ער וועט געפינען דאָס פּאַפּיר. און דעמאָלט וועט ער עס איבערלייענען פאַר'ן פאָלק און דער גייסט פון ישראל וועט זיך געגענשטעלען דיין לעהרע.

נאָך דידאָזיגע ווערטער איז פון דאָסניי שטיל געוואָרען אַ לענגערע צייט, און צולעצט האָט געזאָגט דער באַסען-קול:

—אַז ער וועט געפינען דאָסדאָזיגע פּאַפּיר, וועט אַרויפפאַלען אויף איהם מיין שווער אויג און אַ באַרג אַש וועט ווערען פון איהם... משה, וואָס האָט ער געטהאָן דערנאָך?..

—ער איז אַוועק צו ר' יאַנקלען אין הויז. דאָרט האָט ער גערעדט מיט אליעזר דעם חזן. אַז איך בין פאַרבייגעגאַנגען, האָב איך אַ קוק געטהאָן אין פענסטער.

—ווער איז דאָרט נאָך געוועזן, משה?

—דאָרט זענען געוועזן: חיים, מענדעל, אוריאל און בער, שאול'ס איידים.

—און וואָס האָבען זיי דאָרט גערעדט?

—רבי, מיין נשמה איז אַריין אין מיין אויער, בשעת איך בין געשטאַנען אונטער זייער פענסטער... זיי האָבען זיך זעהר געקלאָגט, וואָס מען האַלט זיי אינדערפינסטער און אַז דער אמת'ער גלויבען פון ישראל איז שוין מוטנע געוואָרען, ווי וואַסער, בשעת דערין ווערט אַריינגעוואָרפען אַ הויפען בלאָטע... און אליעזר האָט געזאָגט, אַז ער זינגט פאַר גאָט און וויינט צו איהם און בעט פאַר דאָס פאָלק ישראל. אָבער מאיר האָט בעמערקט, אַז זינגען און וויינען איז נאָך וועניג, אַז מען בעדאַרף בעסער אויסרופען הויך אויפ'ן קול צום פאָלק, אָבער מען דאַרף עס טהאָן אַזוי, אַז עס זאָל זיך פערענדערן, נישט זיין אַזאַ, ווי איצט...

—כופרים!—האָט אַרויסגעזאָגט דער באַסען-קול פון אינוועניג.

—רבי! ווער זענען עס די כופרים?—האָט משה מיט הכנעה אַ פֿרעג געטהאָן.

נאָך אַ מינוט שווייגען האָט זיך אינדערפינסטער דער־הערט אַן׳ענטפער:

—די משפחה יעזעפֿאָוויטש.

## דריטעס קאַפּיטעל.

עס זענען אַוועק עטליכע חדשים. דער וואַרימער מאַי־טאָג האָט זיך פערענדיגט מיט אַ מחיה׳דיגען שטילען אָוועגד.

איידער עס איז פערגאַנגען די זון, האָבען געשפּאַנט צוויי וועזענס איבער אַ שמאָל געסעלע, פערבויט מיט אָרימע קליינע הייזלעך. איינס פון דידאָזיגע וועזענס איז געווען אַ ציג, ווייס, ווי שניי, דאָס צווייטע—אַ הויך מאָגער מיידעלע. די ציג איז געגאַנגען פאָראויס און עפטער געכאַפּט אַ שפּרונג, אַראָבצוריי־סען אַ צווייגעל פון אַ בוים, וואָס איז וואו־נישט־וואו געשטאַנען. דאָס איז געווען זעהר אַ ספּריטנע, שטיפערישע און גליקלי־כע ציג. דאָס מיידעל אָבער, וואָס איז געגאַנגען הינטער איהר, האָט אויסגעזעהן ערנסט און פערטראַכט. עס וואָלט געוועזען שווער צו בעשטימען איהרע יאָהרען. זי האָט געקאָנט אַלט זיין אי דרייצעהן, אי זיבעצעהן יאָהר. געווען איז זי אַפילו אַ גאַנץ הוי־כע, אָבער דאָס גופ׳ל איהרס, אַ מאָגערס און אַ טרוקענס, וואָס איז, מעגליך, פערהאַלטען געוואָרען אין זיין ענטוויקלונג, האָט אויסגעוויזען קינדיש. אָבער איהר גאַנג און דאָס געזיכט האָבען אויסגעדריקט ערנסט און אומעט, וואָס קומען פון פריהצייטיגער רייפקייט. אויפ׳ן ערשטען קוק האָט זי אויסגעוויזען נישט שען. איהר

אָרימע קליידונג, וואָס איז בעשטאַנען פון אַנ׳אַלטען סיצען קליי-דעל, האַמעטענע שיך און אַ ברייטער קאָפּטע, האָבען זיכער נישט פערגרעסערט איהר רייץ, אויב זי האָט איהםווירקליך געהאַט. אויפ׳ן האַלז האָט זי געטראָגען עטליכע שנירעלעך מיט קליי-ניטשקע קאָראַלען.

די שוואַרצאַפּלען פון איהרע גרויסע טיפזיצענדיגע אויגען האָבען געקוקט, ווי שטיקעלעך שוואַרצער סאַמעט און אויפ׳ן שמאָלען טונקעלע שטערען האָבען זיך געקרייזעלט שוואַרצע לאָ-קען. אין דער גאַנצער פיגור פון דעמדאָזיגען קינד אָדער פרוי איז געלעגען עפּיס שטאָלצעס און ווילדעס צוזאַמען. זי איז גע-גאַנגען שטאָלץ און גלייך אויסגעצויגען און, אַ דרייסטע, געקוקט מיט פערטראַכטע אויגען אין דער ווייטקייט אַריין. ביי יעדען גערויש פון מענשען האָט זי זיך אָבגעשטעלט, זיך צוגעדריקט צו אַ וואַנד, אָדער צו אַ פּאַרקאַן און אַראָבגעלאָזט די אויגען, אָבער נישט מיט שרעק, נאָר גיכער בייז און פיינדליך, פּונקט ווי איהר וואָלט געווען נישט אָנגענעהם צו בעגעגענען זיך מיט מענשען... בלויז דאָס ווייסע ציגעלע האָט איהר אויסגעוויזען, ווי אַ ליב חבר׳ל. דאָס מיידעל האָט עס גוט נאָכגעהיט מיט די אויגען, און בשעת דאָס געשיקטע חיה׳לע איז צו-ווייט אַוועקגעשפּרונגען, האָט זי עס אַ רוף געטהאָן מיט אַ קורצען, נישט קיין הויכען קלאַנג. די ציג האָט זי, אַפּנים, גאַנץ גוט פערשטאַנען און האָט זיך יעדעס מאָל באַלד אומגעקעהרט צו איהר מיט אַ מין פרעגענדיגען מע-קען. אין דעמדאָזיגען איינגען און אָרימען געסעל האָט זיך בע-וויזען פריש גראָז, בעדעקט מיט טוי-טראָפּעלעך און מיט זונגאָלד. דאָס איז געוועזען אַ קליינע לאָנקע, וואָס איז געלעגען הינטער דער שטאָדט, אַרומגערינגעלט פון איין זייט מיט אַ בעראָזע-וועלדעל, און פון דער צווייטער—מיט ברייטע פעלדער, הינטער וועלכע עס האָט געבלויט די וואַנד פון ווייטע וועלדער.

דערזעהן די לאָנקע, האָט דאָס מיידעל גענומען געהן לאַנגזאַמער און אין אַ מינוט אַרום האָט זי צוגערופען די ציג, אָנגענומען זי ביי איהר קליינישקען האָרן און זיך צוגעשטעלט... זי האָט געקוקט אויף אַ בעוועגליכע סצענע, וואָס האָט זיך אָב-

געשפּיגעלט אויף דער לאָנקע. איהר אויער האָט פערנומען גע-שריייען, געלעכטער און אַ ברומען פון ציגען. דאָס מיידעל האָט באַלד דערזעהן ווייסע פיגורעלעך פון ציגען און קינדער. דאָס האָבען קליינע מיידעלעך געטריבען פון פעלד עטליכע צעהנדליג ציגען...

די שטיפערישע מיידעלעך האָבען געאיילט אַהיים, די ציגען אָבער האָבען זיך פער'עקשנ'ט און געוואָלט פערבלייבען אויף דער לאָנקע. צווישען זיי איז פאָרגעקומען אַ קאַמף און די ציגען זענען על-פּי-רוב געווען די זיגער. זיי פלעגען זיך אַרויס-רייסען פון די מיידעלשע הענדטלעך און זעהר געשיקט אַ-ריינשפּרינגען אין די געדיכטע קוסטעס פון די נוסבוימלעך, וואָס זענען וואו-נישט-וואו געוואַקסען אויף דער לאָנקע. די מיידלעך האָבען זיך נאָכגעיאָגט נאָך זיי, אָבער אַז זיי האָבען זיי צולעצט געכאַפּט מיטביידע הענד פאַר די לאַנגע, האַרטע האָר, האָבען זיי נישט געוואוסט, וואָס מען טהוט ווייטער. דעמאָלט האָבען זיי גערופען צו-הילף זייערע חבר'טעס, אָבער די חבר'טעס האָבען אויך געטהאָן דאָס אייגענע. אַנדערע זענען אַוועקגעלאָפען פאָראויס און די נישט געהאָרזאַמע ציגעלעך פערשטעלט דעם וועג מיט אויסגעשטרעקטע הענד, פונקט ווי זיי וואָלטען זיך וועלען בעשיצען. מאַנכע, ווידער, זענען געפאַלען אויף דער ערד, אָדער זיך אַ וואָרף געטהאָן אויפ'ן הויכען גראָז און ווילד, שטיפעריש געלאַכט. דער וואַרימער ווינד, וואָס האָט געוועהט איבער דער לאָנקע, האָט אויפגעכאַפּט דידאָזיגע געשרייען און געלעכטערס, צוזאַמענגעמישט מיט אַ מעקען פון ציגען, און האָט זיי צוטראָגען איבער די טריבע געסלעך פונ'ם שטעדטעל און איבער די ברייטע גאָלדענע פעלדער. אין דער גאָלדענער לופט האָבען געפינטעלט קליינינקע פיסעלעך, וואָס האָבען געטרעטען דאָס גראָז, קליינינקע קעפּעלעך, בעדעקט מיט האָר פון אַלערליי פאַרבען און שאַטירונגען, טיילמאָל שוואַרץ, ווי קויהל, טיילמאָל העלרויט, ווי קופּער, אָדער בלאַס-געלב, ווי פלאַקס.

דאָס הויכע ערנסטע מיידעל, וואָס איז געגאַנגען מיט איהר

שטיפּערישען ציגעלע איבער דער איינגער גאַס צו דער לאָנקע, האָט זיך גלייכגילטיג צוגעקוקט צו דערדאָזיגער בעלעבטער און רוישיגער סצענע. עס איז געוועזען קענטיג, אַז די פרעהליכע אויסגעשרייען פון די קינדער האָבען איהר נישט אימפּאָנירט און נישט געצויגען. זי איז אויך איצט געשטאַנען מיט אַזאַ רוהיגען און ערנסטען געזיכט, ווי פריהער, בשעת זי איז געגאַנגען און האָט אַזוי ווי געוואַרט אויף עפּיס, אפשר דערויף, אַז די קלייניטשקע קעפּעלעך זאָלען אַנטרונען ווערען פון דעמדאָזיגען גרינעם שטח און די הילכיגע קינדישע שטימעלעך זאָלען אַנטשוויגען ווערען.

אין אַ מינוט אַרום זענען די אַלע געשרייען צונויפגעגאָסען געוואָרען אין איין אויסגעשריי. דאָס איז געווען אַן׳אויסגעשריי פון שמחה און נצחון. נאָך אַ לאַנגען קאַמף און אָנשטרענגונגען האָבען די מיידלעך דאָך בייגעקומען די ציגען און איצט האָבען זיי זיך פערזאַמעלט אין איין איינגען קרייז. מאַנכע פון זיי האָבען געפיהרט די פער׳עקשנ׳טע ציגען, וואָס זענען שטענדיג גרייט צו מרידות, פאַר די קורצע הערנער און געשלעפּט זי נאָך זיך, צודריקענדיג זייערע קעפּ כמעט ביז צו דער ערד. אַנדערע, ווידער, די מעהר-דרייסטערע און שטאַרקערע, האָבען זיך אַרויפגעזעצט רייטענדיג אויף זיי, זיך אָנגעהאַלטען מיט דו הענד אָן זייערע האַרטע לאַנגע האָר און געפלויגען מיט זיי פייל-און-בויגען אין שטעדטעל אַריין. דידאָזיגע טומעלדיגע און שרייענדיגע קאָמאַנדע האָט זיך אַריינגעריסען אין שטעדטעל און פערשוואונדען געוואָרען אין אַ וואָלקען שטויב...

איצט איז שוין לעדיג און שטיל געוואָרען אויף דער גרינער לאָנקע, בלויז אַ לייכט ווינדטעלע האָט בעוועגט די צווייגען פון די בעראָזעס און נוסבוימער, און די אונטערגעהענדיגע זון האָט געוואָרפען אַ ראָזען שיין אויף דער לאָנקע.

דאָס שוואַרצ׳חנ׳עוודיגע מיידעל האָט אַרויסגעלאָזען דאָס ציגעלע פון דער האַנד און איז אַוועק מיט שנעלערע טריט. אין אַ מינוט אַרום איז זי שוין אַדורכגעגאַנגען די גאַנצע לאָנקע.

אָבער דאָ איז זי געבליבען שטעהן און אַריינגעשטאָכען

דעם בליק אין [illegible] פינטעל אַריין, פונקט ווי זי וואָלט פער-גליווערט געוואָרען פון שמחה. דאָס איז געווען אַ דיקער בעראָזע-קלאָץ, וואָס דער ווינד האָט איהם אומגעוואָרפען ביים סאַמע ברעג פונ'ם וואַלד. אויף דעמדאָזיגען קלאָץ איז געזעסען אַ יונ-גערמאַן מיט אַנ'אָפענעם בוך אויף די קניה. דאָס מיידעל איז נישט זעהר לאַנג געשטאַנען, אַ פער'חידוש'טע. לייכט און שלאַנק איז זי אַוועק פאָראויס, זיך אַנידערגעשטעלט נעבען דעם יונ-געמאַן, אַ כאַפּ געטהאָן זיין האַנד און צוגעטראָגען זי צו די ליפּען.

דער יונגערמאַן, וואָס איז געזעסען פערזונקען אין לעזען, האָט שנעל אויפגעהויבען דעם קאָפּ, אַ קוק געטהאָן דעם מיי-דעל אין פנים אַריין, נאָכדעם אַרויסגעריסען די האַנד פון איה-רע פעסט-צוגעדריקטע הענד און זיך איינגאַנצען פערוואונדערט.

—דו קאָנסט מיך נישט,—האָט דאָס מיידעל אַרויסגעזאָגט מיט עטוואָס אַ פערהאַקטען, אָבער נישט ציטריגען קול.

—ניין,—האָט דער יונגערמאַן געענטפערט.

—און פון וואַנען זאָלסטו מיך קאָנען? אָבער איך קאָן דיך יאָ. דו ביזט מאיר יעזעפאָוויטש, דעם רייכען שאול'ס אנ'-אייניקעל. איך זעה דיך עפטער, ווי דו זיצסט אויף דעם גאַנעק פון אייער שענעם רייכען הויז, אָדער דו געהסט פאַרביי דעם קאַראַאימער בערגעל מיט אַ בוך אין דער האַנד.

—און ווער ביזטו?—האָט מאיר שטיל אַ פרעג געטהאָן.

—איך בין גאָלדע, דעם קאַראַאימס אַנ'אייניקעל. אייערע יודען פערפאָלגען און פערהאַסען מיין זיידען.

בלויז איצט האָט אַ ציטער געטהאָן איהר קול, אין וועל-כען עס האָט זיך דערשפירט עפּיס אַ טריבער קלאַנג.

—אַלע יודען פערפאָלגען מיין זיידען און זיין אייניקעל גאָלדע, אָבער דו פערטיידיגסט זיי. איך האָב שוין לאַנג דיך געוואָלט בעדאַנקען.

מאיר האָט אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ. זיין ווייסער שטע-רען האָט זיך נאָך אַלץ גערוימעלט.

—לעבט אייך אין רוה און אין שלום, דו און דיין זיידע, —

האָט ער שטיל געזאָגט.—זאָל אייך בעשירמען דער אַלמעכטי־
גער, וואָס בעשיצט און בעשירמט די אַלע, וועלכע ליידען.

—איך דאַנק דיר פאַר דיינע גוטע ווערטער,—האָט שוין
דאָס מיידעל אויך שטיל אַרויסגעזאָגט. זי האָט זיך אַראָבגעלאָזט
אויפ׳ן גראָז, ביי די פיס פונ׳ם יונגענמאַן, נאָכדעם אויפגעהוי־
בען עטוואָס די הענד און זיך ווידעראַמאָל אָנגערופען:

—דו, מאיר, ביזט אַ קלוגער, אַ גוטער, אַ שענער. דיין
נאָמען הייסט „ליכט" און פאַר מיינע אויגען ווערט שטענדיג
ליכטיג, ווען איך זעה דיך. איך האָב דיר שוין לאַנג געוואָלט
זאָגען, אַז כאָטש דו ביזט אַנ׳אייניקעל פון אַ רייכען סוחר און
איך אַנ׳אייניקעל פון אַנ׳אָרימען קאַראַאים, וואָס פלעגט קערב
פונדעסטוועגען זענען מיר ביידע גלייך פאַר דעם אַלמעכטיגען,
און איך מעג אויפהויבען מיינע אויגען אויף דיר און זיין גליק־
ליך מיט׳ן ליכט, וואָס שיינט פון דיר אַרויס.

און עס איז קענטיג געוועזען, אַז זי איז ווירקליך גליק־
ליך. איהרע טונקעלע איינגעפאַלענע באַקען זענען בעדעקט גע־
וואָרען מיט אַ פייערדיגער רויטקייט, די ליפען האָבען געציטערט
און אין די שוואַרצע אויגען, וואָס האָבען געקוקט אויף דעם
יונגענמאַן מיט אַ ליידענשאַפטליכער בעגייסטערונג, האָבען גע־
לויכטען צוויי זילבערנע טרעהרען.

מאיר האָט זי געהערט מיט אַראָבגעלאָזטע אויגען. נאָכ־
דעם, אַז זי איז אַנטשוויגען געוואָרען, האָט ער זי אַ וויילע אָנ־
געקוקט און שטיל אַרויסגעשעפטשעט:

—ווי דו קאָנסט זיין דאַנקבאַר, גאָלדע, און ווי שען דו
ביזט...

איצט האָט זי צום ערשטען מאָל אַראָבגעלאָזט די אויגען
און גענומען אונבעוואוסטזיניג רייסען דאָס גראָז, וואָס איז גע־
וואַקסען נעבען איהר.

מאיר האָט לאַנג און שטיל זי אָנגעקוקט. אין דערדאָזיגער
פערלעגענהייט, פון וועלכער עס האָבען זיך איהם גערויטעלט די
באַקען, און אין דערדאָזיגער ציטריגער פרייד, וואָס האָט געטאָ־
פעלט דעם גלאַנץ פון זיינע גרויע אַראָבגעלאָזטע אויגען, האָט

זיך אַרויסגעוויזען די גאַנצע אונשולד פון זיין האַרץ.

—זעץ דיך נעבען מיר,—האָט ער שטיל געזאָגט.

דאָס מיידעל האָט זיך אויפגעהויבען פון דער ערד און זיך אַנידערגעזעצט אויף דעם אָנגעוויזענעם אָרט. איצט איז זי ווידעראַמאָל געווען דרייסט און ערנסט. שווייגענדיג, האָט זי געקוקט אויף מאיר'ן, וואָס איז נאָך אַלץ געזעסען מיט אַראָב-געלאָזטע אויגען. זיי האָבען ביידע לאַנג געשוויגען, אַרום איז אויך געווען שטיל און בלויז די שלאַנקע בעראָזעס האָבען זיך שטיל איבערגעשעפּטשעט איבער זייערע קעפּ און מאַנכע פויגעל האָבען געררופען אייננאַנדער ביים נאָהנטען טייכעל.

מאיר האָט דער ערשטער גענומען ריידען און בעת-מעשה געקוקט אויפ'ן געדיכטען גראָז ביי דעם מיידעלס פיס.

—פאַרוואָס פיהרסטו אַזוי שפּעט די ציג אין פעלד?

גאָלדע האָט געענטפערט:

—ווייל איך וויל מיך דאָ נישט טרעפען מיט די אַנדערע מיידלעך און זייערע ציגען.

—זיי פערפאָלגען דיך אויך?

—אַז זיי זעהען מיך, לאַכען זיי פון מיר, רופען מיך אָן מיט מאוס'ע נעמען אגן טרייבען מיך פון זיך. זיי ווילען נישט, איך זאָל שטעהן נאָהנט פון זיי.

מאיר האָט אַ קוק געטהאָן אויף גאָלדען מיט מיטלייד.

—גאָלדע, דו שרעקסט זיך פאַר די מיידעלעך?

גאָלדע האָט אַ שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ און ערנסט געזאָגט:

—איך האָב מיך אויסגעהאָדעוועט צוזאַמען מיט'ן פחד. דער פחד איז מיין ברודער און איך בין געוועהנט צו איהם, אָבער אַז איך קום אַהיים, פרעגט מיך דער זיידע, צי האָב איך עמי-צען נישט בעגעגענט, און צי האָט מיר עמיצער נישט געטהאָן עפּיס שלעכטס. אָבער איך קען נישט לייגען פאַר'ן זיידען, און ווען איך זאָג איהם דעם אמת, ווערט דער אַלטער זיידע זעהר טרויעריג און צעוויינט זיך...

—האָט דער זיידע דיך אויסגעהאָדעוועט?

זי האָט צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ, אַז יאָ.

—מיין פאָטער איז געשטאָרבען, און מיין מוטער איז געשטאָרבען דעמאָלט, ווען איך בין נישט געווען העכער פון דער ערד, ווי דאָסדאָזיגע קוסטעלע. דער זיידע האָט נישט געהאַט קיין אַנדערע קינדער, האָט ער מיך גענומען צו זיך און אָבגעהיט מיך, ווי אַן'אויג אין קאָפּ. אַז איך בין קראַנק געוואָרען, האָט ער מיך געטראָגען אויף די הענד און האָט מיך זעהר געקושט, און אַז איך בין אונטערגעוואַקסען, האָט ער מיך אויסגעלערנט צו לייענען די ביבעל און די אַלע וואונדערליכע געשיכטעס, וואָס די קאַראַאימער האָבען געבראַכט מיט זיך פון די ווייטע לענדער. אַ גוטער איז דער זיידע, אַ ליבער איז ער און אַזאַ אַלטער, אַזאַ אַלטער... און אַזאַ אָרימער. זיינע האָר זענען פון אַלטקייט ווייס, ווי שניי, און די אויגען זענען רויט פון וויינען. בשעת ער פלעכט זיינע קערב, ליג איך עפּטער ביי זיינע פיס מיט דעם קאָפּ אויף זיינע קניה, און מיט דער אַלטער ציטריגער האַנד גלעט ער מיך ביי די האָר און זיפצט און זאָגט אַלץ: יתומה'לע! יתומה'לע!

דאָס מיידעל איז געזעסען עטוואָס איינגעבויגען, מיט די עלענבויגענס אויף די קניה. זי האָט זיך עטוואָס אומגעוויגט און געקוקט אין דער ווייטקייט אַריין מיט אונבעוועגליכע אויגען.

די גאַנצע צייט האָט איהר מאיר געקוקט אין פּנים אַריין, און אַז זי האָט אַרויסגעזאָגט דאָס לעצטע וואָרט, האָט ער איבערגע'חזר'ט דאָסזעלבע וואָרט מיט אַ ווייכען קול, פול מיטלייד:

—יתומה'לע!

דעמאָלט האָט זיך דערהערט דאָס ברומען פון עטליכע קיה. מאיר האָט זיך אַרומגעקוקט.

—דיין ציג וועט זיך נישט פערבלאָנדזשען אין וואַלד?— האָט ער אַ פרעג געטהאָן.

—ניין,—האָט דאָס מיידעל רוהיג געענטפערט,—זי וועט ווייט נישט אַוועקגעהן פון מיר, און באַלד, ווען איך וועל זי נאָר אַ רוף טהאָן, וועט זי קומען צו מיר. דאָס איז מיין שוועסטער

—דער פּחד איז דיין ברודער און די ציג איז דיין שוועסטער,—האָט מאיר אַרויסגעמורמעלט מיט אַ לייכטען שמייכעל.

דאָס מיידעל האָט לאַנגזאַם אָבגעקעהרט דעם קאָפּ צום וועלדעל און אַ רוף געטהאָן די ציג. באַלד האָט זיך דערהערט אַ געררויש פון לויפענדיגע פיס און צווישען די גרינע צווייגען פון די בעראָזעס האָט זיך בעוויזען דאָס ווייסע לאַנגהאָריגע בעשעפעניש. די. ציג איז געבליבען שטעהן און מיט שוואַרצע אויגען געקוקט אויף די זיצענדיגע מענשען.

—קום אַהער,—האָט זי גאָלדע אַ רוף געטהאָן.

די ציג איז צוגעגאַנגען און גאָלדע האָט איהר געגלעט מיט דער האַנד איבער איהר אויסגעצויגענעם האַלז. מאיר האָט זי אויך אַ גלעט געטהאָן און געשמייכעלט. די ציג האָט אַרויסגעלאָזט עפּיס אַ קורצען קלאַנג, אַ שפּרונג געטהאָן און תיכף-ומיד געבליבען הענגען אויף אַ צווייגעל פון אַ ניסבוימעל.

—זעהר אַ געהאָרזאַמע ציג,—האָט מאיר בעמערקט.

—זי האָט מיך זעהר ליב,—האָט גאָלדע ערנסט געזאָגט.—איך האָב זי אויסגעהאָדעוועט, ווי דער זיידע האָט מיך אויסגעהאָדעוועט. זי איז געווען אַ קליין ציגעלע, ווען דער זיידע האָט זי געבראַכט אַהיים און געשענקט זי מיר. שפּעטער האָב איך עס אַרומגעטראָגען אויף די הענד און אַליין געקאָרמעט עס, און אַז דאָס ציגעלע איז קראַנק געוואָרען, האָב איך איהם געזונגען לידעלעך, פּונקט ווי דער זיידע האָט מיר געזונגען לידעלעך, בשעת איך בין קראַנק געווען.

דאָס מיידעל האָט געשמייכעלט, ווי אַ קינד. איצט האָט זי אויסגעזעהן, ווי אַ מיידעלע פון אַ יאָהר פערצעהן.

—און דו וואָלסט איצט געוואָלט האָבען נאָך אַ קליין ציגעלע?—האָט מאיר געפרעגט.

—פאַרוואָס נישט,—האָט דאָס מיידעל געענטפערט.—איך וואָלט זעהר געוואָלט. אַז דער זיידע וועט פערקויפען אַ סך קערב און איך וועל אָנשפּינען אַ סך וואָהל, וועלען מיר ווידעראַמאָל קויפען אויפ'ן מאַרק אַ קליין, ווייס ציגעלע.

—פאַר וועמען שפּינסטו וואָהל?

—פאַרהאַן גוטע פרויען, וואָס גיבען מיר עס צו דער אַרבייט. חנה, וויטעבסקיס ווייב, דיין מוהמע שרה, בער׳ס ווייב — זיי אַלע גיבען מיר צו שפּינען וואָהל, נאָכדעם בעצאָהלען זיי מיר דערפאַר מיט קופּערגעלד און אַמאָל אויך מיט זילבערגעלד.

—הייסט עס, אַז דו קומסט צו אונז אין שטוב נאָך וואָהל, צו שרה׳ן און צו בער׳ס ווייב?

—יאָ, איך קום.

—פאַרוואָס האָב איך דיך קיינמאָל נישט געזעהן?

—דערפאַר, ווייל זיי גיבען מיר די אַרבייט בסוד. בער און זיין ווייב זענען זעהר גוטע מענשען, אָבער זיי ווילען נישט, מען זאָל וויסען, אַז זיי קאָנען מיך און דעם זיידען און אַז זיי פערהעלפען אונז. איך קום צו אייך אין שטוב אַריין נאָר דע-מאָלט, ווען קיינער איז נישטאָ, אויסער דיין שוועסטערקינד לאה׳לע און איך סטאַרע מיך, אַז דער שוואַרצע מענש זאָל מיך נישט זעהן...

—וואָסער שוואַרצער מענש? ווער איז ער?—האָט מאיר געפרעגט מיט פערוואונדערונג.

—דער רב, ר׳ יצחק טודרוס,—האָט גאָלדע געענטפערט מיט אַ מין סודות׳פולער שעפּטשעריי.

ביי דעמדאָזיגען נאָמען האָט מאיר אַ ציטער געטהאָן. זיין געזיכט האָט אויסגעדריקט מיטלייד און אויפרעגונג צוזאַמען. ער איז פּלוצלונג אַנטשוויגען געוואָרען און גענומען קוקען אין דער ווייטקייט אַריין מיט אויגען, אין וועלכע עס האָט געברענט אַ בייז פייערל. ער האָט זיך אַזוי פערטראַכט, אַז אויף זיין וויי-סען שטערען האָט זיך געלעגט אַ טיפער קנייטש. עס האָט אויס-געוויזען, ווי ער האָט פּלוצלונג פערגעסען, אַז ער איז נישט אַליין.

—מאיר,—האָט ער דערהערט הינטער׳ן אַקסעל אַ צאַרט שעפּטשען,—זאָג, וואָס טראַכסטו, און פאַרוואָס זענען דיינע אוי-גען אַזוי אומעטיג? דיין נאָמען איז דאָך „ליכט.” שוין-זשע איז דיר שטענדיג נישט ליכטיג און פרעהליך?

דער יונגערמאַן, וואָס האָט נאָך אַלץ געקוקט אין דער ווייט-

קיט אַריין, האָט אַ שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ.

—ניין,—האָט ער אַרויסגעשעפטשעט,—אין מיין האַרץ ליגט אַ גרויסע בענקשאַפט.

דאָס מיידעל האָט גאָר נאָהנט אָנגענויגט דעם קאָפּ צו איהם:

—מאיר, פאַרוואָס בענקסטו?

מאיר האָט אַ וויילע געשוויגען און נאָכדעם לאַנגזאַם גע-זאָגט:

—גאָלדע, מיר האָבען שוואַרצע מענשען אין שטאָדט, און ביי אונז איז אַזוי טריב... אַזוי טריב...

דאָס מיידעל האָט אַראָבגעלאָזט דאָס געזיכט אויף די הענד און געענטפערט, ווי אַ ווייטער טרויעריגער עכאָ:

—אוי, טריב!..

מאיר האָט נאָך אַ'ליך געקוקט אין דער ווייטקייט אַריין, וואו די לאַנגע וואַנד פון וואַלד האָט אָבגעטיילט די גאָלדענע לאָנקע פון בלויען האָריזאָנט.

—גאָלדע,—האָט ער שטיל אַרויסגעזאָגט.

—וואָס, מאיר?

—האָסטו קיינמאָל נישט געהאַט עפּיס אַ בעגעהר צו זעהן און צו וויסען, וואָס עס טהוט זיך הינטער דעמדאָזיגען געדיכ-טען און הויכען וואַלד, ערגעץ וויים, וויים אויף דער וועלט...

דאָס מיידעל האָט געשוויגען. איהר פיגור, וואָס איז אינגאַנ-צען געווען אָנגענויגט צו איהם, און איהרע ברענענדיגע, ברייט-פונאַנדערגעעפענטע אויגען האָבען דייטליך געזאָגט, אַז, קו-קענדיג אויף איהם, וויל זי מעהר גאָרנישט זעהן.

אָבער מאיר האָט ווייטער געזאָגט:

—איך וואָלט געליהען פליגלען ביי אַ פויגעל און וואָלט אַוועקגעפלויגען ערגעץ וויים... וויים... הינטער דעמדאָזיגען וואַלד...

—שוין-זשע, האָסטו נישט ליב דיין הויז, דיין שען ריין' הויז? שוין-זשע זענען דיר נישט טייער דיינע ברידער, דיינע פריינד, דיינע קרובים, וואָס דו ווילסט אַוועקפליהען אויף די

פליגלען פון אַ פויגעל ?—האָט געשעפּטשעט דאָס מיידעל, דער־שטיקענדיג אין זיך עפּיס אַ געפיהל פון בעליידיגונג אָדער פּחד.

—איך האָב זעהר ליב דאָס הויז פון מיין זיידען שאול, מיר זענען טייער אַלע מיינע ברידער און קרובים... אָבער איך וואָלט געוואָלט אַוועקפליהען הינטער דעמדאָזיגען וואַלד, כדי אַליין צו וויסען און זיך אָננעהמען מיט חכמה און נאָכדעם זיך אומקעהרען צוריק אַהער, און די אַלע מענשען, וואָס געהען דאָ אַרום אינדערפינסטער און אין קייטען, זאָל איך קאָנען זאָגען, וואָס זיי בעדאַרפען טהאָן, צו בעפרייען זיך פון דער פינסטער־ניש און קייטען...

נאָך אַ מינוט שווייגען האָט ער ווייטער געזאָגט:

—איך וואָלט זעהר וועלען וויסען, ווי אַזוי געהען די שטערען אויפ'ן הימעל, און ווי אַזוי וואַקסט דאָס גראָז אויף דער ערד... ווי אַזוי לעבען אויף דער וועלט די אַלע פעלקער און וואָס פאַר אַ הייליגע און קלוגע ביכער האָבען זיי. און לייענען וואָלט איך געוואָלט דידאָזיגע קלוגע ביכער און דער־קענען אין זיי גאָטס געדאַנק וואָלט איך געוואָלט, אַז מיין האַרץ זאָל זיך אָנפילען מיט וויסען, ווי די תהומות פון ימים און טייכען ווערען אָנגעפילט מיט וואַסער. גאָלדע, איך וואָלט עס אַזוי געוואָלט וויסען, אַזוי געוואָלט וויסען...

ער איז פּלוצלונג אַנטשוויגען געוואָרען, ווייל דער זיפץ, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסען פון דער טיפעניש פון זיין פלאַ־מענדיג האַרץ, האָט איבערגעהאַקט זיין קול. אין אַ מינוט אַרום האָט ער שוין שטילער געזאָגט:

—גאָלדע, איך וואָלט געוואָלט זיין אַזוי גליקליך, ווי ר' עקיבא...

—ווער איז געווען דערדאָזיגער ר' עקיבא?—האָט גאָלדע נישט זיכער געפרעגט.

אין מאיר'ס פערטראַכטע אויגען האָט פּלוצלונג אויפגע־פלאַמט אַ פייערל.

—גאָלדע, דאָס איז געווען אַ גרויסער מאַן. עפּטער לייען

איך זיין געשיכטע און דאָס אייגענע לייען איך אויך איצט.

—איך האָב אויך געלייענט אַ סך שענע געשיכטעס,—האָט גאָלדע געזאָגט, — און דידאָזיגע געשיכטעס וואַקסען אין מיין האַרצען, ווי רויטע שמעקענדיגע רויזען. גיב מיר, מאיר, נאָך איינע פון דידאָזיגע רויזען, זאָל זי בליהען פאַר מיינע אויגען, ווען איך וועל דיך נישט זעהן מעהר.

זייערע בליקען האָבען זיך בעגעגענט און אַ לייכטער שמייכעל האָט זיך בעוויזען אויף מאיר׳ס ליפען.

—דו קאָנסט העברעאיש, גאָלדע?

זי האָט אַ שאָקעל געטהאָן מיט׳ן קאָפּ.

—איך קאָן, דער זיידע האָט מיך אויסגעלערנט.

מאיר האָט איבערגעקעהרט עטליכע זייטלעך פון דעם גרויסען בוך, וואָס איז געלעגען ביי איהם אויף די קניה און ער האָט אָנגעהויבען לייענען:

„כלבא שבוע איז געוועזען אַ רייכער מאַן. זיינע פּאַלאַצען זענען געווען הויך, ווי בערג, און זיינע קליידער זענען געווען פערוועבט מיט גאָלד. אין זיינע גערטנער זענען געוואַקסען הויכע צעדערבוימער מיט ברייטע בלעטער און דאָרט האָבען אויך געבליהט די רויזען פון שרון.

„אָבער שענער פון זיינע הויכע פּאַלאַצען, שמעקענדיגער פון די צעדערבוימער און רויטע רויזען און רייצענדיגער פון אַלע יודישע מיידלעך איז געווען זיין טאָכטער רחל.

„כלבא שבוע האָט געהאַט אַזויפיל טשערעדעס, וויפיל שטערען אין הימעל. דידאָזיגע טשערעדעס האָט געפּאַשעט אַן אָרימער יונגעל, הויך, ווי אַ יונגער צעדערבוים, מיט אַ בלאַס און טרויעריג געזיכט פון אַ מענשען, וואָס וויל בעפרייען זיין נשמה פון אַ תפיסה. געהייסען האָט דערדאָזיגער יונגלינג יוסף עקיבא און געוואוינט האָט ער אויף אַ הויכען בערג, וואו עס האָבען זיך געפּאַשעט די טשערעדעס פון זיין האַר.

„און איינמאָל איז געשעהן, די שענע רחל איז געקומען צו איהר פאָטער, איז געפאַלען פאַר איהם אויף די קניה, געקושט איהם די פיס און זיך אָנגערופען מיט טרעהרען אויף די

אויגען: „איך וויל חתונה-האָבען מיט עקיבאַ'ן און צוזאַמען וואוינען מיט איהם אין יענעם קליין שוואַרץ הייזעלע, וואָס שטעהט אויפ'ן שפּיץ באַרג, וואו עקיבא וואוינט איצט אַליין.”

„כלבא שבוע איז געווען אַ מענש אַ שטאָלצער און אַ בייזער, איז ער אין כעס געוואָרען אויף זיין טאָכטער, די שענע רחל, און האָט איהר אָנגעזאָגט, אַז זי זאָל גאָרנישט טראַכטען פון דעם פּאַסטוך.”

„און איינמאָל איז די שענע רחל אַוועק פון דעם פאָטערס פּאַלאַץ און גאָרנישט מיטגענומען מיט זיך, אויסער איהרע שענע שוואַרצע אויגען, וואָס האָבען געלויכטען, ווי צוויי שוואַרצע דימענטען, און איהרע שוואַרצע האָר, וואָס זענען געלעגען אויף איהר קאָפּ, ווי אַ קרוין.”

„און זי איז אַרויף אויפ'ן הויכען באַרג און איז אַריין אין עקיבא'ס פינסטערן הייזעלע, און זיך אָנגערופען: „עקיבא, דיין ווייב איז אַריין אין דיין הויז.”

„האָט זיך עקיבא זעהר דערפרעהט און האָט אויסגעטרונקען פון רחל'ס אויגען איהרע זילבערנע טרעהרען און נאָכדעם האָט ער צו איהר שטיל און קלוג גערעדט. די ווערטער האָבען זיך איהם פון די לעפצען געגאָסען, ווי האָניג און זי האָט געהערט דידאָזיגע ווערטער און האָט זיך אָנגערופען, אַ גליקליכע און אַ צופרידענע: „עקיבא, דו וועסט זיין אַ גרויסער שטערען, וואָס וועט לייכטען איבער די וועגען פון ישראל!”

„אָבער כלבא שבוע איז געווען אַ מענש אַ שטאָלצער און אַ בייזער, האָט ער זיין טאָכטער נישט געשיקט קיין קליידער און האָט געזאָגט: „זאָל זי וויסען פון הונגער און נויט.”

„און די שענע רחל האָט טאַקי געוואוסט פון הונגער און נויט. און עס איז געווען אַ טאָג, ווען זי האָט נישט געהאַט וואָס צו געבען עסען איהר עקיבא'ן, און זי האָט זיך געפּייניגט פון דער מחשבה, אַז עקיבא געהט היינט אַרום אַ הונגעריגער.”

„אָבער עקיבא האָט איהר געזאָגט: „רחל, שרעק זיך נישט, און עס זיך נישט אָב דאָס האַרץ.” אָבער רחל האָט זיך אויפגעהויבען און אַראָבגעלאָפען פון הויכען באַרג אין שטעדטעל

אַריין און דאָרט אויסגערופען אין די גאַסען: „ווער גיט מיר אַ מעסטעל ווייץ פאַר דערדאָזיגער שוואַרצער קרוין, וואָס ליגט מיר אויפ׳ן קאָפּ?״

„האָט מען איהר געגעבען אַ מעסטעל ווייץ און איהר שוואַרצע קרוין, וואָס איז געווען שענער פון בריליאַנטען און פערלען, איז אַראָבגענומען געוואָרען פון איהר קאָפּ.״

„דעמאָלט איז זי צוריק אַרויף אויפ׳ן באַרג, אַריין אינ׳ם קליינעם הייזעלע און געזאָגט צו עקיבא׳ן: „עקיבא, איך קאָן דיר שוין געבען צו עסען, אָבער דיין נשמה איז הונגעריג און איך האָב נישט קיין שפּייז פאַר איהר. געה-אַרויס אין דער ברייטער וועלט און זעטיג דאָרט אָן דיין נשמה מיט דער גרויסער חכמה, וואָס פליסט-אַרויס פון די לעפּצען פון חכמים און איך וועל פערבלייבען דאָ און וועל מיך אַנידערזעצען אויף דער שוועל פון דיין הייזעל און וועל שפּינען וואָהל און וועל פּאַשען די טשערעדעס און וועל קוקען אויף יענעם וועג, אויף וועלכען דו וועסט זיך אַמאָל אומקעהרען צו מיר, ווי עס קעהרט זיך אום די זון אויפ׳ן הימעל צו פערטרייבען די פינסטערניש פון דער נאַכט.״

„און עקיבא האָט זיך אויפגעהויבען און איז אַוועק אין דער ברייטער וועלט אַריין.״

מאיר׳ס קול איז פּלוצלונג איבערגעהאַקט געוואָרען. ער האָט שוין מעהר נישט געקוקט אין ספר אַריין, ווייל ער האָט דערהערט איבער׳ן אַקסעל עפּיס אַ מאָדנע שעפּטשעריי.

— עקיבא איז אַוועקגעגאַנגען? — האָט גאָלדע געפרעגט מיט ברייט-פונאַנדערגעעפענטע אויגען און מיט אַנ׳איינגעהאַלטענעם אָטעם.

— עקיבא איז אַוועק, — האָט מאיר געזאָגט און גענומען ווייטער לייענען.

„און די שענע רחל איז געזעסען אויף דער שוועל פון זיין הייזעל און געשפּינט וואָהל און געפּאַשעט די שאָף און געקוקט אויפ׳ן וועג, מיט וועלכען עקיבא האָט זיך בעדאַרפט אומקעהרען, פול חכמה און ליכט.

„זיבען יאָהר זענען אַוועק, און איינמאָל איז געוועז אַנ׳-אָווענד, ווען די לבנה האָט געגאָסען אויף דער ערד איהר זיל-בערן ליכט און די בוימער און גראָזען זענען געשטאַנען אויף דער ערד שטיל און אונבעוועגט, און איבער זיי האָט געוועהט גאָטס אָטעם. דעמאָלט האָט זיך הינטער דעם הויכען באַרג בעווי-זען אַ הויכער בלאַסער מאַן. זיינע פיס האָבען געציטערט, ווי די בלעטער פון אַ ווינד און די הענד האָט ער אויפגעהויבען צום הימעל, אָבער אַז ער האָט דערזעהן דאָס קליינע אָרימע הייזעלע, האָט ער זיך צעוויינט, ווי אַ קליין קינד, ווייל דאָס איז געוועזן עקיבא, דער מאַן פון דער שענער רחל. עקיבא האָט זיך אָנידערגעשטעלט נעבען פענסטער פון זיין הייזעל און זיך צוגעהערט, ווער רעדט עס דאָרט מיט זיין ווייב.״

„געהערט האָט עס רחל מיט איהר ברודער, וואָס דער פאָ-טער האָט איהם געשיקט צו איהר, און דער ברודער האָט גע-זאָגט: „קעהר זיך אום צוריק אין דעם הויז פון כלבא שבוע.״

„אָבער זי האָט בעמערקט: איך וואַרט אויף עקיבא׳ן און וועל היטען זיין הויז.״

„דעמאָלט האָט דער ברודער זיך אָנגערופען: „עקיבא וועט זיך שוין קיינמאָל נישט אומקעהרען. ער האָט דיך מבייש-געוועזן און אַוועקגעוואָרפען.״

„האָט זיך רחל אָנגערופען: „עקיבא האָט מיך נישט אַ וועק-געוואָרפען, וואָרום איך האָב איהם אַליין אַוועקגעשיקט צו דעם קוואַל פון חכמה, כּדי ער זאָל טרינקען פון איהם.״

„זאָגט דער ברודער: „עקיבא טרינקט פון דעם חכמה-קוואַל, אָבער דו טרינקסט זיך אין דיינע טרעהרען, און דיין לייב ווערט פערטריקענט פון הונגער און נויט.״

„האָט איהם רחל געזאָגט דערויף: „זאָלען גיסען טרעהרען פון מיינע אויגען און זאָל די נויט פערצעהרען מיין לייב, אָבער איך וועל אַלץ היטען זיין הויז, און ווען איצט וואָלט דאָ גע-שטאַנען דער, וואָס מיין האַרץ ברענט צו איהם מיט ליבע, און וואָלט זיך אָנגערופען: „רחל, איך בין געקומען אַהער, דו זאָלסט מעהר נישט וויינען און ליידען, אָבער איך האָב נאָך ווייניג

געטרונקען פון דעם קוואַל פון חכמה״—וואָלט איך איהם געזאָגט: „געה און טרינק נאָך.״

אָבער דער אָרימער בלאַסער וואַנדערער, וואָס איז געשטאַנען נעבען אָפענעם פענסטער און געהערט רחל׳ס ווערטער, איז נאָך בלאַסער געוואָרען, ווי פריהער. ער האָט געציטערט אויפ׳ן גאַנצען לייב, און, אַ טרויעריגער, אַוועק אַהין, פון וואַנען ער איז געקומען.

„און ווידעראַמאָל זענען אַוועק זיבען יאָהר און עס איז געוועזען אַ טאָג, ווען די זון האָט געגאָסען אויף דער ערד איהרע גאָלדענע שטראַהלען, און די בוימער האָבען געגרוישט, און די בלומען האָבען געבליהט, און די מענשען האָבען זיך געפרעהט, פונקט ווי אויף זיי וואָלט געוועהט דער אָטעם פון גאָט. איבער׳ן וועג, וואָס האָט געפיהרט צו דעם הויכען באַרג און צו דעם נידעריגען הייזעלע, האָט זיך רוישיג בעוועגט אַ גרויסע מחנה, און אין דערדאָזיגער מחנה איז געגאַנגען אַ הויכער מאַן. זיין פנים האָט געלויכטען, ווי די זון, און פון זיינע לעפצען האָבען זיך געגאָסען זיסע ווערטער, ווי האָניג. און דאָס פאָלק האָט זיך נידערגעבויגט פאַר איהם און גיריג אויפגעכאַפּט זיינע ווערטער און מיט ליבע געשריען: „אַ, רבי!״

„נאָר אָט האָט זיך פּלוצלונג בעוויזען אין דער מחנה אַ פרוי, און די פרוי האָט זיך אַנידערגעוואָרפען אויף דער ערד און אַרומגענומען די קניה פון דעם גרויסען רבי. זי האָט געהאַט אין די הענד אַ שפינדעל. אָנגעטהאָן איז זי געוועזען אין אָרימע שמאַטעס, דאָס פנים בלאַס און אָבגעצעהרט, די אויגען איינגעפאַלען, ווייל זי האָט פערצעהן יאָהר געליטען הונגער און נויט, און פערצעהן יאָהר האָט זי נאָכאַנאַנד געוויינט און געפּסען טרעהרען.״

„אַוועק, דו בעטלערין. האָט די מחנה געשריען צו איהר!— אָבער דער גרויסער רבי, האָט זי אויפגעהויבען פון דער ערד, פעסט צוגעדריקט צו זיין האַרץ, ווייל דאָס איז געוועזען עקיבא, און די פרוי—זיין ווייב רחל.

„אָט איז דער קוואַל, וואָס האָט געזעטיגט מיין זעל מיט

האָפנונג, בשעת מיין קאָפּ האָט געגאָסען פונ׳ם קוואַל פון חכמה.

„אַזוי האָט גערעדט דער גרויסער רבי צום פאָלק און ער האָט געוואָלט אַרויפלעגען אויף רחל׳ס קאָפּ אַ קרוין פון גאָלד און פּערלען.״

„רחל,—האָט ער זיך אָנגערופען,—דו האָסט אַמאָל אַראָבגענומען די האָר-קרוין פון דיין שענעם שוואַרצען קאָפּ, כּדי צו שטילען דערמיט מיין הונגער, אָבער איך וויל איצט בעצירען דיין לייב מיט פּערלען און בריליאַנטען.״

„אָבער זי האָט פערהאַלטען זיין האַנד, וואָס האָט שוין געמאַכט אַ בעוועגונג דערצו, און האָט אויפגעהויבען די אויגען, וואָס זענען ווידער געוואָרען שען און יונג, ווי אַמאָל, און האָט געזאָגט: „רבי, דיין רוהם איז מיין קרוין.״

מאיר האָט ווידעראַמאָל איבערגעריסען זיין לייענען און לאַנגזאַם אַ קוק געטהאָן אויף דעם מיידעל, וואָס איז געזעסען נעבען איהם.

גאָלדעס פּנים האָט געברענט און פון די אויגען האָבען זיך געגאָסען טרעהרען.

—אַ שענע מעשה?—האָט מאיר געפרעגט.

—זעהר אַ שענע,—האָט גאָלדע געענטפערט.

זי האָט אָנגעשפּאַרט דאָס געזיכט אויף די הענד און אַ מינוט אומגעוויגט איהר שלאַנק קערפּערל, פּונקט ווי זי וואָלט נעשוואומען אין זיסע חלומות. אָבער פּלוצלונג זענען אַראָבגעפאַלען די טרעהרען פון איהרע אויגען, זי איז בלאַס געוואָרען און זיך אויפגעשטעלט.

—מאיר,—האָט זי אויסגעשריען,—ווען דו וואָלסט געווען עקיבא און איך—די טאָכטער פונ׳ם רייכען כּלבא שבוע, וואָלט איך אויך געטהאָן דאָס אייגענע, וואָס די שענע רחל.

און מיט אַ לאַנגזאַמער בעוועגונג האָט זי גענומען אין דער האַנד אַריין איהר שענעם שוואַרצען צאָפּ, וואָס איז געלעגען אויפ׳ן רוקען, אַרומגערינגעלט מיט איהם דעם קאָפּ און געזאָגט:

—זעה, מאיר, איך האָב אויך אַ שוואַרצע קרוין, ווי רחל.

נאָכדעם האָט זי אויפגעהויבען צו מאיר'ן איהרע טיפע פייערדיגע אויגען און האָט פשוט און ערנסט, אָהן אַ שמייכעל, אַ זאָג געטהאָן צו איהם:

—מאיר, פאַר דיר וואָלט איך געקאָנט אויסרייסען די אויגען פון מיין קאָפּ. און צו וואָס בעדאַרף איך אויגען, ווען איך זאָל דיך נישט קאָנען זעהן?..

מאיר האָט זיך שטאַרק פעררויטעלט, אָבער נישט פון בושה, נאָר פון זיסער אויפרעגונג.

דאָס מיידעל איז געווען אַזוי נאַאיוו און ווילד, און גלייכצייטיג אַזוי שען מיט דעם אַרומגעוויקעלטען צאָפּ איבער'ן קאָפּ, און מיט די ליידענשאַפטליכע ווערטער אויף דידאָזיגע דרייסטע און ערנסטע ליפּען.

—גאָלדע, איך וועל קומען צו אייך. איך וויל זעהן דיין אַלטען זיידען.

—קום צו אונז,—האָט זי געבעטען,—צוזאַמען מיט דיר וועט אַריין אין אונזער הויז אַ גרויס ליכט.

די זון האָט זיך שוין כמעט פערבאָרגען הינטער אַ רויטען וואָלקען. צווישען די גראָזען האָט אַרויסגעבלויט דאָס שטילע טייכעל. גאָלדע האָט אַ קוק געטהאָן אויפ'ן טייכעל און אויפ'ן וועלדעל.

—פאַרוואָס קוקסטו, גאָלדע, אויפ'ן טייכעל?—האָט מאיר געפרעגט.

ער האָט שוין נישט געקאָנט אָברייסען זיין בליק פון איהר געזיכט.

—איך וואָלט געוואָלט אָנרייסען טייכריטלעך, וואָס וואַקסען דאָרטען.

—צי וואָס בעדאַרפסטו די טייכריטלעך? וואָס וועסטו מאַכען פון זיי?

—איך וועל זיי אַוועקטראָגען אַהיים. דער זיידע וועט מאַכען פון זיי קערב און פערקויפען אויפ'ן מאַרק און פאַר'ן געלד וועט ער קויפען ברויט. אַמאָל קויפט ער אויך פיש. דער זיידע האָט שוין לאַנג נישט קיין ריטלעך צו דער

ארבייט און ער איז זעהר אומעטיג.

—טאָ פאַרוואָס נעהמסטו נישט קיין ריטלעך, וויבאַלד דו בעדאַרפסט זיי האָבען.

—איך טאָר נישט!

—וואָס הייסט? אַלע אין שטעדטעל מעגען פּאַשען דאָ זייערע קיה און שניידען ריטלעך? די לאָנקע און דאָס וועלדעל בעהערן דאָך צו דעם שטעדטעל?

—דאָס איז גאָרנישט. איך טאָר נישט. מיר גלויבען נישט אין תלמוד, מיר בענשען נישט קיין ליכט לכבוד שבת...

מאיר האָט זיך האַסטיג אַ ריס געטהאָן פון אָרט.

—קום!—האָט ער געזאָגט צו גאָלדען.—שנייד דיר אָן ריטער, וויפיל דו ווילסט, איך וועל שטעהן נעבען דיר. שרעק דיך נישט.

גאָלדעס געזיכט האָט גענומען לייכטען פון שמחה. זי האָט גענומען פון זיין האַנד אַ קליין מעסערל און איז אַוועקגעלאָפען צום טייכעל. איצט, אַז זי האָט זיך דערשפירט אונטער דער שוץ פון אַ ליבען און אַ שטאַרקען מענשען און האָט אויך געקאָנט צופרידענשטעלען איהר אַלטען זיידען, האָבען איהרע בעוועגונגען פערלאָרען זייער פריהערדיגען ערנסט, וואָס האָט איהר שטענדיג צוגעגעבען דעם אויסדרוק פון רייפקייט. זי איז געלאָפען פאָראויס, זיך אַלץ אומגעקוקט אויף מאיר׳ן, וואָס איז איהר געגאַנגען פון הינטען, און האָט גערופען דאָס ציגעלע, וואָס איז אַרומגעשפרונגען אויף דער צווייטער זייט לאָנקע.

ביידע האָבען זיך אָבגעשטעלט נעבען וואַסער. די סאַמע געדיכטע ריטלעך זענען געוואַקסען אין וואַסער, עטליכע טריט ווייטער פונ׳ם ברעג. גאָלדע האָט באַלד אַראָבגעוואָרפען די שיך פון די פיס, אויפגעהויבען דאָס לאַנגע קליידעל, פערלעגט עס אונטער׳ן גאַרטעל און אַריינגעלאָפען אין וואַסער. מאיר איז געבליבען שטעהן אויפ׳ן ברעג און געקוקט אויפ׳ן מיידעל. גאָלדע האָט זעהר געשיקט געשניטען די בויגזאַמע ריטלעך און הויך געלאַכט. לאַכענדיג, האָט זי אויפגעדעקט איהרע ווייסע צייהן, ווי פערל.

דער גלאַנץ פון די העלע וואָלקענס האָט בעגאָסען איהר טונקעל געזיכט מיט אַ ראָזען שיין און בעגילדט איהר שוואַרצע קרוין האָר אויפ'ן קאָפּ. מאיר האָט נישט אַראָבגעלאָזט די אויגען פון איהר און האָט אויך געשמייכעלט.

אין די גרינע קוסטעס, נישט ווייט פון איהר, איז געשטאַנען די ציג, מיט אַנ'אויסגעצויגענעם האַלז און געקוקט אויף איהר בעל-הבית'טע, וואָס איז אַרומגעגאַנגען אין וואַסער. פלוצלונג האָט גאָלדע הויך אויסגעשריען און זיך אָנגעבויגט.

—וואָס איז געשעהן ?—האָט מאיר אַ פרעג געטהאָן.

פון צווישען די גרינע בוימער, וואו דאָס מיידעל האָט זיך כמעט ווי פערבאָרגען, האָט זיך דערטראָגען אַ פרעהליכער אויסגעשריי :

—מאיר, דאָ וואַקסען שענע בלומען !

—וואָס פאַר אַ בלומען ?

דאָס שלאַנקע מיידעל האָט זיך דערנעהנט צום ברעג און אויסגעצויגען די מאָגערע האַנד צום יונגערמאַן. אין דער האַנד איז געלעגען אַ געלבע וואַסערליליע. מאיר האָט זיך עטוואָס אָנגענויגט און געוואָלט נעהמען דאָס בלימעל, אָבער פלוצלונג האָט גאָלדעס האַנד אַ ציטער געטהאָן, דאָס פנים איז איהר בלאַס געוואָרען און די אויגען האָבען אויסגעדריקט אימה און שרעק.

—דער שוואַרצער מענש !—האָט זי אַרויסגעשעפטשעט און פערלאָרען דאָס בלימעל אין וואַסער.

מיט אַ שטילען אויסגעשריי האָט זי זיך פערבאָרגען אין די קוסטעס, וואָס זענען געשטאַנען ביים ברעג.

מאיר האָט זיך אַרומגעקוקט. נישט ווייט פון איהם, צווישען די בוימער, האָט זיך בעוויזען עפּיס אַ מאָדנע פיגור, וואָס האָט זיך געשווינד בעוועגט צו דער לאָנקע. דאָס איז געווען אַ מאַן פון מיטעלער וואוקס, זעהר אַ מאָגערער, מיט אַ טונקעלען פנים, מיט שוואַרץ-גרויע האָר און מיט אַ שוואַרץ-גרויער באָרד, לאַנג ביז צום גאַרטעל. אָנגעטהאָן איז ער געווען אין אַ לאַנגען, שמאָלען אויסגעריבענעם בגד, פון אַ גראָבען שטאָף, און דער

אָפּענער קאָלנער פון זיין גראָבען העמד האָט געלאָזט זעהן זיין געלבען האַלז. געגאַנגען איז ער אָהן שום גערויש און שנעל, מיט אַנ'אַראָבגעלאָזטען קאָפּ, אין אַלטע אויסגעריבענע שטעקשיך. אין די הענד האָט ער געטראָגען גרויסע הויפענס וואַלדגראָז. איבער זיין קאָפּ איז געפלויגען אַ גאַנצע מחנה פויגעל, וואָס האָט איהם, וואַהרשיינליך, גוט געקאָנט, מחמת זיי פלעגען זיך עפטער זעצען אויף זיינע שוואַרצע האָר און איינגעבויגענעם רוקען.

בשעת דערדאָזיגער מאַן איז פאַרבייגעגאַנגען פאַרביי איהם, האָט זיך מאיר אונבעוואוסטזיניג און געהאָרזאַם פערנויגט פאַר איהם. אָבער ער האָט באַלד אויפגעהויבען דעם קאָפּ צוריק. ער איז געוועזן בלאַס, די ברעמען זענען צוזאַמענגעצויגען געוואָרען פון עפּיס אַ פערבאָרגענעם וועהטאָג. מיט אַ טריבען בליק האָט ער נאָכגעקוקט נאָך דער איינגעבויגענער געשטאַלט, וואָס האָט אָהן גערויש געשלייכט איבער דער לאָנקע. און מאיר האָט דורך פערקוועטשטע צייהן פון וועהטאָג און כעס אַרויסגעברומט:

—דער רב, ר' יצחק טודרוס.

## פערטעס קאַפּיטעל.

אויף ר' יצחק טודרוס'ן איז אויסערליך און אפשר אויך אינערליך געלעגען דער צייכען פון דעם הייסען קלימאַט אין שפּאַניען, וואו יודען האָבען פערבראַכט הונדערטער יאָהרען.

דאָסדאָזיגע וואַנדערנדיגע פאָלק, וואָס האָט וואונדערליך דרייסט אָבגעהיט זיינע אייגענשאַפטען, וועלכע האָבען עס אונטערגעשיידט פון די אַנדערע פעלקער, האָט פונדעסטוועגען דאָ

און דאָרט געגאָסען פון די אייגענשאַפטען פון אַנדערע אומות און לענדער, וואו דער גורל האָט עס פערטראָגען.

ביי דער אַלגעמיינער עהנליכקייט פון די יודען איז פאָרט פאַר־האַן אַ געוויסער אונטערשייד: איהר וועט דאָ טרעפען מענשען, וואָס זענען לפי־ערך נישט לאַנג געקומען פון דרום אָדער מזרח, אָדער אַזוינע, וואָס די ווינטער־זאַווערוכעס און דער בלאַסער הימעל שפרייט זיך איבער זיי שוין פון הונדערטער יאָהרען; איהר וועט דאָ טרעפען מענשען נאָכגיביגע אָדער ליידענשאַפט־ליכע; מיסטיקער אָדער מענשען, וואָס זענען דורכגעדרונגען מיט דער ווירקליכקייט; איהר וועט דאָ טרעפען שוואַרצע האָר, ווי דער פליגעל פון אַ קראָהע, און בלויע אויגען, ווי דער לויטערער הימעל; פנים׳ער ווייסע אָדער שוואַרצע, אָרגאַניזמען שטאַרקע און פערהאַטעוועטע אָדער מאָגערע, טרוקענע, נערוועזישע, וואָס ציטערן־אויף ליידענשאַפטליך פון טרוימען און פאַנטאַזיעס.

פון אַלע שוואַרצע פנים׳ער האָט ר׳ יצחק טודרוס געהאַט דאָס שוואַרצעסטע; פון שוואַרצע האָר—די סאַמע שוואַרצעסטע און פון אַלע פייערדיגע נשמות—די סאַמע ברענענדיגסטע, וואָס האָט זיך געגעהרט מיט׳ן פייער פון חלומות און ליידענשאַפטען.

וואָס פאַר אַשטעלונג האָט ער, אייגענטליך, פערנומען אין דער געזעלשאַפט און אויף וואָס האָט זיך געשטיצט דידאָזיגע שטעלונג? ער איז נישט געוועזען קיין פריסטער. רבנים זענען נישט קיין פריסטער, און קיין איין פאָלק אין דער וועלט איז אפשר נישט אַזוי וויט פון אַ טעאָקראַטישער אָרדונג און מאַכט, ווי דאָס פאָלק ישראל.

ער איז נישט געוועזען קיין אַדמיניסטראַטאָר אין זיין קהילה, ווייל מיט די קהל׳שע ענינים האָבען זיך בעשעפטיגט די קהל׳ס־לייט. די רבנים שפילען אין דער אָרגאַניזאַציע פון קהל די איינציגע ראָל פון רעליגיע־בעשיצער—זיי בעשיצען איהרע געזעצען און מנהגים.

ער האָט אָבער געהאַט נאָך אַ גרעסערן ראַנג: ער האָט געשטאַמט פון גרויסען יחוס. צווישען זיינע זיידעס און עלטער־זיידעס האָבען זיך געפונען גרויסע חכמים, צדיקים און רבנים.

אַליין איז ער אויך געווען אַ גרויסער צדיק, אַ גרויסער חכם, אַ גרויסער למדן און כמעט אַ בעל-מופת.

נאַטירליך, זיינע קענטנישען זענען געווען בלויז רעליגיע-זע, אָבער ביי דער שיבאָוער קהילה איז דאָס געווען דער עיקר.

דידאָזיגע קענטנישען זענען בעשטאַנען הויפטזעכליך דע-רין, וואָס ער איז אויסגעצייכענט גוט בעקאַנט געווען מיט די הייליגע ספרים; ווענינער פון אַלץ: מיט תורה, נביאים וכתובים, איבערהויפט—קבלה.

ר׳ יצחק טודרוס איז געווען דער סאַמע גרעסטער קבלה-מאַן פון דער נייער צייט און דאָס איז געווען דער הויפט-פונקט, אויף וועלכען עס האָט זיך געשטיצט דער גאַנצער בנין פון זיין גדולה.

אַ מענש, וואָס איז נישט בעקאַנט מיט דער אמונה פונ׳ם יודישען פאָלק, וואָלט אַודאי געמיינט, אַז די גאַנצע בעפעלקע-רונג פון שיבאָוו איז אַ טייל פון דער גרויסער טריבער סעקטע חסידים, וואָס שטעלען די קבלה העכער פון אַלע רעליגיעזע און וועלטליכע לעהרעס.

ניין, די איינוואוינער פון שיבאָוו האָבען זיך נישט גע-האַלטען פאַר אָבגעטרינענע. פערקעהרט, זיי האָבען געשטאָלצירט דערמיט, וואָס זיי זענען עכטע תלמודיסטען און פרומע יודען.

איבעריגענס, איז דער חסידיזם אַדורכגעלאָפען איבער דער שיבאָווער בעפעלקערונג און איבערגעלאָזט דאָרט אַ סך שפורען. דער גרעסטער טייל פון דער בעפעלקערונג איז געווען אַ חסיד׳ישער, אַליין נישט וויסענדיג, פאַרוואָס. מען האָט געשמו-עסט אַז ר׳ יצחק טודרוסעס זיידע, ר׳ נחום אַליין, וואָס האָט געקעמפט פאַר דערדאָזיגער אידעע מיט ר׳ הערש יעזעפאָוויטש, איז אַגעוויסע צייט געווען אַ תלמיד פון בעש״ט, דעם גרינדער פון דערדאָזיגער אויסטערלישער סעקטע. ער האָט זיך עפּטער געזעהן מיט איהם, און כאָטש ער האָט זיך נישט בעהעפט צו זיין סעקטע, האָט ער דאָך אַריינגעטראָגען אין דער קהילה, וואָס ער איז געווען איהר ראש, די גרונדשטריכען פונ׳ם חסידיזם.

אָבער אין דער אמונה פון דער שיבאָוועד בעפעלקערונג האָט געהערשט אַ תהו ובהו און דערדאָזיגער תהו ובהו האָט געוועלטיגט אין דער גאַנצער אומגעבונג אויף אַ שטח פון צעהנדליגער וויאָרסטען און האָט געפונען זיין העכסטען אויסדרוק אין דער פערזאָן פונ׳ם שיבאָוועד רב.

ר׳ יצחק האָט געהאַט אַ טונקעלען שטערען, אינגאַנצען צוּאַקערט פון טיפע קנייטשען, וואָס זענען יעדעס מאָל טיפער געוואָרען, ווען ער האָט זיך פערטראַכט וועגען די סודות פון הימעל און ערד.

פון שטענדיגען זיצען איבער ביכער איז איהם אויסגעבויגען געוואָרען דער רוקען, די הענד האָבען איהם געציטערט פון שטענדיגער גייסטיגער אויפרעגונג, דער גוף איז אויסגעטריקענט געוואָרען און די באַקען זענען טיף איינגעפאַלען פון גייסטיגע ליידען און פיזישע אַנגסטען.

ער האָט יונג חתונה-געהאַט, אָדער ריכטיגער—מען האָט איהם חתונה-געמאַכט נאָך דעמאָלט, ווען אויף זיין פנים איז נאָך נישט געווען קיין איין הערעלע, וואָס זאָל קאָנען דינען פאַר אַ צייכען פון מענליכער רייפקייט. אינגיכען האָט ער זיך געזעגנט מיט זיין ווייב, וואָס האָט מיט איהר טענטלען זיך און פערטאַראַמטקייט געשטערט צו זיין פרומער קאָנצענטרירונג און גייסטיגער דערהויבונג. זיינע דריי קינדער האָבען זיך געהאָדעוועט ביי זיין ברודער און ער אַליין, ווי אַבֿ׳איינזאַמער אין אַ מדבר, האָט געוואוינט אין זיין שוואַרץ נידריג הייזעל, וואו ער האָט פערבראַכט דאָס לעבען אין הייסע תפילות און טיפע מיסטישע מחשבות.

דעם גוף האָט ער ווי-עס-איז אונטערגעהאַלטען און גענעהרט דערמיט, וואָס מען פלעגט איהם שיקען, און שיקען פלעגט מען איהם גאַנץ געוועהנליכע אָרימע שפייזען. גרויסע גוטע מאכלים פלעגט ער נישט צונעהמען. ער פלעגט אויך נישט נעהמען קיין שכר פאַר זיינע עצות, רפואות און דרשות.

אָבער יעדען טאָג, איידער עס פלעגט אויפגעהען די זון, פלעגען זיך ווייזען אויפ׳ן שוהל-הויף ציטריגע געשטאַלטען, וואָס

פלעגען שטילערהייד, אונטער די פענסטער פון זיין הייזעל, אוועקשטעלען אויף דער באנק א ליימענעם טעפעל מיט קרופניק, און דערביי א שטיקעלע ברויט אדער חלה.

אין דערדאזיגער שעה האט דער רב געזאגט די פריה-מארגענדיגע ברכות, ווייל דאס איז געוועזען יענע שעה, ווען מען האט געקאנט אונטערשיידען ווייס פון בלאס-בלוי, דאס הייסט די צייט, ווען יעדער אמת'ער יוד בעדארף זאגען די פריהמארגענדיגע ברכות.

נאכדעם האט ער געעפענט די פענסטער און האט לאנג געקוקט אויפ'ן ראזען פריהמארגען. געקוקט האט ער מיט פיי-ערדיגע שווארצאפלען אויף רויטע ווייסלען. דארט, אין יענער זייט, איז געוועזען דער ווייטער מזרח, ירושלים איז דארט גע-ווען, און די חורבות פון בית-המקדש שטעהען דארט. ארץ-ישראל ליגט דארט און עס וויינט דאס לאנד איבער זיינע פערלארענע קינדער, און די פאלמען וועלקען, שמאכטען פון טרויער. טייכמאל איז דאס פייער, וואס האט געברענט אין דעם רב'ס אויגען, פערלאשען געווארען פון טרעהרען, וואס האבען זיך איהם געקאלערט איבער'ן פנים און געקיהלט איהם די פיי-ערדיגע באקען.

טיילמאל האבען קאלטע ווינדען און נעבלען געקיהלט איהם די באקען, אבער ר' יצחק, נישט-געקוקט אויפ'ן רעגען, שניי און נעבעל האט דאך אלע פריהמארגען געקוקט אויפ'ן מזרח... נאכדעם האט ער זיך אנגעבויגט און גענומען פון בענ-קעל דאס שפייז, וואס א פרומע האנד האט פאר איהם אוועק-געשטעלט.

ער האט קיינמאל נישט אויפגעגעסען אינגאנצען, וואס מען פלעגט איהם געבען. דאס ברויט אדער די חלה פלעגט ער צוברעקלען אויף שטיקעלעך און ארויסווארפען עס פאר די פוי-געל, וואס פלעגען זיך צונויפפליהען פון אלע זייטען, פון אלע דעכער און גאסען און פערשטעלען דאס אפענע קליינע פענ-סטערל מיט א בעוועגליכען דורכזיכטיגען פארהאנג פון פליגלען. מאנכע פייגעל פלעגען כאפען די ברעקלעך און אנטלויפען

מיט זיי אין די נעסטען אַריין מיט אַ פרעהליכען צוויטשערן. אַנדערע אָבער פלעגען עסען ביים פענסטער און פלעגען זיך אַוועקזעצען אויף די שוואַרצע געבויגענע אַקסלען פונ׳ם רב. די שוועלבעלעך פלעגען זיך אויך אַרויסכאַפּען פון זייערע נעסטען, וואָס האָבען זיך געפונען אונטער׳ן דאַך, און פלעגען אויסציהען צו איהם זייערע שנעבעלעך און קוקען איהם דרייסט אין פנים אַריין.

דעמאָלט פלעגט דאָס טריבע געזיכט פון רב עטוואָס ווייכער ווערען און אויף זיינע פערפרעסטע ליפען, בעוואַקסען מיט געדיכטע האָר, פלעגט זיך טיילמאָל ווייזען אַ צאַרטער שמייכעל.

עס האָבען איהם גוט געקאָנט נישט בלויז די פויגעל, וואָס האָבען געלעבט אין שטעדטעל, נאָר אויך יענע, וואָס האָבען אָנגעפילט דאָס געדיכטע בעראָזע-וועלדעל.

נאָכדעם, ווי דער רב האָט זיך אומגעקעהרט אַהיים, פאַרנאַכט, בשעת די זון איז פערגאַנגען, מיט אַ הויפען ווילדע גראָזען אין די הענד, האָט ער אין פאָרהויז פון זיין הייזעל געטראָפען זיין טרייען פערעהרער, וואָס איז געזעסען אין ווינקעל. אַנ׳איינגעקנוידערטער, מיט דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויף די הענד, איז ער געזעסען טיף פערזונקען אין זיינע מחשבות.

—משה !—האָט איהם אַ רוף געטהאָן דער רב, וואָס איז שנעל און שטיל אַדורכגעגאַנגען דעם פאָרהויז.

—וואָס ?—האָט ער אַ פרעג געטהאָן מיט אַ הכנעה-מינע אויפ׳ן פנים.

—משה, זאָלסט מיר געהן צו דעם אַלטען שאול׳ן און זאָלסט איהם זאָגען, אַז ר׳ יצחק טודרוס וועט מאָרגען בעזוכען זיין הויז.

די איינגעקנוידערטע געשטאַלט איז באַלד אויפגעשפּרונגען אויף די פיס, ווי אַ פרוזשינע, און מיט באָרוועסע פיס אַוועקגעלאָפען איבער׳ן מאַרק צו ר׳ שאול׳ס הויכען הויז. אַרויפגעלאָפען אויפ׳ן גאַנעק און גאָכדעם אין לאַנגען קאָרידאָר, האָט דער בלמד געעפענט די טיר, אַריינגערוקט דעם קאָפּ אין דעם גרוי-

סען צימער אַריין און אויסגערופען מיט אַ הויכען פייערליכען קול:

—ר' שאול, מאָרגען וועסטו בעגליקט ווערען און וועסט האָבען גרויס כבוד! דער רב, ר' יצחק טודרוס, דער סאַמע פרומסטער מאַן און דער גרעסטער חכם אין דער וועלט וועט מאָרגען בעזוכען דיין הויז.

פון דער טיפעניש פון גרויסען גאַסטצימער האָט אַ טרו-קענער קול פון אַלטקייט, אָבער נאָך אַ גאַנץ שטאַרקער, גע-ענטפערט:

—איך, שאול יעזעפאָוויטש, מיינע קינדער, אייניקלעך און אוראייניקלעך וועלען מאָרגען וואַרטען אויף דעם רב'ס וויזיט מיט גרויס שמחה און גרויס אונגעדולד. הונדערט יאָהר זאָל ער לעבען.

—הונדערט יאָהר זאָל ער לעבען!—האָט דאָס שוואַרצע פנים מיט די קיילעכיגע אויגען אַריינגעוואָרפען אין צימער אַריין די אייגענע פראַזע און באַלד פערשוואונדען געוואָרען.

די טיר איז צוגעמאַכט געוואָרען. דער אַלטע שאול איז געזעסען אויפ'ן דיוואַן און געלערנט דעם זוהר. זיין מוח, וועל-כער איז געוועהנט געווען צו וועלטליכע ענינים און געשעפטען, האָט נישט געקאָנט משיג-זיין די טיפע ענטפלעקונגען פון דעמ-דאָזיגען ספר, כאָטש ר' שאול האָט אָנגעווענדט זיינע לעצטע כוחות. זיין פערקנייטשטער שטערען האָט זיך פלוצלונג אָנגעז-וואָלקענט און אין זיינע אויגען האָט זיך בעוויזען עפיס אַ נ'-אונרוהיגקייט. האָט ער זיך אָבגעקעהרט צו זיין עלטסטען זוהן, רפאל'ן, וואָס איז געזעסען נישט ווייט ביים טיש און געמאַכט די חשבונות פאַר'ן לעצטען חודש. דער אַלטער האָט זיהם אַ פרעג געטהאָן וועגען דעם רב'ס וויזיט.

רפאל האָט אַ דריק געטהאָן מיט די אַקסלען—ער ווייס נישט.

—האָט ער דען מיט אונז עפיס אַ סכסוך?—האָט דער אַלטער פון דאָסניי אַ פרעג געטהון.

רפאל האט אויפגעהויבען דעם קאפ פונ׳ם רעלענבוך און געענטפערט:

—ער האט.

ר׳ שאול האט א ציטער געטהאן.

—נו,—האט ער אויסגעשריען,—וואס קען ער האבען צו אונז? שוין-זשע האט עמיץ פון אונזער משפחה בעגאנגען עפיס א חטא?

רפאל האט קורץ געענטפערט:

—מאיר!

ביידענס פנימ׳ער—דעם פאטערס און דעם זוהנס—האבען איצט אויסגעדריקט אומעט און אונרוהיגקייט. ר׳ יצחק טודרוס האט געוועהנליך זעהר זעלטען בעזוכט די משפחות פון זיין קהילה און געטהאן האט ער עס אויך נאר דעמאלט, ווען עס האט זיך געהאנדעלט וועגען זעהר וויכטיגע רעליגעזע ענינים, אדער וועגען חטאים אין שטעדטעל.

אבער אויך די זעלטענע וויזיטען זענען על-פי-רוב אויסגעפאלען אויפ׳ן גורל פון די סאמע וויכטיגע און איינפלוסרייכע מיטגלידער פון דער קהילה. די ארימע גרויע מאסען פון פאלק פלעגען זיך אליין ארומדרעגנען ארום זיין הייזעל און אנך יעדען שאקעל פון זיין קאפ פלעגען זיי נאכלויפען מיט אונגעהויערער שמחה אדער פחד.

* * *

דער רב ר׳ יצחק טודרוס איז געוועזן אנ׳אסקעט און האט פיינט געהאט דעם זינדיגען גוף. פונדעסטוועגען האט ער ליב געהאט כבוד, וואס די בעפעלקערונג פלעגט איהם ארויסווייזען, און די מענשען, וואס זענען בעקאנט געוועזן מיט זייערע געדאנקען און געפיהלען, האבען געוואוסט, אז ער האט ליב כבוד

און אַז ער וואָלט עס אַפּילו געפאָדערט, ווען עמיץ וואָלט עס איהם אַרויסגעוויזען אין אַ קלענערער מאָס. דער המון און די אַלע, וואָס האָבען געוואָלט נושא-חן-זיין ביי איהם, פלעגען איהם דעריבער רופען נשיא. און אַלע פלעגען איהם אָבגעבען גרויס כבוד, בשעת ער פלעגט דורכגעהן דאָס שטעדטעל. זיין דורכגעהן דאָס שטעדטעל איז געווען אַן׳אמת׳ער טריומף-מאַרש.

עס איז שוין געווען ניין אַ זייגער, בשעת ר׳ שאול יעזעפאָוויטש איז געשטאַנען ביים פענסטער פון זיין גאַסטצימער און געקוקט מיט אונרוהיגע אויגען אויף די מענשען, וואָס האָבען זיך לאַנגזאַם בעוועגט איבער׳ן מאַרק. אויף דידאָזיגע מענשען האָבען אויך געקוקט די מיטגלידער פון זיין משפחה—די שניהר, די זיהן, די טאָכטער, דער איידעם און די עלטערע אייניקלעך. אַלע זענען געווען יום-טוב׳דיג אָנגעטהאָן און האָבען פייערליך אויסגעזעהן. זיי האָבען זיך אַלע פערזאַמעלט אַהער צו בעגריסען אויף דער שוועל פונ׳ם הויז די סאַמע חשוב׳סטע פערזאָן אין דער קהילה.

איבער׳ן מאַרק, געגענאיבער ר׳ שאול׳ס הויז, איז געגאַנגען אַ קליינער עולם מענשען, אָנגעטהאָן אין שוואַרצען. אין מיטען איז געגאַנגען ר׳ יצחק טודרוס מיט זיינע געוועהנליכע שנעלע טריט, אהן שום גערויש. זיין פיגור איז, ווי אַלעמאָל, געווען עטוואָס אָנגעבויגט פאָראויס; געטראָגען האָט ער זיין שטענדיגען אויסגעריבענעם בגד און אַ גראָב העמד, וואָס האָט אויפגעדעקט זיין לאַנגען געלבען האַלז. פוןביידע זייטען זענען געגאַנגען צוויי קהל׳ס-לייט: דער נידעריגער און בעוועגליכער ר׳ יאַנקעל מיט זיין ווייסען געשטופּעלטען פּנים און רויטער פייערדיגער באָרד און דוד-קלמן, אַ רייכער קיה-הענדלער, איינער פון די סאַמע חשוב׳סטע לייט אין שטעדטעל. ער איז געווען אַ הויכער און האָט זיך געהאַלטען גלייך און מיושב׳דיג. די הענד האָט ער געהאַלטען אין די קעשענעס פון זיין אַטלאַסענעם כאַלאַט. ער האָט געהאַט אַ ווייס פּנים און אויף די פולע ליפּען האָט איהם געשפּילט אַ שמייכעל פון רוהיגער צופרידענהייט.

עטליכע צעהנדליג מענשען מיט אַ פרעהליכער הכנעה׳דיג-קייט אויפ׳ן פנים האָבען זיך געדרענגט הינטער דידאָזיגע דריי געשטאַלטען. פאָראויס איז געגאַנגען ר׳ משה. געגאַנגען איז ער מיט׳ן פנים צום רב און מיט׳ן רוקען צום ר׳ שאול׳ס הויז. אַזוי-אַרום איז ער גאָרגישט געגאַנגען, נאָר אָבגעטראָטען צוריק, דערביי אונטערגעשפרונגען, געפּאַטשט מיט די הענד, זיך גע-בוקט סאַמע צו דער ערד, וויילעווייז זיך פערטשעפּעט מיט די באָרוועסע פיס, ווידעראַמאָל אונטערגעשפרונגען, אויפגעהויבען דעם קאָפּ צום הימעל און אַרויסגעלאָזט ווילדע אויסגעשרייען פון פרייד. עטוואָס אין דער זייט איז געגאַנגען אַ גרופּע קינדער פון פערשידענער עלטער. זיי האָבען זיך צוגעקוקט מיט גרויס ניי-גיר צו דעם עולם מענשען, אָבער אַז זיי האָבען דערזעהן, ווי דער מלמד טאַנצט און מאַכט זיינע קונצען, האָבען זיי איהם אויך נאָכגעטהאָן: זיי האָבען געטאַנצט, געשפרונגען, געוואָרפען מיט די הענד, געפאַלען אויף דער ערד און אָנגעפילט די לופט מיט אונבעשרייבליכע קולות.

אין אַ מינוט אַרום איז די טיר פון ר׳ שאול׳ס גאַסט-צימער געעפענט געוואָרען מיט גרויס גערויש און עס איז אַריינגעפלויגען דער מלמד, אַ פאַרטאַרעראַמטער, אַ רויטער, בע-נאָסען מים שווייס און מיט אַ פרעהליכער מינע אויפ׳ן פנים. גע-פרעהט האָט ער זיך אויפריכטיג, רוישיג און ליידענשאַפטליך.

—ר׳ שאול!—האָט ער אויסגעשריען מיט אַ הייזעריגען קול.—געהט-אַרויס בעגעגענען דאָס גרויסע גליק און דעם גרוי-סען כבוד, וואָס געהען צו אייך.

אויף שאול׳ס פנים האָט מען געקאָנט זעהן, ווי עס ראַנג-לען זיך אין איהם פחד און פרייד, אָבער די איבעריגע מיט-גלידער פון דער פאַמיליע האָבען זיך אָפען געפרעהט און גע-לויכטען פון שמחה און פערגעניגען, אויסער דעם שוויגענדיגען און אַפּאַטישען בער׳ן, וואָס האָט געעפענט דאָס מויל נאָר דע-מאָלט, ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען געלד און גע-שעפט.

דער אַלטער שאול איז געשטאַנען נעבען דער שוועל פון

וויין גאַסט-צימער; ר׳ יאַנקעל און דוד האָבען אויפ׳ן גאַנעק געגו-מען דעם רב אונטער די הענד, כמעט אויפגעהויבען זיין טרוקענע געשטאַלט איבער דער ערד, איבערגעטראָגען זי איבער דעם קאָ-רידאָר און דער שוועל און אַוועקגעשטעלט זי פאַר ר׳ שאול׳ן. נאָכדעם האָבען זיי זיך נידעריג פערנויגט, אַרויס פון שטוב, זיך אַנידערגעזעצט אויפ׳ן גאַנעק און אָבגעוואַרט די צייט, ווען זיי וועלען ווידעראַמאָל בעגלייטען דעם רב צוריק.

שאול האָט פערנויגט זיין גרויען חשוב׳ן קאָפּ, דאָס איי-גענע האָבען אויך געטהאָן די אַלע הויזיגע.

—ברוכים הבאים!—האָט ער אַרויסגעזאָגט.

—ברוכים הבאים!—האָבען איבערגע׳חזר׳ט די מענער-און פרויען-שטימען פון דעם הויז.

אָבער אין דער אייגענער רגע האָט ר׳ יצחק טודרוס אויפגעהויבען אין דער הויך זיין ווייז-פינגער, אַ בליץ געטהאָן מיט די אויגען און אַרויסגעברומט:

—שאַ-אַ!

אין צימער איז געוואָרען שטיל, ווי אין אַ קבר. דער גאַסט האָט געמאַכט מיט׳ן פינגער אַ גרויסען קרייז אין לופטען, אַנווייזענדיג אויף די אַלע מענשען, וואָס זענען געשטאַנען ביי דער וואַנד.

—אַוועק!—האָט ער אַ געשריי געטהאָן.

אין צימער האָבען גענומען שאָרכען קליידער און עס האָ-בען זיך דערהערט איילענדיגע טריט. די פּנימ׳ער האָבען אויס-געזעהן דערשראָקען און פערביטערט. דאָס צימער איז באַלד לעדיג געוואָרען.

אין צימער זענען פערבליבען בלויז צוויי מענשען: אַנ׳-אַלטער, ברייטביינ׳יגער און ווייסהאָריגער פּאַטרי׳אַרך און אַ טרוקענער חכם מיט אַ פייערדיגען בליק.

און אַז דער חכם האָט מיט זיין קורצען בעפעהל און שטרענגען זשעסט אַרויסגעיאָגט פון צימער דעם פּאַטרי׳אַרכס פאַמיליע, זיינע עלטערע זיהן, דערוואַקסענע טעכטער און שע-נע מיידלעך-אייניקלעך, האָבען ר׳ שאול׳ס גרויע ברעמען אַ צי-

טער געטהאָן און ווידעראַמאָל זיך צוזאַמענגעצויגען. אין איהם איז, אַפּנים, בעליידיגט געוואָרען דאָס געפיהל פון אַ פאָטער און דער ראש פון דער משפחה.

רבי,—האָט ער זיך אָנגערופען מיט אַ שטילען קול און זיך טיף פערנויגט,—קום-אַריין אין מיין הויז און וועהל דיר אויס אַ בעקוועמען אָרט צום זיצען.

אָבער ער האָט איהם נישט אָנגערופען מיט דעם געהוי- בענעם נאָמען „נשיא.”

ר׳ יצחק האָט איהם אָנגעקוקט מיט בייזע אויגען. נאָכדעם איז ער אַריין אין צימער און זיך אַנידערגעזעצט אויפ׳ן דיוואַן מיט אַ הויך וועגדטעל.

איצט האָט ער זיך שוין נישט צוזאַמענגעקנוידערט. פער- קעהרט, ער איז געזעסען גלייך, און מיט אונבעוועגליכע אויגען געקוקט אויפ׳ן אַלטען, וואָס איז געזעסען קעגענאיבער.

—איך האָב זיי אַרויסגעיאָגט פון דאַנען!—האָט ער זיך אָנגערופען און אָנגעוויזען אויף דער טיר, דורך וועלכער די משפחה איז אַרויסגעגאַנגען.—צו וואָס האָסטו זיי פערזאַמעלט אַהער? ריידען וויל איך נאָר מיט דיר.

ר׳ שאול האָט געשוויגען.

—איך האָב דיר געבראַכט אַ בשורה,—האָט דער רב זיך ווידעראַמאָל אָנגערופען בייז און שנעל.—דיין אייניקעל, מאיר, איז אַראָב פון דרך-הישר. אַ כופר איז ער.

ר׳ שאול האָט געשוויגען. זיינע איינגעשרומפּענע וויעס האָבען געציטערט איבער זיינע אויגען, וואָס זענען שטאַר גע- וואָרען פון אַלטקייט.

—אַ כופר איז ער!—האָט דער רב שוין העכער אַרויסגע- זאָגט.—ער האָט זיך מאוס אָבגערופען וועגען אונזער אמונה. פאַר אונזערע חכמים האָט ער קיין שום דרך-ארץ נישט. ער איז מחלל-שבת און געהט-אַרום מיט די אָבגעטרינענע.

—רבי!..—האָט שאול אָנגעהויבען.

—דו הערן, וואָס איך רייד צו דיר!—האָט איהם דער רב גראָב איבערגעהאַקט.

דעם אַלטענס ליפּען זענען אַזוי איינגעפּרעסט געוואָרען, אַז זיי האָבען זיך גאָרנישט אַרויסגעזעהן אונטער די גרויע וואָנסען.

—איך בין דיר געקומען זאָגען,—האָט ר׳ יצחק טודרוס אָנגעהויבען,—אַז דיין איניקעל ווערט שלעכט דערצויגען, און שולדיג ביזטו. דו האָסט נישט דערלאָזט, אַז דער מלמד זאָל איהם שלאָגען, בשעת ער איז געגאַנגען אין חדר. דו האָסט נישט געוואָלט, מען זאָל לערנען מיט איהם גמרא. מיט דיין זינדיגער ליבע האָסטו קאַליע געמאַכט זיין נשמה. דו האָסט איהם אָבגעוויגט פון די הייליגע ספרים און דו קוקסט אויף זיינע שלעכטע מעשים, ווי אַ בלינדער.

דעמאָלט האָט דער אַלטער שאול געענטפערט מיט אַנ׳-איינגעהאַלטענעם קול:

—רבי! דיין האַרץ בעדאַ[illegible] נישט צאָרנען אויף מיר. איך האָב מיך נישט געקאָנט בעגעהן אַנדערש, ווי איך בין מיך בע-גאַנגען. מאיר איז דער זוהן פון מיין יונגסטען זוהן, וואָס איז זעהר פריה געשטאָרבען. אַז זיין פאָטער און מוטער זענען אַוועק אויף דער אמת׳ער וועלט, האָב איך גענומען דאָס קינד צו זיך אין הויז אַריין. אָבער מיין רצון איז געווען, ער זאָל קיינמאָל נישט האָבען די מחשבה, אַז ער איז אַ יתום. איך בין שוין דעמאָלט אַנ׳אַלמן געווען און האָב איהם געקאָרמעט מיט די איי-גענע הענד. די עלטערבאָבע האָט זיך אויך געניאַנטשעט מיט איהם, און זי וואָלט זיכער אַוועקגעבען איהר לעבען, אַבי איהם זאָל זיין גוט. ער איז דער ערשטער ברילי[illegible]אַנט און דער קרוין אויף איהר קאָפּ, און איצט, אויף דער עלטער, עפּענט זי נישט די ליפּען פאַר קיינעם, אויסער פאַר מאיר׳ן. אָט דאָס איז, רבי, די סיבה, פאַרוואָס איך האָב איהם מעהר דערלויבט, ווי אַלע אַנדערע קינדער. דאָס איז די סיבה, פאַרוואָס איך האָב איהם געהאַלטען מיט אַ ווייכערער האַנד. מיין האַרץ האָט שטענדיג געוועהטאָגט, ווען דער מלמד האָט איהם געשלאָגען אָדער גע-שריען אויף איהם, ווי אויף אַלע קינדער. איך בין דעמאָלט אַריינגעלאָפען, ווי אַ משוגענער צום מלמד אין חדר, גוט אָנ-

געזידעלט איהם און צוגענומען דאָס יונגעל. רבי, איך האָב גע-זינדיגט, וואָרום דער מלמד איז אַ פרומער און אַ קלוגער מאַן, זאָל דידאָזיגע עבירה אַנטרונען ווערען פון מיינע אויגען. גלויב מיר, איך האָב נישט געקענט קוקען אויף די בלויע צייכענס, וואָס דער מלמד האָט געמאַכט דורך זיינע קלעפ אויפ'ן קערפּערל פון מיין זוהנס קינד. ווען אַזוינע צייכענס זענען געווען אויף די קער-פּערלעך פון מיין רפאל'ס קינדער און אברהמ'ס און אפרימ'ס קינ-דער האָב איך געשוויגען, ווייל דידאָזיגע קינדער האָבען געהאַט טאַטעס, וואָס האָבען געזאָרגט וועגען זיי, אָבער אַז איך האָב דערזעהן דידאָזיגע צייכענדלעך אויפ'ן רוקענדעל און אויף די אַקסעלעך פון אַ יתום... רבי! איך האָב מיך פונאַנדערגעוויינט, איך האָב מיך אויך צושריען, רבי, און האָב געזינדיגט.

—דאָס איז נישט דיין איינציגע עבירה!—האָט אַרויסגע-זאָגט דער רב, וואָס האָט אויסגעהערט ר' שאול'ס ווערטער מיט דער בייזקייט און שטרענגקייט פון אַ ריכטער.—צו וואָס האָסטו איהם געלאָזט לערנען אַנדערע זאַכען?

—רבי,—האָט שאול געענטפערט,—וואו אַזוי וואָלט ער גע-קאָנט לעבען אויף דער וועלט, ווען ער וואָלט נישט געקאָנט די שפראַך, אויף וועלכע עס ריידען די מענשען פון לאַנד, און ווען ער וואָלט נישט געקענט אונטערשרייבען זיין נאָמען אויף אַ פּאַ-פּיר אָדער אַ וועקסעל? מיינע זיהן, רבי, און די עלטערע איי-ניקלעך פיהרען גרויסע געשעפטען און ער וועט אויך פיהרען גרויסע געשעפטען, ווי באַלד ער וועט נאָר חתונה האָבען. דע-מאָלט וועט ער ירש'ענען דעם פאָטער. ער וועט זיין רייך און וועט מוזען ריידען מיט אַ גרויסען פּאַן. ווי אָבער וואָלט ער געקאָנט ריידען מיט אַ פּאַן, ווען ער וואָלט נישט געקאָנט ריי-דען אויף אַנדערע לשונות?

—גאָט וועט איהם נישט מוחל-זיין,—האָט דער רב שטרענג בעמערקט,—פאַרוואָס ווילסטו מאַכען פון דיין זוהן אַ סוחר און נישט קיין תורה-לערנער?

—רבי,—האָט שאול בעמערקט,—אונזער פאַמיליע איז אַ סוחר'שע פאַמיליע, אונזערע טאַטעס און זיידעס זענען נאָך גע-

וועט סוחרים. אַזאַ מנהג איז שוין ביי אונז.

געזאָגט דידאָזיגע ווערטער, האָט ער אויפגעהויבען דעם קאָפּ, וואָס איז ביז אַהער געווען אָנגעבויגט צו דער ערד. אַז ער האָט דערמאָנט די משפּחה, האָט ער מיט אַמאָל דערשפּירט עפּיס אַ געפיהל פון שטאָלץ און איז געוואָרען דרייסטער, אָבער קיין זאַך האָט נישט געקאָנט פערגלייכט ווערען מיט יענער פעראַכטונג און חוזק, וואָס האָבען געקלונגען אין דעם רב׳ס קול. בשעת ער האָט אַרויסגעזאָגט די צוויי ווערטער:

—אייער משפּחה!

—אייער משפּחה!—האָט דער רב העכער איבערגע׳חזר׳ט—זי איז שטענדיג געווען אַ קערענדל פעפער אויפ׳ן גומען פון׳ם פאָלק ישראל...

שאול האָט שנעל אויפגעהויבען דעם קאָפּ.

—רבי!—האָט ער אויסגעשריען.—אין אונזער משפּחה זענען געווען ברילליאַנטען, וואָס אַפילו די גוים האָבען פאַר זיי דרך-ארץ געהאַט.

ביי דידאָזיגע צוויי מענשען איז איצט דערוועקט געוואָרען יענע פיינדשאַפט, וואָס האָט אַמאָל געהערשט צווישען די יעזעפאָוויטשעס און טודרוסעס.

—אין אייער משפּחה,—האָט דער רב געזאָגט,—איז פאַרהאַן איין זינדיגע נשמה, וואָס געהט-איבער פון איין יעזעפאָוויטש צו אַ צווייטען און קאָן זיך נישט אויסלייטערן. וואָרום עס שטעהט געשריבען: אַלע נשמות, וואָס פליסען-אַרויס פון די ספירות, ווי טראָפּענס וואַסער פון אַן׳אָנגעבויגטער פלאַש, מוזען דורכמאַכען דעם גלגול. זיי געהען איבער פון איין גוף אין אַ צווייטען אַזוי לאַנג, ביז וואַנען זיי לייטערן זיך אויס פון אַלע עברות און קעהרען זיך אום קלאָר און ריין צו די ספירות. ווען אַ מענש איז פרום און הייליג, קעהרט זיך אום זיין נשמה צו די ספירות, און דעמאָלט געהט אין דער וועלט אַן׳אַנדער נשמה און נעהמט זיך עפּיס אַ גוף. עצבות, מחלות און עברות וועלען אַזוי לאַנג זיין אויף דער וועלט, כל-זמן די אַלע נשמות, וואָס האָבען זיך אָבגעריסען פון די ספירות, וועלען נישט דורכ-

מאַכען דעם גלגול און ווען נישט דורכגעהן דורך אַלע גופים. אָבער ווי אַזוי קאָנען זיי דורכגעהן דורך אַלע גופים, ווען אויף דער ערד זענען פאַרהאַן אַזויפיל אונווירדיגע זינדי-גע נשמות? אַט די זינדיגע נשמות האַלטען שטענדיג דעם גוף, געהען תמיד איבער פון איין גוף אין אַ צווייטען, אָבער דאָר-טען, אויבען, וואַרטען אַנדערע נשמות, וואָס פערלאַנגען, אַז די נשמות אויף דער ערד זאָלען בעפרייען פאַר זיי די גופים. און זיי מוזען וואַרטען, ווייל אויף דער ערד זענען נישטאָ אַזויפיל גופים, וויפיל נשמות צווישען די ספירות. און אַפילו משיח אַליין וואַרט אויך, וואָרום ער וועט נישט קומען אויף דער וועלט פריהער, איידער די לעצטע נשמה וועט נישט דורכמאַ-כען איהר גלגול. די זינדיגע נשמות האַלטען זיך אָבער אַלץ אין די גופים, מאַכען נישט קיין אָרט פאַר די וואַרטענדיגע נשמות און דעריבער דערוויטערן זיי דעם גרויסען משיח-טאָג, דעם היי-ליגען יום-טוב פון משיח׳ס קומען. אין אייער משפחה האָט איהר אויך אַזאַ זינדיגע נשמה. פריהער איז זי אַריין אינ׳ם גוף פון מיכל סעניאָר, נאָכדער אין הערש׳ן און איצט זיצט זי אין מאיר׳ן. איך האָב דידאָזיגע נשמה דערקאָנט לויט די אוי-גען און פנים פון דיין אייניקעל, און דעריבער האָט זיך מיין האַרץ אָבגעקעהרט פון איהר.

אין דער צייט, ווען דער רב האָט דעם אַלטען שאול׳ן דערקלערט דעם ענין גלגול, איז אין דעם ראש פון דער פאַמיליע פאָרגעקומען אַ געוואַלטיגע פערענדערונג. פריהער האָט ער זיך אַליין אַזוי ווי צוגעגעבען מוט און האָט אַפילו אויפגעהויבען דעם קאָפּ פון שטאָלץ און אייגענווירדע. איצט אָבער האָט ער דעם קאָפּ פון דאָסניי אַראָבגעלאָזט. אומעט און פחד האָבען זיך צו-גאָסען איבער די קנייטשען פון זיין פנים.

—רבי,—האָט ער זיך אָנגערופען מיט הכנעה,—געבענשט זאָלסטו זיין דערפאַר, וואָס די ענטפּלעקסט פאַר מיינע אויגען דיין היילינע חכמה. דיינע ווערטער זענען אמת און דיינע אוי-גען זעהען שטענדיג די נשמות, וואָס לעבען אין מענשענס גוף. איך וועל דיר אָט וואָס זאָגען, רבי. בשעת מיין זוהן רפאל

האָט מיר געבראַכט דעם קליינינטשקען מאיר'ן, האָב איך גענומען דאָס קינד אויף די הענד און אַ הייסען קוש געטהאָן איהם, ווייל מיר האָט אויסגעוויזען, אַז ער איז עהנליך צו מיין זוהן בנימין, וואָס איז געווען זיין פאָטער. אָבער די עלטערבאָבע האָט איהם צוגענומען פון מיינע הענד, אַוועקגעשטעלט איהם נעבען זיך אויף דער ערד און שאַרף איהם אָנגעקוקט. נאָכדעם האָט זי פּלוצלונג אויסגעשריען: „מאיר איז עהנליך נישט צו בנימינ'ען, נאָר צו מיין הערש'ן!" און טרעהרען האָבען איהר גענומען גיסען פון איהרע אַלטע אויגען און די ליפּצען האָבען איהר געשעפּטשעט: „הערש! הערש! דאָס איז מיין הערש!" זי האָט דאָס קינד צוגעדריקט צו דער ברוסט און געזאָגט: „דאָס איז מיין טייערסטע קינד, דאָס איז מיין אויג פון קאָפּ, דאָס איז דער שענסטער בריליאַנט פון מיין קרוין, ווייל ער איז עהנליך צו מיין הערש'ן!" און די זקנה האָט איהם זעהר ליב און בלויז איהם אַליין דערקענט זי און בלויז איהם אַליין רופט זי צו זיך, ווייל ער איז זעהר עהנליך צו איהר פערשטאָרבענעם מאַן.

—מיכל'ס נשמה איז אַריין אין הערש'ס גוף און פון הערש'ס גוף איז זי אַריין אין דעם גוף פון דיין אייניקעל מאיר,—האָט דער רב געזאָגט.-דאָס איז אַ שטאָלצע און אונרוהיגע נשמה. אַזאַ נשמה איז ווייט פון הכנעה און מנוחה.

דער רב איז עטוואָס ווייכער געוואָרען. ער האָט בעמערקט, אַז שאול איז זעהר געהאָרזאַם און בעציהט זיך מיט גרויס צוטרוי צו זיינע ווערטער.

—פאַרוואָס מאַכסטו איהם נישט חתונה? ער האָט דאָך שוין לאַנגע האָר אין דער באָרד?—האָט דער רב געזאָגט.

—רבי, איך האָב איהם געוואָלט חתונה-מאַכען מיט ר' יאַנקעלס טאָכטער, אָבער דאָס קינד איז מיר צו די פיס געפאַלען און געבעטען, איך זאָל איהם נישט צווינגען...

—פאַרוואָס האָסטו דעמאָלט נישט אַרויפגעשטעלט דעם פוס אויף זיין רוקען און נישט געמאַכט אַזוי, אַז ער זאָל דיר פאָלגען?

שאול האָט אַראָבגעלאָזט די אויגען און געשוויגען: ער האָט געפיהלט, אַז ער איז שולדיג. די ליבע צום אייניקעל האָט איהם אַריינגעשלעפּט אין אַ סך חטאים.

דער רב האָט ווייטער געזאָגט:

—דו מאַך איהם וואָס גיכער חתונה, ווייל עס שטעהט געשריבען: אויב ביי אַ יונגענמאַן וואַקסען האָר אין דער באָרד און ער נעהמט נישט קיין ווייב, מוז ער זינדיגען... דיין זוהן האָט שוין געזינדיגט... איך האָב איהם נעכטען געזעהן מיט אַ מיידעל...

שאול האָט אויפגעהויבען זיינע אויגען: אין זיי האָט זיך אָבגעשפּיגעלט שרעק און זאָרג. און דער רב האָט ווייטער געזאָגט:

—איך האָב געזעהן, ווי ער האָט גערעדט מיט דער קאַראַאימער מיידעל.

—מיט דער קאַראַאימער מיידעל!—האָט שאול איבערגעחזר׳ט און זיין קול איז געווען אָנגעזאַפּט מיט פּחד און פערוואונדערונג.

—ער איז געשטאַנען אויפ׳ן ברעג פון טייך און האָט גענומען עפּיס אַבלימעל פון איהר האַנד און דעמאָלט האָב איך געזעהן, ווי ביידענס פּנימ׳ער זענען אַרומגעכאַפּט פון עפּעס אַ זינדיגען פייער...

—מיט דער קאַראַאימער מיידעל! האָט ר׳ שאול נאָכאַמאָל איבערגעחזר׳ט, פּונקט ווי ער וואָלט נישט געגלויבט זיינע אייגענע אויערן.

—יאָ, מיט דער אָבגעטרינענער!—האָט דער רב בעשטעטיגט.

—מיט דער בעטלערין!—האָט ר׳ שאול אַרויסגעברומט און ענערגיש אויפגעהויבען דעם קאָפּ.—רבי, איצט וועל איך שוין וויסען, ווי אַזוי זיך צו בעגעהן מיט איהם! איך וויל נישט, אַז די בושה זאָל מיר אויסעסען די אויגען אויף די עלטערע יאָהרען! איך וויל נישט, ער זאָל פיהרען געשעפטען מיט בעטלערינס! איך וועל איהם חתונה-מאַכען!

—דו נעהם איהם אין די הענד אַריין!—האָט אויסגעשריען דער רב.—איך בין אַהער געקומען דיר זאָגען, דו זאָלסט אַרויפשטעלען דעם פוס אויף זיין רוקען און זאָלסט איהם אויסבויגען זיין שטאָלץ, ווי אַ רייף. דו שאַנעווע איהם נישט, ווייל דיין שוואַכקייט צו איהם איז אַנ'עבירה, וואָס גאָט וועט דיר קיינמאָל נישט מוחל-זיין. אָבער אויב דו וועסט איהם נישט צודריקען, וועל איך אַרויפלעגען מיין האַנד אויף זיין קאָפּ און דעמאָלט וועט פאַלען די בושה אויף אייער קאָפּ און ער וועט זיין אַזוי אונגליקליך, אַז ער וועט זיך וואַלגערן אין שטויב, ווי אַ וואָרם.

ביי דידאָזיגע ווערטער, וואָס זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרען מיט אַ דונער-קול, האָט ר' שאול אַ ציטער געטהאָן.

אין דעמדאָזיגען זקן האָבען זיך די גאַנצע צייט געראַנגעלט פערשידענע געפיהלען: ער האָט געשפירט עפּיס אַ טיפען עקעל צו ר' טודרוס'ן און גלייכצייטיג גרויס אַכטונג צו זיין למדנות און חכמה. נאָר אויך שטאָלץ און שרעק, כּעס און ליבע צו זיין אייניקעל האָבען זיך גלייכצייטיג געראַנגעלט אין איהם, און ער האָט אויסגעשריען:

—רבי! זיי איהם מוחל! ער איז נאָך אַ קינד! אַז ער וועט חתונה-האָבען און וועט אָנהויבען פיהרען געשעפטען, וועט ער זיך פערענדערן. אַז ער איז געבוירען געוואָרען, האָט מיר זיין טאַטע געשריבען: „פאָטער, וואָס פאַר אַ נאָמען זאָל איך געבען דיין אייניקעל?" און איך האָב איהם געענטפערט: זאָל ער הייסען מאיר, דאָס הייסט „ליכט," ער זאָל לייכטען מיר און דעם גאַנצען פאָלק ישראל, ווי אַ העלע זון!.."

ער האָט נישט געקאָנט ריידען מעהר, די אויפרעגונג האָט איהם פערשטיקט דעם קול און צוויי טרעהרען זענען אַראָבגעפאַלען איבער זיינע אַראָבגעהאָנגענע, איינגעשרומפּענע באַקען.

דער רב האָט זיך אויפגעהויבען פון ד'יוואַן מיט אַ פינגער אין דער-הויך און אַרויסגעזאָגט:

—זאָלסט געדענקען, וואָס איך זאָג דיר! און זאָגען זאָג איך דיר, אַז דו זאָלסט ארויפשטעלען אַ פוס אויף זיין רוקען.

מיט דידאָזיגע ווערטער איז ער אַוועק צו דער טיר, וואו עס האָט געוואַרט אויף איהם ר׳ יאַנקעל און ר׳ דוד-קלמן. זיי האָבען איהם תיכף גענומען ביים אָרים און אַריבערגעטראָגען איבער׳ן קאָרידאָר און גאַנעק און אַוועקגעשטעלט אויף דער ערד.

און ווידעראַמאָל איז אַ שוואַרצע מחנה געגאַנגען איבער׳ן מאַרק צום שוהלהויף, און ווידעראַמאָל איז דער מלמד געגאַנגען פאָראויס מיט הינטער-טריט, געשפרונגען, געטאַנצט, געפאַטש מיט די הענד און געשריען. און ווידעראַמאָל האָט זיי אַנ׳עולם קינדער בעגלייט און נאָכגעמאַכט דעם מלמד׳ס קונצען. זיי זענען צוגעשפרונגען, געשריען און געפאַטשט מיט די הענד, ווי ער.

דער אַלטער שאול איז געזעסען אין זיין גאַסטצימער און פערדעקט מיט די הענד דאָס געזיכט. אין דער טיר האָט זיך פלוצלונג בעוויזען די אַלטע פריידע. די שטראַהלען פון דער זון, וואָס זענען דורך די פענסטער אַריינגעדרונגען אין צימער, האָבען אָנגעצונדען אין רעגענבויגען-פאַרבען די בריליאַנטען און גאָלד, מיט וועלכע זי איז געווען בעשאָטען. זי איז אַריין אין צימער מיט איהרע אָבגעלעבטע פערזשמורעטע אויגען און אַ פרעג געטהאָן מיט איהר געוועהנליכען קול, אָהן אַ שום קלאַנג:

—וואו איז מאיר?

## פינפטעס קאַפיטעל.

האָיד איז נישט געווען אידערהיים, בשעת דער רב האָט

בעזוכט זיין זיידען. פון דערהיים איז ער אַרויס זעהר פריה און האָט זיך אַוועקגעלאָזט צו די סאַמע ווייטעסטע געסעלעך פון שטעדטעל. דאָ זענען געשטאַנען קליינינקע אָרימע הייזלעך, און יעדעס הייזעל האָט פערמאָגט נישט מעהר, ווי צוויי פענ-סטער. ביי די שוועלען פון די כאַטקעס זענען געשטאַנען גרויסע שטינקענדיגע קאַלוזשעס. די לופט איז דאָ געווען אַ שווערע און אַ שטיקענדיגע. פון די שוואַרצע קוימענס האָבען זיך געצויגען מאָגערע רויכלעך, וואָס האָבען דערצעהלט פון קבצנ׳ישע מאכלים און שלעכטע עסענס. אַלטע צופוילטע פאַרקאַנעס האָבען אַרומגערינגעלט די קלייניטשקע הויפלעך, פערלעגט מיט מיסט. וואו-נישט-וואו האָט מען געקאָנט זעהן אַ שמאָלען פאַס ערד, בעזייהט מיט שיטערע און מאָגערע ירקות; מאָגערע ווייבער מיט טונקעלע קרענקליכע פנימ׳ער, אין געלבע קאַפּטאַנעס און אָב-געבליאַקירטע פאַרוקעס, האָבען ביי די נידעריגע טירען געוואַשען אין באַליעס גראָבע וועש. איינגעקנוידערטע און אָבגעלעבטע זקנות זענען געזעסען און געשטריקט אַ זאָק פון בלויען אָדער שוואַרצען וואָהל. יונגע מיידלעך, שטאַרק אָבגעברענט פון דער זון, אין שמוציגע קליידלעך, מיט צושויבערטע האָר אויפ׳ן קאָפּ, האָבען געמאָלקען מאָגערע ציגען.

דאָס איז געווען יענער טייל פון שטעדטעל, וואו עס האָ-בען געוואוינט די שיבאָווער קבצנים. דאָס איז געווען אַ נעסט פון דלות, נויט, שמוץ און קראַנקהייטען.

די הייזלעך פון די יעזעפּאָוויטשעס, פון די ר׳ דוד׳ס, וויטעב-סקיס און קאַמיאָנקערס, וואָס זענען געשטאַנען אין מאַרק, האָבען אויסגעוויזען, ווי פּאַלאַצען, לגבי דידאָזיגע הייזלעך, וואָס אַז מען האָט נאָר איין קוק געטהאָן אויף זיי, האָט מען זיך דער-מאָהנט אין גיהנם.

נישט-געקוקט דערויף, וואָס עס איז נאָך געווען זעהר פריה, האָט מען שוין דאָ אומעטום געאַרבייט. דורך די פערשמירטע שויבען פון די פענסטערלעך האָט מען געקאָנט זעהן, ווי עס הויבען און לאָזען זיך אַראָב די הענד פון שניידער און שו-סטער. הינטער די דינע ווענדטלעך האָבען געקלאַפּט די איינ-

סטרומענטען פון בלעכער און די האַמערס פון שמידען. פונ׳ם ליכט-פאַבריקעל האָט זיך געטראָגען אַ שווערער ריח, אָנגעזאַפט מיט פעטס. מאַנכע איינוואוינער האָבען געוואָלט גע-ביסען עטוואָס זון און געעפּענט די פענסטער, און דעמאָלט האָט דער פאַרבייגעהער געקאָנט זעהן קליינינקע צימערלעך מיט שוואַרצע ווענד, געדיכט אָנגעפּראָפּט מיט מענשען, וואָס האָבען זיך געצאַפּעלט, ווי מוראַשקעס. עס האָט זיך אויך גע-הערט, ווי מאַנסלייט דאַווענען, ווי ווייבער קריגען זיך און ווי קינדער וויינען הויך און קוויטשיג. די קליינינקע קינדער האָבען געוויינט און געשריען אין די הייזלעך, און די עלטערע זענען אומגעלאָפען מחנות׳וויז איבער די געסלעך, געשריען און געפילדערט, געקראַצט זיך אין די קעפּ אַריין און זיך גע-קאָלערט איבער׳ן זאַמד. די אונטערגעוואַקסענע יונגלעך, וואָס זענען שוין נישט געווען אָנגעטהאָן, ווי קינדער, אין קורצע קאַפּטאַנעלעך, אָהן אַרבעל, נאָר אין גרויע לאַנגע מלבושים, זע-נען געשטאַנען ביי די שוועלען פון די הייזלעך. זיי זענען גע-ווען בלאַס און מאָגער און שלעפעריג, די מיילעכלעך ברייט אָפען, פונקט ווי זיי וואָלטען געוואָלט איינאָטעמען אין זייערע קראַנקע לונגענדלעך מעהר זון.

צו איינעם פון דידאָזיגע יונגלעך, וואָס זענען געשטאַנען ביי די ווענד פון די הייזלעך, איז מאיר צוגעגאַנגען.

—נו, לייבעלע,—האָט ער זיך אָנגערופען,—איך בין געקו-מען אַ קוק טהאָן אויף דיר! דו ביזט נאָך אַלץ קראַנק און בלאָצט נאָך אַלץ מיט די אויגען, ווי אַסאָווע?

מען האָט געקאָנט בעמערקען, אַז לייבעלע איז קראַנק און קוקט מיט סאָווע-אויגען. נישט-געקוקט דערויף, וואָס אין דרויסען איז געווען וואַרים, האָט ער בעהאַלטען זיינע הענדטלעך אין די אָרימע בגדים׳לעך און האָט איינגאַנצען געציטערט פון קעלט. אויף מאיר׳ס פראַגע האָט ער גאָרנישט געענטפערט. ער האָט בלויז ברייטער פונאַנדערגעעפענט דאָס מויל און אָנגע-קוקט מאיר׳ן מיט גרויסע שוואַרצע טויטע שוואַרצאַפּלען.

מאיר האָט איהם אַרויפגעלעגט די האַנד אויפ׳ן קאָפּ.

—ביזטו נעכטען געווען אין חדר?—האָט ער איהם אַ פרעג געטהאָן.

דאָס יונגעל האָט נאָך שטאַרקער גענומען ציטערן און געענטפערט האָט ער מיט אַ הויזעריגען קול:

—יאָ.

—און מען האָט דיך ווידער געשלאָגען?

אין דעם יונגעלס טויטע אויגען זענען אָנגעלאָפען טרעה־רען.

—מען האָט געשלאָגען,—האָט ער געזאָגט.

און ער האָט זיך צעוויינט.

—און פרישטיק האָסטו שוין געגעסען?—האָט מאיר גע־פרעגט.

—ניין,—האָט דאָס יונגעל אַ שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ.

דעמאָלט האָט מאיר געקויפט אַ חלה אין אַ קליין קרעמע־לע און געגעבען זי דעם יונגעל. לייבעלע האָט באַלד אַ כאַפּ געטהאָן די חלה מיט ביידע הענדטלעך און שטיקלעכווייז איילינ געשטופּט אין מויל אַריין. פון הייזעל איז אַרויס אַ הויכער מאָ־גערער יוד מיט אַ געדיכטער שוואַרצער באָרד אויף אַ בלאַסען פּנים. ער האָט אָנגעוויזען מיט אַ פינגער אויפ'ן יונגעל און גע־זאָגט:

—דו האָסט איהם געגעבען חלה, אָבער ער איז אַ פוילער און וויל נישט לערנען.

מאיר האָט אַ גלעט געטהאָן דעם יונגעל ביי די האָר און געזאָגט:

—שמואל, ער איז נישט קיין פוילער. ער איז קראַנק.

שמואל האָט מיט פעראַכטונג אַ מאַך געטהאָן מיט דער האַנד.

—קראַנק איז ער? אַז מען שיקט איהם אין חדר, ווערט ער פּלוצלינג קראַנק. פריהער איז ער געווען געזונד און פרעה־ליך. איצט דערקאָן איך איהם נישט. איך ווייס נישט, וואָס מיט איהם איז געוואָרען.

מאיר האָט די גאַנצע צייט געגלעט דעם יונגעלע ביי די

האָר. דער הויכער און מאָגערער שמואל האָט זיך ווידער אָנ־גערופען:

—דו ביזט זעהר אַ גוטער, מאיר. אָבער איך האָב גע־הערט, אַז דו לעבסט נישט גוט מיט אונזער גרויסען רב און מיט קהל.

מאיר האָט זיך אַרומגעקוקט, פונקט ווי ער וואָלט ווע־לען אַרומכאַפּען מיט׳ן בליק דעם גאַנצען דלות, אין וועלכען ער איז געשטאַנען.

—ווי אָרים איהר זענט,—האָט ער פּלוצלונג אַרויסגע־זאָגט.

דידאָזיגע ווערטער האָבען אָנגעריהרט אַ סטרונע אין שמואל׳ס האַרץ. זיינע הענד האָבען געציטערט און די אויגע האָבען געברענט.

—אוי, ווי אָרים מיר זענען!—האָט ער זיך אָנגערופען.—אָבער דער גרעסטער קבצן פון אַלע קבצנים, וואָס וואוינען אין דעמדאָזיגען געסעל, איז שמואל חייט. איך האַלט-אויס אַנ׳אַלטע בלינדע מוטער און אַ ווייב מיט אַכט קינדער. מיט וואָס אָבער קאָן איך זיי אויסהאַלטען? איך האָב גאָרנישט, אויסער די צוויי הענד, וואָס נייהען טאָג און נאַכט, אויב עס איז נאָר דאָ, וואָס צו נייהען...

און ער האָט געוויזען מאיר׳ן זיינע הענד: שוואַרצע, שמוציגע, מאָגערע, צושטאָכען און צושניטען פון שער און נאָדעל.

—מאיר,—האָט ער שטיל געזאָגט און זיך אָנגעבויגט צום יונגענמאַן,—אונז איז שלעכט, זעהר שלעכט... אַלץ קאָסט אונז טייער, און מיר האָבען אַזוינע גרויסע הוצאות, גוואַלד! די טשינאָווניקעס רייסען פון אונז שטייערן, פאַר כשר פלייש צאָה־לען מיר קאָראָבקע-געלד; פאַר די ליכט, וואָס מיר קויפען לכבוד שבת, צאָהלען מיר שטייער; פאַר קבורה צאָהלען מיר; קהל צאָהלען מיר. און פאַרוואָס צאָהלען מיר נישט? אוי-וואַ! פון אונזערע אָרימע הייזלעך פליסען טייכען געלד... וואו נעהמען מיר אָבער דאָס געלד? פון אונזער שוייס בעקומען מיר עס, פון אונ־זער בלוט, פון די געדערם פון אונזערע קינדער, וואָס שטאַרבען פון הונגער... מאיר, דו האָסט מיך געפרעגט, פאַרוואָס איז מייז

ווייב אַזוי מאָגער און אַלט, הגם זי איז נאָך אַזוי יונג אין יאָהרען און פאַרוואָס זענען מיינע קינדער אַזוינע קראַנקע און אויסגעמוטשעטע? מאיר, כשר פלייש קאָסט ביי אונז זעהר טייער און מיר עסען עס קיינמאָל נישט. מיר עסען בלויז ברויט מיט ציבעלע און טרינקען ציגען-מילך... און פיש האָבען מיר געהאַט אויף שבת נאָר דעמאָלט, ווען דו ביזט אַריין צו אונז אין שטוב און האָסט אונז געשענקט אַ זילבערנע מטבע... מיר זענען אָרים... מיר זענען אַלע זעהר אָרים אין דעמדאָזיגען געסעל. אָבער דער גרעסטער קבצן פון אַלע איז שמואל חייט מיט זיין בלינדער מוטער, מיט זיין מאָגערער ווייב און אַכט קינדער.

שמואל חייט האָט מעשה-יתום אַ שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ און זיינע שוואַרצע אויגען האָבען אַזוי ווי געגאַפט אי-בער זיין אייגענעם דלות. מאיר האָט, ווי פריהער, געגלעט דעם יונגעל די האָר, אָבער ער האָט אויפמערקזאַם אויס-געהערט דעם אָרימען שניידער. זיינע ליפּען האָבען אויסגע-דריקט רחמנות, אָבער די צונויפגעצויגענע ברעמען און די אַראָבגעלאָזטע אויגען האָבען צוגעגעבען זיין פּנים דעם אויס-דרוק פון איינגעהאַלטענעם צאָרן.

—שמואל,—האָט ער געפרעגט,—פאַרוואָס האָסטו עכטער קיין אַרבייט נישט?

שמואל האָט זיך אַזוי ווי פערשעמט. ער האָט אויפגעהוי-בען די הענד און אַראָבגערוקט אויף אַ זייט די יאַרמצלקע, וואָס האָט בעדעקט זיינע צופלאָנטערטע האָר.

—איך וועל דיר זאָגען,—האָט מאיר שטיל בעמערקט,—מען גיט דיר דערפאַר נישט קיין אַרבייט, ווייל דו נעהמסט-אַראָב שטיקער שטאָף פון דעם מאַטעריאַל, וואָס מען גיט דיר צום נייהען...

שמואל האָט זיך מיט ביידע הענד אָנגעכאַפּט ביי דער יאַרמאָלקע.

—אוי, ווער געשריען!—האָט ער זיך גענומען צאַפּלען.—

מאיר, וואָס האָסטו מיר געזאָגט? דיינע לעפצען בעשולדיגען מיך אין מאוס׳ע מעשים!

ער איז אונטערגעשפרונגען, נאָכדעם זיך צוגעבויגט צו דער ערד, פון דאָסניי אונטערגעשפרונגען און אַ געשריי געטהאָן:

—נו, אמת טאַקי! איך וועל עפענען דאָס האַרץ פאַר דיר. איך האָב אָבגעשניטען שטיקער שטאָף און צוגענומען... אָבער פאַרוואָס האָב איך עס געטהאָן? ווייל מיינע קינדער געהען־אַרום באַקעט... און אַז מיין קראַנקע מאַמע איז געלעגען קראַנק, האָב איך פערהאַנדעלט די שטיקלעך שטאָף און פאַר׳ן געלד געקויפט אַ שטיקעלע פלייש פאַר איהר... מאַיר, קוק נישט אויף מיר מיט אַזאַ כעס... מאַיר, ווען איך וואָלט געווען אַזוי רייך, ווי ר׳ יאַנקעל אָדער ווי ר׳ דוד־קלמן, ווען איך וואָלט געהאַט אַזויפיל געלד, וויפיל זיי בעקומען פון אונזער שווייס און בלוט, וואָלט איך נישט גע׳גנב׳עט...

—צו וואָס זאָל ר׳ יאַנקעל און ר׳ דוד־קלמן נעהמען אייער געלד?—האָט מאיר אַ פרעג געטהאָן און געוואָלט ווייטער ריידען, אָבער שמואל האָט זיך אויסגעגלייכט און איהם איבער־געשלאָגען:

—נו, זיי מעגען. זיי זענען אונזערע עלטסטע. ווער עס פאָלגט זיי, דער פאָלגט אויך גאָט.

מאיר האָט טרויעריג אַ שמייכעל געטהאָן און אַריינגעלעגט די האַנד אין קעשענע. דערזעהן דידאָזיגע בעוועגונג, האָבען שמואל׳ס אויגען גענומען לייכטען.

אין דעם אָפענעם פענסטער האָט מאיר אַוועקגעלעגט צוויי זילבערנע מטבעות. שמואל האָט זיך אַ וואָרף געטהאָן צו איהם און גענומען איהם קושען די הענד.

—מאַיר, דו ביזט אַ גוטער! דו העלפסט אָרימעלייט. האָסט רחמנות אויף מיין אָרים קינד.

אַז דער אויסברוך פון דאַנקבאַרקייט האָט זיך עטוואָס איינגעשטילט, האָט זיך דער שניידער אויסגעגלייכט און אָנגע־שעכטשעט מאיר׳ן אויפ׳ן אויער:

—מאיר, דו ביזט אַ גוטער מענש און אַנ׳אייניקעל פון אַ גרויסען עשיר, אָבער איך בין אַנ׳אָרימער און אַ נאַרישער חייט. אָבער דו ביזט אַזוי ווי האָניג אויף מיינע ליפּען און איך מוז דיר עפּענען מיין האַרץ. דו טהוסט זעהר שלעכט, וואָס דו שטעהסט אין קריג מיט אונזער רב און מיט קהל. אונזער רב איז אַזאַ גרויסער רב, אַז נאָך אַזאַ איינער איז נישטאָ אויף דער גאַנצער וועלט! גאָט האָט איהם ענטפּלעקט גרויסע סודות. פויגלעך לויפען נאָך איהם און אַלע חולאת׳ן קאָן ער היילען און אַלע הערצער ווערען אויפגעעפענט פאַר איהם. יעדער אָטעם זיינער איז הייליג. און בשעת ער איז מתפלל, קושט זיך זיין נשמה מיט גאָט! אָבער דו, מאיר, האָסט אָבגענויגט דיין האַרץ פון איהם.

דער אָרימער שמואל האָט גערעדט מיט זעהר אַנ׳ערנסטער מינע און זיין צושטאָכענעם שוואַרצען פינגער האָט ער פייער-ליך אויפגעהויבען צום הימעל.

—און די קהל׳ס-לייט זענען זעהר פרומע מענשען און גרויסע עשירים. און זיי בעדאַרף מען אויך האָרכען און שעצען, און אויב זיי טהוען עפיס אַ חטא, בעדאַרף מען פערדעקען די אויגען. זיי קאָנען דיך בעשולדיגען אי פאַר גאָט, אי פאַר מענ-שען. גאָט וועט זיכער בייז ווערען, ווען ער וועט דערהערען, ווי זיי בעשולדיגען דיך, און ער וועט דיך בעשטראָפען. און מענשען וועלען זאָגען, אַז די ביזט אַנ׳עזות-פּנים און וועלען זיך אָבקעהרען פון דיר.

שווער צו זאָגען, וואָס פאַר אַנ׳איינדרוק דידאָזיגע ווער-טער האָבען געמאַכט אויף מאיר׳ן. ער האָט נאָך אַלץ געהאַלטען די האַנד אויף לייבעלעס קעפּעל און האָט איהם אַריינגעקוקט אין פּנימ׳ל אַריין, וואָס האָט געהאַט זעהר שענע שטריכען און גרויסע שוואַרצע אויגען. ער האָט געקוקט אויף דעמדאָזיגען בלאַסען, קראַנקהאַפטען, דערשלאָגענעם און ציטריגען יונגעל, פּונקט ווי ער וואָלט אין איהם געזעהן די פערקערפּערונג פון׳ם גאַנצען פאָלק ישראל, וואָס האָט געזונקען אין דלות און קראַנקהייטען און וואָס איז דאָך געוועזן שטאַרק און אויסגעהאַלטען אין זיין אמונה.

מאיר האָט אַ שאָקעל געטהאָן מיט׳ן קאָפּ און איז אַוועק. שמואל איז נאָכגעלאָפען נאָך איהם.

—מאיר!—האָט ער געיאָמערט.—זיי נישט בייז אויף מיר דערפאַר, וואָס איך האָב געפּעפּענט פאַר דיר דאָס האַרץ.

געזאָגט דידאָזיגע ווערטער, האָט ער זיך אומגעדרעהט און איז אַריין אין זיין הייזעל. לייבעלע איז שוין נישט געשטאַנען ביי דער וואַנד מיט דער חלה אין די הענד. באַלד ווי מאיר איז אַוועק, איז דאָס בלאַסע קינד אַוועק נאָך איהם. ער האָט געהאַלטען, ווי פריהער, די הענד אין די אַרבעל פון זיין צוריסענעם בגד׳ל און איז מיט אַנ׳אָפּען מויל נאָכגעגאַנגען נאָך דעם הויכען שענעם יונגעמאַן, וואָס איז געווען שטאַרק פערזונקען אין זיינע מחשבות. אין עק גאַס האָט זיך דאָס יונגעל צוגעשטעלט, פונקט ווי ער וואָלט זיך געשראָקען צו געהן ווייטער, און זיך אָנגערופען מיט אַ הייזעריגען קול:

—מאיר!

מאיר האָט זיך אָבגעקעהרט. אַ וואַרימער שמייכעל האָט זיך איהם צוגאָסען איבער׳ן פּנים. עס האָט איהם שטאַרק גע־ריהרט דער אומשטאַנד, וואָס דאָס יונגעל האָט איהם אַזוי ווייט בעגלייט.

—חלה!—האָט דאָס יונגעל אַרויסגעמורמעלט.

מאיר האָט געפונען זוכען עפּיס אַ געוועלבעל. נישט ווייט זענען געשטאַנען עטליכע אָרימע טישלעך מיט אָבגעצעהרטע ווייבער, אָנגעטהאָן אין שמאַטעס. זיי האָבען פערקויפט אַלטע בולקעס, ווי שטיינער, ציבעלעס, צרה׳דיגען האָניג און מאָהן.

פון מאיר׳ס ווייסער האַנד איז פון דאָסניי איבערגעגאַנגען אין דעם יונגעלס שוואַרצע אָרימע הענדטלעך אַ געפלאָכטענע חלה. לייבעלע האָט זי באַלד צוגעטראָגען מיט ביידע הענדט־לעך צום מויל, נאָכדעם האָט ער זיך אויסגעדרעהט און איז אַוועק אַהיים מיט שטאָלצע און לאַנגזאַמע טריט אין דער־דמיט גאַס.

איצט איז שוין מאיר געגאַנגען איבער׳ן מאַרק. איהם האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז אַרויס פון אַ שוואַרצען תהום אויף

גאַסט ליכטיגער וועלט. די זון האָט בעגאָסען מיט איהרע שטראַה־לען דעם קיילעכיגען מאַרק, אויסגעטריקענט די קאַלוזשעס און אָנגעצונדען גאָלדענע פונקען אין די שויבען פון די פענסטער. אויף ר׳ יאַנקעלס הויף האָט מען געבויט עפּיס אַ נייעם בנין, דער געלער בעל־הבית האָט אַליין אַכטונג געגעבען אויף די אַרבייטער און זיך, קענטיג, געפרעהט מיט דער פערגרעסערונג פון זיין פערמעגען. די קלאַפּעריי פון העק און זעגען האָט בע־לעבט דעם שטח אַרום דעם נידעריגען הויז. נעבען פאַרהויז זענען געשטאַנען צוויי וועגענס, וואָס האָבען געהערט צו די בעקומענע געסט. אויפ׳ן גאַניק איז געשטאַנען ר׳ דוד־קלמן און זיין אַטלאַסענער כאַלאַט האָט געגלאַנצט אויף דער זון. מיט איין האַנד האָט ער צוגעטראָגען צו זיינע שמייכלענדיגע ליפּען אַ ציגאַר און מיט דער צווייטער האָט ער געגלעט די גאָלדענע האָר פון אַ צוויי־יעהריג קינד, וואָס איז געזעסען אויף אַ בענ־קעל מיט אַ שטיקעל ברויט, בעשמירט מיט האָניג. זיין פול פנימ׳ל, וואָס האָט געשמייכעלט צו זיין מאַיעסטעטישען פאָטער, איז געווען אויסגעשמירט מיט׳ן האָניג.

ביי די יעזעפאָוויטשעס אויפ׳ן הויף איז אויך געווען ליכ־טיג, רוישיג און פרעהליך. אינמיטען הויף האָבען צוויי ברייט־ביינינע האָלצזעגער געזעגט האָלץ אויף ווינטער. אין דער קופּע פונ׳ם האָלצאָבפאַל האָבען זיך געשפּילט עטליכע קינדער אין ריי־נע מלבושימ׳לעך. זיי האָבען בעפּוצט די קעפּ מיט קרענצלעך פון האָלצפּאַסען. אַ שענע און אַ פרעהליכע דינסט האָט גע־נומען וואַסער פון ברונים און דערביי געשמועסט מיט די האָלצ־זעגער. דורך די אָפענע פענסטער האָבען זיך געזעהן די ערנסטע פנימ׳ער פון אברהמ׳ן און רפאל׳ן, וואָס האָבען געשמועסט וועגען זייערע ענינים. ביים פלאַמענדיגען אויוועןן איז געשטאַנען שרה, און די שענע לאה האָט פאַר אַ קליין שפּיגעלע איבערגע־פלאָכטען איהרע לאַנגע צעפּ.

אַז מאיר איז אַרויף אויפ׳ן הויף, האָבען די זעגערס איבערגעריסען די אַרבייט, אַ שמייכעל געטהאָן און זיך פריינד־ליך פערנויגט פאַר איהם. זיי האָבען געוואוינט אין יענעם

אָרימען און שמוציגען געסעל, פון וואַנען ער איז נאָר-וואָס געקומען, און זיי האָבען איהם, אַפּנים, גוט געקאָנט.

—אַ גוט מאָרגען!—האָבען זיי איהם בעגריסט.

—אַ גוט יאָהר!—האָט זיי מאיר געענטפערט.

—אפשר ווילסטו אונז העלפען אַרבייטען?—האָט איינער פון די אַרבייטער געשפּאַסט.

—פאַרוואָס נישט?—האָט זיך מאיר אָנגערופען און איז צוגעגאַנגען צו די אַרבייטער.

עס איז געווען קענטיג, אַז ער האָט ליב פיזישע אַרבייט און אַז די אַרבייטער זענען געוועהנט, ער זאָל אַרבייטען מיט זיי צוזאַמען. איינער פון די אַרבייטער האָט שוין אַפילו אָבגעטראָטען איהם דאָס אָרט ביי דעם קלאָץ, אָבער לאה, וואָס האָט געענדיגט פלעכטען איהרע צעפּ, האָט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ אינ'ם אָפענעם פענסטער און אַ געשריי געטהאָן:

—מאיר! וואו ביזטו געווען אַזוי לאַנג? דער זיידע זוכט דיך אַרום.

נאָך דעם רב'ס וויזיט איז קיין פערטעל שעה נישט אַוועק. שאול איז די גאַנצע צייט געזעסען, דאָס פנים פערדעקט מיט די הענד, און מחשבות האָט ער געהאַט בייזע און טריבע. נישט ווייט פון איהם, ביים פענסטער, וואָס איז אַרויסגעקומען צום מאַרק, איז געזעסען פריידע, איינגאַנצען בעגאָסען מיט'ן שיין פון דער זון און מיט'ן גלאַנץ פון איהרע ברילליאַנטען.

אין שאול'ס אַלטער, אָבער פעסטער ברוסט איז פאָרגעקומען אַ גאַנצער אינערליכער פּראָצעס. בטבע האָט ער ר' יצחק טודרוס'ן נישט ליב געהאַט. די בעדייטונג און שטעלונג פון זיין זיידען מיכל און זיין פאָטער הערש'ן האָט ער רעכט נישט פערשטאַנען, אָבער ער האָט געוואוסט, אַז זיי האָבען געהאַט אַ שטאַרקע השפעה אויף די „אייגענע" און זענען געווען זעהר חשוב ביי די „פרעמדע." און דעריבער האָט ער געשטאָלצירט מיט זיין משפחה. ער האָט אָבער אויך געוואוסט, אַז זיין זיידע און פאָטער האָבען געהאַט אַ סך צרות פון די טודרוסעס, און דאָס האָט אין איהם אונבעוואוסטזיניג דערוועקט אַ האַס צו

ר׳ יצחק טודרוס׳ן. אין דער אייגענער צייט אָבער האָט ער זיך בעצויגען צו איהם מיט גרויס יראה, ווייל ער האָט איהם געהאַלטען פאַר אַ גרויסען בעל-תורה און אַ גרויסען רב. אין איהם האָבען זיך געראַנגעלט צוויי דעות און די ליבע צום אייניקעל איז נישט קלענער געוואָרען, כאָטש דעם רב׳ס ווערטער האָבען איהם שטאַרק געשראָקען.

—אָבער וואָס וועט דערפון אַרויסקומען!—האָט דער אַלטער שאול געטראַכט און מיט בייזע אויגען אָנגעקוקט דעם נאָר-וואָס אַריינגעקומענעם מאיר׳ן.

מאיר איז נישט דרייסט אַריין אין גאַסטצימער. ער האָט שוין געוואוסט, אַז דער רב האָט בעזוכט זיין זיידען און האָט פערשטאַנען, וועגען וואָס יענער איז געקומען. מאיר האָט זיך געשראָקען פאַר דעם זיידענס צאָרן און נאָכמעהר—מצער-צו-זיין איהם.

—נו,—האָט זיך אָנגערופען דער אַלטער,—קום-אַהער! איך האָב פאַר דיר זעהר אַ גוטע בשורה, וואָס וועט דיך זעהר דערפרעהען.

אַז מאיר איז צוגעגאַנגען צום זיידען, האָט דער זיידע אויפגעהויבען זיינע געדיכטע ברעמען און זיך אָנגערופען:

—איך האָב פאַר דיר אַ כלה. אין צוויי חדשים אַרום וועסטו חתונה-האָבען.

מאיר איז בלאַס געוואָרען, אָבער ער האָט געשוויגען.

—איך וועל דיך חתונה-מאַכען מיט יאַנקעל קאַמיאָנקערס טאָכטער.

נאָך דידאָזיגע ווערטער האָבען ביידע געשוויגען. מאיר האָט זיך דער ערשטער אָנגערופען:

—זיידע! מיט קאַמיאָנקערס טאָכטער וועל איך נישט חתונה-האָבען.

—פאַרוואָס?—האָט שאול געפרעגט מיט אַנ׳איינגעהאַלטענעם צאָרן.

—דערפאַר, זיידע,—איז מאיר אַלץ דרייסטער געוואָרען,— ווייל קאַמיאָנקער איז אַ שלעכטער מענש, אָהן יוכ״ן, וויל איך נישט זיין איידעם.

—אָבער וואָס גערט עס דיר אָן?—האָט דער אַלטער אַ געשריי געטהאָן.

—זיידע!—האָט מאיר זיך האַרב אָנגערופען.—פון שוויס און בלוט האָט ער געמאַכט זיינע פערמעגענס. הייזער בויט ער אויף איהם האָרעווען עלענדע און אומגליקליכע מענשען. זיינע שענקערס שכור'ען-אָן די פויערים... זיידע, דו קוק נישט דערויף, ווי אַזוי ער דאַווענט, נאָר אויף זיינע מעשים קוק, וואָרום עס שטעהט געשריבען: „איך בעדאַרף נישט דיינע תפילות און דיינע קרבנות! ווער עס דריקט אַן אָרימאַן, דער בעליידיגט דעם בורא.״

שאול איז זעהר בייז געוואָרען, אָבער דידאָזיגע ציטאַטע האָט איהם עטוואָס אויסגעווייכט.

—נו,—האָט ער אַרויסגעברומט,—וואָס גערט עס דיר אָן, וואָס ר' יאַנקעל שכור'ט-אָן די פויערים? דו ווייסט גאָרנישט, ווי אַזוי מען פיהרט געשעפטען. אַז דו וועסט חתונה-האָבען מיט ר' יאַנקעלס טאָכטער און ער וועט דיך אַריינפיהרען אין זיינע געשעפטען, וועסטו אויך טרייבען און פערקויפען בראָנ-פען.

—זיידע!—האָט מאיר שנעל געענטפערט.—מיט קיין בראָנ-פען וועל איך נישט האַנדלען. איך האָב דערצו קיין שום חוש נישט.

—און צו וואָס האָסטו יאָ אַ חוש? צו גאָרנישט...

דער אַלטער שאול האָט נאָך נישט געענדיגט די פראַזע, ווי מאיר האָט אַרומגענומען זיינע קניה און צוגעדריקט צו זיי די ליפען:

—זיידע!—האָט ער געזאָגט,—לאָז מיך אַוועק פון דאַנען! לאָז מיך אַוועק אין דער ברייטער וועלט! איך וויל מיך לער-נען! לערנען וויל איך מיך, און דאָ איז מיר פינסטער אין די אויגען. מיט צוויי יאָהר צוריק האָב איך דיך נאָך געבעטען וועגען דעם, אָבער דו ביזט בייז געוואָרען און האָסט מיר גע-הייסען זיין דאָ. בין איך פערבליבען דאָ, ווייל איך שעץ דיך זעהר און דיינע ווערטער זענען הייליג פאַר מיר. אָבער, זיידע,

איצט זאָלסטו מיך לאָזען אַוועקפאָהרען. אויב איך וועל אַוועק אין דער ברייטער וועלט מיט דיין דערלויבניש און מיט דיין ברכה, וועל איך ווערען אַ געלערנטער מאַן. דעמאָלט וועל איך מיך אומקעהרען צוריק און וועל מיך אויפהויבען געגען דעם רב. איך וועל איהם ווייזען, אַז ער איז קליין... דעמאָלט...

ר׳ שאול האָט איהם נישט געלאָזט ווייטער ריידען.

—שאַ-אַ!—האָט ער אַ געשריי געטהאָן.

בלויז דער איין געדאַנק, אַז זיין איינ׳קעל קאָן פערפיהרען אַ קאַמף מיט׳ן גדול, מיט׳ן גרויסען רב, האָט אָנגעוואָרפען אויף איהם אַ פחד.

אָבער מאיר האָט זיך אויסגעגלייכט און האָט זיך אָנגערופען מיט פייער אין די באַקען און מיט טרעהרען אויף די אויגען:

—דערמאָהן דיך אָן ר׳ אליעזר׳ן. בשעת ער איז געווען יונג, האָט איהם דער פאָטער נישט געוואָלט אַוועקלאָזען אין דער גרויסער וועלט. האָט ער געאַקערט די ערד און געקוקט אויף די שוואַרצע וועלדער, וואָס האָבען פערשטעלט פאַר איהם דאָס ליכט פון טאָג. און דעמאָלט האָט ער אויך אַזוי געבענקט און געליטען, ווי איך בענק און לייד איצט... אליעזר האָט נישט איבערגעטראָגען זיינע אינערליכע יסורים און איז אַנטלאָפען... קיין ירושלים איז ער אַנטלאָפען און דאָרט האָט ער זיך אָנגערופען צו אַ גרויסען חכם: „איך וועל זיין דיין תלמיד און דו זיי מיין רבי!" און ווי ער האָט געזאָגט, אַזוי איז געשעהן. און אַז אליעזר׳ס פאָטער איז אין עטליכע יאָהר אַרום געקומען קיין ירושלים, האָט ער געזעהן, ווי אַ שענער יונגערמאַן שטעהט אינמיטען מאַרק אויף אַ העכערן אָרט און דרש׳ענט זעהר קלוג. פאַר׳ן פאָלק און דאָס פאָלק שלינגט יעדעס וואָרט זיינס און שטראַהלט פון התפעלות און גליק, און עס הערען זיך פייערדיגע אויסגעשרייען: „דו ביזט אונזער גרויסער מדריך און רבי!" און אליעזר׳ס פאָטער האָט זיך אויך צוגעהערט צו די קלוגע ווערטער און זיין הארץ איז אַדורכגעדרונגען געוואָרען פון תענוג און שמחה, ווי ביי אַלע מענשען, וואָס זענען דערביי געשטאַנען

און ער האָט געפרעגט איינעם פון זיי: „ווי הייסט דערדאָזיגער יונגערמאַן, וואָס דרש׳ענט אַזוי שען און וואו וואוינט זיין פאָ-טער? איך וויל מיך געהן בוקען צו יענעם, וואָס האָט אַזאַ זוהן.” און דער מענש, ביי וועלכען ער האָט עס געפרעגט, האָט געזאָגט: „דערדאָזיגער יונגערמאַן הייסט אליעזר און זיין פאָטער הייסט הורקנוס!” און אַז אליעזר׳ס פאָטער האָט עס דערהערט, האָט איהם גענומען קלאַפּען דאָס האַרץ, איז ער צוגעלאָפען צום יונגענמאַן מיט אָפענע אָרעמס. און פאָטער און זוהן האָבען געטאַנצט פון שמחה און דאָס פאָלק האָט אָבגעגעבען גרויס כבוד אליעזר׳ס פאָטער דערפאַר, וואָס ער איז דער פאָטער פון אַזאַ זוהן...

שאול האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט צו דערדאָזיגער געשיכטע און זיין פּנים איז אַזוי ווי אויסגעלייטערט געוואָרען. איהם זענען זעהר טייער געווען זיין פאָטערס לעגענדעס און אַגדות און בעזונדערס האָט ער עס ליב געהאַט צו הערען פון זיין געליבטען אייניקעל. אָבער ער האָט נישט געקווענקעלט מיט זיין ענטפער. האָט ער עטוואָס פערזשמורעט די אויגען, אַ שאָ-קעל געטהאָן מיט׳ן קאָפּ און געזאָגט:

—ווען אין ירושלים וואָלט איצט געלעבט אַ גרויסער חכם, און למדן, וואָלט איך דיך אַליין געשיקט צו איהם אָהן דיין בקשה. אָבער ירושלים ליגט שוין נישט ביי אונז אין די הענד... אַמאָל, ווען משיח וועט קומען, וועט די שטאָדט ווידער זיין אונזע-רע... דערווייל איז דאָרט גוט צו שטאַרבען און נישט צו לערנען... אין אַ פרעמדער וועלט און צו פרעמדער תּורה וועל איך דיך נישט שיקען... פאַר אַ יודען טויג דאָס נישט. דו האָסט זיך שוין אויסגעלערנט ביי די אַדומים אַלץ, וואָס מען בעדאַרף האָבען, צו פיהרען גרויסע געשעפטען. און דערפאַר האָב איך שוין אויך געכאַפּט אַ גרויסע פאָרציע פון אונזער רב... אַזאַ פאָרציע איז זעהר מאוס פאַר מיר, וואָרום אַז אונזער גרויסער רב קומט צו אונז אין שטוב אַריין און זידעלט מיך, ווי אַ מלמד אַ קליין יונגעלע, ווערט מיר צופלאַצט דאָס האַרץ פון חרפּה און פער-דרוס...

דער אַלטער האָט זיך אָנגעוואָלקענט און האָט טריב געקוקט אויף דער פּאָדלאָגע. מאיר איז געשטאַנען נעבען איהם, ווי אַ פערשטיינערטער און אַ בעטריבטער.

—זיידע!—האָט ער זיך האַלב געבעטען און האַלב גע-פּאָדערט.—לאָז מיר זיין אַ בעל-מלאכה. וועל איך וואוינען אין איין גאַס מיט די אָרימע מענשען. צוזאַמען מיט זיי וועל איך אַרבייטען און וועל פיהרען אַ ריין עהרליך לעבען. און אַז זיי וועלען קיין ברויט נישט האָבען, וועל איך טיילען מיט זיי דעם לעצטען ביסען, וואָס איך וועל פערמאָגען אין מיין הויז.

טרעהרען האָבען זיך בעוויזען אויף זיינע אויגען, די באַ-קען האָבען געפלאַמט, אָבער שאול האָט אויפגעהויבען אויף איהם אַ שווערען בליק און נאָכדעם געזאָגט:

—אַז דו וועסט עלטער ווערען מיט צוויי אָדער דריי יאָהר, וועסטו דעמאָלט פערשטעהן, וואָס פאַר אַ נאַרישע ווער-טער דו האָסט איצט גערעדט. אין אונזער משפחה איז ביז אַהער קיין איין בעל-מלאכה נישט געווען און וועט, מיט גאָטס הילף, אויך נישט זיין. מיר זענען סוחרים פון דור צו דור און מיר האָבען געגוג געלד, וואָס מעהרט זיך אויך פון דור צו דור. און דו וועסט אויך זיין אַ סוחר, ווייל יעדער יעזעפאָוויטש מוז זיין אַ סוחר...

די לעצטע ווערטער האָט ער אַרויסגעזאָגט זעהר ענט-שלאָסען. אין אַ מינוט אַרום האָט ער שוין ווייכער געזאָגט:

—איך קאָן דיר טהאָן איין געפעליגקייט... אויב דו ווילסט, קאָנסטו נישט חתונה-האָבען מיט ר' יאַנקעלס טאָכטער... וועל איך דיך חתונה-מאַכען מיט עליע וויטעבסקיס טאָכטער—ער איז אַ גרויסער סוחר. דו ווילסט דאָך לערנען, וועל איך דיר געבען אַ געבילדעט ווייב... איהרע עלטערן האָבען זי אָבגעגעבען אין ווילנא אין אַ פּאַנסיאָן... זי קאָן ריידען פראַנצויזיש און שפּילט קלאַוויר... אויב דו ביזט אַזאַ קאַפּריזניק, וועט דיר מסתמא גע-פעלען דאָסדאָזיגע מיידעל... זעכצעהן יאָהר איז זי אַלט. איהר פאָטער וועט איהר געבען אַ סך נדן און וועט דיך באַלד אַריינפיהרען אין זיינע געשעפטען...

אויף מאיר׳ן איז געווען קענטיג, אז ער האָט איינגאַנצען גע-
ברענט פון אויפרעגונג.

—מיט וויטעבסקיס טאָכטער בין איך נישט בעקאַנט. מיינע
אויגען האָבען זי קיינמאָל נישט געזעהן,—האָט ער מרה-שחורה׳-
דיג אַדוויסגעזאָגט.

—צו וואָס בעדאַרפסטו זי קאָנען?—האָט זיך שאול אָנ-
געבייזערט.—וועסט נעהמען דאָס מיידעל און וועסט חתונה-
האָבען מיט איהר. אין אַ חודש אַרום וועט זי קומען פון וויל-
נא און אין צוויי חדשים קאָנסטו שטעהן מיט איהר אונטער
דער חופה. אָט הערסטו פון מיר קלאָרע ווערטער און דו מוזט
מיר פאָלגען. ביז אַהער האָב איך דיר צופיל דערלויבט, אָבער
איצט מוז איך מיך אַנדערש בעגעהן מיט דיר. ר׳ יצחק טודרוס
האָט געזאָגט, אַז איך בעדאַרף אַרויפשטעלען אַ פוס אויף דיין
רוקען...

מאיר האָט זיך אָנגעצונדען.

—זאָל ר׳ יצחק טודרוס שטעלען זיין פוס אויף די-יעניגע,
וואָס לעקען, ווי הינד, זיינע פיס. איך בין אַזאַ יוד, ווי ער...
איך בין נישט קיין קנעכט... איך...

דידאָזיגע ווערטער זענען פערגליווערט געוואָרען אויף
זייגע ציטריגע ליפען, ווייל דער אַלטער שאול האָט זיך אויפ-
געשטעלט, אַ פלאַמפייערדיגער, פון גרימצאָרן און האָט אויפגע-
הויבען איבער איהם אַ האַנד. אָבער אין דער אייגענער רגע
האָט זיך צווישען דער אַלטער, טרוקענער, נאָר פעסטער האַנד
און דעם אויפגערעגטען ברענענדיגען פנים פונ׳ם יונגענמאַן
בעוויזען אַנ׳איינגעשרומפען ציטריג הענדטעל, וואָס האָט זיי
פונאַנדערגעטיילט. דאָס איז געווען פריידעס האַנד. בשעת דער
אַלטער האָט גערעדט מיט׳ן אייניקעל, איז זי געזעסען אויף
דער זון און אַזוי ווי געדרעמעלט, פונקט ווי זי וואָלט דעם גאַנ-
צען שמועס נישט געהערט. אָבער אַז מאיר האָט ליידענשאַפט-
ליך אויסגעשריען און שאול האָט זיך אויפגעשטעלט, אַנ׳אָנגע-
וואָלקענטער און אַ בייזער, האָט זי זיך אויך אויפגעהויבען און
מיט דער אַלטער האַנד בעשיצט דעם אוראייניקעל... שאול׳ס

האַנד האָט זיך אַראָבגעלאָזט... מיט עפּיס אַנ׳אָנגעבראָכענעם קול האָט ער בלויז אַרויסגעזאָגט דאָס איינע וואָרט:

—אַוועק!

און זיך אַנידערגעזעצט אויפ׳ן שטוהל, שווער אָבגעזיפּצענדיג.

די עלטערבאָבע האָט זיך ווידעראַמאָל אַוועקגעזעצט ביים אָפּענעם פענסטער, אין וועלכען עס האָט געשלאָגען די זון. מאיר איז אַרויס פון צימער.

ער איז געגאַנגען מיט אַנ׳אַראָבגעלאָזטען קאָפּ. אין דער־דאָזיגער מינוט האָט ער דייטליך געפיהלט, אַז די, געגען וועלכע ער ראַנגעלט זיך, זענען שטאַרק אין יאָהרען, מאַכט און השפּעה. ער האָט איצט געפיהלט אויף זיך די קייטען פון דער פּאַטריאַרכאַלער משפּחה. אָבער אַז ער האָט זיך דערמאָהנט אין דעם אַלטען, ציטריגען און איינגעשרומפּענעם פּרויענהענדטעל, וואָס האָט איהם פּשוט בעשיצט פון אַ קלאַפּ, האָט זיך אַ שמייכעל צוגאָסען איבער זיינע ליפּען. דאָס איז אויך געווען אַ שמייכעל פון האָפנונג.

—ווען איך וואָלט געקאָנט געפינען די צוואה!—האָט ער זיך אַ זאָג געטהאָן און איבערגעווישט מיט דער האַנד דעם שטערן.

ער האָט געטראַכט פון מיכל סעניאָרס צוואה און פון דער עלטערבאָבען, וואָס נאָר זי אַליין ווייס, וואו מען קאָן זי זוכען. און איהם האָט זיך געדאַכט, אַז ווען ער וואָלט זי איצט געהאַט, וואָלט ער דעמאָלט געוואוסט, וואָס צו טהאָן און ווי צו ריידען...

אָבער שאול איז לאַנג געזעסען אויף זיין שטוהל, אַ מידער און אַ דערשלאָגענער. אַ פּאָר מאָל האָט ער אויפגעהויבען די אויגען צו דער מוטער און האָט אַ שמייכעל געטהאָן. איהם האָט אויסגעוויזען משונה דער אומשטאַנד, וואָס זיין שווייגענדיגע און הונדערט־יעהריגע מוטער האָט זיך אויפגעהויבען צו בעשיצען איהר אוראייניקעל. טיף אין האַרצען איז ער איהר אפשר דאַנקבאַר געווען דערפאַר, וואָס זי האָט איהם נישט

דערלאָזט, ער זאָל שלאָגען אַ יתום אין אַ מינוט פון כעס.

—רפאל!—האָט ער אַ רוף געטהאָן.

אין צימער איז אַריין דער סאַמע עלטסטער זוהן, אַ מיושב׳דיגער, אַ גרויער און אַ שוואַרצאויגיגער. נאָך שאול׳ן איז ער געווען דער עלטסטער אין דער משפחה. ער האָט שוין געהאַט דערוואַקסענע אייניקלעך און האָט געפיהרט גרויסע געשעפטען אין גאַנצען לאַנד. דערהערט, אַז דער טאַטע רופט איהם, האָט ער באַלד אַוואָרף געטהאָן די רעכענביכער און איז אַוועקגעלאָפען צום טאַטען.

—עליע וויטעבסקי איז אינדערהיים?—האָט שאול געפרעגט.

—נעכטען איז ער געקומען פון אַ ווייטער נסיעה, און איצט איז ער אינדערהיים,—האָט דער זוהן געזאָגט.

—זאָל עמיץ געהן צו איהם און זאָגען, ער זאָל קומען אַהער. איך האָב מיט איהם צו ריידען וועגען זעהר אַ וויכטיגען ענין.

—וועל איך אַליין געהן,—האָט רפאל געזאָגט,—איך ווייס, וועגען וואָס דו ווילסט מיט איהם ריידען. דער ענין געפעלט מיר, און מען בעדאַרף עס וואָס שנעלער מאַכען. מיט מאיר׳ן וועט זיין שלעכט, אויב מען וועט איהם באַלד נישט חתונה-מאַכען און מען וועט איהם נישט אַריינגעהמען אין געשעפט.

—רפאל,—האָט דער פאָטער געפרעגט,—שוין-זשע מיינסטו, אַז וויבאַלד מאיר וועט חתונה-האָבען, וועט ער זיך תכיף ענדערן?..

רפאל האָט אַ שאָקעל געטהאָן מיט׳ן קאָפּ.

—טאַטע,—האָט ער זיך אָנגערופען,—דערמאָהן דיך אין בער׳ן. ער איז אויך געגאַנגען מיט דעמדאָזיגען דרך, וואָס מאיר, אָבער אַז ער האָט חתונה-געהאַט מיט שרה׳ן און דו האָסט איהם אַריינגענומען אין געשעפט און דאָס ווייב האָט גענומען קינדלען, זענען איהם אַלע נאַרישקייטען אַרויסגעפלויגען פון קאָפּ.

—געה, גיב מיר אַ רוף וויטעבסקי׳ן,—האָט שאול געהייסען.

רפאל איז אַרויס פון שטוב און איז אַוועק צו יענעמס הויז, וואָס איז געשטאַנען אויפ'ן ראָג פון די סאַמע צוויי שענסטע גאַסען אין שטעדטעל. דאָס הויז האָט געהאַט אַ הויכען גאַנעק און גרויסע פענסטער. אויפ'ן גאַניק איז געזעסען אַ גענוג דיקע פרוי, אין אַ זיידענעם קלייד און מאַנטיליע, צוגעשפּיליעט מיט אַ גאָלדענער בראָש, מיט לאַנגע גאָלדענע אויררינגלעך און מיט אַ שען פערקאַמטען פּאַרוק אויפ'ן קאָפּ. אַלט איז זי געווען אַ יאָהר פערציג, אָבער זי האָט אויסגעזעהן פריש און יונג. אויף איהרע ליפּען האָט געשפּילט אַ שמייכעל פון צופריעדענהייט און פאַמיליען-שטאָלץ. זי איז געזעסען און האָט עפּיס געשטריקט פון פיינעם וואָהל. אַז רפאל איז אַרויפגעגאַנגען אויף די טרעפּעלעך פון הויכען גאַנעק, האָט זיך די פרוי אויפגעהויבען, זיך שען פערנויגט און בעגריסט דעם גאַסט. אַזוי האָט זיך בעגריסט אין שיבאָוו בלויז איין האַנע, וויטעבסקיס ווייב. אַזאַ מין בעגריסונג איז אַפילו נישט געווען צום הארצען רפאל'ן און ער האָט נישט גערן אָנגענומען איהר האַנד. ער האָט זי בּאַלד אַ פרעג געטהאָן וועגען איהר מאַן.

—ער איז אינדערהיים,—האָט די פרוי געזאָגט מיט עפּיס אַ שמייכעל פון אַ כראָנישער צופרידענהייט און כראָנישען שטאָלץ.—מיין מאַן וועט זעהר צופרידען זיין מיט'ן גאַסט. קומט-אַריין, איך בעט אייך!

רפאל האָט בעדאַנקט די פרוי, אַ שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ און איז אַריין אין הויז. האַנע האָט זיך פון דאָסניי אַנידערגעזעצט אויפ'ן גאַניק, פערזשמורעט מיט גאווה אַנ'אויג און אַ זאָג געטהאָן צו זיך:

—נו, דאָס זענען דיר אַ ביסעל מענשען אין שיבאָוו! ווילדע בערען: ווילען גאָר מיט אַ פרוי נישט ריידען.

זי האָט אָנגעזיפצט, אַ שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ און צוגעגעבען:

—בין איך דען געוועהנט צו אַזוינע מענשען? ביי אונז אין ווילנא זענען די מענשען העפליך, דערצויגענע, נישט אַזוינע ווי דאָ, פוי!

זי האָט אויסגעשפּיגען, אָבגעזיפצט, זיך ווידער גענומען צו דער אַרבייט און מיט אַ שמייכעל פון צופרידענהייט געקוקט אויפ׳ן שטעדטעל און אויף די מענשען, וואָס האָבען זיך גע-פלאָנטערט אין איהם. אין דער טיר האָבען זיך בעוויזען צוויי יודען, וואָס זענען שנעל אַראָב פון גאַנעק. זיי זענען אַוועק צו ר׳ שאול׳ס הויז און האָבען שטאַרק געשמועסט צווישען איינאַנ-דער.

עליע וויטעבסקי, וואָס איז געגאַנגען איבער׳ן מאַרק צוזאַ-מען מיט רפאל׳ן, איז גאָרנישט געווען עהנליך צו ר׳ שאול׳ס עלטסטען זוהן. ער איז אַפילו אויך געווען אַ סוחר, אָבער אויס-געזעהן האָט ער ווי אַן׳עלעגאַנטער וועלטליכער מאַן. זיין סור-דוט איז געווען עטוואָס קירצער פון רפאל׳ס און איז געווען אַנדערש גענייהט. אויפ׳ן וועסטעל האָט ער געטראָגען אַ דיקע גאָלדענע קייט און אויפ׳ן פינגער—אַ רונג מיט אַ גרויסען ברי-ליאַנט. ער האָט געהאַט אַ ריין פּנים, בעוועגליכע און דורכ-דרינגליכע אויגען, אַ קליין בלאָנד בערדעל, צו וועלכען ער פלעגט עפטער צוטראָגען לאַנגזאַם די האַנד מיט אַ בלישטשענ-דיגען ברילליאַנט.

געגאַנגען איז ער איילִיג און, קענטיג, צופרידען. איבע-ריגענס, איז יעדער איינער—ער האָט געמעגט זיין פון די גרע-סטע גבירים אין שיבאָוו—שנעל געגאַנגען, ווען ר׳ שאול האָט איהם אַ רוף געטהאָן. ר׳ שאול האָט זיך שוין צעהן יאָהר צייט נישט געמישט אין זיינע געשעפטען און איז נישט אַרויס פון שטוב, אויסער אין בית-המדרש. דערפאַר פלעגען קומען צו איהם די אַלע, וואָס האָבען זיך גענויטיגט אין אַ פראַקטישער קלוגער עצה וועגען געשעפט אָדער אַזוי ענינים. עפטער פלעגט ער זיצען אין גאַסטצימער אויף זיין געלבען דיוואַן מיט׳ן הוי-כען ווענדטעל. נעבען איהם פלעגט ליגען עפּיס אַ ספר, אָבער ער פלעגט נישט קאָנען אַריינקוקען אין איהם. נעבען איהם פלע-גען זיצען עלטערע יודען, רייכע סוחרים און גרויסע לערנער, וואָס פלעגען קומען צו איהם נאָך אַן׳עצה, נאָך הילף אָדער נאָך אַ בוררות. דער אַלטער שאול פלעגט געבען עצות, הילף

און כלעגט אויסגלייכען סכסוכים. אָבער אַז ער האָט אַליין בעדאַרפט איבעררײדען מיט די קהל׳ס-לייט וועגען זיינע אייגענע ענינים, האָט ער זיי גערופען צו זיך און זיי זענען גערן און איילי גענאַנגען. און דאָס אייגענע האָט אויך עליע וויטעבסקי געאיילט, ווען דער אַלטער האָט איהם אַ רוף געטהאָן. אין גאַסטצימער איז ער אַריין, אַ שמייכלענדיגער, און האָט זעהר וואַרים בע-גריסט דעם בעל-הבית.

—גוט מאָרגען.

עליע וויטעבסקי האָט קיינעם קיינמאָל נישט בעגריסט אַזוי פייערליך, ווי ר׳ שאול׳ן. זיין בעגריסונג איז שטענדיג געגאַנגען לויט דער שטעלונג פון מענשען.

רפאל האָט אויך געוואָלט אַריין אין צימער, אָבער דער פאָטער האָט איהם אָבגעהאַלטען מיט אַ בעפעהלענדיגען זשעסט. זיי האָבען פערמאַכט אַלע טירען און האָבען שטיל געשמועסט. אָבער די דרייסטע און נייגעריגע לאה׳לע, רפאל׳ס טאָכטער, האָט צוגערוקט איהר נעזעל צו דער פערמאַכטער טיר און דאָס שוואַרצע אויג צום שלאָסלעכעל און האָט אויסגעצייכענט גע-הערט וואָס מען האָט גערעדט.

נאָכדעם איז זי אָבגעשפרונגען פון טיר, אַ פעררויטעלטע, און האָט לאַנג געקוקט אין פענסטער: זי האָט שוין געוואָלט זעהן מאיר׳ן און כאַפּען אַ שמועס מיט איהם.

די זון איז שוין פערגאַנגען, ווען וויטעבסקי איז אַרויס פון ר׳ שאול׳ס הויז אין זעהר אַ גוטער שטימונג: ער האָט איצט געמאַכט זעהר אַ וואויל געשעפטעל און אפשר גאַנצע צוויי.

כמעט אין דער אייגענער צייט איז מאיר געקומען אַהיים. לאה׳לע איז איהם אַרויסגעלאָפען אַנטקעגען, ארומגעכאַפּט זיין האַלז מיט ביידע הענד און איהם איינגערוימט אויפ׳ן אויער:

—מאיר, איך האָב פאַר דיר נייעס! דער זיידע האָט לאַנג גערעדט מיט עליע וויטעבסקי. מען האָט גערעדט וועגען אונז. וויטעבסקי וויל דיך חתונה-מאַכען מיט זיין טאָכטער און מיך מיט זיין פלימעניק...

דאָס מיידעל האָט זיך שטאַרק גערויטעלט און זיך גע-שעמט אויפצוהויבען די אויגען. אָבער מאיר האָט זיך אַרויס-געריסען פון איהרע אָרעמס. אַז זי האָט אויפגעהויבען די אוי-גען, האָט זי דערזעהן, ווי מאיר איז אַרויס פון טויער אין גאַס אַריין.

—מאיר! —האָט איהם אַ רוף געטהאָן דאָס מיידעל.—וואו-הין געהסטו? ווערסטו נישט עסען קיין אָוועגדברויט?

מאיר האָט נישט געענטפערט. אַ טיפער קנייטש האָט זיך בעוויזען אויף זיין בייזען שטערען. אין דערדאָזיגער מינוט האָט ער פערשטאַנען, אַז זיין געשריי צום זיידען: „איך בין נישט קיין קנעכט ביי קיינעם!" האָט קיין שום ווערט נישט. מען האָט גע'בעל-הבית'עוועט מיט זיין לעבען אָהן זיין רצון, און ער האָט געוואוסט, אַז מען מוז טהאָן אַזוי, ווי די עלטערע היי-סען... אָבער ניין! ער האָט אויפגעציטערט ביים געדאַנק, אַז מען בעדאַרף טהאָן אַזוי, ווי זיי הייסען. פאַרוואָס? ער קאָן דאָך גאָרנישט דערדאָזיגער מער'ן, ער ווייס נאָר, אַז זי האָט זיך געלערנט אין אַ פּאַנסיאָן. לאַנגזאַם איז ער געגאַנגען אי-בער'ן שטעדטעל, מיט אַנ'אַראָבגעלאָזטען קאָפּ, מיט פערלעגטע הענד אויף הינטען און די גאַנצע צייט האָט ער פער'עקשנ'ט גע'חזר'ט: „איך בין נישט קיין קנעכט ביי קיינעם!" ער איז געווען אָנגעזאַפּט מיט פערביטערונג, אָבער עפּיס אַ געפיהל פון פרייהייט האָט זיך אין איהם דערוועקט, מסתמא צוליב דעם גע-היימען נאַטור-אָטעם, וואָס רופט-אַרויס צום לעבען די ריינע און שטאַרקע נשמות, וועלכע לעכצען נאָך פרייהייט, יושר און וויסען.

* * *

אינ'ם קליינעם הייזעל, ביים פוס פונ'ם קאַראַאימער בער-

געל, האָט געטוקט אַ קליין געלב פייערל. אין די צווייגען פון דער אַלטער ווערבע האָבען שטערענדלעך געטאַנצט און ווייטער, אויף די ברייטע פעלדער, האָבען זיך געלעגט די אָוועגדשאָ-טענס.

אין הייזעל, ביי דער נידעריגער וואַנד, איז געזעסען דער אַלטער קאַראַאים אויף אַ הויפען צוריבענעם שטרוי. ער איז געווען אָנגעטהאָן אין שמאַטעס און מיט ציטריגע הענד האָט ער געפלאָכטען די בויגזאַמע ריטלעך. זיין געשטאַלט האָט זיך גרוי געפלעקט אין טונקעלען ווינקעל און זיין פנים האָט זיך גאָר-נישט אַרויסגעזעהן.

נעהנטער צו דעם געלבען פלעמעל פנו׳ם ליכטעל איז געזעסען דאָס מיידעל מיט׳ן מאָגערן פנים און שלאַנקער טאַ-ליע. אין איהר אַראָבגעלאָזטער האַנד האָט זיך שטיל בעוועגט אַ שפינמאַשינדעל און איבער׳ן קאָפּ איז געווען צוגעקלאַפּט אַ שפינברעטעל מיט אַ הויפען וואָהל.

פון יענעם ווינקעל, וואו עס האָט זיך גרוי געפלעקט די אַלטע געשטאַלט, האָט זיך דערטראָגען אַ ציטריגער און אַ הויזע-ריגער קול: „אין דעם גרויסען מדבר, וואָס האָט קיין אָנהויב און קיין סוף נישט געהאַט, זענען געשטאַנען צוויי בערג, און דידאָזיגע בערג האָבען געהייסען—חורב און סיני.״

דער אַלטער איז אַנטשוויגען געוואָרען, און דאָס מיידעל, וואָס האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט, האָט אַרויסגעזאָגט:

—זיידע! דערצעהל ווייטער!

אָבער אין דער אייגענער מינוט האָט זיך הינטער׳ן פענ-סטער דערהערט אַ שטילער מענער-קול:

—גאָלדע!

די שפינערין האָט זיך נישט גע׳חדוש׳ט און זיך נישט דערשראָקען, דערהערענדיג איהר נאָמען, וואָס איז פלוצלונג אָנגערופען געוואָרען. מען האָט געקאָנט גלויבען, אַז זי האָט זיך שוין לאַנג געריכט דערויף. זי האָט זיך פּאַוואָליע אויפגע-הויבען פון אָרט און איז צוגעגאַנגען צום פענסטער. אָבער איהרע אויגען האָבען העל גענומען לייכטען און איהר שטים

איז אָנגעזאַפּט געווען מיט תענוג און זי האָט שטיל אַרויסגע-שעפּטשעט:

—מאיר, איך האָב געוואוסט, אַז דו וועסט האַלטען וואָרט און וועסט קומען.

—גאָלדע, איך בין היינט געקומען צו דיר,—האָט מאיר געזאָגט,—ווייל היינט איז מיר פינסטער אין די אויגען און איך וויל אַ קוק טהאָן אויף דיר, כּדי די וועלט זאָל מיר ליכטיגער ווערען...

—פאַרוואָס איז דיר אַזוי פינסטער אין די אויגען?—האָט דאָס מיידעל געפרעגט.

—שלעכט איז מיר היינט. דער רב, ר׳ יצחק האָט מיך אָנגעקלאָגט פאַר׳ן זיידען און דער זיידע וויל מיך חתונה-מאַ-כען...

ער איז אַנטשוויגען געוואָרען און האָט אַראָבגעלאָזט די אויגען. דאָס מיידעל האָט צומאָל נישט אַ ציטער געטהאָן. זי האָט גוט פערבאָרגען איהר אונרוהיגקייט. אָבער איהר טונקעל געזיכט איז אויגענבליקליך געוואָרען ווייס, ווי שניי.

—מיט וועמען וויל דיך דער זיידע חתונה-מאַכען?—האָט זי געפרעגט און איהר אויג איז אָנגעזאַפּט געוואָרען מיט אומעט.

—מיט מערי׳ן, וויטעבסקיס טאָכטער.

זי האָט אַ שאָקעל געטהאָן מיט׳ן קאָפּ.

—איך קאָן זי נישט.

נאָכדעם האָט זי פּלוצלונג אַ פרעג געטהאָן:

—מאיר, דו וועסט מיט איהר חתונה-האָבען?

מאיר האָט נישט געענטפערט, אָבער גאָלדע האָט שוין אויך מעהר נישט געפרעגט. איהר טונקעל געזיכט איז בעדעקט געוואָרען מיט אַ רויטקייט און די אויגען האָבען געגלאַנצט פון גליק. מאיר האָט זי אָנגעקוקט טיף, ריין און צערטליך.

איצט האָבען ביידע געשוויגען, און אין דער שטילקייט, וואָס איז טיילמאָל איבערגעריסען געוואָרען דורכ׳ן ווערבעבוים, וואָס האָט געוויגט זיינע צווייגען איבער׳ן דאַך פון הייזעל, האָט זיך דערהערט אַ הייזעריגער און אַ ציטעריגער קול. דאָס

האָט גערעדט דער אַלטער קאַראַאים:

„בשעת משה איז אַראָבגעגאַנגען פון באַרג סיני, זע־נען אַנטשוויגען געוואָרען די דונערן און די בליצען זענען אויסגעלאָשען געוואָרען און די שטורמווינדען זענען אַנטרונען געוואָרען, און דאָס פאָלק ישראל האָט זיך אויפגעהויבען, ווי איין מענש און זיך אָנגערופען: „משה, חזר אונז איבער די ווערטער פון גאָט!"

מאיר האָט זיך צוגעהערט צו דעם אַלטענס ווערטער. גאָל־דע האָט געקוקט אויף איהר זיידען.

—ער דערצעהלט עס מיר שטענדיג,—האָט גאָלדע גע־זאָגט,—און איך שפין, אָדער איך ליג ביי זיינע פיס און האָרך זיך צו.

—מאיר,—האָט זי פייערליך בעמערקט,—קום־אַריין צו אונז אין שטוב און בעגריס זיך מיט מיין זיידען.

אין אַ מינוט אַרום האָט שוין אַ סקריפּע געטהאָן די טיר פונ׳ם קליינעם פאָרהויז. דער אַלטער קאַראַאים האָט אויפגע־הויבען דעם קאָפּ פון די ריטלעך, וועלכע ער האָט געפלאָכטען מיט אַלטע ציטריגע הענד, און אַז ער דערזעהן די טונקעלע געשטאַלט פונ׳ם יונגענמאַן, האָט ער געפרעגט:

—ווער איז דאָרט?

—זיידע,—האָט גאָלדע געזאָגט,—מאיר יעזעפאָוויטש, דער אייניקעל פונ׳ם רייכען שאול, איז אַריין צו אונז אין שטוב. ער וויל דיך בעגריסען...

דערהערט דעמדאָזיגען נאָמען, האָט זיך דער אַלטער באַלד אויפגעהויבען און אויסגעצויגען דעם געלבען האַלז, בעדעקט מיט שמאַטעס. אינ׳ם פלעמעל פון ליכטעל האָט מען געקאָנט זעהן אַ קאָפּ, בעוואַקסען מיט לאַנגע געדיכטע גאָלד־ווייסע האָר ביז די אַקסלען און אַ קליין איינגעשרומפּען פנימ׳ל, פון וועל־כען עס איז אַראָבגעהאָנגען אַ געדיכטע באָרד. גאָלדע האָט ריכ־טיג געזאָגט: דעם זיידענס האָר זענען געוועזען עהנליך צו שניי און די אויגען צו קאָראַלען. פון אונטער די קאָראַלען־ווייסע האָבען איצט געקוקט אַ פּאָר אויסגעלאָשענע אויגלעך. דידאָזיגע

אויגלעך האָבען פריהער געקוקט מיט שרעק און נאָכדעם זענען זיי פלוצלונג אָנגעגאָסען געוואָרען מיט האַס:

—יעזעפאָוויטש!—האָט דער אַלטער אַרויסגעברומט און זיין קול איז שוין נישט געווען אַזוי הויזעריג און ציטריג, ווי פריהער.— צו וואָס ביזטו געקומען אַהער? צו וואָס האָסטו איבערגעטראָטען די שוועל פון מיין הויז, ווען דו ביזט... אַ שונא... אַ פערפאָלגער... דיין עלטערזיידע האָט גע׳רודפ׳ט מיינע עלטערן און האָט געמאַכט אַ תל פון זייער היילינקייט. געה-אַרויס פון דאַנען! זאָלען מיינע אויגען נישט פער׳סמ׳ט ווערען, אָנקוקענדיג דיך.

ביי די לעצטע ווערטער האָט ער אויסגעצויגען זיין ציטערדיגע האַנד צו דער טיר, אין וועלכער מאיר איז אַריין.

אָבער מאיר האָט זיך לאַנגזאַם גערוקט פאָראויס. ער האָט אַראָבגעבויגט דעם קאָפּ פאַר דעם בייזען זקן און האָט שטיל אַרויסגעזאָגט:

—שלום-עליכם!

דערהערט דעם צאַרטען שטילען קול מיט די צאַרטע ווערטער, איז דער אַלטער אַנטשוויגען געוואָרען, זיך צוריק אַנידערגעזעצט אויף זיין אָרט און נאָך אַ לאַנגען שווייגען האָט ער אָנגעהויבען ריידען מיט אַ געבראָכענעם און יאָמערדיגען קול:

—צו וואָס ביזטו געקומען אַהער? דיין עלטערזיידע איז געווען דער מעכטיגער סעניאָר. דיינע נאָהנטע וועלען דיך פערשעלטען, ווען זיי וועלען דערזעהן, אַז דו האָסט איבערגעטראָטען די שוועל פון מיין הויז, וואָרום איך בין דער לעצטער קאַראַאים, וואָס איז פערבליבען דאָ, צו בעשיצען די שיריים פון אונזערע הייליגטימער און דעם שטויב פון אונזערע אבות. איך בין אַנ׳אָרימאַן! איך בין אַ בעטלער! איהר האָט מיך פערשאָלטען! איך בין דער לעצטער קאַראַאים!

מאיר איז געשטאַנען און געשוויגען.

—אַלטער מאַן!—האָט ער זיך אין אַ ווייל אַרום אָנגערופען,—איך בויג-איין מיין קאָפּ פאַר דיר, ווייל די וועלט מוז

געפיהרט ווערען מיט יושר: דער אוראייניקעל פון דע־עניגען, וואָס האָט אייך פערשאָלטען, מוז איצט אַראָבבויגען דעם קאָפּ פאַר דעם אוראייניקעל פון די פערשאָלטענע...

דער אַלטער קאַראַאים האָט זיך לאַנג אַריינגעטראַכט אין די־דאָזיגע ווערטער, פונקט ווי ער וואָלט זיי ווּעלען משיג-זיין און, צולעצט, האָט ער אַ שעפּטשע געטהאָן:

—עליכם שלום!

גאָלדע איז געשטאַנען מיט פערלעגטע הענד אויפ׳ן האַר-צען און האָט געקוקט אויף מאיר׳ן, ווי מען קוקט אויף אַ היי-ליגקייט. זי האָט צוגערוקט צו מאיר׳ן אַ בענקעל, נאָכדעם גע-נומען פון ווינקעל אַ קליינעם גלאַנציגען קרוג און איז אַרויס פון שטוב.

מאיר האָט זיך אַנידערגעזעצט ווייטער פון אַלטען, וואָס האָט זיך פון דאָסניי גענומען צו דער אַרבייט און דערביי גע-שעפּטשעט. ביסלעכווייז האָט ער אַלץ העכער און העכער גע-שעפּטשעט, און עס איז געוועזן קענטיג, אַז דאָס איז שוין אַנ׳-אַלטע געוואוהנהייט זיינע. זיין שווער לעבען ווערט איהם, משמעות, לייכטער דורכדעם.

מאיר האָט די ערשטע ווערטער נישט געהערט, אָבער שפּעטער האָט ער שוין געקאָנט כאַפּען דעם פאָדעם פון דעם זקנ׳ס דערצעהלונג.

„אויף די טייכען פון בבל זענען זיי געזעסען און גע-וויינט, און דער ווינד האָט געזיפצט אין די האַנדהאַרפעס, וואָס זיי האָבען געבראַכט פון זייער היים און האָבען אויפגעהאָנגען אויף די בוימער.”

„און זייערע האַרען זענען געקומען און געזאָגט: „נעהמט אין די הענד אַריין אייערע האַרפעס און שפּילט און זינגט!” אָבער זיי האָבען זיך אָנגערופען: „ווי אַזוי קאָנען מיר שפּילען און זינגען אויף דער פרעמדער ערד, ווען אונזער צונג איז אויס-געטריקענט געוואָרען פון גרויסען צער און אונזערע הערצער קאָנען נאָר אויסשרייען: „כנען! כנען!” אָבער די האַרען האָ-

בען געזאָגט: נעהמט־אַראָב פון די בוימער די האַרפעס און שפּילט און זינגט!"

„דעמאָלט האָבען די נביאים פון ישראל אַ קוק געטהאָן אויף איינאַנדער און געפרעגט: ווער פון אונז איז זיכער, אַז ער וועט איבערלעבען די יסורים, און ער וועט נישט שפּי־לען און זינגען אויף דער פרעמדער ערד?"

„און אויף מאָרגען, בשעת די האַרען זענען געקומען און געזאָגט: „נעהמט־אַראָב די האַרפעס פון די בוימער: שפּילט און זינגט!" האָבען די נביאים פון ישראל אויפגעהויבען צו זיי די פערבלוטיגטע הענד און אויסגערופען: „ווי אַזוי קאָנען מיר זיי אַראָבנעהמען פון די בוימער, ווען אונזערע הענד זענען איבער־געשניטען אויף צווייען און זיי האָבען נישט קיין פינגער!"

„און די טייכען פון בבל האָבען שטאַרק גערוישט פון גרויס וואונדער און דער ווינד האָט געוויינט אין די האַרפעס, וואָס זענען געהאָנגען אויף די בוימער, וואָרום די נביאים פון ישראל האָבען צושניטען די הענד אויף צווייען, אַז קיינער זאָל קיינמאָל נישט קאָנען זיי צווינגען צו שפּילען און זינגען אויף דער פרעמדער ערד!"

ביי די לעצטע ווערטער איז אַריין גאָלדע. אין איין האַנד האָט זי געטראָגען אַ געפלאָכטענעם טעצעל מיט צוויי קופּעלס און אין דער צווייטער—אַ קרוג מילך. אין דער אָפּע־נער טיר איז געשטאַנען די ציג, וואָס האָט זיך שטאַרק גע־בלייכט ביי דער שוואַרצער וואַנד. דאָס מיידעל, אין אַ לאַנג אָבגעבלאַקירט קליידעל, מיט אַ שוואַרצען צאָפּ אויפ'ן אַקסעל, האָט אָנגעגאָסען די קופּעלס מיט מילך און דערלאַנגט דעם זיי־דען און דעם גאַסט. זי איז אַרומגעגאַנגען אין שטוב לייכט און שטיל, מיט אַ שמייכעל אויף די ערנסטע ליפּען. נאָכדעם האָט זי זיך אַנידערגעזעצט און זיך גענומען צוריק צו איהר אַרבייט. אין דער כאַטקע איז געווען שטיל. דער אַלטער קאַ־ראַאים האָט ווידער גענומען שעפּטשען, אָבער באַלד זענען זיינע ליפּען צוזאַמענגעשלאָסען געוואָרען, די הענד זענען אַני־דערגעפאַלען אויף דער קופּע ריטלעך און דער קאָפּ איז

אָנגעשפּאַרט געוואָרען אָן דער וואַנד.

די ציג איז נעלם-געוואָרען. פון אָנהויב האָט מען נאָך געקאָנט הערען איהר טופּען אין קליינעם איינגען פּאָרהויז, אָבער דערנאָך איז אַלץ פערשטומט געוואָרען. דער אַלטער איז אַנטדרעמעלט געוואָרען. אין פענסטערל האָבען אַריינגעקוקט שטערען און דאָס פּאָרל איז געזעסען און געשוויגען. גאָלדע האָט געקוקט אויף איהם און ער האָט אַראָבגעלאָזט די אויגען צו דער ערד און געטראַכט.

—גאָלדע,—האָט ער זיך שפּעטער אָנגערופען,—די נביאים פון ישראל, וואָס האָבען זיך צושניטען די הענד, כּדי נישט צו זיין קיין קנעכט צו זייערע הערען, זענען געווען גרויסע מענשען...

—זיי האָבען נישט געקאָנט געהן געגען זייער אייגען הארץ,—האָט דאָס מיידעל ערנסט בעמערקט.

און ביידע האָבען ווידער געשוויגען. שטילער און פרייער האָט געראַשט דאָס שפּינדעל אין גאָלדעס הענד.

—גאָלדע,—האָט מאיר געזאָגט,—איז דיר נישט שרעקליך אין דערדאָזיגער כאַטע, בשעת דער הערבסט פאַלט-אַרויף אויף דער וועלט און דעקט אַלץ צו מיט אַ שוואַרצער דעקע און די ווינדען ווייגען אין קוימען?

—ניין,—האָט דאָס מיידעל געענטפערט,—איך שרעק מיך נישט, ווייל דער אַלמעכטיגער בעשיצט און בעשירמט די אָרימע כאַטקעס, וואָס שטעהען אינדערפינסטער, און אַז די ווינדען ווייגען אין קוימען, הער איך דעם זיידענס מעשיות. דעמאָלט פערגעס איך אָן די ווינדען.

מאיר'ס בליק, פול מיטלייד, איז געפאַלען אויפ'ן ערנסטען פּנים פונ'ם מיידעל, און גאָלדעס אויגען האָבען געלויכטען פון ווייטען, ווי שוואַרצע פייערדיגע שטערען.

—גאָלדע,—האָט זיך מאיר ווידעראַמאָל אָנגערופען,—ווייסט די געשיכטע מיט יעקב'ן?

—איך קאָן זי קיינמאָל נישט פערגעסען...—האָט זי געענטפערט.

—גאָלדע,—וואָלסטו איך געקאָנט וואַרטען פערצעהן יאָהר, ווי די שענע רחל?..

—איך וואָלט געקאָנט וואַרטען ביז'ן טויט...

זי האָט עס געזאָגט רוהיג און ערנסט, אָבער דאָס שפּינדעל איז איהר אַרויסגעפאַלען פון די הענד, און, אַ בלאַסע, האָט זי זיך עטוואָס אָנגעגוויגט פאָראויס.

—מאיר,—האָט זי זיך אָנגערופען אַזוי שטיל, אַז איהרע ווערטער האָבען זיך קוים געהערט אינ'ם גערויש פון אָווענדווינדטעל,—גיב מיר אַ וואָרט, אַז ווען דו וועסט זיך דערשפּירען שלעכט אינ'ם הויז פון דיין זיידען און דיין האַרץ וועט אָנגעזאַפּט ווערען מיט צער, וועסטו קומען צו אונז. איך וויל וויסען דיין וועה און צער, און דער זיידע וועט דיך בערוהיגען מיט די שענע געשיכטעס, וואָס ער קאָן זיי אַזוי גוט דערצעהלען.

—גאָלדע,—האָט ער הייס אַרויסגעזאָגט,—איך וועל, ווי די נביאים אונזערע, גיכער צושניידען מיינע הענד אויף צווייען, איידער צו געהן בעגען מיין אייגען האַרץ.

ער האָט זיך אויפגעהויבען און זיך פערנויגט.

—אַ גוטע נאַכט!—האָט ער געזאָגט.

—אַ גוטע נאַכט!—האָט זי געענטפערט און שטיל אַ שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ.

ער איז אַרויס פון דעם קאַראַאימס הייזעל, און דאָס מיידעל האָט זיך אין אַ מינוט אַרום אויפגעהויבען פון שטוהל, פערלאָשען דאָס געלבע פלעמעל פונ'ם ליכטעל, נאָכדעם זיך איינגעהילט אין עפּיס אַ גרויען טיכעל און זיך אַנידערגעלעגט ביי די פיס פון דעם דרעמלענדיגען זקן. אָבער זי האָט נאָך לאַנג געקוקט מיט ברייט-אָפענע אויגען צו די שטערען, וואָס האָבען געפינטעלט אין פענסטער אַריין.

## זעקסטעס קאַפּיטעל.

עליע וויטעבסקי איז געווען בטבע אַ שטיקעל דיפּלאָמאַט. געבוירען איז ער געוואָרען נישט אין שיבאָוו און אויך דאָ האָט ער זיך נישט אויפגעהאָדעוועט, ווי אַלע איינוואוינער פון דעמדאָזיגען שטעדטעל. און דעריבער איז ער פאַר דער אָרטיגער בעפעלקערונג, וואָס האָט געקאָנט איינאַנדער מיט די זיידעס און עלטערזיידעס, געווען כמעט ווי אַ פרעמדער. דאָס גאַנצען לעבען האָט ער געוואוינט אין אַ גרויסער שטאָדט, און פון דאָרטען האָט ער געבראַכט אַהער אַ סך נייאיגקייטען, פון וועלכע די שטעדטעלשע איינוואוינער האָבען ממש געגאַפט. די־דאָזיגע נייאיגקייטען האָבען זיך אויסגעדריקט אין די קליידער מיט אַ נייעם פאַסאָן, אין די פינגערלעך מיט בריליאַנטען אויף די הענד, אין די קורץ געשאָרענע האָר און באָרד, נישט טראָגענדיג קיין יאַרמאָלקע אויפ׳ן קאָפּ, און אין דעם, וואָס ער האָט נישט געהאַט אין זיין הויז יענע הייליגע ספרים, וואָס אַ יודיש הויז קאָן אָהן זיי נישט אויסקומען. מען האָט זיך אויך גע׳חדוש׳ט אויף זיין ווייב און טאָכטער, וואָס האָט זיך געלערנט ערגעץ אין אַ פרעמדער שטאָדט. עס האָט אויך גע׳חדוש׳ט דער אומשטאַנד, וואָס ער האָט נישט מעהר, ווי דריי קינדער. צוליב דידאָזיגע נייאיגקייטען, וואָס זענען לחלוטין פרעמד געווען דעם שטעדטעל, האָט מען, אייגענטליך, בעדאַרפט פעראַכטען דעם עלעגאַנטען סוחר, אָבער דאָס איז נישט געשעהן. אמת, תחילת האָט מען אַפילו יאָ אונטערגעמורמעלט, אַז ער איז אַ מתנגד און אַ גלייכגילטיגער יוד אין אמונה־זאַכען. אָבער דער עולם האָט באַלד אויפגעהערט צו מורמלען, ווייל עליע

וויטעבסקי איז געווען אונגעוועהנליך געשיקט, קלוג און העפליך. שטענדיג אַ העפליכער, אַ שמייכלענדיגער און אַנ׳אָפּענהאַרציגער, האָט ער זיך קיינמאָל נישט געאַמפּערט מיט קיינעם, אַלעמען נאָכגעגעבען, אַלץ בעשטעטיגט און אויסגעמידען מחלוקת׳ן און קעמפּענדיגע צדדים, כּדי ער זאָל נישט בעדאַרפען האַלטען איין צד און דערמיט בעליידיגען דעם צווייטען. אויב אָבער ער האָט פאָרט נישט געקאָנט אויסמיידען עפּיס אַ בוררות, האָט ער די צדדים געקאָנט אַזוי גוט און אַזוי קלוג איינשטילען, ער האָט אַזוי ווייך געקאָנט ריידען צו זיי, אַז זיי זענען באַלד שלום געוואָרען און זענען אַוועקגעגאַנגען מיט אַ געפיהל פון דאַנקבאַרקייט און אַכטונג צו איהם און מיט התפּעלות גערעדט צו איינאַנדער:

—אַ קלוגער מענש!

בנוגע צו אמונה-זאַכען איז וויטעבסקי געווען זעהר אָב-געהיט און פרום. ער האָט זעהר אָבגעהיט שבת און כּשרות. פאַר׳ן רב האָט ער זיך געבויגט נידעריג-נידעריג און דעם עולם האָט ער געקאָנט נעהמען מיט זיינע וואונדערליכע מעשיות, וואָס האָבען שטענדיג געטראָגען עפּיס אַ מיסטישען און אַ פּאַטריאָטי-שען כאַראַקטער. דידאָזיגע מעשיות האָבען אַפילו אויסגענומען ביי די סאַמע טריבסטע יודען, וואָס זייערע פּנים׳ער האָבען קיינ-מאָל נישט געוואוסט פון שמייכלען. אינדערהיים האָט ער אָבער וועניג פערבראַכט, ווייל ער איז שטענדיג אַרומגעפאָהרען גע-שעפטליך. אָבער יעדעס מאָל, ווען ער איז געקומען קיין שי-באָוו, האָט מען איהם באַלד געזעהן אין בית-המדרש, וואו ער האָט מיט גרויס יראה אויסגעהערט דעם רב׳ס חכמה און פּערל-דיגע ווערטער און וואו די יונגע און אַלטע למדנים האָבען זיך שטאַרק גע׳פּלפּול׳ט וועגען עפּיס אַ האַרבען תּוספות.

מען בעדאַרף אָבער נישט מיינען, אַז וויטעבסקי איז געווען אַ פערשטעלטער און אַ פאַלשער מענש. ער האָט באמת ליב געהאַט שלום און מנוחה און האָט נישט געוואָלט אויפרע-גען—נישט זיך און נישט אַנדערע. ער איז געווען אַ מענש אַ בר-מזל און האָט זיך געפיהלט גליקליך און צופרידען. און דע-

ריבער האָט ער ליב געהאַט אַלע מענשען. עס איז איהם געווען להלוטין אַלצאיינס, צי דער מענש, מיט וועלכען ער פיהרט געשעפט, איז אַ חסיד, אַ מתנגד אָדער גאָר אַן אַפּיקורס. ער האָט בלויז געוואָלט, אַז יענער זאָל איהם נישט שאַדען—און נישט מעהר. ער האָט אויך געפיהרט געשעפטען מיט קריסטען און האָט מאַנכע פון זיי אַפילו ליב געהאַט.

ער איז זעהר פרום דערצויגען געוואָרען אַלס קינד, אָבער ביי זיינע וועלטליכע אינטערעסען און געשעפטען האָט ער שפּעטער אַ סך זאַכען פערגעסען. אין גאָט האָט ער אָבער שטאַרק געגלויבט, און האָט זיך געסטאַרעט אויפצופיהרען אַזוי, ווי עס פיהרען זיך אויף אַלע יודען, זאָגענדיג דערביי: וואָס שאַדט עס מיר? אפשר איז עס אַזוי און אפשר איז עס נישט אַזוי—אָבער צו וואָס זאָל איך דערצאָרנען דעם אויבערשטען?..

אַזויאַרום האָט זיך איהם זעהר גוט געלעבט אויף דער וועלט.

איהם וואָלט זיך גאָר גוט געלעבט, ווען ער וואָלט נישט אַראָבגעבראַכט קיין שיבאָוו דאָס סאַמע גרעסטע וואונדער פאַר דער דאָרטיגער בעפעלקערונג—זיין ווייב האַנע. אויף וויפיל ער, לעבענדיג אינ׳ם קליינעם שטעדטעלע, האָט זיך געסטאַרעט אויסצעווייזען אַזאַ, ווי אַלע, אויף אַזויפיל האָט זיך האַנע בע-מיהט אויסצוזעהן אַנדערש, ווי אַלע. בשעת זיי האָבען געלעבט אין דער גרויסער וועלט, איז זייער לעבען געגאַנגען זעהר האַרמאָניש און ביידענס פערלאַנגען און האָפנונגען האָבען שטענ-דיג געשטימט. אָבער דאָ, אין שיבאָוו, פלעגט האַנע עפּטער דער-וועקען אין מאַן זאָרג און אונרוהיגקייט.

וואָרום האַנע איז געווען פערליבט אין דער ציוויליזאַציע, און ציוויליזאַציע איז ביי איהר געווען: שענע קליידער, שען מעבעל אין די צימערן, העפליכקייט, פראַנצויזיש און מוזיק. מוזיק האָט זי ליב געהאַט ביז משוגעת. אַז זי האָט געוואוינט אין דער גרויסער שטאָדט, איז זי שטענדיג געגאַנגען הערען מוזיק אין שטאָדטגאָרטען, וואו זי האָט געשפּאַצירט מיט איהרע חבר׳טעס אין שאָרכענדיגע זיידענע קליידער און אין היטעלעך

מיט בלומען. דאָרט, אין שטאָדטגאָרטען האָט זי אויך געקוקט אויף שענע הערן, וואָס האָבען העפליך געשמועסט מיט שענע דאַמען, און האָט זיך געפיהלט זעהר גליקליך. פון מאַנכע זאַכען איז זי ממש אַריינגעפאַלען אין עקסטאַזע. איינמאָל האָט זי אין אַ פאַרק פון אַ פרעמדער שטאָדט דערזעהן עפּיס אַ פאָנטאַן, האָט זי אַ צוויי שעה צייט געקוקט דערויף מיט אונבעשרייבליכען תענוג, און דערנאָך, אַז זי איז געקומען אַהיים, אין איהר שטאָדט, וואו עס איז קיין פאָנטאַן נישט געווען, האָט זי אַ גאַנץ יאָהר דערצעהלט איהרע חבר׳טעס וועגען דעם זעלטענעם קונסטווערק.

זי האָט אויך ליב געהאַט שפּיגלען, און אַז זי פלעגט דערזעהן אַ שפּיגעל, פלעגט זי נישט קאָנען אָבררייסען די אויגען פון איהם און דער׳עיקר׳שט טאַקי פון זיך אַליין, ווייל איהר האָט זיך געדאַכט, אַז זי איז שען, בעזונדערס דעמאָלט, ווען זי האָט געטראָגען די גרויסע גאָלדענע אויררינגלעך און אַ שענע הויב מיט בלומען. אין אמונה-זאַכען האָט האַנע געהאַט גאַנץ קנאַפּע ידיעות. זי האָט שטאַרק געגלויבט אין גאָט, אָבער טיף אין האַרצען האָט זי זיך געשראָקען פאַר איהם. זי האָט אָבער אויך געגלויבט אין שדים און פאַר זיי האָט זי זיך נאָכמעהר געשראָקען, ווי פאַר גאָט. זי איז אויך געווען זיכער, אַז ווען אַ מענש זעהט נישט זיין אייגענעם שאָטען אין אַ יום-טוב-דיגער נאַכט, וועט ער שטאַרבען דאָס יאָהר, און ווען עמיץ גיט שבת אַ רוק דעם לייכטער פון טיש, וועט געשעהן עפּיס אַן׳אונגליק אין שטוב. זי איז געווען זעהר אַ שפּאָרזאַמע בעל-הבית׳טע און האָט געהאַלטען, אַז דער ענין „כשר" קאָסט אַ ביסעל צו-טייער, וואָרום ווען יודען וואָלטען געגעסען דאָס אייגענע פלייש, וואָס די קריסטען, וואָלטען די הוצאות אין שטוב קלענער געווען.

אַז זי איז דאָס ערשטע מאָל געקומען קיין שיבאָוו, האָט איהר דאָס שטעדטעל ממש איבערראַשט. קיין שום זכר פון ציוויליזאַציע! נישטאָ קיין שטאָדטגאָרטען, נישטאָ קיין מוזיק, וואָס זאָל שפּילען אונטער׳ן פרייען הימעל; נישטאָ קיין פאָנ-

טאַנען און קיין אויסגעפּוצטער עולם; קיין שום זכר פון שע-
נע הערן און דאַמען, וואָס זאָלען העפליך שמועסען צווישען
איינאַנדער און וועגען פראַנצויזיש איז גאָר נישטאָ וואָס צו
ריידען. גוואַלד! האַנע האָט זיך באַלד אַריינגעלעגט אין בעט
אַריין און צוויי טעג מיט צוויי נעכט איז זי געלעגען אין
בעט, בעדעקט מיט פּערענעס, און האָט געוויינט, געיאָכצעט און
געשריען, אַז זי וועט דאָ אַוועקשטאַרבען און אַז די קינדער
וועלען בלייבען יתומים, אָהן אַ מאַמען. אָבער זי איז נישט גע-
שטאָרבען. זי איז בעסער אויפגעשטאַנען פון בעט, ווייל מען
האָט בעדאַרפט פונאַנדערפּאַקען די זאַכען, איינאָרדנען די בעל-
הבית׳ישקייט און שען אָנטהאָן די קינדער, כדי אַז זיי וועלען
דאָס ערשטע מאָל אַרויסגעהען אין גאַס, זאָלען זיי איבערראשען
די איינוואוינער מיט זייער שענקייט און רייכע קליידער. די
קינדער האָבען זיך אויסגעפּוצט, אַרויסגעלאָפען אין דרויסען און
באמת איבערראַשט די שטערטעלשע בעפעלקערונג. דאָס איז
געווען די ערשטע פרייד, וואָס די אומגליקליכע פרוי, וועלכע
איז אַרויסגעטריבען געוואָרען פון דער ציוויליזאַציע, האָט איבער-
געלעבט אין ציוויליזאַציאָ-גלות. נאָכדעם איז געקומען אַן׳אַנדע-
רע פרייד, אַן׳אַנדערע שמחה. האַנע האָט זיך געסטאַרעט צו
נעהמען דאָס שטעדטעל מיט וואָס זי האָט געקאָנט: מיט די
קליידער, מיט׳ן מעבעל, מיט די מאַנירען און אויסדריקען. און
יעדעס מאָל, ווען זי האָט געהאַט עפּיס אַן׳ערפאָלג, איז זי גע-
ווען איבערגליקליך. אין פלוג האָט זי זיך דאָ געפיהלט גליקלי-
כער, ווי אין דער גרויסער שטאָדט. דאָרט האָט זי געקוקט אויף
דער ציוויליזירטער וועלט און איז געווען גליקליך דערמיט, וואָס
זי איז אַ קליין טיילכעל פון דערדאָזיגער וועלט. אָבער דאָ איז
זי געווען די גאַנצע ציוויליזאַציע אַליין, די גאַנצע ציוויליזאַציע
אין גאַנץ שיבאָוו.

אָבער דאָס אַלץ האָט עליע׳ן עטוואָס געשראָקען. תחילת
האָט ער געהערט, ווי מען שמועסט, אַז ער איז אַ מתנגד. נאָכ-
דעם האָט ער געהערט, אַז די קהילה איז שטאַרק בייז אויף זיין
פרוי, פאַרוואָס זי טראָגט שעטנז, פאַרוואָס זי שטעלט שבת דעם

סאַמאָוואַר און פאַרוואָס זי זאָגט, אַז שיבאָוו געפינט זיך נישט אויף דער ערד, נאָר אונטער דער ערד. שאול האָט זיך גע-שראָקען פאַר די רייד און האָט אָנגעהויבען אַ קאַמף מיט זיין אשה פאַר׳ן שעטנז און פאַר׳ן סאַמאָוואַר און פאַר דעם, וואָס שיבאָוו שטעהט אויף דער ערד און נישט אונטער דער ערד. די אשה האָט זיך נישט געוואָלט אונטערגעבען, אָבער סוף-כל-סוף האָט ער דאָך מנצח-געווען אין די פראַגען פון שעטנז און שבת. נאָר אין דער פראַגע וועגען שיבאָוו—צו דאָס שטעד-טעל שטעהט אויף דער ערד צי אונטער די ערד—האָט ער נישט געקאָנט זיגען, ווייל מען האָט דאָ נישט געקאָנט קעמפען מיט איהר אויב זי האָט אַפילו געשוויגען, האָבען גערעדט איהרע אויגען, וואָס האָבען זיך געזשמורעט מיט פעראַכטונג, האָבען געשמייכעלט איהרע ליפען מיט חוזק און איהרע קליידער, מאַני-רען און העפליכקייט האָבען פשוט געשלאָגען דעם געגנער פון אַלע זייטען.

מיט׳ן מאַן האָט זי זעהר גוט געלעבט און איז, ווי געזאָגט, געווען גליקליך מיט איהר משפחה, אָבער פון איין זאַך האָט זי געהאַט צער: זי האָט נישט געקאָנט געהן מיט די אייגענע האָר. האָט זי געטראָגען אַ שענעם שוואַרצען פאַרוק אויפ׳ן קאָפּ, אָבער זי האָט זיך געטרייסט דערמיט, וואָס איהר טאָכטער וועט זיך אומקעהרן צוריק פון ווילנא, און זי, די מוטער, וועט דעמאָלט טריאומפירען. עליע אָבער איז געווען זעהר פער׳דאגה׳ט וועגען זיין טאָכטערס קומען. איהם האָט זיך געדאַכט, אַז ער וועט דעמאָלט זיין נישט אַזאַ טאַטע, ווי אַלע שיבאָווער טאַטעס. פערקעהרט, האַנע האָט געקליבען גרויס נחת דערפון, וואָס זי וועט נישט זיין אַזאַ מאַמע, ווי אַלע שיבאָווער מאַמעס.

נאָר אָט איז געקומען די טאָכטער פון ווילנא. אין אַ חודש אַרום, נאָך עליעס שמועס מיט ר׳ שאול׳ן, האָבען זיך אין וויטעבסקיס גאַסטצימער געפונען פינף פאַרשוין: דריי פרויען און צוויי מאַנסלייט.

אָבער דאָס איז נישט געווען עפּיס אַ געוועהנליך גאַסט-

צימער. דאָרט איז געשטאַנען אַ דיוואַן אויף פּרוזשינעס, בע־שלאָגען מיט גרינעם ריפּס (דער איינציגער דיוואַן אין גאַנץ שיבאָוו), עטליכע שטוהלען, ענהליך צום דיוואַן און אַ קלאַוויר. אמת, דער קלאַוויר איז נישט זעהר יונג געווען. זיין פּאָליטור איז אין אַ סך ערטער אַראָבגעריבען געוואָרען און די שמאָלע קלאַוויאַטור, מיט די געלבע קלאַווישען האָבען עדות־געזאָגט, אַז ער שטאַמט פון די גאָר אַלטע צייטען. דאָך אָבער איז עס געווען דער איינציגער קלאַוויר אין גאַנץ שיבאָוו, וואָס איז גע־בראַכט געוואָרען אין שטעדטעל ספּעציעל פאַר מעריס קומען. אין שיבאָוו האָט ער אַרויסגערופען אַ קליינע רעוואָלוציע און האָט שטענדיג אָנגעפילט האַנעס הארץ מיט גרויס תענוג. עס האָבען דאָ אויך נישט געפעלט קיין גאַרדינען אויף די פענ־סטער און קיין בלומענטעפּלעך, וואָס זענען שלעכט געהאַלטען געוואָרען. אָבער איין מאָל אין יאָהר פלעגט טרעפען, אַז איין בלימעל פון איהרע בלומענטעפּ פלעגט זיך דאָך צובליהען. דעמאָלט פלעגט עס האַנע אַנידערשטעלען אויפ׳ן פענסטער, אַנט־קעגען דער גאַס, און אַלע קינדער פונ׳ם גאַנצען שטעדטעל פלע־גען זיך צונויפלויפען און שעה׳נווייז גלאָצען מיט די אויגען אויפ׳ן רויטען בלימעל.

אויף דעם גרינעם דיוואַן איז געזעסען האַנע מיט איהר שוועסטער—אַ ווייב פון אַ ווילנער סוחר; ביי דערדאָזיגער שוועס־טער האָט מערי געוואוינט די גאַנצע צייט, וואָס זי האָט בע־זוכט דעם פּאַנסיאָן. איצט האָט זי אַליין אָבגעפיהרט איהר פּלי־מעניצע צו איהר שוועסטער און צוזאַמען מיט איהר איז אויך געפאָהרען איהר זוהן לעאָפּאָלד. זי איז געווען הויך, ווי איהר שוועסטער, איז געגאַנגען מיט די אייגענע האָר און אומעטום האָט געגלאַנצט אויף איהר גאָלד. ביים טיש, וואָס איז געשטאַ־נען נעבען דיוואַן, איז געזעסען דער בעל־הבית פון הויז און האַנעס פּלימעניק לעאָפּאָלד. מערי, אַ שען מיידעל, מיט בלאָנדע האָר און אַ ווייס געזיכט, האָט זיך אַרומגעדרעהט אַרום קלאַ־וויר. איהר האָט זיך, וואַהרשיינליך, געוואָלט וואָס גיכער אַ קלאַפּ טהאָן איבער די קלאַווישען, אַז דאָס גאַנצע שטעדטעל

זאָל אָנגעפילט ווערען מיט קלאַנגען, אָבער זי האָט עס נישט געוואַגט צו טהאָן, ווייל עס איז געווען שבת.

שבת טאָר מען נישט שפּילען. מערי האָט עס געוואוסט. זי וואָלט אודאי נישט געלעגט קיין אַכט דערויף, ווען דער פאָטער וואָלט דערביי נישט געווען און וואָלט זי נישט אָבגע-היט פון אַנ׳עבירה.

אויפ׳ן טיש, אויף אַ זילבערנעם טאַץ, איז געשטאַנען כבוד: וואַרעניע פון האָניג, לעקעכלעך פון האָניג און מאָהן, זיסער ווייז א. אַז. וו. נאָכ׳ן טשאָלענט האָט פרוי האַנע מכבד-געווען די געסט מיט די גוטע זאַכען, וואָס זענען געלעגען אויפ׳ן טאַץ. האַנעס שוועסטער האָט זיך שטאַרק פעראינטערעסירט מיט די שענע גאָלדענע בראָשען, פינגערלעך און בראַסלעטען, וואָס זע-נען געלעגען נעבען איהר אין סאַמעטענע קעסטלעך, בעפּוצט מיט פערל און בריליאַנטען.

דאָס זענען געווען מתנות, וואָס ר׳ שאול האָט צו גע-שיקט מערי׳ן אין מאיר׳ס נאָמען, אויף מאָרגען נאָך איהר קו-מען קיין שיבאָוו. ביידע, דער כלה׳ס מוטער און מוהמע האָבען נעקוקט אויף דידאָזיגע מתנות גאַנצע צוויי טעג און האָבען זיך אַלץ נישט געקאָנט אָנקוקען, ווי געהעריג. לעאָפּאָלדס מו-טער האָט זיך געשפּירט אַ ביסעל געדריקט דערמיט, וואָס די מתנות, וועלכע איהר זוהן האָט געבראַכט פאַר לאה׳ן, זענען נעווען עטוואָס בעשיידענער, אָרימער, איידער די, וואָס מערי האָט בעקומען פון מאיר׳ן.

—נו, אַ גליקליך מיידעל!—האָט זי געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ.—גאָט האָט איהר באמת בעגליקט. אַזוינע מתנות! אַזוינע רייכע מענשען! אָבער פאַרוואָס קומט ער נישט צו אונז?—האָט זי געפרעגט ביי דער שוועסטער.

—אָט!—האָט האַנע געזאָגט מיט פעראַכטונג.—דאָס זענען גראָבע מענשען. ביי זיי איז שוין אַזאַ מנהג: די חתנים טאָ-רען נישט בעזוכען די כלות.

—ער איז יונג,—האָט זיך עליע אַריינגעמישט,—שעמט ער זיך...

מערי האָט זיך אַנידערגעזעצט ביים טיש, דעם קאָפּ אָנ-געשפּאַרט אויף דער האַנד און זיך פערטראַכט. לעאָפּאָלד, ווי-דער, האָט זיך הויך צולאַכט.

—כל-זמן איך וועל נישט זעהן דאָס מיידעל, וועל איך איהר זיכער נישט שיקען קיין מתנות!—האָט ער געזאָגט.

—נו, דו וועסט זי זעהן,—האָט איהם בערוהיגט די מו-טער.—מיר וועלען זיי בעזוכען.

—און וואָס איז דאָס פאַר אַ מיידעל?—האָט זי געפרעגט ביי דער שוועסטער.

—אָט, אַ מיידעל,—האָט זיך האַנע ווידעראַמאָל אָנגערופען מיט אַלטונג,—אַ פּראָסטע מיידעל.

—איהר פאָטער רפאל גיט פּופּצעהנטויזענד רובל נדן,— האָט עליע בעמערקט.

לעאָפּאָלד האָט זיך אָנגעוואָלקענט.

—וואָס וועל איך האָבען דערפון?—האָט ער געפרעגט.— קאָן איך לעבען מיט פופצעהנטויזענד רובל?

—וועסטו מאַכען עפּיס אַ געשעפט,—האָט איהם דער פע-טער בעמערקט.

אָבער די מוטער פונ׳ם שענעם בחור האָט גאַנץ בייז אָנ-געקוקט איהר שוואָגער.

—אַ געשעפט!—האָט זי איהם איבערגעקרימט.—אָבער איך האָב איהם דאָך נישט דערצויגען צו געשעפט. שוין-זשע האָ-בען מיר איהם געלערנט בלויז דערויף, ער זאָל ווערען אַ סוחר? פינף קלאַסען האָט ער געענדיגט און איצט איז ער אַ בעאַמטער. אמת, איצט בעקומט ער אַפילו אַ קליינע פּענסיע, אָבער ווער קאָן וויסען, וואָס מיט אַ מענשען וועט זיין. ער קאָן דאָך זיין אַ גובערנאַטאָר!

לעאָפּאָלד האָט אויפגעהויבען די ברעמען, פונקט ווי ער וואָלט געגעבען דעם עולם צו פיהלען, אַז ער איז באמת בע-שאַפען געוואָרען צו זיין אַ שררה און אַז ער האָט גאָרנישט געגען אַ גובערנאַטאָר-שטעלע.

עליע האָט זיך אונטערגעשמייכעלט, אָבער ער האָט גע-

שוויגען. זאָלען זיי זיך פלוידערן, וויפיל זיי ווילען, וואָס קאָן דאָס שאַדען?

די שענע מערי האָט אָבגעקעהרט צו איהר שוועסטער-קינד איהר שען קעפעל און זיך אָנגערופען אויף פראַנצויזיש:

—קוזין! מ׳שטיינס געזאָגט, אַ שען שטעדטעל.

די מאַמעס, וואָס זענען געזעסען אויפ׳ן דיוואַן, האָבען גאָרנישט פערשטאַנען, אָבער זיי האָבען זיך איבערגעקוקט און זיך פערוויטעלט פון גרויס תענוג, און האַנע האָט אויסגעצויגען איבער׳ן טיש די האַנד און אַ גלעט געטהאָן איהר טאָכטער ביי די האָר.

—פישעלע!—האָט זי אַרויסגעזאָגט מיט אונגעוועהנליכער צערטליכקייט.

דער פראַנצויזישער געשפרעך האָט אויך אויף עליע׳ן געמאַכט אַ שטאַרקען רושם. זיין פערזאָרגטקייט האָט זיך אַזוי ווי אויסגעגלייטערט. ער האָט זיך אויפגעהויבען און פרעהליך אַ זאָג געטהאָן:

—נו, לאָמיר געהן. שוין צייט.

אין עטליכע מינוט אַרום איז די גאַנצע קאָמפּאַניע אַרויס אין גאַס. אָבער עליע איז ווידעראַמאָל אָנגעוואָלקענט געוואָרען. קיין איין זאַך אין דער וועלט האָט נישט געקאָנט אויסזעהן אַזוי גאָט-לעסטעריש, ווי דער אָנצוג פונ׳ם יונגען לעאָפאָלד. דאָס איז געווען אַ קורצער מאָדישער פידזשאַק, אַ שטאַרק אויסגעשניטען וועסטעל מיט אַ קלאָר אויבערהעמד. אויפ׳ן קאָפּ האָט ער געטראָגען אַ קליין שען היטעלע מיט אַ זילבערן שטערענדל פון אַ בעאַמטען. אויסערדעם, האָט ער שבת, אינמיטען העלען טאָג, פעררויכערט אַ פאַפּיראָס.

עליע, וואָס האָט קיינמאָל קיינעם נישט געקאָנט האַרב אָנטרעטען, האָט זיך אודאי נישט געקאָנט אָנבייזערן אויף זיין פלימעניק, וועלכען ער האָט באמת ליב געהאַט, אָבער אַז ער האָט דערזעהן דעם גרויסען שבת׳דיגען עולם, וואָס האָט זיך געבאָמבעלט איבער די געסלעך, האָט ער זיך אָנגערופען צו זיין פלימעניק:

—הער-נאַר, לעאָפּעלד, וואַרף-אַוועק דעם פּאַפּיראָס. פאַר-וואָס זאָלסטו אויפהויבען געגען זיך די אַלע שטעדטעלשע יו-דען? און ווער ווייס, אפשר האָט גאָט אַליין פערוועהרט צו רויכערן אום שבת?

לעאָפּאָלט האָט זיך הויך צולאַכט.

—איך שרעק מיך פאַר קיינעם נישט!—האָט ער געזאָגט און גענומען מערי'ן אונטער'ן אָרים.

לעאָפּאָלד און מערי זענען געגאַנגען געאָרעמט פּאָראויס. הינטער זיי זענען געגאַנגען צוויי שׂנע מוטערס אין סאַמעטענע מאַנטיליעס און אין היט מיט גרויסע פעדערן. עליע איז געגאַנ-גען דער לעצטער, מיט אַ פערזאָרגטען פּנים און מיט פערלעגטע הענד אויף הינטען.

באַלד האָט זיך פערזאַמעלט אַרום זיי אַ גרויסער עולם קינדער, וואָס האָבען זיי בעגלייט מיט געשרייען און קוויטשע-רייען. צו די קינדער האָבען זיך אויך בעהעפט דערוואַקסענע מענשען. די סאַמע יחוס'דיגע משפחות האָבען זיך אַרויסגעשאָ-טען אויף די גאַניקלעך און געגלאָצט מיט די אויגען; אויפ'ן שוהלהויף איז געשטאַנען דער מלמד אין זיינע אויסטערלישע מלבושים און האָט זיינע אייגענע אויגען נישט געגלויבט. ער האָט געקוקט און געקוקט און זיך נישט געקאָנט אָב'חדוש'ען.

איבערהויפּט האָט דער עולם געקוקט אויפ'ן יונגען פּאָרל, וואָס איז געגאַנגען פאָראויס: לעאָפּאָלד אין זיין עלעגאַנטען פּידזשאַק מיט'ן פּאַפּיראָסל*) אין מויל און מערי, אין אַ רייך קלייד, אָנגעלעהנט מיט דער האַנד אויפ'ן שוועסטערקינד, איז

*) דאָס איז נישט רעאַל, ווי נאָך צעהנדליגער שטעלען אין בוך זענען נישט רעאַל. אַ יודיש בחור'ל, בפרט נאָך פערצייטענס, וועט זיך קיינמאָל נישט דערוועגען צו רויכערן אום שבת אין אַ קליין יודיש שטעדטעל. מעג דאָס בחור'ל זיין געבילדעט און רייך, ווי קרח. צו שטיינען ממש פון דער זיכערקייט, מיט וועל-כער פרישמאַן גרייזט אין די מנהגים פון יודישען לעבען.

דער איבערזעצער.

געגאַנגען מיט אַנ׳אונגאַטירליכער גאַנג, צו ווייזען איהר גרויס-שטעדטישקייט.

עליע איז געגאַנגען אַזוי ווי איבער הייסע קויהלען. פרוי האַנע איז געגאַנגען אַזוי ווי איבער לאָרבערבלעטער. די קופּ-טשיכע פון ווילנא האָט אָנגעקוקט דעם „המון״ מיט פערזשמו-רעטע אויגען און אַנ׳אויפגעהויבענעם קאָפּ.

—זעה-נאַר, זעה! אַ שענער פריץ! שענע פּאַנענקעס!—האָ-בען די קינדער געשריען. זיי זענען אומגעלאָפען און געשריען, געטייטעלט מיט די פינגער און אויפגעהויבען מיט די פיס זיילען שטויב.

—וואָס זענען דאָס פאַר אַ מענשען? זענען דאָס יודען?—האָט מען געפרעגט אייגאַנדער און געטייטעלט מיט די פינגער אויף דעם קורצען פידזשאַק מיט׳ן פּאַפּיראָסל.

—אַפּיקורס!—האָט עמיץ אַ געשריי געטהאָן און אַ קליין שטיינדעל איז דורכגעלאָפען איבער לעאָפּאָלדס קאָפּ. דער יונג איז בלאַס געוואָרען און אַ וואָרף געטהאָן דעם פּאַפּיראָס. עליע האָט פערקנייטשט דעם שטערען. אָבער זיין מוטער העלענע האָט נאָך העכער אויפגעהויבען דעם קאָפּ און גאַנץ הויך אַ זאָג געטהאָן צו דער שוועסטער:

—נו, עס איז זיך נישטאָ וואָס צו רעכענען מיט זיי. פינסטערע מענשען!

אָבער לעאָפּאָלד האָט זיך נישט געקאָנט בערוהיגען. דאָס איז געווען קענטיג פון זיינע דערשראָקענע אויגען און פער-פרעסטע ליפּען. מיט אַזאַ מינע איז ער אַריין אין הויז פון די יעזעפאָוויטשעס.

דאָרט, אויפ׳ן סאַמע חשוב׳ן אָרט, דאָס הייסט אויפ׳ן די-וואַן מיט׳ן געלבען וועגדטעל איז געזעסען ר׳ שאול. אַרום איהם זענען געזעסען די זיהן, שניהר און עטליכע דערוואַקסענע אייניקלעך. די עלטערבאָבע איז געזעסען ביים פענסטער אין אַ בעקוועמען פאָטעל פינקלענדיג מיט איהרע בריליאַנטען און, ווי אַלעמאָל, געדרעמעלט. ביים צווייטען פענסטער איז געשטאַנען מאיר.

בשעת די וויטעבסקיס זענען אַריין אין דעם גרויסען גאַסט-צימער, האָט מאיר בלויז פאַרבייגעהענדיג אַ קוק געטהאָן אויף מערי׳ן, פונקט ווי דאָס וואָלט געווען אַ מיידעל, צו וועלכער ער האָט קיין שום שייכות נישט. אָבער לעאָפאָלד׳ן האָט ער טיף און שאַרף אָנגעקוקט. עס האָט אויסגעוויזען, אַז ער וויל וואָס גיכער זיך דערנעהנטערן צו איהם, צו דעמדאָזיגען יונגענמאַן, וואָס וואוינט אין אַ גרויסער שטאָדט, און זיך דורכדרינגען מיט זיין בילדונג און קענטנישען.

אַ געוויסע צייט איז אַוועק אין הייסע בעגריסונגען און קורצע שמועסען. שאול האָט נישט פערלאָזט זיין אויבען-אָן אויפ׳ן דיוואַן. זיין טאָכטער שרה, בער׳ס ווייב, האָט גע-שפילט אַ ראָל פון אַ בעל-הבית׳טע. זי האָט מכבד-געווען די געסט און זיך הויך ענטציקט מיט די שעגע היט און פעדערן פון די געקומענע דאַמען.

מערי האָט זיך מיט גראַציע אַנידערגעזעצט אויפ׳ן ברעג פון אַן׳איינפאַכען טאַבורעט, און אונטער דעם וואַרימען, ציטרי-גען און דאָך דערפרעהטען טאָן פון לאה׳ן האָט זי פון דער זייט געקוקט אויפ׳ן יונגענמאַן, וואָס בעדאַרף זיין איהר חתן. אָבער מאיר האָט אויף איהר גאָרנישט געקוקט. ער האָט די גאַנצע צייט געקוקט אויף לעאָפאָלד׳ן און האָט גאָר פערגעסען אין מערי׳ן.

פרוי האַנע האָט זיך שטאַרק צורעדט וועגען דעם שע-נעם פאָנטאַן, וואָס זי האָט אַמאָל געזעהן אין אַ גרויסער שטאָדט און וועגען דער מוזיק, וואָס האָט אַלע זונטאָג געשפילט אין ווילנער שטאָדטגאָרטען און אין דער אייגענער צייט האָט זי בעקוקט דאָס גאַסטצימער פון די יעזעפאָוויטשעס. אין דער ווירקליכקייט האָט אָט דאָס גרויסע און זויבערע גאַסטצימער מיט׳ן לאַנגען פאַמיליען-טיש אינמיטען, מיט די איינפאַכע היל-צערנע טאַבורעטען און דעם הילצערנעם דיוואַן געטראָגען דעם כאַראַקטער נישט פון עשירות, נאָר פון אָנשטענדיגער פערמעג-ליכקייט און איז געווען אַ סך שענער פון האַנעס סאַלאָן. דאָ זענען אויך געשטאַנען צוויי שאַנקען: איין שאַנק איז געווען

אָנגעפּראָפּט מיט אַלטע ספרים, וואָס האָבען נאָך געהערט צו מיכל סעניאָר. אינ׳ם צווייטען איז געשטאַנען דאָס געשיר מיט אַ גרויסען גלאַנציגען סאַמאָוואַר. אַז האַנע האָט דערזעהן דעם־דאָזיגען סאַמאָוואַר, האָט זי זיך אינגאַנצען פעררויטעלט פון בושה: אַ סאַמאָוואַר אין עסצימער פון איהר קינפטיגען איידעם. דאָס איז געװען לחלוטין געגען אַלע כללים פון דער ציוויליזאַציע. אין דער אייגענער רגע האָט זי אַ קוק געטהאָן אויף דער דרעמלענדיגער זקנה. אַ שטראַהל פון דער פערגאַנגענער זון איז געפאַלען אויף דער אונבעװעגליכער פיגור און האָט תיכף געגומען ברענען אין איהרע ברילליאַנטען. איבער איהר איינגע־שרומפּענעם שטערען האָט געברענט אַ ברילליאַנט, ווי אַ פייער־דיגער שטערען. די לאַנגע אוירינגלעך האָבען געװאָרפען טוי־זענדער פונקען, און די פּערלען, וואָס האָבען בעדעקט איהר ברוסט, האָבען בעקומען אַ בלאַס-ראָזע שאַטירונג.

האַנע האָט אַ שטויס געטהאָן איהר שוועסטער מיט׳ן עלענ־בויגען.

—זעה,—האָט זי איהר איינגערוימט אויפ׳ן אויער און מיט׳ן קאָפּ אַ ווייז געטהאָן אויף דער עלטערבאָבען,—זעה, סאַראַ ברילליאַנטען...

יענע האָט אַפילו פערזשמורעט די אויגען פון התפעלות.

—אַי-אַי!—האָט זי אויסגעשריען.—אַנ׳אמת׳ער אוצר! אָבער צו וואָס בעדאַרף זי טראָגען אַזוינע טייערע זאַכען? וואָס האָט זי דערפון?

דער אַלטער שאול האָט דערהערט דידאָזיגע ווערטער, האָט ער זיך מיט אַ העפליכער ערנסטקייט אָנגערופען צו די געסט:

—זי האָט פערדינט, מיר זאָלען זי זעהר שעצען און מיר זאָלען זי בעדעקען מיט די אַלע איידעלשטיינער, וואָס מיר פערמעגען. זי איז געװען די קרוין פון איהר מאַן, און מיר אַלע שטאַמען-אַרויס פון איהר, ווי צווייגען פון אַ בוים.

ער האָט עטוואָס צוגעשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ און ווייטער בעזאָגט:

—איצט איז זי זעהר אַלט, אָבער אַמאָל איז זי געווען יונג און שען. אָבער וואו איז איהר אַמאָליגע שענקייט? עס האָבען זי אַראָבגעווישט די יאָהרען, חדשים און טעג, וואָס זע־נען אַדורכגעפלויגען איבער איהר, ווי פויגעל, וואָס רייסען, לויפענדיג, אַראָב איינציגע יאַגדעס, ביז דער גאַנצער קוסט בלייבט אָהן יאַגדעס. איצט האָט זי אַ סך קנייטשען אויפ׳ן פנים. אָבער פון וואַנען האָבען זיך גענומען דידאָזיגע קנייטשען? איך ווייס פון וואַנען, וואָרום אין יעדען פון זיי זעה איך עפּיס אַ בילד. אַז איך קוק אויף די קנייטשען, וואָס ליגען איהר אַרום די אויגען, דערמאָהן איך מיך, ווי איך בין געווען אַ קינד און בין דעמאָלט קראַנק געוואָרען, אָבער זי איז געזעסען נעבען מיין וויגעל און האָט מיר געזונגען אַ לידעלע און טרעהרען זענען איהר געפאַלען פון די אויגען. און אַז איך קוק אויף די קנייטשען, וואָס ליגען איהר אויף די באַקען, דערמאָהן איך מיך אין די אַלע צרות, וואָס זי האָט איבערגעלעבט, בשעת זי איז געבליבען אַן׳אלמנה, האָט אַליין געפיהרט די געשעפטען, האָט פערגרעסערט די עשירות פון שטוב און האָט נישט געוואָלט חתונה-האָבען אַ צווייט מאָל. און אַז איך קוק אויפ׳ן קנייטש, וואָס ליגט איהר טיף אין שטערען, דאַכט זיך מיר, אַז איך זעה פון דאָסניי די צייט, ווען מיין פאָטערס נשמה האָט זיך געשיידט מיט איהר גוף און מיין מאַמע איז, ווי אַ טויטע, אַני־דערגעפאַלען אויף דער ערד און האָט נישט געוויינט און נישט געיאָמערט און נישט געשריען, נאָר בלויז געקרעכצט: „הערש, הערש, מיין הערש!״ דאָס איז געווען דער גרעסטער צער, וואָס זי האָט איבערגעלעבט אין איהר לעבען, און אָט דער צער האָט איהר אַוועקגעלעגט אויפ׳ן שטערען אַ טיפען קנייטש.

אַזוי האָט שאול גערעדט. ער האָט אויפגעהויבן אין דער־הויך דעם ווייז-פינגער, און אויף זיינע געלבע ליפען האָט גע־שפּילט אַ פערטראַכטער שמייכעל. די ווייבער האָבען געשאָקעלט מיט די קעפּ האַלב טרויעריג און האַלב מיט הסכמה און איי־נע די אַנדערע צוגעוואָרפען:

—הערסט? הערסט?

האַנע איז געווען אַזוי גערירט און ענטציקט, אַז טרערן האָבען זיך איהר געוויזען אויף די ברעמען. זי האָט זיי אויסגעווישט מיט׳ן באַטיסטען-טיכעל, וואָס זי האָט די גאַנצע צייט געהאַלטען אין דער האַנד. נאָכדעם האָט זי זיך אָנגערופען צו דעם אַלטען שאול׳ן:

—איך דאַנק אייך! איך דאַנק אייך!

אַלע האָבען געדאַנקט, און די יודענע פון ווילנא, וויטעבסקי און די איבעריגע, וואָס האָבען נישט געהערט צו דער משפחה יעזעפאָוויטש, האָבען שטיל געשעפטשעט:

—אַ קלוגער מענש! אַן׳עהרליכער מענש!

די ליבע און אַכטונג, וואָס שאול האָט דורך זיינע ווערטער אַרויסגעוויזען צו זיין מוטער, האָבען אַלעמען טיף גערירט.

דער יונגער לעאָפאָלד, וואָס איז ביז אַהער געזעסען, אַ טריבער, און זיך איבערגעשמועסט מיט מעריי׳ן אויף פראַנצויזיש, האָט זיך אויפגעהויבען פון אָרט און איז צוגעגאַנגען צום פענסטער, וואו מאיר איז געשטאַנען. אַרום דיוואַן האָט זיך ווידער אָנגעהויבען אַ בעלעבטער שמועס און האַנע האָט שטאַרק בעדויערט, וואָס היינט איז שבת און וואָס דאָ איז נישטאָ קיין קלאַוויר. אַזוי וואָלט איהר טאָכטער געשפּילט די שענע מעלאָדיעס, פון וועלכע עס ווערט איהר, האַנע׳ן, ווייך אויפ׳ן האַרצען, און פאַר די אויגען בעווייזט זיך דער ווילנער באָטאַנישער גאָרטען מיט׳ן אָרקעסטער און נאָך פערשידענע זאַכען, וואָס געהערען צו דער ציוויליזאַציע.

צוויי יונגעלייט האָבען זיך געהאַלטען גאָר בעזונדער פון אַלעמען. קיינער האָט נישט געהערט זייער שמועס. עס האָט זיך געדאַכט, אַז לעאָפאָלד וויל גאָרנישט שמועסען מיט מאיר׳ן. לעאָפאָלד איז אַוועק פון דער געזעלשאַפט, ווייל ער האָט אַרויסגענומען פון קעשענע זיין זילבערנעם פּאַרטסיגאַר. אָבער באַלד ווי מאיר האָט דערזעהן, אַז ער דערנעהנט זיך צו איהם, איז ער איהם בעגעגענט אַנטקעגען. זיין פּנים האָט געשיינט פון שמחה.

—איך בין מאיר, ר׳ שאול׳ס איי‍ניקעל,—האָט ער זיך אָנגערופען און דערלאַנגט דעם גאַסט די האַנד,—איך וויל מיך בעקאָנען מיט דיר, ווייל איך האָב דיר אַ סך צו זאָגען און וויל אויך פון דיר הערען נישט ווייניג...

לעאָפּאָלד האָט זיך זעהר העפליך פערנויגט, אָבער מאיר׳ס האַנד האָט ער קוים בעריהרט.

—איך זעה, אַז דו האָסט צו מיר ווייניג חשק,—האָט מאיר געזאָגט,—אָבער איך חדוש מיך נישט נישט. דו ביזט אַ געבילדעטער מאַן און איך בין אַ פּשוט׳ער יוד, וואָס קאָן גוט תנ״ך און גמרא, אָבער נישט מעהר. נאָר דו בעדאַרפסט מיך פונדעסטוועגען אויסהערען. איך האָב אַ סך געדאַנקען אין קאָפּ, אָבער איך שפּיר נישט קיין סדר אין זיי. אפשר וועסטו מיר זאָגען עטוואָס אַזוינס, וואָס וועט מיר צו-געבען שכל?

לעאָפּאָלד האָט נייגיריג אויסגעהערט דידאָזיגע ווערטער, וואָס האָבען תחילת געקלונגען מיט שטילער הכנעה און נאָכ-דעם מיט יונגעלשען עקסטאַז, אָבער אויף זיינע ליפּען האָט זיך דאָך בעוויזען אַ חוזק-שמייכעלע.

—ביטע!—האָט לעאָפּאָלד געזאָגט.—אויב איהר ווילט דורך מיר עפּיס וויסען, וועל איך אייך זאָגען. פאַרוואָס נישט? איך קאָן אייך אַ סך זאָגען.

—לעאָפּאָלד! זאָג מיר נישט „איהר.״ מיר איז דאָס שווער, ווייל איך האָב דיך זעהר ליב...

לעאָפּאָלד האָט געשטיינט פון דידאָזיגע נאַאיווע ווער-טער.

—דאָס איז מיר גאַנץ אָנגענעהם,—האָט ער געזאָגט,—אָבער מיר זעהען זיך דאָך צום ערשטען מאָל.

—דאָס איז גאָרנישט!—האָט מאיר אויסגעשריען,—איך האָב שוין לאַנג געוואָלט זעהן אַזאַ יודען, ווי דו... און זאָגען איהם, ווי ר׳ אליעזר האָט געזאָגט צום תּלמיד-חכם פון ירושלים: „איך וועל זיין דיין תּלמיד און דו זיי מיין רבי!״

איצט האָט שוין לעאָפּאָלד ממש געגאַפט און גלייכצייטיג האָט זיך אויך פערשטאַרקט דאָס חוזק-שמייכעלע. עס איז געווען

קענטיג, אַז ער האָט גאָרנישט פערשטאַנען פון דעם אַלעם, וואָס מאיר האָט געזאָגט און האָט איהם זיכער געהאַלטען פאַר אַ האַלבען משוגענעם.

מאיר האָט עס אָבער נישט בעמערקט.

—לעאָפּאָלד !—האָט ער אָנגעהויבען—וויפיל יאָהר האָסטו געלערנט אין אַ פרעמדער שולע ?

—וואָס הייסט אין אַ פרעמדער שולע ?—האָט לעאָפּאָלד געפרעגט.

—נו, אין אַזאַ שולע, וואו מען לערנט נישט קיין יודישע זאַכען.

לעאָפּאָלד האָט פערשטאַנען. ער האָט פערזשמורעט די אויגען, אָנגעבלאָזען די ליפּען און געזאָגט :

—נו, פינף יאָהר האָב איך מיך געלערנט אין גימנאַזיע.

—פינף יאָהר !—האָט מאיר אויסגעשריען.—אויף אַזאַ אופן ביזטו דאָך זעהר אַ געבילדעטער, אויב דו ביזט אַזוי לאַנג גע- גאַנגען אין שולע.

דער גאַסט האָט בעמערקט דערויף מיט אַ בעשיידענעם שמייכעל :

—אָבער אויף דער וועלט זענען פאַרהאַן געבילדעטערע מענשען פאַר מיר.

מאיר האָט זיך אַלץ מעהר און מעהר צוגערוקט צו דעם גאַסט און די אויגען האָבען איהם געברענט פון עקסטאַז.

—וואָס לערנט מען דאָרטען אין דיזאָזיגע שולעס ?—האָט ער געפרעגט.

—פערשידענע זאַכען.

—וואָס פאַרט ?

לעאָפּאָלד האָט מיט אַ לייכטען איראָנישען שמייכעל גענו- מען אויסרעכענען די אַלע תורות, וואָס ווערען געלערנט אין די שולעס.

מאיר האָט איהם איבערגעריסען :

—און דו קאָנסט עס אַלץ ?

—געוויס קאָן איך !—האָט זיך לעאָפּאָלד בעריהמט.

—טאָ וואָס טהוסטו, אַז דו קאָנסט דאָס אַלץ?

דידאָזיגע פראַגע, וואָס איז אַרויסגעזאָגט געוואָרען מיט גרויס נייגיר, איז לעאָפּאָלד׳ן לחלוטין אונפערשטענדליך געווען.

—וואָס הייסט, וואָס טהו איך?

—איך וויל וויסען, וואָס טראַכטסטו נאָך די אַלע וויסענשאַפטען, וואָס דו האָסט געלערנט אין די שולעס און וואָס טהוסטו מיט דיינע רעיונות.

—נו, וואָס הייסט, וואָס טהו איך? איך בין אַ טשינאָווניק. איך שרייב-איבער זעהר וויכטיגע פּאַפּירען אין דעם גובערנאַטאָרס קאַנצעלאַריע.

מאיר האָט ביי אַ מינוט געטראַכט.

—דאָס איז גאָרנישט וויכטיג, וואָס דו שרייבסט דאָרט פּאַפּירען אין דעם גובערנאַטאָרס קאַנצעלאַריע. דאָס אינטערעסירט מיך נישט. דאָס איז דיין שטעלע. יעדער מענש בעדאַרף עפּיס פערדינען. אָבער איך וויל וויסען, וואָס טראַכסטו, ווען דו פערבלייבסט אַליין און וואָס רעכענסטו צו טהאָן?

לעאָפּאָלד האָט געגאַפּט.

—אָבער וועגען וואָס זאָל איך טראַכטען?—האָט ער אויסגעשריען מיט אונגעדולד.—אָט אַז איך קום פון ביורא אַהיים, פערוויכער איך אַ פּאַפּיראָס און טראַכט, אַז איך וועל חתונה האָבען, וועל איך נעהמען אַ סך נדן, און דער פאָטער וועט מיר אָבגעבען דאָס, וואָס מיר קומט. דעמאָלט וועל איך מיר קויפען אַ מויער. אונטען וועלען ביי מיר זיין קראָמען. דעם ערשטען שטאָק וועל איך פערדינגען און אינ׳ם צווייטען שטאָק וועל איך אַליין וואוינען. אַפילו איצט מאַכט זיך צו קויפען זעהר אַ שעו מויער. ביי דעמדאָזיגען מויער קאָן מען האָבען ביי אַ צוויי-טויזענד רובל אַ יאָהר פּרנסה...

אָבער איצט האָט שוין מאיר געגאַפּט.

—לעאָפּאָלד, בלויז דאָס מויער קריכט דיר אין קאָפּ אַריין און נישט מעהר?—האָט ער געפּרעגט.

—פון וואָס זאָל איך טראַכטען? קיין דאַגות האָב איך

נישט. עסען און טרינקען האָב איך ביי מיינע עלטערן און אויף קליידונג פערדין איך ביים גובערנאַטאָר אין קאַנצעלאַריע.

מאיר האָט אַראָבגעלאָזט די אויגען. אויפ'ן שטערען האָט זיך איהם געלעגט אַ טיפער קנייטש, יענער קנייטש, וואָס פלעגט זיך איהם שטענדיג ווייזען אויפ'ן שטערען, ווען ער האָט געהאַט עפּיס אַ שווער געמיט.

—הער-נאַר, לעאָפּאָלד,—האָט ער זיך אין אַ ווײַלע אַרום אָנגערופען,—שוין-זשע זענען ביי אייך אין דער גרויסער שטאָדט נישטאָ קיין אָרימע און נישט-געלערנטע יודען?

לעאָפּאָלד האָט זיך צולאַכט.

—וואָס הייסט נישטאָ? פאַרהאַן איבערגענוג!

מאיר האָט שנעל געפרעגט:

—טאָ וואָס טראַכטסטו, בשעת דו קוקסט אויף זיי?

—וואָס זאָל איך טראַכטען? איך גלויב, אַז זיי זענען זעהר שמוציג און נאַריש...

—אָט דאָס קאָנסטו זאָגען וועגען זיי און נישט מעהר?—האָט מאיר איבערגע'חזר'ט כמעט שעפּטשענדיג,

לעאָפּאָלד האָט געעפענט דעם פּאַפּיראָסען-פּאַרטסיגאַר און אַרויסגענומען אַ פּאַפּיראָס. מאיר, אַ פערטראַכטער, האָט עס נישט בעמערקט.

—לעאָפּאָלד!—האָט ער זיך אָנגערופען.—קויף נישט דאָס הויז אין דער גרויסער שטאָדט.

—פאַרוואָס זאָל איך עס נישט קויפען?

—איך וועל דיר זאָגען פאַרוואָס. מען וויל דיך חתונה-מאַכען מיט מיין שוועסטערקינד. דאָס איז אַ גוט און קלוג מיידעל. זי האָט נישט קיין בילדונג, אָבער זי האָט זיך געוואָלט לערנען. זי האָט זיך זעהר דערפרעהט, ווען מען האָט איהר געזאָגט, אַז זי וועט האָבען אַ געבילדעטען מאַן. אַז דו וועסט חתונה-האָבען מיט איהר, זאָלסטו בעטען דיינע טשינאָווניקעס, זיי זאָלען דיר דערלויבען אויפצועפענען אין שיבאָוו אַ יודישע שולע, וואו מען זאָל לערנען אויסער תלמוד אויך אַנדערע וויסענשאַפטען. דו אַליין וועסט זיין דער משגיח פון דער שולע

און איך וועל, לויט דיין אָנווייזונג, דיר צו-העלפען...

לעאָפּאָלד האָט געלאַכט, אָבער מאיר האָט ממש געשיינט פון שמחה, פון זיין אייגענעם געדאַנק און ער האָט גאָרנישט בעמערקט לעאָפּאָלדס געלעכטער.

—לעאָפּאָלד, הער, וואָס איך וועל דיר זאָגען. אונזער שיבאָוו איז אַ שטעדטעל פון עם-הארצות און דלות. אָבער מיר האָבען דאָ אויך מענשען, וואָס בענקען נאָך וויסענשאַפט און קענטניש. אָבער עס איז נישטאָ, ווער עס זאָל זיי העלפען, ווער עס זאָל זיי אויסציהען אַ האַנד אינדערפינסטער. אונזער רב, ר׳ יצחק טודרוס, איז זעהר אַ בייזער מענש און אַלע שרעקען זיך פאַר איהם. מען האָט דאָ אויך מורא פאַר די קהל׳ס-לייט, וואָס בעל-הבית׳עווען איבער׳ן פאָלק. אַך, ווען דו וואָלסט געקומען אַהער צוזאַמען מיט נאָך געבילדעטע מענשען, וואָס זאָלען אונז אַרויסראַטעווען פון חושך, צער און טרויער...

מאיר האָט גערעדט זעהר בעגייסטערט און דער קול האָט איהם געציטערט פון הייסער אויפרעגונג. אָבער לעאָפּאָלד האָט איהם אויסגעהערט מיט איראָניע און מיט אַ שטעכיג שמייכעלע. ער האָט אַרויסגענומען אַ שוועבעלע פון אַ זילבערן קעסטעלע און אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ, צו פערבאָרגען דאָס שמייכעלע.

גו, וואָס זאָגסטו דערצו?—האָט איהם מאיר אַ פרעג געטהאָן.—געפעלט דיר מיין פלאַן?

לעאָפּאָלד האָט אַ רייב געטהאָן די שוועבעלע און זיך אָנגערופען:

—ווען איך דערצעהל עס מיינע חברים אין ווילנא, וואָלטען זיי אַלע פשוט געלאַכט.

מאיר׳ס אויגען, וואָס האָבען אַזוי געשיינט, זענען פּלוצלונג אויסגעלאָשען געוואָרען.

—פאַרוואָס וואָלטען זיי געלאַכט?—האָט ער פיינליך געשעפּטשעט.

דערווייל האָט לעאָפּאָלד פעררויכערט דעם פּאַפּיראָס, וואָס ער האָט געהאַלטען אין דער האַנד. אַ בלויער שמעקענדיגער רויך האָט זיך צושפּרייט אין צימער. די געזעלשאַפט, וואָס איז

געזעסען אַרום דעם געלבען דיוואַן, האָט דערשפּירט דעם רויך. רפאל האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ און געגאַפּט. דער אַלטער שאול האָט אַ קוק געטהאָן צו דער זייט פון פענסטער און האָט זיך עטוואָס אויפגעהויבען פון דיוואַן.

—איהר וועט מיר מוחל־זיין,—האָט ער זיך אָנגערופען העפליך, אָבער קאַטעגאָריש,—איך וועל נישט דערלאָזען, אַז אין מיין הויז זאָל געטהאָן ווערען דאָס, וואָס ווערט פערבאָטען על־פי־דין.

נאָכדעם האָט ער זיך ווידער אַנידערגעזעצט, אָבער ער האָט נאָך אַלץ געקוקט אויף לעאָפּאָלד׳ן, אַנ׳אָנגעוואָלקענטער און אַ נישט־צופרידענער.

לעאָפּאָלד האָט זיך שטאַרק פערדרויטעלט, אַ וואָרף געטהאָן דעם פּאַפּיראָס און, אַ בייזער, איהם צוטראָטען מיט׳ן פוס.

—אָט, ווי מען איז העפליך ביי אייך!—האָט ער געזאָגט צו מאיר׳ן.

—למאי רויכערסטו פּאַפּיראָסען אום שבת?

—און דו רויכערסט נישט?—האָט לעאָפּאָלד אַ פרעג געטהאָן מיט אונצוטרוי און איראָניע.

—איך רויכער נישט!—האָט מאיר געזאָגט.

—דו ווילסט אַרויסראַטעווען מענשען פון חושך און גלויבסט, אַז מען טאָר נישט רויכערן אום שבת? אַז מען צווינגט דיך, גיסטו נאָך.

מאיר׳ס אויגען האָבען ווידעראַמאָל אויפגעלייכט און ער האָט דרייסט געזאָגט:

—ווען עס וואָלט זיך געהאַנדעלט וועגען דעם, צו ראַטעווען אַ מענשען פון חושך אָדער פון דלות, וואָלט איך נישט נאָכגעגעבען, ווייל דאָס זענען זעהר וויכטיגע זאַכען. אָבער ווען עס האַנדעלט זיך וועגען אַ זאַך, וואָס פערשאַפט בלויז תענוג מיינע ליפּען, גיב איך נאָך, ווייל דאָס איז אַ קלייניגקייט. עלטערע מענשען גלויבען, צום ביישפּיל, אַז מען טאָר נישט רויכערן קיין פּאַפּיראָסען אום שבת, און מיר דאַכט זיך, אַז

עס איז נישט שען צו שפּאַרען זיך מיט עלטערע מענשען אי־בער אַ נאַרישקייט.

אויסגעהערט דידאָזיגע ווערטער, האָט זיך לעאָפּאָלד אַוועק־געקעהרט פון מאיר׳ן און איז צוגעגאַנגען צו מערי׳ן, וואָס איז, ווי פריהער, געזעסען אויפ׳ן ברעג פון טאַבורעט. מאיר האָט איהם בעגלייט מיט אַ בליק, וואָס האָט אויסגעדריקט ענטשוי־טונג און כּעס. נאָכדעם איז ער שנעל אַרויס פון צימער.

דאָס, וואָס ער איז שנעל און פּלוצלונג אַרויס פון צי־מער, האָט געמאַכט אַ שטאַרקען רושם אויף די פרויען. די מאַנס־לייט אָבער האָבען עס גאָר אין אַכט נישט גענומען. פערקעהרט, זיי האָט עס אויסגעוויזען גאַנץ נאַטירליך און אַפילו גוט, וואָס דער חתן וויל נישט קוקען אויס בעשיידענקייט אויף דער כּלה, וואָס די עלטערע פון דער משפּחה האָבען זי אויסגעוועהלט פאַר איהם. אָבער די קופּטשיכע פון ווילנא און האַנע האָבען זיך שטאַרק אָנגעוואָלקענט. מערי האָט אַ ציה געגעבען די מו־טער פאַר׳ן קלייד און אַ שעפּטשע געטהאָן:

—מאַמע, קום אַהיים!

אין דער אייגענער צייט איז מאיר געגאַנגען צו זיין חבר אליעזר׳ן, אָבער אַריינקוקענדיג אינ׳ם אָפענעם פענסטער פונ׳ם נידעריגען הייזעל, איז ער אַוועק ווייטער: קיינער איז נישט געוועזן אינ׳ם חזנ׳ס צימערל. ער האָט, אַפּנים, געוואוסט, וואו צו זוכען זיינע חברים, און איז אַוועק אין פעלד, הינ־טער׳ן שטעדטעל.

די געדיכטע גראָזען, וואָס האָבען דאָרט געוואַקסען, זע־נען שוין נישט געוועזן אַזוי גרין, ווי פריהלינג. די זומערדיגע היצען האָבען זיי עטוואָס פערדאָרבען. אָבער צווישען זיי האָ־בען דאָ און דאָרט אַרויסגעקוקט ווילדע בלימעלעך, וואָס האָ־בען אָנגעפילט די לופט מיט אַ שטאַרקען אַראָמאַט.

ביים ברעג וואַלד, הינטער די געדיכטע בעראָזעס איז האַלב געלעגען, האַלב געזעסען אַ קליינע קאָמפּאַניע יונגעלייט. מאַנכע פון זיי, אָנגעגויגט צו איינאַנדער, האָבען זיך שטיל איבערגעשעפּטשעט. די אַנדערע האָבען מעכאַניש געריסען בלימ־

לעך אַרום זיך און געמאַכט בוקעטען פון זיי. די דריטע, ווי־דער, האָבען שטיל געזונגען און בעת מעשה געקוקט אויפ׳ן בלויען הימעל, איבער וועלכען עס זענען אומגעשוואומען גאָל־דענע וואָלקענדלעך.

עטוואָס אינדערווייטענס, נעבען טייכעל, וואָס זענען ברע־גען זענען געווען געדיכט בעוואַקסען מיט בלימלעך און זיין וואַסער—בעדעקט מיט די לאַנגע בלעטער און ברייטע בלומען פון טייך־פלאַנצען, איז אינבעוועגליך געזעסען דאָס שלאַנקע מיידעל מיט אַ טונקעל מאָגער געזיכט, מיט גרויסע שוואַרצע אויגען און קאָראַלען־פאַטשערקעס אויף אַ גראָב העמד. נישט ווייט פון איהר, צווישען קאַלינעס־קוסטעס, האָט זיך געפאַשעט דאָס ווייסע ציגעלע.

מאיר איז צוגעגאַנגען צו דער קאָמפּאַניע, ביים וואַלד. די יונגעלייט האָבען, קענטיג, געוואַרט אויף איהם מיט אונגע־דולד, וואָרום אַז זיי האָבען איהם דערזעהן, האָבען זיי זיך באַלד אַנידערגעזעצט און אויסגעשטעלט אויף איהם די אויגען.

צוגעהענדיג צו זיינע חברים, האָט ער זיי מיט קיין איין וואָרט נישט בעגריסט, זאָגאַר נישט אַ קוק געטהאָן אויף זיי, נאָר אַני־דערגעזעצט זיך אויף אַ בעראָזע־קלאָץ, וואָס איז דערביי געלע־גען. ער האָט אויסגעזעהן נישט אַזוי טריב, ווי ביינז. די יונגע־לייט האָבען געשוויגען און זיך שטאַרק גע׳חדוש׳ט. אליעזר, וואָס איז געלעגען אין גראָז, אָנגעלעהנט מיט׳ן אַקסעל אָן קלאָץ, אויף וועלכען מאיר איז געזעסען, האָט דער ערשטער גע־פרעגט:

—נו, וואָס, האָסטו איהם געזעהן?

—האָסט איהם געזעהן?—האָבען באַלד אַלע אין איין קול געפרעגט.—נו, ווי זעהט ער אויס? איז ער זעהר אַ גע־לערנטער און אַ קלוגער?

מאיר האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ און מיט איראָניע אויסגערופען:

—ער איז אַפילו אַ געלערנטער, אָבער אַ גרויסער שוטה!..

הערענדיג דידאָזיגער ווערטער, האָט זיך דער עולם שטאַרק

געוואונדערט. נאָך אַ לאַנגער פויזע האָט אוריאל, ר׳ דוד קלמנ׳ס זוהן, פערטראַכט אַרויסגעזאָגט:

—ווי איז עס מעגליך, אַז אַ געלערנטער מאַן זאָל זיין אַ שוטה!

—איך ווייס, ווי אַזוי דאָס קאָן זיין?—האָט מאיר געזאָגט און ברייט-פונאַנדערגעעפענט די אויגען, פונקט ווי ער וואָלט געקוקט אין אַ שרעקליכען תהום.

דער עולם האָט זיך שטאַרק צושמועסט, און דער שמועס איז בעשטאַנען פון פראַגען און תשובות:

—וואָס האָט ער געזאָגט?

—ער האָט געזאָגט נאַרישקייטען און נישט מעהר.

—טאָ פאַרוואָס האָסטו מיט איהם נישט גערעדט פון קליינערע זאַכען?

—איך האָב געפּרובט, אָבער ער האָט נישט פערשטאַנען, וואָס איך וויל פון איהם.

—און ער האָט דיר געזאָגט, וואָס ער טראַכט צו טהאָן?

—ער האָט געזאָגט, אַז ער וויל קויפען אַ שען מויער, וואָס וועט איהם געבען צווייטויזענד רובל הכנסה.

—נו, און וואָס טראַכט ער נאָך, אויסער דעם מויער?

—ער האָט געזאָגט, אַז מעהר טראַכט ער גאָרנישט.

—מיט וואָס בעשעפטיגט ער זיך אין דער גרויסער שטאָדט?

—אין אַ קאַנצעלאַריע איז ער. פּאַפּירען שרייבט ער דאָרט איבער, אָבער אַז ער קומט אַהיים פון דער קאַנצעלאַריע, רוּיבערט ער און טראַכט פון דעם מויער.

—אָבער וואָס טראַכט ער וועגען די ידען, וואָס זענען נישט געבילדעט, ווי ער, און וואָס לעבען אין פינסטערניש און דלות?

—ער האַלט, אַז דאָס זענען נאַרישע און שמוציגע מענשען.

—און וואָס האָט ער דיר געזאָגט, ווען דו האָסט איהם דערצעהלט, אַז מיר ווילען זיך אַרויסרייסען פון דאַנען, פון דער שווערער פינסטערניש און קאָנען נישט?

—ער האָט געזאָגט, אַז ווען ער וואָלט עס דערצעהלט זיין פאַמיליע אָדער זיינע חברים, וואָלטען זיי פשוט געלאַכט פון אונז.

—וואָס איז דאָ וואָס צו לאַכען?—האָבען אַלע אין איין קול איבערגעפרעגט.

נאָכדעם האָט מען ווידער אַ לענגערע צייט געשוויגען. עמיץ האָט שפעטער אויסגעשריען:

—אַ שלעכטער מענש!

אין אַ ווײַלע אַרום האָט חיים, אברהמ'ס זוהן און מאיר'ס שוועסטערקינד, אַ זאָג געטהאָן:

—מאיר, דערפון איז געדרונגען, אַז די בילדונג, נאָך וועלכער מיר לעכצען אַזוי, איז אַ שעדליכע זאַך, ווייל זי מאַכט מענשען בייז און נאַריש.

אַ צוויי-דריי יונגעלייט האָבען אין איין קול אויסגעשריען:

—מאיר, גיב עס אונז צו פערשטעהן?

מאיר האָט מרה-שחורה'דיג אָנגעקוקט זיינע חברים, אַראָבגעלאָזט דאָס בלאַסע פנים אויף דער האַנד און געזאָגט:

—איך פערשטעה שוין איצט גאָרנישט!

און אין דעם קול, מיט וועלכען דידאָזיגע ווערטער זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרען, האָט זיך געשפירט עפיס אַנ'איינגעהאַלטענע כליפעריי. אָבער אין דער אייגענער רגע האָט זיך אויפגעהויבען דעם חזנ'ס ווייס הענדטעל, וואָס האָט אַזועקגערוקט מאיר'ס הענד פון זיין בלאַס פנים.

—צו וואָס אַזאַ עצבות, רבותי?—האָט אליעזר זיך אָנגערופען.—איך וועל בעטען אונזער לעהרער, וועט ער אונז געבען אַנ'ענטפער אויף דערדאָזיגער פראַגע.

און ביי דידאָזיגע ווערטער האָט ער אויפגעהויבען אַ היבשען ספר, וואָס איז געלעגען בעהאַלטען אינ'ם וואַלד-גראָז, און מיט אַ פייערליכען שמייכעל אויף די ליפען האָט ער בעוויזען זיינע חברים דאָס שער-בלאַט. דאָס איז געווען דעם רמב"מ'ס אַ ספר.

די יונגעלייט האָבען זיך צוגעזעצט נעהנטער צו אליעזר׳ן. עפּיס אַ הייליגע שטילקייט האָט זיי אַרומגעכאַפּט. דער גרויסער יודישער תּלמיד-חכם וועט ריידען צו זיי דורך די ליפּען פונ׳ם געליבטען זינגער. דאָס איז געוועזן יענער גרויסער רבי, וואָס מאַנכע האָבען איהם פערגעסען אין אַנדערע—פערשאָלטען. אָבער פאַר זיי איז ער געוועזן טייער און הייליג, ווייל ביז אַהער איז ער געוועזן דער אייציגער פאַר זיי. זינט דער גייסט פון דעמדאָזיגען לעהרער, וואָס איז פערוואַנדעלט געוואָרען אין עטליכע ספרים, וועלכע אליעזר האָט געבראַכט אַהער פון דער גרויסער שטאָדט, האָט אַ וועהע געטהאָן איבער די קעפּ פון די יונגעלייט, האָט זיך אין זיי אויפגעהויבען אַ גאַנצער שטורם-ווינד פון מחשבות און געפיהלען; זיי האָבען אָנגעהויבען בענקען און טרוימען, אָבער זיי זענען געוועזן דאַנקבאַר דעם לעהרער אי פאַר׳ן טרויער, אי פאַר׳ן בענקען, און אין זייערע אַנגסטען און ספקות האָבען זיי זיך שטענדיג געווענדעט צו זייער גרויסען לעהרער. אָבער, צום בעדויערן, האָבען זיי נישט אויף אַלע פראַגען געפונען ביי איהם אַנ׳ענטפער און נישט אין אַלע אַנגסטען האָבען זיי געפונען ביי איהם טרייסט. הונדערטער יאָהרען זענען אַוועק, די צייטען האָבען זיך געביטען, איבער דער וועלט איז דורכגעגאַנגען אַ לאַנגע שורה גאונים, וואָס האָבען געבראַכט מיט זיך נייע וואָהרהייטען... אָבער זיי האָבען מעהר ווי דעם איינעם נישט געקאָנט, און איצט, אַז מען האָט געעפענט דעם ספר, האָבען זיי מיט גרויס פייערליכקייט און התלהבות זיך צוגעגרייט צו הערען די גרויסע אַלטע חכמות.

אָבער אליעזר האָט נישט באַלד אָנגעהויבען לייענען: ער האָט אַלץ געבלעטערט דעם ספר און געזוכט אַזאַ פראַגמענט, וואָס זאָל זיך פּאַסטען צו דער איצטיגער מינוט.

דאָס מיידעל, וואָס איז דערווייל געזעסען אויפ׳ן ברעג סייך, צווישען די בלימלעך און קאַלינעס, האָט זיך אויפגעהויבען און איז צוגעגאַנגען צו די יונגעלייט. נאָך פון ווייטען האָט מען געקאָנט זעהן, ווי זי קוקט אונבעוועגליך אויף מאיר׳ן. די

ווייסע ציג איז אויך געגאַנגען הינטער איהר. אויף אַ מינוט זענען ביידע פערשוואונדען געוואָרען צווישען די וואַלדקוסטעס, נאָכֿדעם האָט זיך גאָלדע בעוויזען צווישען די בעראָזעצווייגען, ביי אַ צוויי טריט פון מאיר'ן. זי איז צוגעגאַנגען אַזוי שטיל, אַז קיינער האָט זי נישט בעמערקט, און האָט זיך אָנגעשפאַרט מיט'ן אַקסעל אָן דעם דינעם שטאַם פון אַ בעראָזעבוימעל. דעם קאָפּ האָט זי צוגענויגט צו אַ לייכֿט-וויגענדיג צווייגעל און די אויגען האָט זי ברייט אויסגעשטעלט אויף מאיר'ן. עס האָט זיך געדאַכֿט, אַז זי האָט גאָרנישט בעמערקט די אַלע מענשען, וואָס זענען געזעסען אויפ'ן גראָז.

אין דער אייגענער מינוט האָט אליעזר אויסגערופען מיט אַ קלינגענדיגען, קריסטאָל-ריינעם קול:

—שמע-ישראל!

און נאָכֿדעם ווייטער:

—„תלמידים מיינע! איהר פרעגט מיך, וואָס פאַר אַ כח הויבט-אויף אין דער-הויך די ליכֿטיגע הימלישע קערפּער, וואָס הייסען ביי אונז שטערען און פאַרוואָס הויבען זיך אויף מאַנכֿע פון זיי אַזוי הויך, אַז זיי ווערען אַנטרונען אין די מילך-נעבלען און די אַנדערע, פערקעהרט, שווימען שווער איבער'ן הימעל און קאָנען נישט דערגרייכֿען זייערע חברים?

„וועל איך אייך ענטפּלעקען דעמדאָזיגען סוד, וואָס איהר ווילט איהם איצט וויסען.

„די קראַפט, וואָס ציהט-אַרויף אין דער-הויך די ליכֿטיגע הימלישע קערפּער—דאָס איז די שלמות, וואָס וואוינט אויף די סאַמע העכֿסטע היוכֿקייטען און וואָס אויפ'ן מענשליכֿען לשון הייסט זי גאָט. די שטערען, וואָס זענען אָנגעזאַפּט מיט ליבע צו שלמות און בענקען שטענדיג נאָך איהר, הויבען זיך אויף אַלץ העכֿער און העכֿער, צו שטעלען זיך נאָהנט צו איהר און צו שעפּען פון איהר חכמה און לייטזעליגקייט. הונדערטער יאָהרען שווימען זיי איבער דעם הימעל-שטח, און די-יעניגע פון זיי, וואָס האָבען בעזונדערס ליב די שלמות, שווימען אַלץ העכֿער און העכֿער, אָבער די, וואָס בעשטעהען פון שווערע שטאָ-

פען און שטרעבען וועניגער איינצוזאַפּען אין זיך גאָטס ליכט, פערבלייבען היגטערשטעליג...

„תּלמידים מיינע! פון יענע ליכטיגע קערפּער, וואָס נאָר זיי בענקען און לעכצען שטאַרקער פון אַלץ נאָך דער שלמות, קומען-אַרויס אַלע שנויים אין דער וועלט. נאָר זיי ברענגען עס אַרויס די אַלע פערענדערונגען און אַנשטעהונגען, פון וועלכע עס ווערען געבוירען קאָנטורען און בילדער פון זאַכען...״

אליעזר איז אַנטשוויגען געוואָרען און האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ פון בוך. זיינע אויגען האָבען געשיינט פון שמחה.

אָבער די יונגעלייט האָבען לאַנג געטראַכט. אין דעם פראַגמענט, וואָס איז נאָר-וואָס דורכגעלייענט געוואָרען, האָבען זיי געזוכט עפּיס אַנ׳ענטפער צו זייערע ספקות. מאיר האָט פער-טראַכט אַרויסגעזאָגט:

—פאַרהאַן אַזוינע מענשען, וואָס זייערע נשמות רייסען זיך אַרויף צו דער שלמות, ווי די הימלישע קערפּער. זיי ווייסען, אַז די שלמות עקזיסטירט אין דער וועלט און זיי ווילען דעריבער זיך אָנזאַפּען מיט איהר חכמה און לייטזעליגקייט. אָבער פאַרהאַן אויך אַזוינע מענשען, וואָס האָבען נישט ליב די שלמות, ווי יענע שווערע שטערען, און זיי בענקען נישט נאָך איהר. די גייסטער פון אַזוינע מענשען שוועבען נישט אין דער-הויך...

אַלע האָבען באַלד פערשטאַנען, און אַלע האָבען געשיינט פון שמחה. פּאַר דידאָזיגע אָרימע און גלייכצייטיג רייכע נשמות איז געווען אַ קליין טראָפּעלע אמת און וויסען, אַז זיי זאָלען אָנגעזאַפּט ווערען מיט גרויס תּענוג.

מאיר האָט אַרויסגענומען פון אליעזר׳ס האַנד דעם ספר, וואָס איז איהם, קענטיג, געווען גוט בעקאַנט און האָט דורכגע-לייענט אויף דער צווייטער זייט:

—„אפילו די מלאכים אַליין זענען נישט גלייך צווישען איינאַנדער. זיי שטעהען איינער איבער דעם צווייטען, ווי אויף די טרעפּעלעך פון אַ לייטער און דער סאַמע העכסטער פון זיי ברענגט-אַרויס דעם געדאַנק און דאָס וויסען. אָט דער מלאך

איז דער שבט, און די אגדה רופט איהם—שר-העולם.

—דער סאַמע העכסטער מלאך איז אַ גייסט, וואָס ברענגט-אַרויס דעם געדאַנק און דאָס וויסען און די אגדה רופט איהם שר-העולם!—האָבען די יונגעלייט, ווי איין מענש, איבערגע'חזר'ט.

איצט זענען צורונען געוואָרען זייערע ספקות, און דאָס וויסען האָט דערוועקט אַ בענקשאַפט אין זייערע הערצער און פאַר די אויגען האָבען זיי געזעהן אַ מלאך איבער מלאכים, וואָס איז געפלויגען איבער דער וועלט אין פירשטען-פורפור, איינגעהילט אינ'ם ליכט פון אַ געבוירענעם געדאַנק.

און די יונגעלייט האָבען זיך פערטראַכט. און אויפ'ן פעלד, וואָס איז געלעגען פאַר זיי, האָט זיך געשפרייט די פער-טראַכקייט פון שטילען אָוועגד. איבער'ן ווייטען וואַלד זענען געהאָנגען רויטע וואָלקענס, הינטער וועלכע עס האָט זיך פער-באָרגען די זון. לאַנגזאַם האָט זיך אָנגעטהאָן דער וואַלד אין אַ טונקעלען קלייד.

איבער דער לאָנקע און די ווייטע פעלדער האָט זיך גע-טראָגען אליעזר'ס זילבערנע שטים.

—„אין חלום האָב איך געזעהן דעם גייסט פון מיין פאָלק!"—האָט געזונגען דער בלאָנדער זינגער.

עס איז נישט בעוואוסט, ווי אַזוי עס איז געקומען אויף דער וועלט דאָסדאָזיגע ליד און עס איז נישט בעוואוסט, ווער עס האָט עס בעשאַפען. עס דאַכט זיך, אַז אליעזר האָט דעם ער-שטען פערז געזונגען פאַר זיינע חברים נאָך אַ שענעם חלום, וואָס האָט זיך איהם גע'חלומ'ט. דעם צווייטען פערז האָט צו-בעגעבען אוריאל, בשעת ער האָט אין וואַלד געשפּילט אויפ'ן פידעל. אַ דריטער פערז האָט זיך אַרויסגעריסען פון מאיר'ס האַרץ און דעם פערטען האָבען אַרויסגעשעפּטשעט חיימ'ס קינ-דישע ליפּען.

אַזוי ווערען בעשאַפען אַלע פאָלקסלידער. זייער מקור איז דאָס בענקענדיגע האַרץ, דער אינסטינקטיווער אויסברוך צו אַ בעסער לעבען.

אַזוי איז אין שיבּאָוו בּעשאַפען געוואָרען דאָס ליד, וואָס דער חזן האָט איצט געזונגען:

אין טרויעריגען חלום האָב איך געזעהן דעם גייסט פון מיין פאָלק
צי האָט ער פורפור נישט געטראָגען אויף די אַקסלען?
צי האָט איהם נישט געפיהרט אַ רייכער רייטוואָגען אין גלאַנץ
פון רוהם?

איצט האָבּען שוין עטליכע געזונגען, נישט דער חזן אַליין, און איבּער די פעלדער האָט זיך געגאָסען דאָס געזאַנג.

עס זענען דיינע פיס בּעדעקט מיט שטויב פון וועג!
מיט שטויב איז אויך בּעדעקט זיין גרויער קאָפּ!
אין שמאַטעס זענען איהם געהילט די דאַרע קניה,
וואָס ציטערן!

פון וואַלד האָט זיך דערהערט עפּיס אַ שעפּטשען:
—שאַ-אַ! פרעמדע מענשען געהען דאָ אַרום.
איבּער'ן וועג, וואָס האָט געפיהרט אין וואַלד אַריין, האָבּען זיך דערזעהן עטליכע מענשען, וואָס זענען געגאַנגען צו דער לאַנקע. אָבּער די זינגער האָבּען נישט בּעמערקט—נישט נאָלדע'ן און נישט די פאַרבּייגעהער.
דאָס ליד האָט ווייטער געקלונגען:

אָ, טרויעריגער גייסט, אָ, טריבּער גייסט פון פאָלק!
צי היט נישט אָב דער בּורא דיינע שווערע וועגען?
אָ, זאָג, וואו איז ער איצט, דער גלאַנץ פון דיין טראָן?
צי זענען שוין אויף אייבּיג טויט די שרון-ליליען?
און די לבנון-צעדערס זענען שוין צובּראָכען?

עס האָט נאָך געקלונגען דער לעצטער פּערז, ווען עס האָבּען זיך בּעוויזען אויף דער לאַנקע עטליכע מענשען, שבּת'-דיג אָנגעטהאָן. אינמיטען איז געגאַנגען ר' יאַנקעל קאַמיאָנקער, דעם חזנ'ס פאָטער, און בּיי די זייטען—אַברהם יעזעפּאָוויטש און דוד-קלמן.
דרויסען איז שוין אַפּילו געוועזען פינסטערליך. אָבּער די זיהן האָבּען דערקאָנט די טאַטעס און די טאַטעס די זיהן. בּיי

די זיהן האָבען די שטימען אַ ציטער געטהאָן און איינציגווייז זענען זיי אַנטשוויגען געוואָרען. אָבער איינער פון זיי האָט נאָך ווייטער געזונגען און נישט נאָכגעגעבען:

שוין־זשע וועסטו קיינמאָל נישט אַרויס פון טיפען חושך?
און די ביינער פון די זיידעס וועלען אין די קברים זיך נישט ריהרען
פון שמחה און התפעלות?

דאָס האָט מאיר געזונגען.

די חשוב'ע בעלי-הבתים האָבען, פאַרבייגעהענדיג, אַ קוק געטהאָן אויף דעם הייפעל יונגעלייט, וואָס זענען געזעסען נע-בען וואַלד. אין דער אייגענער רגע האָט זיך צו דער איינצעל-נער מענליכער שטים בעהעפט אויך אַ פרויענשטים. דאָס איז געווען גאָלדעס שטים, אַ ריינע און אַ שטאַרקע. אַז גאָלדע האָט דערזעהן די בייזע בעלי-הבתים, האָט זי אומישנע גענומען זינ-גען, פונקט ווי זי וואָלט געוואָלט אונטערהאַלטען מאיר'ס מוט אָדער טיילען מיט איהם אינאיינעם די סכנה.

נישט-געקוקט דערויף, וואָס די חברים האָבען געשוויגען און דערביי זענען געשטאַנען בייזע יודען, האָבען ביידע ווי-טער געזונגען:

זאָלען רוהען דיינע פיס, די וואונדען זיך פערהיילען,
זאָל דער קוואַל פון חכמה און לייטזעליגקייט
פערקלענערן דיין וועה, דיין דלות און דיין צער!
זאָלען קלינגען פאַר דיר די שופרות פון אַנ'אויפשטאַנד!
און זאָל דיין זעל בעפרייט ווערען פון יאָך!

מיט דעם לעצטען פערז זענען אַנטשוויגען געוואָרען די שטימען, וואָס האָבען געזונגען דאָסדאָזיגע פייערליכע ליד.

די סאַמע וויכטיגע קהל'ס-לייט, וואָס זענען געשטאַנען אויף דער לאָנקע און זיך צוגעהערט, זענען אַוועק אין שטעד-טעל, צו ר' שאול'ן און דערביי האָבען זיי בייז און הויך גע-שמועסט צווישען איינאַנדער.

אַברהם, ר׳ שאול׳ס זוהן איז גאָרנישט עהנליך געווען צו זיין ברודער רפאל׳ן. אויף וויפיל דער שענער, הויכער און שוואַרצהאָריגער רפאל איז געווען סאָליד, מיושב׳דיג און שטיל, אויף אַזויפיל איז דער נידעריגער, איינגעקנוידערטער אַברהם, מיט די גרויע האָר אויפ׳ן קאָפּ, געווען אונרוהיג, ליידענשאַפט־ליך און ריהרעוודיג. גערעדט האָט ער האַסטיג און ביים ריי־דען האָבען שטאַרק געטאַנצט די הענד—אַ סימן פון אַ הייסער נאַטור.

ביידע ברידער זענען געווען גרויסע למדנים און אין שטעדטעל האָט מען שטאַרק געהאַלטען פון זיי.

רפאל איז איבערהויפּט געווען אַ גרויסער בקי אין תלמוד, אַברהם אָבער האָט זיך ליבערשט פערזונקען אין די טיפע סודות פון זוהר. רפאל איז שטאַרק געשעצט געוואָרען פון די קריי־סען, מיט וועלכע ער האָט געפיהרט געשעפטען, אַברהם אָבער איז געווען אַ גרויסער חשוב ביי דער שיבאָוועער בעפעלקערונג, ביים רב און ביי די קהל׳ס־לייט.

איבערהויפּט אָבער האָט ער זיך שטאַרק גע׳חבר׳ט מיט די צוויי קהל׳ס־לייט: ר׳ דוד־קלמן און ר׳ יאַנקעל קאַמיאָנקער. זיי האָבען אויך געהאַט שותפות׳ע געשעפטען אויסער׳ן שטעד־טעל, ווי: אַרענדעס, קניות און דעסגלייכען. אין שטעדטעל גופא פלעגען זיי זיך צוזאַמענקומען צוליב אַ שמועס, צוליב אַ שטיקעל גמרא־פּלפול, און אַלע שבת פלעגען זיי מאַכען אַ קליי־נעם שפּאַציר אויסער׳ן שטעדטעל. אָבער געהן פלעגען זיי אַזוי־פיל, אויף וויפיל עס פלעגט זיי דערלויבען דער עירוב. וויי־טער זענען זיי קיינמאָל נישט געגאַנגען, און אַ סימן האָבען זיי געהאַט אַ שטיקעל ברויט, וואָס זיי האָבען פערגראָבען אין דער ערד.

נאָן קיינמאָל האָבען די איינוואוינער פון די אָרימע געסלעך, וואָס ליגען אין עק שטעדטעל, נישט געזעהן דידאָזיגע דריי קהל׳ס-לייט אַזוי שנעל געהן און אַזוי הויך ריידען, ווי אין דעמדאָזיגען אָווענד, ווען איבער די פעלדער האָט זיך צוגאָסען דאָס פייערליכע ליד פון די יונגעלייט. אַפילו דער רוהיגער און צופרידענער קלמן האָט פערלאָרען זיין שטענדיגען שמייכעל און האָט אַרויסגענומען די האַנד פון קעשענע. ר׳ יאַנקעל קאַמיאָנקער, ווידער, האָט געמאַכט אַזוינע שאַרפע בעוועגונגען, אַז די פּאָלעס פון זיין לאַנגען מאַנטעל האָבען זיך אויפגעהויבען, ווי פליגלען פון אַ פויגעל. ר׳ אברהם יעזעפאָוויטש איז געווען אַזוי צוקאָכט, אַז ער האָט אָנגעבונדען דאָס טיכעל, מיט וועלכען ער איז געווען אַרומגעגאַרטעלט און האָט עס געטראָגען אין דער האַנד. קלמן האָט בעמערקט דעמדאָזיגען צייכען פון כעס, האָט ער מיט שטילע ווערטער געזאָגט צו זיין חבר, אַז ער טראָגט אום שבת דאָס טיכעל אין די הענד. אברהם איז באַלד אַנטשוויגען געוואָרען, אַ דערשראָקענער פון דער אייגענער עבירה. מיט דעם טיכעל האָט ער זיך פון דאָסניי אַרומגעגאַרטעלט.

דאָס איז שוין געווען אויפ׳ן גאַניק פון ר׳ שאול׳ס הויז. אין דעם טונקעלען שמאָלען קאָרידאָר האָבען זיך דערהערט האַסטיגע טריט און אַ שאָרך פון קליידער.

די דריי קהל׳ס-לייט זענען אַריין אין צימער, וואו ר׳ שאול איז געזעסען אויפ׳ן דיוואַן און געלייענט אַ ספר ביים שיין פון ליכט, וואָס זענען געשטאַנען אין שווערע אַלטמאָדישע זילבערנע לייכטער.

שאול האָט זיך עטוואָס גע׳חדוש׳ט, דערזעהענדיג די געסט: פאַר אַ וויזיט איז דאָס געווען אַ ביסעל צו-שפּעט. אָבער ער האָט זיי גאַנץ וואַרים בעגריסט און אָנגעוויזען מיט דער האַנד אויף אַ שטוהל, וואָס איז געשטאַנען דערביי. אָבער די דריי קהל׳ס-לייט האָבען זיך נישט אַנידערגעזעצט. נישט-געקוקט דערויף, וואָס זייערע פּנים׳ער האָבען געברענט פון גרימצאָרן, האָבען אָבער זייערע פּאָזעס אויסגעזעהן פייערליך. זיי האָ-

בען קענטיג, פריהער אָבגעמאַכט צווישען איינאַנדער, ווי אַזוי צו ריידען מיט ר׳ שאול׳ן. דער ערשטער האָט אָנגעהויבען קאַמיאָנקער.

—ר׳ שאול!—האָט ער זיך אָנגערופען.—מיר זענען געקו- מען מיט אַ מסירה אויף דיין אייניקעל מאיר׳ן.

איבער ר׳ שאול׳ס פּנים איז אַדורכגעלאָפען אַ קרענקלי- כער ציטער.

—וואָס פאַר אַ שלעכטע זאַך האָט ער געטהאָן?—האָט ר׳ שאול געפרעגט מיט אַ שטילען קול.

קאַמיאָנקער האָט אָנגעהויבען ריידען אויפגערעגט און היציג:

—דיין אייניקעל מאיר מאַכט אונז קאַליע די קינדער. ער בונטעוועט זיי געגען אונז און געגען אונזערע הייליגע דינים. ער לייענט פאַר זיי טריפה׳ענע ביכלעך אום שבת און זינגט מיט זיי לידלעך! אָבער ער טהוט נאָך ערגערע זאַכען. ער חבר׳ט זיך מיט דער קאַראַאימער מיידעל, און מיר האָבען ערשט געזעהן אויף דער לאָנקע, ווי אונזערע קינדער ליגען איהם ביי די פיס, פונקט ווי ביי די פיס פון עפּיס אַ לעהרער, און דאָס קאַראַאימער מיידעל שטעהט איהם איבער׳ן קאָפּ און זינגט צוזאַמען מיט איהם עפּיס אַ מאוס לידעל!

ר׳ יאַנקעל האָט אַזוי היציג גערעדט, אַז ער האָט זיך עטוואָס פערהאַקט און איז אויף אַ מינוט אַנטשוויגען געוואָרען, און ר׳ דוד-קלמן, וואָס האָט געקוקט אויף ר׳ שאול׳ן מיט האָ- ניגדיגע און עטוואָס שלעפעריגע אויגען, האָט לאַנגזאַם צוגע- געבען:

—מיין זוהן אברהם איז אויך דאָרט און ער וועט שוין ביי מיר קריגען דערפאַר!

אברהם האָט אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ און זיך אָנגע- רופען:

—מיין חיים געהט אויך מיט זיי און איך וועל איהם שוין בעצאָהלען דערפאַר.

און נאָכדעם האָבען אַלע דריי זיך אָנגערופען:

—דו מוזט בעשטראָפען מאיר׳ן!
שאול האָט אַראָבגעלאָזט זיין טריב געזיכט.
—גאָט אין הימעל!—האָט ער געשעפטשעט מיט ציטריגע ליפען.—מיט וואָס האָב איך עס פערדינט ביי דיר, אַז דו זאָלסט מיר אויסלעשען דאָס ליכט פון די אויגען.
נאָכ׳ן ס האָט ער אויפגעהויבען דעם קאָפּ און ענטשלאָסען אַרויס געזאָגט:
—איך וועל איהם בעשטראָפען!
אַברהם האָט אַ קוק געטהאָן אויפ׳ן פאָטער.
—טאַטע!—האָט ער געזאָגט,—פריהער פון אַלץ מוזטו בעהמען אין אויג אַריין זיינע געשעפטען מיט דער קאַראַאימער מיידעל. דאָס איז אַ מאוס׳ע חבר׳שאַפט און אַ חרפה פאַר אונזער גאַנצער משפחה. ביי אונז איז אַ מנהג, אַז ווען אַ בחור ווערט עלטער, גיט מען איהם אַ כלה און מען מאַכט איהם חתונה...
—אַודאי אַזוי!—האָט ר׳ יאַנקעל אויסגעשריען מיט גרויס אימפעט און ר׳ דוד-קלמנ׳ס פנים איז געוואָרען רויט, ווי צונטער. דידאָזיגע יודען האָבען אָבגעהיט זייערע מנהגים אויפ׳ן האָר און אַזאַ מין שמועס האָט זיי ממש אַרויסגעפיהרט פון די כלים. אַפילו ר׳ שאול האָט זיך פערשעמט פון די רייד.
—איך וועל מאיר׳ן באַלד חתונה-מאַכען!
אַברהם האָט געענטפערט:
—כל-זמן ער וועט זיך זעהן מיט׳ן קאַראַאימער מיידעל, וועט ער נישט וועלען חתונה-האָבען.
—טאָ וואָס-זשע בעדאַרף מען טהאָן, אַז ער זאָל זיך מיט איהר נישט זעהן?—האָט דער אַלטער אויסגעשריען מיט פערצווייפלונג.
די אַלע דריי קהל׳ס-לייט האָבען זיך איבערגעקוקט.
—מען בעדאַרף עפּיס פאָרנעהמען געגען איהר!—האָבען די איינשטימיג געזאָגט.
נאָכדעם האָבען די געסט געשוויגען, זיך איבערגעקוקט, געטראַכט און, צולעצט, זיך פערנויגט און אַוועקגעגאַנגען.
אַברהם איז פערבליבען אין צימער.

—טאַטע !—האָט ער געזאָגט,—ווי אַזוי וועסטו איהם בע-שטראָפען.

—איך וועל איהם הייסען זיצען אַ גאַנצען טאָג אין בית-המדרש און לערנען.

—אָבער וואָס וועט דערפון אַרויסקומען ?—האָט אברהם אויסגערופען און אונגעדולדיג אַ מאַך געטהאָן מיט דער האַנד.—דו הייס בעסער, מען זאָל איהם אויספּאַטשען.

ר׳ שאול׳ס קאָפּ האָט זיך אַלץ נידעריגער און נידעריגער אַראָבגעלאָזט.

—איך וועל נישט לאָזען שלאָגען איהם !—האָט ער אַרויס-געזאָגט.

און נאָכדעם שטיל צוגעגעבען :

—מיכל׳ס נשמה איז איבערגעגאַנגען אין מיין פּאָטערס גוף, און מיין פּאָטערס נשמה האָט זיך בעזעצט אין מאיר׳ן.

—ווי אַזוי קאָן מען עס וויסען ?—האָט אברהם אַ פרעג גע-טהאָן. זיין פּאָטערס ווערטער האָבען איהם שטאַרק פעראינטע-רעסירט.

—פריהער האָט די עלטערבאָבע דערקאָנט דידאָזיגע נשמה און נאָכדעם דער רב, ר׳ יצחק.

ר׳ שאול האָט שווער אָבגעזיפצט און איבערגע׳חזר׳ט :

—איך וועל איהם הייסען זיצען אין בית-המדרש און לערנען. ביי מיר אין הויז וועט ער שוין נישט עסען, און דער שמש וועט שוין איבערגעבען דער גאַנצער שטאָדט וועגען זיין אויפפיהרונג און שטראָף.

---

ע. אָרזשעסקאָ.

# מאיר יעזעפאָוויטש

באַנד II

28

פֿאַרלאַג „ידיש”, וואַרשע
געגרינדעט דורך יעקב לידסקי.

פֿערקויף: געזעלשאַפט „צענטראַל”, וואַרשא.

DRUK. SIKORA i MYLNER WARSZAWA. NOWOLIPKI 6.

## זיבעטעס קאַפּיטעל.

דער בית-המדרש איז געווען אַ גרויסער, אַ שענער און אַנ׳ אָנזעהעוודיגער. געשטאַנען איז ער אויפ׳ן שוהלהויף, נעבען דער שוהל, און אין איהם פלעגען פאָרקומען לאַנגע און הייסע וכוחים וועגען פערשידענע סברות און אויסטייטשונגען פון תלמוד. אין איהם האָבען זיך אויך געפונען די ש״ס׳ן פון פערשידענע חברות, וואָס וואַקסען אַלעמאָל אויס אין יעדען יודישען שטעדטעל. אַלס שטראָף זענען טיילמאָל דאָרט געזעסען אַ לענגערע צייט יענע יונגעליים, וואָס זענען בעגאַנגען עפּיס אַ חטא.

קעגענאיבער בית-המדרש איז געשטאַנען אַ צווייטער בנין, עטוואָס אַ קלענערער, וואָס איז אָבער אויך אָבגעהיט געוואָרען מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט. דאָס איז געווען דער בית-הקהל, וואו עס זענען פאָרגעקומען די אסיפות און בעראַטונגען פון די קהל׳ס-לייט. עטוואָס ווייטער פון בית-הקהל איז געשטאַנען אַג׳אָרים הייזעלע. דאָס איז געווען דער הקדש—אַנ׳אָרט פאַר הונגעריגע, מידע און אביונים. דערביי האָט זיך אויך געפונען דער חדר, וואו דער השוב׳ער ר׳ משה האָט געלערנט מיט קינדער.

מיט איין וואָרט, דערדאָזיגער שוהלהויף מיט זיינע אַלע בנונים איז געווען עפּיס אַ מין רעזידענצשטאָדט פון אַ קליין מלוכה׳לע. דאָ זענען אָבגעפּאַרטיג געוואָרען אַלע ענינים און דאָ האָט זיך אויך געלאָזט הערען אַ וואָרט תורה.

אַכט טעג זענען אַוועק פון יענעם אָוועגד-אָן, זינט די יונגעליים זענען געזעסען אויף דער גרינער לאָנקע, וואו זיי האָבען געזונגען, געטרוימט און געפיהרט הויכע שמועסען. אויפ׳ן

ניינטען טאָג, איידער די זון איז אונטערגעגאַנגען, איז מאיר אַרויס פון בית-המדרש און זיך אַנידערגעשטעלט אויפ'ן הויכען גאַניק. די אַלע טעג האָט ער פערבראַכט אין בית-המדרש, וואו ער איז געזעסען און געלערנט, פאָלגענדיג דעם זיידענס בע-פעהל. די שטראָף, וואָס איז אויף איהם אַרויפגעלעגט געוואָרען, איז נישט געווען קיין שווערע און האָט איהם נישט פערשאַפט קיין שום יסורים. אינ'ם עסען, וואָס מען האָט איהם געטראָגען צוויי מאָל אין טאָג אין בית-המדרש אַריין, האָבען די ווייבער אַריינגעלעגט די בעסטע שטיקלעך פלייש. זיי האָבען רחמנות געהאַט אויף איהם. מאיר האָט אַפילו גוט געגעסען, דאָך האָט ער זיך שטאַרק פערענדערט, איז בלאַס און מאָגער געוואָרען, אָבער אויסגעוויזען האָט ער אַזוי ווי קרעפטיגער. און זיין פי-גור און פנים איז שוין נישט פערבליבען קיין שום זכר פון יענער קינדישער ציטריגקייט, וואָס האָט אַרויסגעקוקט פון איהם מיט עטליכע חדשים צוריק. אפשר האָט איהם געפייניגט די שטראָף, וואָס איז אַרויפגעלעגט געוואָרען אויף איהם אומזיסט אין אומנישט, אָדער אפשר האָט די איינזאַמקייט, אין וועלכער ער האָט זיך געפונען, צוזאַמען מיט די ספרים, וואָס זענען געשטאַנען שורות'ווייז ביי די ווענד פון בית-המדרש, איהם גע-געבען נייע בעגריפען און רעיונות, וואָס האָבען איהם שטאַרק אויפגערעגט?

איינס איז אָבער פאָרט געווען ריכטיג: מאיר'ס בלאַסקייט האָט זיך גענומען פון אַ שווערער און טיפער גייסטיגער אַרבייט און דער גלאַנץ פון די אויגען האָט דערצעהלט פון אַ גרויסער אונרוהיגקייט און אויפרעגונג. די שטראָף האָט, אַלזאָ, נישט דערגרייכט איהר ציל: אָנשטאָט דעם, וואָס די שטראָף האָט איהם בעדאַרפט איינשטילען, האָט זי איהם נאָכמעהר אויפגע-רעגט און צוטרויסעלט.

בשעת ער איז אַראָב פון בית-המדרש-גאַנעק אויפ'ן שוהל-הויף, איז געווען קענטיג, אַז צו זיינע אַנדערע געפיהלען און שפירונגען איז אויך צוגעמישט געוואָרען אַ געפיהל פון בושה. דערזעהן, ווי עטליכע מענשען זענען אַרויף אויפ'ן שוהלהויף,

האָט ער אַראָבגעלאָזט די אויגען און זיך פערדרויטעלט. דאָס זענען געווען קהל'ס-לייט, וואָס זענען געגאַנגען אויף אַן'אסיפה. דערזעהן מאיר'ן, האָבען זיי אָנגעהויבען לאַכען און טייטלען אויף איהם מיט די פינגער. אָבער ר' יאַנקעל קאַמיאָנקער האָט נישט געלאַכט און איהם אַזוי ווי נישט בעמערקט.

געגאַנגען איז ר' יאַנקעל זעהר שנעל און עטוואָס דערווייטערט פון זיינע חברים. ער האָט געהאַט אַ פערזאָרגט און אויפגערעגט פנים. אַרויף אויפ'ן מיטען הויף, האָט ער זיך אָבגעקעהרט אין דער זייט, נישט אַריין אין בית-המדרש, ווי זיינע חברים, נאָר אַוועק אין דער ריכטונג צום הקדש. דאָ איז ער געגאַנגען ביי דער וואַנד און פאַר דער קורצער צייט האָט ער אַרויסגעזאָגט עטליכע ווערטער און צוגעוואָרפען עטליכע פערשטעלטע רמזים צו איינעם אַ מענשען, וואָס האָט אַרויסגעקוקט פון הקדש-פענסטער מיט אַ צושויבערטען קאָפּ און אַ געשוואָלען פנים.

מאיר האָט געקאָנט דעמדאָזיגען מענשען, מיט וועלכען קאַמיאָנקער האָט זיך משונה און קורץ דורכגעשמועסט. די אינטימע געשעפטען פון דידאָזיגע צוויי מענשען האָבען איהם שטאַרק גע'חדוש'ט.

—נו,—האָט ער געטראַכט,—וואָס פאַר אַ בעקאַנטשאַפט קאָן זיין צווישען דעם פרומען און רייכען ר' יאַנקעל קאַמיאָנקער און דעם בראָדיאַגע און פערברעכער יאָכעל פוהרמאַן?

לאַנג אָבער האָט ער נישט געטראַכט וועגען דעם. ער איז לאַנגזאַם געגאַנגען נישט אין דער ריכטונג פון זיין היים, וואוהין ער האָט, קענטיג, גאָרנישט געוואָלט געהן, נאָר אַהין, אין יענעם קליינעם געסעלע, וואָס האָט זיך געצויגען פאַרביי דעם שוהלהויף אין פעלד אַריין. מאיר האָט, אַפּנים, געוואָלט אַרויסגעהן פון שוהלהויף אין פעלד, דאָרט, אין יענעם ברייטען פרייען שטח, וואָס איז געווען בעלויכטען מיט די לעצטע טאָגשטראַהלען און וואו מען האָט געקאָנט שפירען די בעריהרונג פון אַ פריש ווינדטעלע.

אָבער ביים עק פון הויף האָט זיך מאיר אָבגעשטעלט. דאָ האָט ער דערהערט עפּיס אַ מאָדנעם גערויש פון קינדישע

שטימעלעך, וואָס האָבען זיך אַמאָל אַראָבגעלאָזט ביז שעפּטשע-ריי און אַמאָל אויפגעהויבען ביז אַ קוויטשיגען געזאַנג. אין דעמ-דאָזיגען שטאַרקען געריש פון קינדישע שטימעלעך האָט זיך צייטענווייז געהערט אַ קרעכצען און אַ יאָכצען פון אויסגעמאַ-טערטע הערצלעך און איבער דעם אַלעם האָט זיך געהערט אַ האַמעטנער קול פון אַ מאַנסביל, וואָס האָט עפּיס דערצעהלט און געלייענט אָדער בייז געשריען.

אויף מאיר׳ס ליפען האָט זיך בעוויזען אַ שמייכעל, און דערדאָזיגער שמייכעל האָט אויסגעדריקט וועהטאַג, כעס און יסורים. מאיר האָט זיך אַנידערגעשטעלט נעבען חדר. עפּיס אַ שטאַרק געפיהל האָט איהם געצויגען אַהין, איז ער צוגעגאַנגען צום אָפענעם פענסטער און אַריינגעקוקט אינווייניג. דאָס איז געווען אַנ׳איינג, פינסטער צימער מיט אַ שטינקענדיגער לופט. צווישען דעם נידעריגען שוואַרצען סופיט, שוואַרצע נידעריגע פיר וועגד און אַ פּאָדלאָגע, וואָס איז געדיכט בעדעקט געווען מיט מיסט און שמוץ, אין אַ רויהער שווערער שטיקענדיגער לופט, האָט זיך בעוועגט און געצאַפּעלט אַ שוואַרצע מאַסע, וואָס די איינצעלע טיילען איהרע האָבען אויפ׳ן ערשטען קוק זיך גאָרנישט אַרויסגעזעהן. ערשט אין אַ מינוט אַרום האָבען אָנגע-הויבען פאַר׳ן צושויער אַרויסצושווימען פונ׳ם חושך און שטויב קינדישע פּנים׳לעך און פיגורען. זיי אַלע זענען געווען זעהר פערשידענאַרטיג.

דאָ זענען געווען פולע, טונקעלע, אָנגעשוואָלענע פּנימ׳-לעך. עס זענען אויך געווען ווייסע פיינע פּנימ׳לעך מיט איי-דעלע שטריכען. מאַנכע האָבען, ווי אידיאָטען, געהאַלטען אָפען דאָס מויל און געקוקט מיט מוטנע שלעפעריגע אויגען. ביי אַנ-דערע האָבען געלויכטען די אויגלעך מיט איינגעהאַלטענעם צאָרן און די ליפען האָבען געציטערט פון נערוועאישער אָנשטרענגונג. מאַנכע, זענען געווען בלאַס אויפמערקזאַם און הכנעה׳דיג. דידאָ-זיגע האָבען געדולדיג געליטען. די מלבושים אויף די קינדער זענען אויך געווען זעהר פערשידענאַרטיג: עס זענען געווען ריינע זויבערע בגדים׳לעך און צוריסענע כאַלאַטלעך.

אין צימער האָבען געקאָנט אַריין אַ צוואַנציג קינדער, אָבער געפונען האָבען זיך אין איהם עטליכע צעהנדליג יונגלעך און אַלע האָבען זיך געדרענגט אָדער געזעסען איינס אויפ׳ן צווייטען אויף שמאָלע, הויכע, האַרטע און שמוציגע בענקלעך, וואָס זענען געשטאַנען ביי די ווענד.

אין שיבאָוו האָבען עקזיסטירט נישט ווייניג חדרים, אָבער קיין איין מלמד האָט נישט געהאַט אזויפיל תלמידים, ווי ר׳ משה. רייך און אָרעם--ביידע האָבען זיך שטאַרק בעמיהט אָבצוגעבען איהם די קינדער, ווייל ר׳ משה איז שוין געווען איינמאָל אַ מלמד, דער ליבסטער תלמוד פון דעם גרויסען רב; דערצו איז ער געווען אַנ׳ אָנגעזעהענער בעל-קבלה און אַ פרוש און זעהר אַ גרויסער ירא-שמים.

מען בעדאַרף אָבער נישט מיינען, אַז ר׳ משה זאָל זיך אַזוי ווייט אַראָבלאָזען, אַז ער זאָל וועלען לערנען זיינע תורות מיט פיצעלעך קינדער. דאָס וואָלט געווען גאָר אַנ׳אומזיסטע אַרבייט פאַר זיינע גרויסע פעהיגקייטען, וואָס האָבען געהאַט אַ מעהר וויכטיגע בעשטימונג. די קינדער, וואָס האָבען אָנגעפילט זיין חדר, זענען געווען אין עלטער פון צעהן ביז צוועלף יאָהר און שוין זיבען יאָהר ווי זיי האָבען זיך גענעהרט מיט׳ן ברויט פון זיינע תורות. אין די אַנדערע חדרים האָט מען געלערנט חומש, אָבער ביי ר׳ משה׳ן האָט מען געלערנט גמרא מיט תוספות, מיט הוספות, אויסטייטשונגען, דערקלערונגען און פרושים צו פרושים.

אייגענטליך, איז דאָס געווען אַ גאַנץ היבשער קורס צו ענטוויקלען דעם מוח און דעם זכרון פון דידאָזיגע בלאַסע, געשוואָלענע, אויפגערעגטע אָדער געדולדיג-ליידענדיגע קינדער. אָבער ר׳ משה איז נישט געוועהנט געווען צו בענוגענען זיך מיט קליינע פאָרציעס אין אמונה-ענינים. ר׳ משה האָט אָנגעפילט דעם קינדערשען מוח׳ל מיט וויסען און דעם זכרון מיט נעמען, אָבער אויסערדעם האָט ער אויך שטאַרק געאַרבייט איבער זייער דמיון, ענטפלעקענדיג פאַר זיי די כשופ׳דיגע געביטען פון מעשה׳לעך און משלים פון דער רייכער אגדה אָדער אַפילו

די הויכע מיסטישע וועגען פון קבלה. דידאָזיגע מעשה׳לעך אָדער משלים זענען געווען אַ מין רייצענדיגער אָברוה-פונקט, וואָס האָט בעדאַרפט שטאַרק ריהרען די קינדער. אָבער די קינדער זענען באמת גערירט געוואָרען נאָר דעמאָלט, ווען דער מלמד האָט זיך געפונען אין אַ גוטער שטימונג.

אין דער מינוט, בשעת מאיר איז געשטאַנען ביים אָפע-נעם פענסטער, האָט מען אין חדר איינגע׳חזר׳ט אויף אויסווע-ניג אַ בלאַט גמרא, און דער רבי, וואָס איז געזעסן קעגען די תלמידים ביי אַ קרומפיסיגען טישעל, האָט אַריינגעקוקט אין אַנ׳אַלטען ספר. אין ספר האָט ער אַריינגעקוקט מיט גרויס אינ-טערעס און מיט גרויס תענוג. אַ גליקליכער שמייכעל האָט גע-שפּילט אויף זיינע ליפּען, וואָס האָבען זיך קוים אַרויסגעזעהן פון אונטער די געדיכטע וואָנסען, דערביי האָט ער זיך אומ-געשאָקעלט אַהין און צוריק און דאָס קרומע טישעל האָט אויך געטהאָן דאָס אייגענע.

אָבער די תלמידים האָבען זיך אויך אומגעשאָקעלט אויף די בענקלעך מיט די גרויסע גמרות אין די הענד. זיי האָבען שטיל געשעפּטשעט אָדער הויך געבראָקט אַ פּסוק נאָך אַ פּסוק אָדער זיך פּלוצלונג אָנגעכאַפּט פאַר׳ן קאָפּ, פּונקט ווי אַנ׳אינער-ליכער וועהטאָג וואָלט זיי געפּייניגט.

פּלוצלונג האָט דער מלמד זיך אויפגעהערט צו שאָקלען. ער האָט גענומען דעם גרויסען ספר איןביידע הענד אַריין און אַ קלאַפּ געטהאָן מיט איהם איבער דעם קרומען טיש. דאָס איז געווען אַ מין צייכען, אַז דער עולם בעדאַרף שווייגען. די תלמידים האָבען זיך תיכף-ומיד אויפגעהערט צו שאָקלען און אַנטשוויגען געוואָרען. אַלע האָבען אויפגעהויבען די אויגען צום רבי׳ן: מאַנכע מיט גרויס פּחד, טאָמער וועט ער הייסען זאָגען די גמרא און אַנדערע מיט עקשנות און אַפילו מיט חוזק.

אָבער דער מלמד האָט עס נישט בעמערקט. אין דערדאָ-זיגער מינוט האָט ער גאָרנישט געזעהן און געהערט. זיין נשמה איז אַרומגעכאַפּט געוואָרען פון עפּיס אַ געוואַלטיגען תענוג און איז ערגעץ ווייט אַוועקגעטראָגען געוואָרען. דאָך אָבער האָט

ער זיך געשפּירט אויף אַזויפיל רבי, אַז ער האָט געוואָלט איבערגיסען אַ טייל פון זיין עקסטאַז אין די צושויבערטע קעפּ פון זיינע תּלמידים.

ער האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ מיט אַ פינגער און, טרויס-לענדיג מיט דער באָרד און שיטענדיג פונקען פון די אויגען, האָט ער גענומען לייענען אַ פראַגמענט פון זיין גרויסען ספר:

—„פון׳ם הויז פון גאָטס רעזידענץ ביז׳ן באַרג ליגט אַ מהלך פון הונדערט אַכצעהן מאָל צו צעהנטויזענד מייל; זיין הויך האַלט הונדערט זעקסאונדרייסיג מאָל טויזענד מייל; פון דער רעכטער האַנד ביז דער לינקער פערנעהמט זיבענאונזי-בעציג מאָל צעהנטויזענד מייל; זיין שאַרבען פערנעהמט דריי מאָל צעהנטויזענד אין דער ברייט און אין דער לענג; די קרוין, וואָס ער טראָגט אויפ׳ן קאָפּ, האַלט זעכציג מאָל צעהנטויזענד מייל. דער טריט פון׳ם מלך המלכים פערנעהמט דרייסיגטויזענד מייל. פון זיין פיאַטע ביז די קניה ליגט אַ מהלך פון צוועלף מאָל צעהנטויזענד און פיר מייל. פון די לענדען ביז׳ן האַלז פערנעהמט פיראונצוואַנציג מאָל צעהנטויזענד מייל. דאָס איז די גרויס פון מלך המלכים, פון בורא עולם!״

אַרויסגעשריען די לעצטע פראַזע, איז ר׳ משה פלוצלונג געבליבען שטעהן אונבעוועגליך, ווי אַ שטעקען, מיט אויפגעהוי-בענע הענד און מיט אַ פערגליווערטען בליק אין די שענע וועלטען אַריין. זיינע תּלמידים זענען אויך געבליבען זיצען אונ-בעוועגליך און האָבען געקוקט אויף איהם מיט פערגליווערטע אויגען. איצט האָבען שוין אַלע געעפענט דאָס מויל—סיי די קלוגע און געשיקטע יונגלעך און סיי די אידיאָטען מיט די נישט בעוועגליכע קעפּ. דידאָזיגע בעשרייבונג פון׳ם בורא האָט זיי אַלעמען איבערראַשט.

אָבער דער רבי איז באַלד געקומען צו זיך און האָט אויס-געשריען מיט אַ בעפעהלענדיגען זשעסט:

—איך חער!

דערהערט דעמדאָזיגען אויסגעשריי, וואָס זיין בעדייטונג האָבען די קינדער גאַנץ גוט פערשטאַנען, האָבען זיי זיך באַלד

א ווארף געטהאָן צו זייערע ספרים, זיך גענומען שאָקלען און זאָגען די גמרא מיט אַ ניגון. מאיר, וואָס איז מיט עטליכע יאָהר צוריק אַליין דורכגעגאַנגען דעם אייגענעם קורס און וואָס האָט נאָך דערצו געהאַט אַ זעלטענעם זכרון, האָט פערשטאַנען, אַז די קינדער לערנען היינט די גמרא ברכות. שטאַרק אַריינגעטהאָן אין לערנען, האָבען די קינדער זיך אומגעשאָקעלט און געצויגען דעם גמרא-ניגון, ווער פרעהליך און ווער טרויעריג.

דאָ האָט זיך דערהערט אַ צווייענדיגער קלאַפּ: אַ קלאַפּ פון אַ ספר אָן טיש און אַ קלאַפּ פונ׳ם הינקענדיגען טיש אָן דער ערד. די תלמידים האָבען זיך ווידעראַמאָל פערוואַנדעלט אין אומבעוועגליכע און שווייגענדיגע קינדער. דער מלמד האָט זיי אָנגעקוקט ערנסט און שאַרף. צולעצט האָט ער אָנגעוויזען אויף איינעם פון די לעצטע בענקלעך און האָט אַ געשריי געטהאָן:

—לייבעלע!

באַלד האָט זיך אויפגעהויבען אַ הויכער בלאַסער יונגעל, אין אַ גרויען לאַנגען מלבוש, און האָט גענומען קוקען אויפ׳ן מלמד מיט גרויסע שוואַרצע דערשראָקענע אויגען.

—קום-אַהער!—האָט דער רבי געזאָגט.

צווישען די תלמידים איז געוואָרען אַ בעוועגונג, און עס איז נישט לייכט געווען דורכצוגעהען דאָס צימער. די יונגלעך האָבען געמאַכט אַ וועג פאַר לייבעלע׳ן, געשטורכעט און געשטויסען איינאַנדער, דורכשפּאַרענדיג אַזויאַרום דעם בלאַסען יונגעל פאָראויס.

לייבעלע איז דאָך אַרויס פון דעם קנויל יונגלעך און זיך אָװעקגעשטעלט אינ׳ם איינגען דורכגאַנג צווישען רבי׳ן און דער ערשטער תלמידים-באַנק. מיט ביידע הענד האָט ער געהאַלטען די שווערע גמרא, וואָס איהר משא האָט געצויגען זיין קערפּערל צו דער ערד. דאָס מויל האָט ער געהאַלטען אָפען און די אַקסעלעך האָבען זיך איהם ווילעוויז נערוועאיש געצוקט.

איצט האָט ער שוין נישט געקוקט אויפ׳ן רבי׳ן, די אויגען האָט ער איינגעגראָבען אין דער שווערער גמרא, וואָס האָט זיך אַלץ מעהר און מעהר אַראָבגעלאָזט צו דער ערד. ר׳

משה האָט איהם ביים אויפגעהויבען די גאָמבע.

—נו,—האָט ער אויסגעשריען,—וואָס קוקסטו, ווי אַ גזלן אויף דער ערד? קוק אויף מיר!

האָט איהם לייבעלע ווידעראַמאָל געקוקט אין פּנים אַריין מיט אונבעוועגליכע אויגען, וואָס זענען באַלד פערהאָנגען געוואָרען מיט טרעהרען.

—הער-נאָר,—האָט דער מלמד אָנגעהויבען,—וואָס זאָגט דאָ בית-הלל און וואָס זאָגט דאָ בית-שמאי?

עס איז געוואָרען אַ שטיל-שווייגען. די חדר-יונגלעך, וואָס זענען געזעסען אויף דער ערשטער באַנק, האָבען אונבעמערקט געשטויסען זייער בידנעם חבר מיט די פויסטען אין דער זייט אַריין און געשעפּטשעט:

—זאָג! זאָג!

—בית-שמאי זאָגט,—האָט לייבעלע אָנגעהויבען מיט ציטריגען קול,—אַז מען בעדאַרף בענשען דעם וויין...

—דעם טאָג! דעם טאָג! און נאָכדעם דעם וויין!—האָבען די יונגלעך פון דער ערשטער באַנק געשעפּטשעט מיט רחמנות צו לייבעלע'ן.

אָבער אין דער אייגענער רגע האָט דער רבי געפּאַקט איינעם פון די אונטערזאָגער פאַר'ן אויער און דערדאָזיגער יונגעל האָט אַרויסגעלאָזט אַ שטאַרקען קוויטש. דעמאָלט האָבען די איבעריגע יונגלעך פערמאַכט די מיילעכלעך און איינגעגראָבען די אויגען אין די גמרות.

ר' משה האָט זיך ווידער אָנגערופען צו לייבעלע'ן:

—איך פרעג דיך, וואָס זאָגט בית-שמאי?

לייבעלע האָט נאָך שטילער אַרויסגעזאָגט, ווי פריהער:

—בית-שמאי זאָגט, אַז מען בעדאַרף בענשען דעם וויין...

דעמאָלט איז דעם מלמד'ס פויסט געפאַלען אויפ'ן יונגעלס אַקסעל און ביים יונגעל איז אַרויסגעפאַלען די גמרא פון די הענד.

דער רבי איז אויפגעשפּרונגען פון זיין אָרט.

—אַ, דו פערשאָלטענער יונג, וואָס דו ביזט! אָט אַזוי

לערנסטו עס? אָט אַזוי קריכט דיר אין קאָפּ אַריין די הייליגע גמרא? און אויף דער ערד וואַרפסטו גאָר די גמרא?.. אויף דער ערד...

אָבער דאָ האָט זיך פּלוצלונג דערהערט אַ הילכיגער קלינגענדיגער קול און ווערטער זענען געפאַלען הינטער דעם מלמד׳ס פּלייצע:

—ר׳ משה, דערדאָזיגער יונגעל האָט אין זיין לעבען נישט געזעהן קיין וויין. אָנשטאָט וויין, האָט ער אין זיין לעבען געזעהן דלות, צרות און קלעפּ. און דעריבער איז איהם שווער איינצו׳חזר׳ן וואָס פריהער צו בענשען: דעם וויין צי דעם טאָג?

אָבער ר׳ משה האָט גאָרנישט געהערט דידאָזיגע בעמערקונג. ערשט איצט האָט ער זיך רעכט גענומען צו שלאָגען דאָס יונגעל. ער האָט איהם געשלאָגען אָהן שום רחמנות ביז וואַנען דאָס יונגעל איז אַנידערגעפאַלען אויף דער גמרא, וואָס איז איהם נאָך פריהער אַרויסגעפאַלען פון די הענד. דערזעהן, אַז דאָס יונגעל ליגט אויף דער גמרא, האָט ר׳ משה געוואָלט אָנהויבען נאָך שטאַרקער צו שלאָגען, אָבער אין דער אייגענער רגע האָט איהם עפּיס אַ שטאַרקע האַנד אַ שטויס געטהאָן מיט גרויס כּוח און דער רבי איז אומגעפאַלען אויפ׳ן קרומען טישעל און דאָס טישעל צוזאַמען מיט איהם איז אומגעפאַלען אויף דער ערד.

—ר׳ משה!—האָט עמיץ אויסגעשריען,—ר׳ משה! שוין-זשע איז דאָס נישט קיין יודיש קינד, וואָס איהר גיסט אויף איהם אויס אייער גאַל? שוין איז דאָס נישט קיין אָרים קינד, אַ ברודער אונזערער?

דאָס האָט גערעדט מאיר. זיין בלאַס געזיכט האָט זיך געררויטעלט. ער האָט זיך אָנגעבויגט און גענומען דאָס בלאַסע יונגעל אויף די הענד. מיט׳ן יונגעל אויף די הענד איז ער אַוועק צו דער טיר, אָבער דאָ האָט ער זיך אָבגעקעהרט און אויסגערופען:

—ר׳ משה! פון די יודישע קעפּ שלאָגט איהר אַרויס

שׂכל און פון די הערצער—דאָס רחמנות. איך האָב געזעהן, ווי מאַנכע קינדער האָבען געלאַכט, בשעת איהר האָט איהם געשלאָגען, און פון דעמדאָזיגען געלעכטער איז מיר פערלאָפען דאָס האַרץ מיט טרעהרען...

מיט דידאָזיגע ווערטער איז ער אַרויס פון חדר, טראָגענדיג דאָס קינד אויף די הענד. ערשט איצט איז געקומען ר׳ משה צו זיך. מאיר׳ס פלעצליכער איבערפאַל האָט איהם אינגאַנצען צומישט און צוטומעלט. דער מלמד האָט זיך אויפגעהויבען פון דער ערד און גענומען שרייען:

—אַ, רוצח, פערשאָלטענער יונג!

ער האָט אויפגעהויבען די פויסטען און גענומען שרייען צו די קינדער:

—געהט יאָגט איהם, כאַפּט איהם, שלאָגט איהם, פערווארפט איהם מיט שטיינער!

אָבער אין חדר איז שוין קיינער נישט געווען און קיינער האָט איהם נישט געהערט. בלויז די אומגעוואָרפענע בענקלעך מיט די צעוואָרפענע גמרות האָבען עדות-געזאָגט דערויף, אַז די תּלמידים זענען זיך אין גרויס שרעק צולאָפען. דערזעהן, אַז דאָס בידנע יונגעל איז נצול-געוואָרען פון דעם רבי׳ס האַנד און דער רבי אַליין ליגט אויף דער ערד און ראַנגעלט זיך מיט׳ן קרומען טיש, וואָס האָט איהם צוגעדריקט צו דער ערד און לאָזט איהם נישט אויפשטעהן,—האָט זיך דער עולם קינדער באַלד אויפגעכאַפּט פון די ערטער און גענומען לויפען, ווער דורך דער טיר, ווער דורך די פענסטער, מיט גרויס געשריי און קוויטשעריי, פונקט ווי אַ מחנה פויגלעך וואָלט זיך אַרויסגעריסען פון אַ שטייגעל.

דער חדר און דער שוהלהויף זענען געווען לעדיג. אויפ׳ן גאַניק פון בית-המדרש זענען געשטאַנען עטליכע בעלי-הבתּים און האָבען סאָליד געשמועסט צווישען איינאַנדער. דער גרויסער תּלמוד-חכם, ר׳ משה, האָט זיך אַוועקגעלאָזט צו זיי, שפּרינגענדיג און לויפענדיג, האַלטענדיג זיך מיט די הענד פאַר׳ן קאָפּ און שרייענדיג מיט ווילדע קולות.

מאיר איז אָבער בעת-מעשה זעהר שנעל געגאַנגען, טראָ-גענדיג אויף די הענד דאָס יונגעל, וואָס איבער זיינע איינגע-פאַלענע בעקלעך האָבען זיך געקוילערט גרויסע טראָפּענס טרעה-רען. אָבער אַ מאָדנע זאַך! לייבעלעס אויגען, וואָס האָבען גע-קוקט דורך טרעהרען אויף מאיר׳ן, זענען שוין נישט געווען אַזוי טויט און תמ׳עוואַטע, ווי אַלעמאָל. און אויף זיינע ציטרי-גע ליפּען, וואָס האָבען נאָך אויסגעדריקט פּחד און וועהטאָג, האָט געבלאָנזשעט עפּיס אַ שמייכעל. דאָס יונגעל האָט שמייכ-לענדיג געוויינט.

—גוטער מאיר!—האָט ער געשעפּטשעט.

—גוטער מאיר!—האָט ער שטיל איבערגע׳חזר׳ט.

ביים ראָג פון אַנ׳אָרימען געסעל מיט קליינינטשקע טונ-קעלע כאַטקעס, האָט מאיר אַוועקגעשטעלט דאָס קינד אויף די פיס.

—נו,—האָט מאיר געזאָגט און אָנגעוויזען אויף דער קליי-נער כאַטקע, וואָס האָט געהערט צו שמואל דעם שניידער,—איצט געה אַהיים...

לייבעלע האָט זיך ווידער דערשראָקען. די הענד האָט ער בעהאַלטען אין די אַרבעל פון זיין בגד׳ל און זיך אַוועק-געשטעלט אינמיטען וועג, ווי אַ שטעקען. מאיר האָט אַ שמייכעל געטהאָן.

—דו שרעקסט זיך?—האָט ער געפרעגט.

—איך שרעק מיך,—האָט ער אַרויסגעשעפּטשעט.

מאיר האָט אַ ווײלע געטראַכט, נאָכדעם איז ער אַוועק מיט׳ן יונגעל. לייבעלע איז געגאַנגען הינטער איהם טריט אין טריט, מיט די הענד אַריינגערוקט אין די אַרבעל און מיט אַנ׳-אָפענעם מויל.

## ניינטעס קאַפּיטעל.

דער טאָג איז באַלד אַוועק. אינ׳ם אָרימען געסעל האָט מען שוין געענדיגט די טאָג-פּראַצע. די אָרימע, אַרומגעבראָכענע, אַרומגעריסענע און עלענדע בעפעלקערונג האָט זיך אַרויסגעשאָ-טען אויף די שוועלען פון זייערע הייזער.

באַלד ווי מאיר איז נאָר אַריין אין געסעל, האָט ער שוין בעמערקט אַ פערענדערונג אין דער בעציהונג צו איהם פון דער בעפעלקערונג. פריהער האָט מען זעהר וואַרים בעגריסט דעם אייניקעל פון דעם רייכֿען ר׳ שאול׳ן. די, וואָס זענען בעהנטער בעקאַנטֿ געוואָרען מיט איהם, זענען צוגעגאַנגען צו איהם און האָבען אויסגעגאָסען פאַר איהם דאָס האַרץ. אַנדערע האָבען צו איהם פון די אָפענע פענסטער געשריען:

—ברוך הבא!

איצט האָט ער בעמערקט, ווי דער עולם וואַרפט אויף איהם קרומע שלעכֿטע בליקען; ווייבער קוקען איהם אָן מיט ניי-געריגקייט, סוד׳ען זיך און טייטלען אויף איהם מיט די פינגער; איינער פון די פריהערדיגע האָלצזעגער, וואָס האָט אַ גאַנצען חודש געאַרבייט אין ר׳ שאול׳ס הויף און וואָס איז געווען זעהר בעפריינדעט מיט איהם, האָט איהם אַפילו נישט בעגריסט, נאָר תיכף אַריינגעלאָפען אין כאַטקע און זיך דאָרט פערבאָרגען.

מאיר האָט געדריקט מיט די אַקסלען.

—וואָס בעדייט עס?—האָט ער געטראַכֿט.—וואָס ווילען זיי פון מיר? וואָס האָב איך זיי געטהאָן?

משונה האָט איהם אויך אויסגעזעהן דער אומשטאַנד, וואָס שמואל דער שניידער איז נישט אַרויסגעלאָפען, ווי אַלעמאָל, פון שטוב, צו קושען איהם די הענד און בעשיטען מיט אַ האָ-

געל לויבוועדטער, דאַנקען, חניפה און יללות וועגען זיין בי־טערע לאַגע. מאיר איז דאָך אַריין אין דער קליינער כאַטקע און לייבעלע איז געבליבען שטעהן ביים שוועל, אַנ'איינגעבוי־גענער און אַנ'איינגעקנוידערטער.

מאיר האָט זיך געמוזט איינבויגען, אַריבערטרעטענדיג די שוועל פון דער נידעריגער טיר, וואָס האָט געפיהרט פון פינסטערן פאָרהויז, וואו עס האָבען זיך אומגעדרעהט צוויי ווייסע ציגען, אינ'ם איינגען דושנעם הייזעל, וואו די לופט איז נאָך אַלץ גע־ווען אַ שווערע, כאָטש די פענסטער זענען געווען אָפען. אויפ'ן שוועל האָט ער געטראָפען אַ מאָגערע פרוי מיט אַ טונקעלען און איינגעשרומפענעם פנים. דאָס איז געווען שמואל'ס ווייב. זי האָט אַרויסגעטראָגען דעם יונגעל אַ שטיקעל שוואַרץ ברויט. דאָס איז שוין געווען לייבעלעס אָוועגדברויט, וואָס ער האָט שטענ־דיג בעקומען נאָכ'ן חדר, פאַר'ן שלאָף.

אָבער די גאַנצע משפחה האָט איצט געגעסען דאָסזעלבע אָוועגדברויט, נאָר מיט דעם אונטערשייד, וואָס די דריי דער־וואַקסענע מיידלעך, די צוויי יונגלעך, שמואל און זיין אַלטע מוטער האָבען צוגעגעבען צום ברויט אַ שטיקעלע ציבעלע, וואָס איז געלעגען אויפ'ן טיש. אויסער די צוויי יונגלעך, וואָס זענען געווען יונגער פאַר לייבעלע'ן און וואָס איצט זענען זיי געזעסען אין ווינקעל און געגעסען שוואַרץ טרוקען ברויט, איז איבער דער פאָדלאָגע, ביי די פיס פון אַ גרויסען הונד, אומגעקראָכען אַ צוויי־יעהריג יונגעל; אין וויגעל, ווידער, איז געלעגען אַ זויג־קינד. דאָס וויגעל איז געווען צוגעבונדען צום באַלקען און אַ מיי־דעל האָט עס אומגעוויגט; אַ צווייט מיידעל האָט זיך געטענטעלט אַרום די ציגען אין טונקעלען פאָרהויז און דאָס דריטע האָט געבראָקט שטיקלעך ברויט מיט ציבעלע און אַריינגעלעגט זיי אין די ציטריגע הענד פון דער אַלטער בלינדער באָבען. די־דאָזיגע אַלטע בלינדע באָבע איז געזעסען אויף דעם איינציגען בעט, וואָס איז געשטאַנען אין כאַטקע, וואָרום געשלאָפען האָט מען דאָ אויף האַרטע שמאָלע בענקלעך, אָדער פשוט אויף דער פאָדלאָגע. די אַלטע אָבער האָט געהאַט אַ ניש'קשה'דיג בעט.

איהר אַלטע ברוסט איז אַרומגעוויקעלט געווען מיט אַ ריין טי-בעל, און די הויב, וואָס האָט בעדעקט איהר קאָפּ, איז געווען פון שוואַרצען סאַמעט און אַפילו רייך בעפּוצט. דאָס מיידעל, וואָס איז געזעסען נעבען איהר אין אַ צוריסען קליידעל, מיט צושויבערטע האָר, האָט איהר מיט אַזאַ ערנסטען פּנים געלעגט אין די הענד אָדער אין מויל אַריין די שטיקלעך ברויט מיט ציבעלע, פּונקט ווי זי וואָלט געטהאָן זעהר אַ וויכטיגע אַרבייט. טיילמאָל האָט זי מיט איהר האַרטער, כמעט שוואַרצער האַנד געגלעט דער באָבעס איינגעשרומפּענע ציטריגע האַנד און בעת-מעשה צופרידען געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ, זעהענדיג, ווי די אַלטע קייט, אָהן עין-הרע, דאָס ברויט מיט ציבעלע.

אין דעמדאָזיגען אָרימען און איינגען הייזעל האָט די פרוי פערנומען דעם אויבענאָן און אַלע האָבען פאַר איהר גרויס דרך-ארץ געהאַט, ווי ביי דעם רייכען ר' שאול'ן. ביי יודען פיהרט זיך שוין אַזוי, אַז אַ זוהן, מעג ער זיין רייך אָדער אָרים, וועט ער קיינמאָל נישט פערלאָזען אויף דער עלטער די-יעניגע, וואָס האָבען איהם געשענקט דאָס לעבען. מיר אַלע שטאַמען-אַרויס פון איהר, ווי אַ צווייגעל פון אַ בוים" — האָט זיך ר' שאול אויסגעדריקט וועגען זיין מוטער. שמואל חייט קאָן נישט אויסדריקען אַזוי זיינע געפיהלען, ווי ר' שאול סוחר, אָבער אַז זיין מוטער איז בלינד געוואָרען, האָט ער פון גרויס אַנגסט זיך אויסגעריסען די שוואַרצע האָר פון קאָפּ. נאָכדעם האָט ער דריי טעג געפאַסט מיט דער גאַנצער משפּחה, צו קויפען פאַר דאָס געלד, וואָס עס קאָסט דאָס עסען, עפּיס אַ שטיקעל בעט פאַר דער מוטער. געקויפט דאָס בעט, האָט ער עס גוט פער-ריכט און אַוועקגעשטעלט ביי דער וואַנד, און אַז שרה, בער'ס ווייב, האָב איהם געגעבען צו נייהען אַ שוואַרץ סאַמעט קלייד, האָט ער אָבגעשניטען פון'ם שטאָף אַ היבש שטיקעל און אויפ-גענייהט דערפון פאַר דער מוטער אַ הויב.

דערזעהן, אַז מאיר לאָזט זיך אַריין אין'ם קליינעם היי-זעל, האָט זיך שאול אַ ריס געטהאָן פון זיין טאַבורעט, אויף וועלכען ער איז געזעסען און איז צוגעלאָפען צום גאַסט. ווי

געוועהנליך, האָט ער זיך טיף פערנויגט פאַר איהם, אָבער די האַנד האָט ער איהם נישט אַ קוש געטהאָן, ווי פריהער און נישט אויסגעשריען מיט גרויס שמחה:

—אָט אַ גאַסט! אַי-אַי, ס'אַראַ גאַסט!

—מאיר, האָט ער זיך אָנגערופען,—איך ווייס שוין, וואָס דו האָסט געטהאָן. די קינדער, וואָס זענען אַנטלאָפען פון חדר, האָבען געשריען, אַז דו האָסט אַרויסגעריסען לייבעלע'ן פון ר' משה'ס הענד און דעם מלמד האָסטו אַ שטויס געטהאָן און איהם אומגעוואָרפען אויף דער ערד. מאיר, פון גוטסקייט האָסטו עס געטהאָן, אָבער דאָס געפעלט מיר נישט. דו האָסט גענומען אַ גרויסען חטא אויף זיך און מיך האָסטו אויך איינגעזאַלצען אין אַ גוטער צרה. איצט וועט שוין ר' משה—הונדערט מיט צוואַנ-ציג יאָהר זאָל ער לעבען—נישט צונעהמען דאָס יונגעל צוריק אין חדר אַריין און מיינע קלענערע קינדער וועט ער אויך נישט נעהמען אין חדר אַריין און זיי וועלען בלייבען עם-הארצים. אוי-וואַ! מאיר! צוליב דיין גוטסקייט האָסטו פערקאָכט אַ שענע קאַשע!

—דו עס זיך נישט אָב דאָס האַרץ, שמואל,—האָט מאיר געזאָגט,—זיי מעגען טהאָן מיט מיר, וואָס זיי ווילען. דו האָב נאָר מיטלייד מיט דיין אייגען קינד און שלאָג איהם נישט. ער איז שוין אַזוי אויך גענוג געשלאָגען געוואָרען אין חדר...

—נו, וואָס, אַז געשלאָגען געוואָרען אין חדר?—האָט זיך שמואל געצאָפּעלט.—מיינע עלטערזיידעס און זיידעס און טאַטעס זענען אויך געגאַנגען אין חדר און זענען דאָרט אויך געשלאָגען געוואָרען. און איך בין אויך געגאַנגען אין חדר און מיך האָט מען אויך געשלאָגען! אָבער דערפון איז נאָך קיינער נישט גע-שטאָרבען.

—אָבער דו, שמואל, האָסט גאָר קיינמאָל נישט אַ טראַכט געטהאָן, אַז עס קאָן זיין אַנדערש?—האָט שוין מאיר ווייכער אַ פרעג געטהאָן.

ביי שמואל'ן האָבען גענומען גלאַנצען די אויגען.

—מאיר!—האָט ער אויסגעשריען,—לעסטער נישט גאָט ביי

מיר אין הויז. ביי מיר אין הויז איז אָרים און פינסטער, אָבער אַלע זענען, גאָט צו דאַנקען, פרום, היטען-אָב, וואָס מען בע-דאַרף אָפּהיטען, און האָרכען דאָס, וואָס די עלטערע זאָגען. שמואל חייט איז אַ יוד אַ קבצן און מיט זיינע צעהן פינגער האַלט ער-אויס זיין ווייב מיט אַכט קינדער און מיט אַ בלינדער מוטער! אָבער ער איז עהרליך פאַר גאָט און פאַר לייט, וויל ער היט-אָב אַלע דינים. שמואל חייט היט-אָב שבת, כשרות און איז אַ פרומער יוד. שמואל חייט פיהרט זיך אַזוי, ווי עס האָ-בען זיך געפיהרט זיינע זיידעס און עלטערזיידעס, און אַזוי דאַרף זיין...

אַז דער מאָגערער, בויגזאַמער און היציגער שמואל איז אַנטשוויגען געוואָרען, האָט איהם מאיר שטיל און ווייך אַ פרעג געטהאָן:

—אָבער, שמואל, זענען דיינע זיידעס און עלטערזיידעס גליקליך געווען? און דו, שמואל, ביזט גליקליך?

דידאָזיגע פראַגע האָט ווידעראַמאָל אָנגעצונדען דאָס אָרי-מע שניידערל.

—אַי-אַי!—האָט ער זיך גענומען צאַפּלען.—מיין גרעסטען שונא וואָלט איך דאָס נישט! מיין הויט איז אויסגעטריקענט געוואָרען אויף די ביינער און דאָס האַרץ ווערט צוריסען פון יסורים...

צו שמואל׳ס וויינענדיגע ווערטער האָט זיך בעהעפט אַ שווערער קרעכץ, וואָס האָט זיך דערטראָגען פון אַ וויטען טונ-קעלען ווינקעל. מאיר האָט זיך אָבגעקעהרט און דערזעהן עפּיס אַ הויכע און ברייטביינינע געשטאַלט, וואָס איז געשטאַנען, ווי אַ גרויער פלעק צווישען דעם גרויסען הונד און דעם אויווען. מאיר האָט געפרעגט:

—ווער איז דאָס?

—דאָס איז יאָכעל דער פוהרמאַן, ער איז מיינער אַנ׳-אַלטער בעקאַנטער.

אין דערדאָזיגער מינוט איז די הויכע ברייטביינינע גע-שטאַלט אַרויס פון ווינקעל, וואו זי איז געשטאַנען, און זיך דער-

נעהנט צו מאיר'ן. יאָכל איז געווען אַ פעסטגעבויטער מאַן, אָבער נישט-געקוקט דערויף, האָט ער אויסגעזעהן מיד און פער'דאגה'ט. געטראָגען האָט ער אַ שמוציגע און צוריסענע קורטקע, אָהן אַרבעל. די נאַקעטע פיס זענען געווען אין וואונדען. ער האָט געהאַט לאַנגע צושויבערטע רויטע האָר און געשוואָלענע ליפען. זיינע אויגען האָבען געקוקט מיט חוצפה, טיילמאָל אָבער האָט ער זיי אַראָבגעלאָזט צו דער ערד. ער איז צוגעגאַנגען צום טיש און גענומען אַ שטיקעל ברויט מיט ציבעלעס.

—מאיר,—האָט ער געזאָגט און דרייסט אַ קוק געטהאָן אויפ'ן יונגענמאַן,—דו ביזט מיינער אַנ'אַלטער בעקאַנטער. איך האָב געפיהרט דיין פעטער רפאל'ן. ער איז געפאָהרען דיך ברענגען אַהער קיין שיבאָוו. איך האָב אייך ביידען געבראַכט אַהער אין שטעדטעל.

איך האָב דיך אויך אַמאָל געטראָפען,—האָט מאיר געזאָגט,—דו ביזט אַנ'אַנשטענדיגער פוהרמאַן געווען... פיר פערד האָסטו געהאַט...

דער הקדש-קוואַרטיראַנט האָט אַ שמייכעל געטהאָן מיט זיינע געשוואָלענע ליפען.

—נו,—האָט ער געזאָגט,—דאָס איז וואָהר... אָבער מיט מיר האָט אַנ'אומגליק געטראָפען... איך האָב געוואָלט מאַכען עפּיס אַ גרויס געשעפט, אָבער דאָסדאָזיגע געשעפט האָט מיך אומגליקליך געמאַכט... אָבער אַז מיט מיר איז געשעהן איין אומגליק, איז געקומען דאָס צווייטע...

—אָט דאָס צווייטע אומגליק דיינס, יאָכל,—האָט מאיר געזאָגט,—איז געווען דיין פערברעך... פאַרוואָס האָסטו ביינאַכט אַוועקגעפיהרט די פערד פונ'ם פריצ'ס שטאַל...

יאָכל האָט זיך ציניש צולאַכט.

—וואָס הייסט פאַרוואָס? איך האָב זיי געוואָלט פערקויפען און האָבען אַ ביסעל געלד...

שמואל האָט פיינליך אַ שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ.

—אָי-אָי!—האָט ער אָבגעזיפצט.—בידנער, בידנער יאָכל! דריי יאָהר איז ער געזעסען אין תפיסה, און איצט, אַז מען

האָט איהם אַרויסגעלאָזט פון דאָרט, פערדינט ער גאָרנישט און מוז זיך אויפהאַלטען אין הקדש...

יאָכעל האָט ווידער שווער אָבגעזיפצט, אָבער ער האָט אויפגעהויבען ענערגיש דעם קאָפּ.

—נו,—האָט ער זיך אָנגערופען,—מילא, אפשר וועל איך איצט פאַקען אַ גרעסערע סומע...

דידאָזיגע ווערטער האָבען מאיר'ן דערמאָהנט אין יענעם געהיימען געשפרעך, וואָס איז זעהר קורץ געפיהרט געוואָרען צווישען דעם רייכען קאַמיאָנקער און דעם גנב יאָכלע'ן. אין דער אייגענער צייט האָט ער אויך בעמערקט, ווי שמואל האָט זיך שטאַרק פערענדערט אין פנים. זיין דין, בלאַס און ריה-רעוודיג געזיכט האָט נערוועאיש געציטערט. די אויגען האָבען געשאָטען מיט פונקען, די הענד האָבען זיך געטרויסעלט.

—נו,—האָט ער געזאָגט,—צי קאָן מען וויסען, וואָט מיט אַ מענשען וועט מאָרגען זיין? אויב ער איז היינט זעהר אָרים, וועט ער אפשר מאָרגען זיין זעהר רייך. ווער קאָן עס ווי-סען?.. אפשר וועט שמואל חייט ווען-עס-איז זיך אויסבויען אַ שען הייזעל נעבען מאַרק און וועט פיהרען גרויסע געשעפ-טען?

מאיר האָט טרויעריג אַ שמייכעל געטהאָן. זייערע האָפנונ-גען האָבען קיין שום ממשות נישט געהאַט און מאיר האָט רחמנות-געהאַט אויף די צוויי קבצנים. פערטראַכט האָט ער אַרויסגעקוקט דורכ'ן פענסטער אויף די ברייטע פעלדער, וואָס זענען געלעגען הינטער די נידעריגע הייזלעך.

—דו, שמואל,—האָט ער זיך אָנגערופען,—וועסט שוין קיינ-מאָל נישט האָבען קיין הויז אויפ'ן מאַרק און יאָכעל וועט נישט פאַקען קיין סומעס געלד. און עס איז גאָר קיין וואונדער נישט. אין שטעדטעל זענען פאַרהאַן אַזויפיל קבצנים און לעדיגגעהער, אַז קיין איינער פון זיי וועט דאָ גאָרנישט פערדינען. אָבער איך מיין אַזוי: ווען איהר וואָלט זיך דאָ אַלע אַזוי נישט אַרומ-געדרעגט אין די שמוציגע קליינע געסלעך. נאָר איהר וואָלט בעסער אַוועקגעפאָהרען אין דער גרויסער וועלט אַריין און נישט

נעזוכט קיין גרויסע פּערדינסטען, נאָר בעסער בעאַרבייט די ערד, ווי די פּויערים בעאַרבייטען זי, וואָלט איהר ערשט גע-לעבט ווי מענשען אויף דער וועלט.

גערעדט האָט מאיר אַ פערטראַכטער און געטראַכט האָט ער קענטיג, נישט וועגען דידאָזיגע צוויי מענשען, צו וועלכע ער האָט גערעדט, נאָר וועגען דעם גאַנצען עולם מענשען, וואָס האָבען איצט אָנגעפילט די לופט מיט טומעל און געשרייען: ווייבער האָבען זיך געקריגט, קינדער האָבען געוויינט און עמיץ האָט אָבגעזיפצט און בעקלאָגט זיין מזל.

אָבער שמואל חייט, דערהערענדיג דעם גאַסטס ווערטער, איז צוויי מאָל אויפגעשפּרונגען פון אָרט און צוויי מאָל אַ ציה געטהאָן די יאַרמאָלקע אויפ׳ן קאָפּ.

—גוטער מאיר!—האָט ער אויסגעשריען.—שלעכטע ווער-טער פאַלען פון דיין צונג. אינ׳ם פאָלק ישראל ווילסטו איבער-קעהרען אַלץ מיט׳ן קאָפּ אַראָב!..

—שמואל!—האָט אויך מאיר אַרויסגעזאָגט מיט ברען.—דאָס איז נישט אמת. בשעת איך קוק אויף אייער דלות און אויף די יסורים פון אייערע קינדער און בשעת איך קוק-אַריין אין מיין אייגען האַרץ, ווילט זיך מיר טאַקי איבערקעהרען אַלץ מיט׳ן קאָפּ אַראָב.

—גוואַלד!—האָט אויסגעשריען דער היציגער און איינ-דרוקספולער שמואל, אָנכאַפּענדיג זיך מיט די הענד פאַר׳ן קאָפּ.—איך וויל גאָרנישט גלויבען דערין! אין פרצוף וואָלט איך גע-שפּיגען יענע מענשען, וואָס קאָנען ריידען אַזוינע זאַכען. אָבער איצט זעה איך, מאיר, אַז דו ביזט אַ שלעכטער יוד און אַז דו האַלטסט נישט פון די מנהגים פון אונזערע הייליגע אבות!

מאיר האָט אַ ציטער געטהאָן און זיך אויסגעגלייכט:

—ווער זאָגט עס, אַז איך בין אַ שלעכטער יוד?—האָט ער געפרעגט מיט ברענענדיגע אויגען.

דעמאָלט האָט שמואל פערלאָרען זיין חוצפה. ווייך און שטיל איז ער צוגעגאַנגען צו מאיר׳ן. ער האָט זיך אָנגערופען צו מאיר׳ן מיט אַזאַ טאָן, ווי מען זאָגט אַ סוד, כאָטש קיינער

פון די זייטיגע האָט איהם בעת-מעשה נישט געשטערט. יאָכעל איז שוין ווידער געשטאַנען אין טונקעלען ווינקעל, נעבען אוי-ווען און הויך געקייט דאָס ברויט מיט דער ציבעלע.

—מאיר!—האָט שמואל געזאָגט,—פרעג נישט, ווער עס האָט געזאָגט, אַז דו ביזט אַ שלעכטער יוד! ווי עס שעפּטשען די בלעטער אויף די בוימער, אַזוי שעפּטשען די ליפּען ביי די מענשען, און קיינער קאָן נישט וויסען, וואָסער בלאָט האָט זיך בעוועגט און קיינער קאָן נישט וויסען, וואָסערע ליפּען האָבען געמורמעלט. מאיר, אַלע, אַלע רופען זיך שלעכטס אָב וועגען דיר! מען זאָגט, אַז די ביזט מחלל-שבת, אַז דו לייענסט טריפה'נע ביכלעך, אַז דו זינגסט מאַ'ס'ע לידער, אַז דו בונטעוועסט די יודישע קינדער און אַז דו האָסט נישט קיין דרך-ארץ פאַר למדנים און גבירים און...

דאָ האָט ער זיך אָבגעהאַקט אויף אַ מינוט און נאָכדעם זעהר שטיל און אַזוי ווי פערשעמט אַרויסגעזאָגט:

—און דו חבר'סט זיך מיט דער קאַראַאימער מיידעל...

מאיר איז געשטאַנען, ווי אַ פערשטיינערטער. ער איז בלאַס געוואָרען און זיינע אויגען האָבען געברענט.

—ווער אָבער האָט עס אַלץ געזאָגט?—האָט ער אַ פרעג געטהאָן מיט אַ פערשטיקטען קול.

—מאיר!—האָט שמואל אויסגעצויגען פערצווייפעלט די הענד.—מען האָט אויף דיר אַרויפגעלעגט אַ שטראָף און דו האָסט אַ גאַנצע וואָך געמוזט זיצען אין בית-המדרש און מיר אַלע אָרימע, קבצנים, אביונים, וואָס וואוינען אין דידאָזיגע געסלעך, האָבען אויפגעהויבען אַ גוואַלד! און עס זענען געווען אַזוינע, וואָס האָבען געוואָלט געהן צו דיין זיידען שאול און צו אונ-זער רב און בעטען זיי, מען זאָל אַראָבנעהמען פון דיר דידאָזיגע חרפה. יודעל זעגער האָט געוואָלט געהן און ברוך פוהרמאַן האָט געוואָלט געהן און שמואל חייט האָט אויך געוואָלט געהן! אָבער דערנאָך האָט דער עולם גענומען מור-מלען, און אַז מיר האָבען דערהערט פאַרוואָס מען האָט דיך בעשטראָפט, זענען מיר שטיל געוואָרען. מיר האָבען זיך אַזוי

געזאָגט: „מאיר איז אַ גוטער און האָט מיטלייד מיט אונז. מאיר איז נישט קיין בעל-גאוה און פלעגט אונז שטענדיג אַרויסהעלפען אין אונזערע צרות, אָבער אויב מאיר איז מחלל-שבת, טאָ זאָל ער בעקומען אַ שטראָף דערפאַר.

שמואל האָט עס אַלץ אַרויסגעהאַקט אין איין אָטעם און באַלד אַנטשוויגען געוואָרען, און מאיר, וואָס האָט איהם געקוקט אין די אויגען אַריין מיט אַ דורכדרינגליכען פייערדיגען בליק, האָט אַ פרעג געטהאָן:

—נו, און אַז אונזערע גבירים און בעלי-תורה וואָלטען דיך געהייסען, דו זאָלסט מיך פעוואַרפען מיט שטיינער, וואָלסטו זיי מסתמא אויך געפאָלגט?

שמואל האָט זיך ווידער אַ כאַפּ געטהאָן און אַ שפּרונג געגעבען אויף גאַנצע צוויי טריט:

—גוואַלד!—האָט ער זיך געצאַפּעלט.—צו וואָס זאָלסט עס אַרויסריידען אין אַ שלעכטער שעה!

נאָכדעם האָט ער רוהיגער צוגעגעבען:

—אוי, מאיר, ווען דו וואָלסט אָבגעהיט אונזערע דינים!

ער האָט נישט געענדיגט, ווייל מאיר האָט איהם איבער-געשלאָגען:

—שמואל! צי פערשטעהסט איהר אַלע אונזערע דינים? וואָסער דין איז אַ געטליכער און וואָסער דין איז אויסגעטראַכט געוואָרען פון מענשען?

—שאַ-אַ!—האָט איהם שמואל אַ צופּ געטהאָן פאַר'ן אַר-בעל.—מאיר, איך וויל נישט, אַז אין מיין שטוב זאָל מיט דיר גע-שעהן אַן'אומגליק. פרעמדע מענשען האָרכען אונז אונטער...

מאיר האָט אַרויסגעקוקט אין פענסטער און האָט דערזעהן עטליכע פאַרשוין, זיצענדיג אויף דער פריזבע נעבען שמואל'ס הויז. דידאָזיגע לייט האָבען זיך גאָרנישט צ'געהערט. פערקעהרט, זיי זענען געזעסען און געשמועסט צווישען איינאַנדער, אָבער מאיר'ס לעצטע ווערטער האָבען זיי, קענטיג, יאָ געהערט, מחמת זיי האָבען אָנגעוויגט די פּנים'ער צום אָפענעם פענסטער און האָבען אַריינגעקוקט אין הייזעל מיט נישט פריינדליכע אויגען.

מאיר האָט אַ ציה געטהאָן מיט'ן אַקסעל, זיך צוזעגענט מיט שמואל'ן און זיך מכּין-געווען אַוועקצוגעהן. אָבער אַז ער האָט זיך שוין געפונען ביי דער שוועל, איז שמואל האַסטיג צוגע-שפרונגען, זיך אָנגעבויגט און אַ קוש געטהאָן איהם די האַנד.

—מאיר!—האָט ער אַ שעפּטשע געטהאָן,—איך האָב אויף דיר גרויס רחמנות. בעדאַכט זיך! דו האָסט אַ גוט האַרץ, אָבער זעהר אַ שלעכטען קאָפּ. אַ פייער ברענט אין דיין קאָפּ! אוי-וועה! דו האָסט היינט פערקאָכט אַ פיינע קאַשע מיט'ן מלמד!.. דו מוזט זיך נעהמען אויף אַנ'אַנדער וועג, מאיר!..

דער שניידער האָט נאָך אַלץ געהאַלטען מאיר'ס האַנד אין זיינער. ער האָט אַ ציטער געטהאָן און האַסטיג צוגעגע-בען:

—מאיר, ווען דו וואָלסט נישט בעשולדיגט געוואָרען אין אַזאַ מין חטא, וואָלט איך נאָך היינט געעפענט דאָס האַרץ פאַר דיר. שמואל חייט, בעדאַרפסטו וויסען, האָט גרויסע דאגות אויפ'ן קאָפּ. ער ווייס אַליין נישט, ווי אַזוי מען טהוט דאָ! ווארום ער קאָן, דהיינו, בלייבען אויפ'ן גאַנצען לעבען אַזאַ קבצן, ווי ער איז איצט, אָדער ער קאָן ווערען אַ יוד אַנ'עשיר, ער קאָן ווערען זעהר גליקליך אָדער זעהר אומגליקליך, ווארום עפּיס געהט צו איהם אין דער האַנד אַריין, נאָר ער האָט עס מורא צו נעהמען, וויל דאָס שמעקט אַמאָל מיט אומגליק אויך.

מאיר'ן האָבען שטאַרק גע'חדוש'ט דידאָזיגע ווערטער, אָבער אין דער אייגענער רגע האָט זיך דערטראָגען אַ גראָבער און אַ הייזעריגער קול פון הינטער'ן אויווען:

—שמואל! דו ווערסט שווייגען, צי נישט? קום-אַהער!

שמואל, וואָס האָט איצט אויסגעזעהן אַזוי ווי האַלב משוגע, איז אָבגעשפרונגען פון מאיר'ן. מאיר איז דערווייל אַרויס אין דרויסען, אַ פערטראַכטער, מיט ברענענדיגע אויגען.

דערזעהן מאיר'ן, האָבען זיך די מענשען, וואָס זענען גע-זעסען אויף דער פריזבע, שטאַרק אָנגעוואָלקענט. צוויי פון זיי האָבען איהם קאַלט און קורץ בעגריסט. קיינער האָט זיך נישט

אויפגעהויבען פאַר איהם. ווי אַמאָל, און קיינער איז צו איהם נישט צוגעגאַנגען, צו כאַפּען אַ שמועס מיט איהם און צו בע-גלייטען איהם אַהיים.

אָבער פון הינטער דער וואַנד פון שמואל׳ס הייזעל האָט זיך אויפגעהויבען אַ בלאַס יונגעל אין אַ גרויען לאַנגען מלבוש און איז אַוועק נאָך מאיר׳ן. די הענד האָט ער געהאַלטען אין די אַרבעל, די אויגען האָבען איהם געקוקט מיד און האַלב-צו-געמאַכט און געגאַנגען איז ער שלעפעריג און שוואַך. אָבער אַז מאיר האָט געשטעלט מונטערע איילּיגע טריט, האָט זיך דאָס יונגעל אויך גענומען שנעלער בעוועגען.

אַזוי-אַרום זענען ביידע, מאיר און לייבעלע, אַדורכגעגאַנגען דאָס לאַנגע געסעל און זענען געקומען פאַר דעם ליידיגען פּלאַץ, וואָס האָט אָבגעטיילט דאָס שטעדטעל פונ׳ם קאַראַאימער הייזעל.

דרויסען איז שוין געווען פינסטער און אין דעם קאַראַ-אימערס הייזעל האָט שוין נישט געברענט דאָס קליינע ליכטעל. מען איז דאָ אָבער נאָך נישט געשלאָפען, ווייל באַלד ווי מאיר איז צוגעגאַנגען צום פענסטער, האָט זיך בעוויזען גאָלדעס שלאַנ-קע פיגור.

זיי האָבען זיך בעגריסט שטיל און שווייגענדיג.

—גאָלדע,—האָט מאיר געזאָגט שטיל, אָבער האַסטיג,—איז מיט דיר דאָ נישט געשעהן עפּיס אונאָנגענעהמעס? האָט דיך קיי-נער נישט בעליידיגט?

דאָס מיידעל האָט געשוויגען, אָבער אין אַ ווײלע אַרום האָט זי זיך אָנגערופען:

—פאַרוואָס פרעגסט דו מיך, מאיר, וועגען דעם?

—ווייל מיר דאַכט זיך, אַז מענשען האָבען דיך בעלײ-דיגט. אין שטאָדט האָט מען אָנגעהויבען ריידען פון דיר.

גאָלדע האָט אַ דריק געטהאָן מיט די אַקסלען.

—איך האָב פאַר זיי קיין מורא נישט,—האָט זי געזאָגט,—און זייער בעליידיגונג נעהמט מיך אויך נישט, ווייל די בעליי-דיגונג איז מיין שוועסטער.

זי איז ווידעראַמאָל אַנטשוויגען בעוואָרען. מאיר איז גע־שטאַנען אַנ׳אונרוהיגער.

—פאַרוואָס איז ביי אייך היינט פינסטער אין באַטקע?—האָט ער געפרעגט.

—איך האָב נישט קיין וואָהל צום שפינען און דער זיי־דע דאַוועט אינדערפינסטער.

אַז מען האָט זיך צוגעהערט, האָט מען געקאָנט הערען עפּיס אַ מין שעפּטשען. דער אַלטער, האָט קענטיג, געדאַוועט.

—פאַרוואָס האָסטו נישט קיין וואָהל צו דער אַרבייט?—האָט מאיר געפרעגט.

—איך האָב אָוועקגעטראָגען האַנע׳ן און שרה׳ן די אַרבייט, אָבער קיין נייע אַרבייט האָבען זיי מיר נישט געגעבען.

—און זיי האָבען דיך נישט בעליידיגט,—האָט מאיר גע־פרעגט.

גאָלדע האָט ווידער געשוויגען.

—דעם מענשענס אויג בעליידיגט טיילמאָל מעהר, ווי די צונג,—האָט זי רוהיג געזאָגט.

זי האָט זיך, אַפּנים, נישט געוואָלט קלאָגען אויף איהר לעבען אָדער בעשולדיגען עמיצען. און אפשר, קאָן זיין, האָבען זיך איהרע געדאַנקען בעשעפטיגט מיט עמיץ אַנ׳אַנדערן און נישט מיט איהר אייגענער פּערזאָן.

—מאיר,—האָט זי געזאָגט,—דו האָסט געהאַט אַ סך אַנגסט די טעג?

מאיר האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף אַ נידעריג בענ־קעל, וואָס איז געשטאַנען אונטער׳ן אָפענעם פענסטער, האָט אַוועקגעלעגט דעם קאָפּ אויף די הענד און שווער אָבגע־זיפצט.

—די גרעסטע יסורים אָבער האָב איך היינט געהאַט,—האָט ער געענטפערט,—יודען קעהרען זיך אָב פון מיר, מען האַלט מיך פאַר אַ שונא... אין גאַס זעה איך נאָר פיינטשאַפט און די, וואָס פלעגען עפענען פאַר מיר דאָס האַרץ, בעציהען זיך צו מיר מיט פעראַכטונג.

גאָלדע האָט טרויעריג אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ. מאיר האָט געזאָגט :

—איך ווייס שוין אַליין נישט, וואָס איך טהו און וואָס עס זאָל זיין מיט מיר. מיין האַרץ ליגט אונטער שווערע ספקות. אויב איך זאָל פאָלגען מיין האַרץ און טהאָן אַזוי ווי עס הייסט מיר, וועט מיר זיין זעהר שלעכט... אויב אָבער איך זאָל געהן געגען מיין אייגען האַרץ, וועל איך מיך אַליין פערהאַסען און איך וועל שוין קיינמאָל נישט וויסען פון גליק... זיצענדיג אין בית-המדרש, האָב איך בעשלאָסען צו לעבען מיט אַלעמען בשלום, פערמאַכען די אויגען אויף אַלץ און אויף אַלעם און זיך האַל-טען שטיל און רוהיג... אָבער אַז איך בין אַרויסגעגאַנגען פונ׳ם בית-המדרש, האָב איך די אייגענע רגע נישט אויסגעהאַלטען און איך האָב מיך אָנגענומען פאַר אַנ׳אָרים קינד, וואָס דער מלמד האָט עס בעליידיגט. אָבער אַזויאַרום האָב איך בעליי-דיגט דעם מלמד און דורכ׳ן מלמד—אַלע יודען... אָט וואָס איך האָב היינט אויפגעטהאָן... און איצט טראַכט איך, צי וועט עס עפּיס העלפען? שוין-זשע וועט דער מלמד אויפהערען צו שלאָ-גען די קינדער? און וואָס קאָן איך דאָ העלפען? גאָלדע, איך בין אַליין... יונג בין איך... און דעריבער געוועלטיגען איבער מיר אַלע... מיינע חברים פערפאָלגט מען דערפאַר, וואָס זיי הבר׳ן זיך מיט מיר... שרעקען זיי זיך און געהען שוין נישט צו מיר... דיך האָט מען שוין אויך אָנגעהויבען צו פערפאָלגען דערפאַר, וואָס דו האָסט פעראייניגט דיין האַרץ מיט מיי-נעם, דיין מיינונג מיט מיינער... איך האָב דיך אומגליקליך געמאַכט... אָבער, גאָלדע, אפשר זאָל מען לעבען, ווי אַלע גע-וועהנליכע מענשען...

מאיר האָט גערעט אַלץ שטילער און שטילער. עס האָט זיך געשפּירט, אַז ער איז אינגאַנצען אָנגעזאַפּט מיט ספקות און וואַקלעניש.

איצט האָבעןביידע לאַנג געשוויגען און אין דער אייגע-נער מינוט האָט זיך דערהערט עפּעס אַ מאָדנער גערויש. פון אָנהויב האָט מען נישט געקענט וויסען, וואָס דאָס איז פאַר אַ

גערויש, שפּעטער אָבער האָט מען זיך דייטליכער געהערט, ווי עס קלאַפּען רעדער און מענשען ריידען.

—וואָס איז עס עפּיס אַזוינס?—האָט זיך מאיר אויסגע-גלייכט.

—וואָס איז עס אַזוינס?—האָט גאָלדע רוהיג געפרעגט.

—מיר דאַכט זיך,—האָט מאיר געזאָגט,—אַז אַ סך וועגענס פאָהרען פון יענער זייט באַרג...

—און מיר דאַכט זיך,—האָט דאָס מיידעל געזאָגט,—אַז אויף יענער זייט באַרג קלאַפּט און רוישט עפּיס.

דער גערויש איז געוואָרען אַלץ נעהענטער און נעהנ-טער. עס האָט זיך געדאַכט, אַז מענשען געהען און טראָגען אין די הענד עפּיס שווערע זאַכען.

מאיר האָט זיך דערשראָקען און זיך שאַרף אַריינגעקוקט גאָלדען אין פּנים אַריין.

—פערמאַך שנעל די פענסטער און פערשפּאַר די טיר,—האָט ער געזאָגט,—איך וועל געהן אַ קוק טהאָן, וואָס דאָרט איז אַזוינס.

ער האָט זיך, אַפּנים, געשראָקען פאַר איהר, אָבער דאָס מיידעל האָט אַ דריק געטהאָן מיט די אַקסלען און געזאָגט:

—צו וואָס זאָל איך פערמאַכען טיר און פענסטער? זיי זענען סיי-ווי-סיי זעהר שוואַך, און אַז איך וועל זיי אַפּילו פערמאַכען, וועט זיי יעדער קאָנען עפענען ביי דער ערשטער בעריהרונג.

מאיר איז אַרומגעגאַנגען אַרום דעם באַרג און דאָס, וואָס ער האָט דאָ דערזעהן, האָט איהם שטאַרק פער׳חדוש׳ט.

אויף די זאַמדיגע פעלדער זענען געשטאַנען וועגענס פער-לעגט מיט פעסלעך פון פערשידענער גרויס; אַרום די וועגענס האָבען זיך בעוועגט אַ סך מענשען: יודען און פויערים. די פויע-רים האָבען אַראָבגענומען די פעסלעך פון די וועגענס און אַראָבגעלאָזט זיי אין אַ טיפער גרוב, וואָס איז דאָ אויסגעגראָ-בען געוואָרען. די יודען האָבען געשריען, זיך צוגעקוקט צו די פעסלעך, לייכט געקלאַפּט איבער זיי מיט די פינגער און זיך

געדרענגט אַרום אַ מענשען, וואָס איז געשטאַנען ביים באַרג. דאָס איז געווען יאַנקעל קאַמיאָנקער.

צווישען די יודען האָט מאיר דערזעהן עטליכע בעקאַנטע שענקער, און יאַנקעל קאַמיאָנקער האָט געפיהרט מיט זיי גאַנצע אונטערהאַנדלונגען.

די פויערים, וואָס האָבען געבראַכט די פעסלעך, זענען גע־שטאַנען אונבעוועגליך ביי די וועגענס און בייז געשוויגען. דער שטאַרקער ריח פון בראָנפען האָט זיך פערשפרייט איבער'ן טאָל און האָט פול געמאַכט די לופט פון דעם זומערדיגען אָוועגד.

מאיר האָט זיך נישט לאַנג גע'חדוש'ט. ער האָט, אַפנים, פערשטאַנען די בעדייטונג פון דערדאָזיגער סצענע און עס איז געווען קענטיג, אַז ער האָט אָנגענומען עפיס אַ בעשלוס. ער האָט געמאַכט עטליכע טריט פאָראויס, פונקט ווי ער וואָלט ווע־לען צוגעהן צו קאַמיאָנקער'ן, אָבער פלוצלונג האָט איהם עמיץ, אַ הויכער מענש מיט באָרוועסע פיס און צושויבערטע האָר, פער־שטעלט דעם וועג.

—מאיר, וואוהין געהסטו?—האָט דערדאָזיגער מענש שטיל געפרעגט.

—וואָס געהט עס דיך אָן, יאָכעל, וואוהין איך געה?—האָט מאיר געזאָגט. ער האָט געוואָלט געהן ווייטער, אָבער יאָכעל האָט איהם אָנגעכאַפט ביים אַרבעל פונ'ם זומערמאַנטעל.

—דו ווילסט, אַפנים, זעה איך, זיך בעצאָהלען מיט'ן לע־בען?—האָט יענער אַ שעפטשע געטהאָן.—איך האָב אויף דיר רחמנות, ווייל דו ביזט אַ גוטער און איך זאָג דיר מיט גוטען: געה אַוועק פון דאַנען!

—ווי איז אָבער, אַז איך וויל וויסען, וואָס ר' יאַנקעל טהוט דאָ מיט די שענקערס און מיט די פעסלעך?—האָט מאיר געפרעגט.

—אָבער וואָס געהט עס דיר אָן,—האָט יאָכעל ווידער בייז אַ שעפטשע געטהאָן,—זאָלען דיינע אויגען נישט זעהן, דיינע אויערן נישט הערען דאָס, וואָס ר' יאַנקעל טהו'ט דאָ. ער מאַכט

דאָ פיין געשעפטעל, און דו ווערסט נאָך איהם שטערען... און צי וואָס זאָלסטו איהם שטערען? שוין-זשע ווערסטו האָבען דער-פון עפּיס אַ פעולה? שוין-זשע ווערסטו איהם עפּיס טהאָן?

מאיר איז געשטאַנען אַ פערשטיינערטער. נאָכדעם האָט ער זיך אומגעדרעהט און איז אַוועק אין דער צווייטער זייט.

—שוין-זשע קאָן איך איהם עפּיס טהאָן,—האָט מאיר ארויסגעזאָגט פאַר זיך מיט ציטריגע ליפּען.

פאַרבייגעגאַנגען דעם קאַראַאימערס הייזעל, האָט ער גע-זעהן, ווי גאָלדע שטעהט נאָך אַלץ ביים פענסטער. ער האָט איהר אַ שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ און געזאָגט:

—אַ גוטע נאַכט!

אָבער זי האָט איהם אַ רוף געטהאָן:

—מאיר, עפּיס אַ קינד זיצט דאָ אויף דער ערד און שלאָפט.

מאיר איז צוריקגעגאַנגען און האָט באמת דערזעהן אויפ'ן בענקעל, וואו ער איז פריהער געזעסען, אַ צונויפגעקנוידערטע גרויע געשטאַלט פון אַ קינד.

—לייבעלע,—האָט ער אַרויסגעזאָגט אַ פערגאַפטער.

מאיר האָט גאָרנישט בעמערקט, ווי דאָס יונגעל איז איהם די גאַנצע צייט נאָכגעגאַנגען פון ווייטען און האָט זיך נאָכדעם שטילערהייט אַנידערגעזעצט הינטער איהם. איצט האָט ער שטאַרק געשלאָפען, אָנשפּאַרענדיג די עלענבויגען אויף די קניה און דעם קאָפּ אויף די הענד.

—לייבעלע,—האָט מאיר איבערגע'חזר'ט און אַרויפגעלעגט אויף איהם די האַנד אויפ'ן קאָפּ.

דאָס יונגעל האָט אויפגעעפענט אַ פּאָר פערשלאָפענע אוי-גען, אַ קוק געטהאָן אויף מאיר'ן און גענומען שמייכלען.

—לייבעלע, צי וואָס ביזטו געקומען אַהער?—האָט מאיר אויך געפרעגט מיט אַ שמייכעל.

דאָס יונגעל האָט אַ ווײַלע געטראַכט און נאָכדעם גע-זאָגט:

—איך בין געגאַנגען נאָך דיר...

—דער טאַטע מיט דער מאַמען ווייסען דאָך נישט, וואוהין דו בייזט אַוועק.

דער טאַטע שלאָפט שוין און די מאַמע שלאָפט שוין,—האָט לייבעלע אָנגעהויבען און, שמייכלענדיג, געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.—און די ציגען שלאָפען שוין.—האָט ער צוגעגעבען און זיך הויך צולאַכט.

אָבער מאיר האָט שוין מעהר נישט געשמייכעלט. ער האָט זיך אויסגעגלייכט, אָבגעזיפצט, איינגעבויגען דעם קאָפּ און געזאָגט צו זיך אַליין:

—וואָס פאָרט קאָן איך איצט טהאָן?

גאָלדע האָט מיטביידע הענד אַרומגעכאַפּט איהר קאָפּ און מיט אומעטיגע אויגען געקוקט אויפ'ן אויסגעשטערנטען הימעל. נאָכדעם האָט זי שטיל און נישט-זיכער אַ שעפּטשע געטהאָן:

—איך וועל פרעגען דעם זיידען. דער זיידע איז זעהר אַ גרויסער למדן... ער קאָן גאַנץ תנ"ך אויסווענינ.

—פרעג,—האָט מאיר געזאָגט.

דאָס מיידעל איז אַנטרונען געוואָרען אין דער שטוב-פינסטערניש און עס האָט זיך געהערט ווי זי פרעגט:

—זיידע, וואָס הייסט גאָט טהאָן דעם מענשען, פון וועלכען אַלע קעהרען זיך אָב בלויז דערפאַר, ווייל ער וויל טהאָן גוטס.

דערהערט דידאָזיגע פראַגע, האָט דער אַלטער קאַראַאים אַרויסגעזאָגט שטיל און פערטראַכט:

—גאָט האָט געזאָגט: „הער צו מיינע ווערטער און גיב זיי איבער דעם גאַנצען פאָלק. אויב דו וועסט זיך בעגעהן אַזוי, וועסטו זיין מיין טרייער דינער, אויב אָבער דו וועסט שווייגען, וועט אויף דיין קאָפּ פאַלען מיין קללה."

דער אַלטער איז אַנטשוויגען געוואָרען און מאיר האָט איהם אויסגעהערט מיט אַנ'אויפגעהויבענעם קאָפּ, מיט אַ בלאַס געזיכט און מיט ברענענדיגע אויגען.

אין גאָלדעס אויגען האָבען זיך בעוויזען טרעהרען, אָבער

מאיר האָט זיי נישט געזעהן. ער איז געווען פערזונקען אין עפּיס אַ טיפער מחשבה. אין אַ מינוט אַרום האָט ער איהר אַ שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ און איז אַוועק. גאָלדע איז פערבליבען ביים אָפענעם פענסטער. זי האָט געקוקט ווי מאיר דערווייטערט זיך. זי האָט אויסגעזעהן זעהר רוהיג, אָבער פון איהרע אויגען זענען איינציגווייז געפאַלען גרויסע טרעהרען.

זי האָט געשעפּטשעט צו זיך:

—ירמיהו הנביא האָט מען אַרויסגעטריבען פון יהודה.

און מאיר, וואָס האָט דערווייל געמאַכט עטליכע טריט פאָראויס, האָט אויפגעהויבען זיין בלאַס פנים צום הימעל און אַרויסגעזאָגט:

—ר' עקיבא איז געשטאָרבען אין גרויסע יסורים פאַר'ן אמת.

און גאָלדע, וואָס איז געזעסען ביים פענסטער מיט טרעהרען אויף די אויגען, האָט נאָך אַליין געשעפּטשעט:

—ריין ווי רות וויל איך זיין. דיין גאָט ועט זיין מיין גאָט, דיין פאָלק וועט זיין מיין פאָלק, און איין נשמה וועט זיצען אין אונזביידען.

אַזויאַרום האָבען דידאָזיגע קינדער, וואָס זענען געווען דורכגעדרונגען מיט דעם גייסט פון עבר און מיט די מנהגים פון ישראל, געפונען דערין טרייסט, מוט און טרעהרען.

## צעהנטעס קאַפּיטעל.

אין דרויסען איז נאָך געווען פינסטערליך. אָבער אין ר' יאַנקעל קאַמיאָנקערס הויז האָט שוין קיינער נישט געשלאָפען.

אויסער די קליינע קינדער. דער קומענדיגער טאָג האָט בע-דאַרפט זיין אַ זעהר ווילטיגער טאָג פאַר׳ן בעל-הבית פון דער אַכסניא: דאָס איז געוועזען אַ יריד-טאָג, בשעת דאָס גאַנצע שטעדטעל און די אַרומיגע דערפער זענען שטאַרק פערטהאָן אין האַנדעל און געשעפטען. ר׳ יאַנקעלס צווי טעכטער, דער-וואַקסענע, געזונדטע, מאוס׳ע מיידלעך מיט צושויבערטע קעפּ, האָבען צוזאַמען מיט זייער פערצעהניעהריגען ברודערל, אַ יונג מיט אַ נאַריש און בייז פנים, צוגעקליבען די חדרים פאַר די געסט, וואָס בעדאַרפען קומען. דידאָזיגע חדרים זענען געוועזען כלומר׳שט בעפוצט מיט אַלטען הינקענדיגען מעבעל, מיט שמו-ציגע פאָרהאַנגלעך און מיט ליימענע בלומענטעפּ, וואו עס האָ-בען געוועלקט עפּיס משונה׳דיגע גרעזלעך.

נעבען דידאָזיגע שענע אַפּאַרטאַמענטען האָט זיך געפונען אַ גרויס צימער. דאָס איז געוועזען דער שענק. אין אַ יריד-טאָג פערזאַמלען זיך דאָ אַ סך פויערים, מען טרינקט, מען זינגט און מען טאַנצט. דאָס דינסטמיידעל האָט אַפּילו געפּרובט אויסרייני-גען דאָס צימער, אַרומוואַשען די לאַנגע און שמאָלע טישען, די בענק, וואָס זענען געשטאַנען אַרום די וואַנד, און האָט געמאַכט פייער אין דעם שוואַרצען אויוועו, וואָס האָט אויסגעזעהן ווי אַ תהום.

דער פריהמאָרגען איז געוועזען אַ קאַלטער, און דער גרוי-סער שענק-חדר איז אָנגעפּילט געוואָרען מיט אַ פערשטיקטער און פייכטער לופט.

אין דעם צימער ביי דער טיר איז געשטאַנען ר׳ יאַנקעל און זיין ווייב יענטע. ביידע זענען געשטאַנען ביים פענסטער און געדאַווענט. יאַנקעל איז אָנגעטהאָן געוועזען אין זיינע גע-וועהנליכע מלבושים: אַ לאַנגער אויסגעריבענער כאַלאַט, אַרומגע-בונדען מיט אַ גראָבען שוואַרצען טיכעל ביים האַלז.

יענטע האָט געטראָגען אַ געלבען קאַפטאַן אָהן אַרבעל און אַ קורץ קליידעל. זי איז געשטאַנען ביים פענסטער און נאָכ-אַנאַנד געשעפּטשעט די פריהמאָרגענדיגע תפילות.

—ברוך אתה...

ר׳ יאַנקעל האָט פערוואָרפען איבער׳ן קאָפּ דעם טלית און אַ קוש געטהאָן די ציצית.

—ברוך אַתה...

ביידע זענען געווען אַזוי אַריינגעטהאָן אין זייער דאַווענען, אַז זיי האָבען גאָרנישט געהערט די שווערע און איילִיגע טריט הינטער זיי.

מאיר איז שנעל אַריין אין הויז, אַדורכגעגאַנגען דאָס צימער, וואו ר׳ יאַנקעל מיט זיין ווייב האָבען געדאַווענט, און איז אַריין צום חזן.

ביים חזן אין צימער איז נאָך געווען פינסטערליך און אליעזר איז געשטאַנען ביים פענסטער און געדאַווענט.

דערהערט, אַז עמיץ איז אַריין אין צימער, האָט דער חזן אָבגעקעהרט דעם קאָפּ, אָבער ער האָט ווייטער געדאַווענט.

דער חזן האָט אויפגעהויבען די הענד און האָט הויך אַרויסגעזאָגט:

—גאָט פון ישראל!.. פערלעש דיין פלאַמענדיגען צאָרן און קעהר-אָב דאָס אומגליק פון ישראל׳ס קאָפּ!

מאיר, וואָס איז געשטאַנען נעבען זיין חדר, האָט איהם נעענטפערט, אַזוי ווי דער עולם ענטפערט אין שוהל דעם חזן:

—קוק אַראָב פון הימעל און זעה, ווי העסליך מיר זעהען-אויס צווישען די פעלקער; מען פיהרט אונז, ווי אַ שעפּסעלע אויף יסורים, שאַנד און טויט.

איצט האָט אליעזר אַרויסגעזאָגט:

—אָבער מיר האָבען נישט פערגעסען דיין נאָמען!.. טאָ פערגעס דו אויך אונז נישט!..

אַזוי האָבען ביידע יונגעלייט גערעדט צו איינאַנדער דורך די סאַמע שענסטע תפילות. יעדעס וואָרט פון דידאָזיגע תפילות איז אַ טרעהר און יעדע שורה איז אַן אַקאָרד, וואָס דערצעהלט טראַגיש וועגען דעם לעבען פון דעם גרויסען פאָלק ישראל.

—אָ, גאָט, זאָג זיך אָב פון דיין נקמה! זיי בארמהאַרציג מיט דיין אויסגעוועהלטען פאָלק,—האָט געזאָגט דער חזן.

—בעשיך, אונז גאָט, און גיב אונז נישט אַוועק אין די הענד פון די גרויזאַמע.

די חברים האָבען זיך אויך געהאַלטען אַזוי פערשידען, ווי זייערע כאַראַקטערן זענען פערשידען. אליעזר האָט עטוואָס אויפגעהויבען זיינע ציטריגע הענד. זייגע בלויע אויגען זענען פייכט געוואָרען פון האַרציגער אויפרעגונג און זיין שוואַך גוף׳ל האָט זיך נישט-ווילענדיג אומגעשאָקעלט אונטער דער ווירקונג פון עקסטאַז. מאיר איז געשטאַנען גלייך און אונבעוועגליך, די הענד צוזאַמענגעלעגט אויפ׳ן האַרצען, מיט ברענענדיגע אויגען, פערטיפט ערגעץ אין די ווייטע הימלען, אָבער אין דער אייגענער צייט האָט זיין פנים אויסגעדריקט צער און צאָרן. אָבער ביידע האָבען געבעטען צו גאָט מיט׳ן גאַנצען האַרץ און מיט אַ שטאַרקען גלויבען דערין, אַז דער שומר ישראל, דער איי- ציגער גאָט, הערט זייערע ווערטער.

געענדיגט דאַווגען, האָבען זיי איינאַנדער געגעבען די הענד און זיך אַרומגענומען.

—אליעזר,—האָט מאיר געזאָגט,—היינט זעהסטו אויס אַנ- דערש, ווי פאַראַכטאָגען.

—און דו, מאיר, אויך,—האָט געזאָגט דער חזן.

—איבער אונזערע קעפּ האָט זיך אַדורכגעטראָגען בלויז איין וואָך, אָבער טיילמאָל איז איין וואָך אַ סך מעהר, ווי גאַנ- צע צעהן יאָהר.

—איך האָב אַ סך געליטען פאַר דערדאָזיגער וואָך,—האָט אַ שעפּטשע געטהאָן דער חזן.

מאיר האָט זיך נישט געקלאָגט.

—אליעזר—האָט ער געזאָגט—גיב מיר דעם מורה נבוכים. איך בין אומישנע געקומען צו דיר זעהר פריה, ווייל איך בע- דאַרף נויטיג האָבען דעמדאָזיגען ספר.

אליעזר האָט אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ.

—איך האָב איהם שוין נישט.

—וואו איז דער מורה נבוכים?—האָט מאיר געפרעגט.

—אַך, מאיר, דערדאָזיגער ספר, און וועלכען אונזערע

קעפּ האָבען געטרונקען קדושה אין די הערצער—האָפנונג, איז שוין נישטאָ מעהר אויף דער וועלט! אַ פייער האָט איהם אויפ- געגעסען און זיין אַש איז אין בלאָטע אַרויסגעוואָרפען גע- וואָרען...

—אליעזר, דו האָסט זיך דערשראָקען און האָסט פער- ברענט דעם ספר!—האָט מאיר אויסגעשריען.

—מיינע הענד וואָלטען קיינמאָל נישט געקאָנט בעגעהן אַזאַ רציחה! און ווען מיין צונג וואָלט זיי אַפילו געהייסען דאָס צו טאָהן, וואָלטען זיי מיין צונג נישט געפאָלגט. אָבער דער טאַטע איז געקומען צו מיר און האָט מיר אָנגעזאָגט מיט גרויס גרימצאָרן, אַז איך זאָל איהם אַוועקגעבען יענעם פער- שאָלטענעם ספר, וואָס מיר האָבען שבת צוזאַמען געלייענט אויף דער לאָנקע. האָב איך געשוויגען. און ער האָט אַ געשריי גע- טהאָן! „וואו איז דער ספר?” האָב איך געזאָגט: „ער איז דאָ,” אָבער אַז ער האָט נאָכאַמאָל געפרעגט, וואו איז ער, האָב איך ווידער געשוויגען. האָט ער מיך גענומען שלאָגען. ער האָט גאָר פערגעסען, אַז איך בין אַ חזן. נאָכדעם האָט ער אַלץ צע- וואָרפען אין צימער און האָט געפונען דעם ספר אונטער'ן שע- ניק. האָט ער געוואָלט אַוועקטראָגען דעם ספר צום רב, האָב איך מיך איהם געוואָרפען צו די פיס און געבעטען, ער זאָל דאָס נישט טהאָן, ווייל דעמאָלט וואָלט איך שוין מעהר נישט געקאָנט זיין קיין חזן. האָט זיך דער טאַטע דערשראָקען, ווייל ער האָט זעהר ליב מיין חזנות און נעהמט זיך איבער דערמיט, האָט ער דעם ספר צום רב נישט געטראָגען, אָבער ער האָט איהם אַריינ- געוואָרפען אין פייער אַריין און אַז ער איז פערברענט געוואָרען, האָט דער טאַטע געלאַכט און געטאַנצט פון שמחה.

—און דו, אליעזר, האָסט געקוקט דערויף און האָסט גאָר- נישט, גאָרנישט געטהאָן?

—און וואָס האָב איך געקאָנט טהאָן,—האָט דער חזן גע- שעפּטשעט.

און מאיר האָט געזאָגט:

—איך וואָלט אַרויסגעלעגט דעם ספר צו [illegible] הער-

צען... איך וואָלט איהם צוגעדריקט מיט די הענד... איך וואָלט געזאָגט דעם טאַטען: אויב דו וואַרפסט איהם אין פייער אַריין, טאָ וואַרף אויך מיך צוזאַמען מיט איהם.

דידאָזיגע ווערטער האָט מאיר אַרויסגעזאָגט מיט פלאַמענ־דיגע אויגען און מיט אַ הייסען פערדרויסעלטען פנים. אליעזר איז געשטאַנען, אַ טרויעריגער און אַ פערשעמטער, מיט אַנ׳אַראָב־געלאָזטען קאָפּ און האָט געקוקט צו דער ערד.

—איך האָב נישט געקאָנט,—האָט ער געשעפּטשעט,—איך האָב מיך געשראָקען, אַז איך וועל פערלירען דאָס חזנות, אָבער קוק אויף מיר, מאיר, שוין-זשע האָב איך דעמדאָזיגען ספר נישט ליב געהאַט, ווי די אייגענע נשמה? זינט מען האָט מיר צוגע־נומען דעם ספר, בין איך בלאַס געוואָרען און מיינע אויגען זענען רויט פון טרעהרען.

—אָ, טרעהרען, טרעהרען!—האָט מאיר אויסגערופען. ער האָט זיך שנעל אַראָבגעלאָזט אויף אַ שטוהל און זיך אָנגעכאַפּט מיטביידע הענד פאַר׳ן קאָפּ.—אָ, דיינע טרעהרען, אליעזר!—האָט ער איבערגע׳חזר׳ט האַלב מיט חוזק און האַלב מיט טרוי־ער.—זיי קאָנען אייביג פליסען, אָבער קיינעם וועט נישט לייכט ווערען פון זיי—נישט מיר, נישט דיר און נישט דעם כלל־ישראל. אליעזר, איך האָב דיך ליב, ווי אַ ברודער, ווי אַנ׳איי־גענעם ברודער!.. אָבער דיינע טרעהרען האָב איך נישט ליב און איך קאָן נישט קוקען אויף דיינע רויטע אויגען! אליעזר, נישט ווייז מיר דיינע טרעהרען. כאָטש איין מאָל וויין מיר בע־סער דאָס פייער פון דיינע אויגען, דעם כוח פון דיין קול, וואָס דאָס פאָלק האָט איהם אַזוי ליב.

אָבער מאיר האָט איצט אַליין געהאַט טרעהרען אויף די אויגען. ער האָט זיך געשעמט פאַר דידאָזיגע טרעהרען און האָט פערדעקט דאָס געזיכט. ער האָט זיך עפּיס יתומ׳דיג אומגעוויגט אויפ׳ן שטוהל און פערצווייפעלט גערעדט:

—אוי, אליעזר! וואָס האָסטו געטהאָן? וואָס האָסטו אָב־געגעבען דעם ספר צום פערברענען?.. וואָס ווע־לען מיר איצט טהאָן איהם?.. ווער וועט אונז איצט לערנען. ווי אַזוי

צו פיהרען זיך? אַ פייער האָט איצט פערברענט אונזערע נשמות און דאָס אַש איז אַרויסגעוואָרפען געוואָרען אין מיסטקאַסטען... אויב אונזער גרויסער לעהרער וועט דערזעהן, וואָס מען האָט געטהאָן מיט זיין ספר, וועט ער בייז ווערען און וועט זאָגען: „מענשען האָבען מיך שוין געשאָלטען צום צווייטען מאָל."

און איצט האָט זיך מאיר צעוויינט, ווי אַ קליין קינד. ער האָט געוויינט מיט גרויסע וואַרימע טרעהרען.

אליעזר האָט געעפענט דאָס פענסטער.

אויפ'ן מאַרק האָבען זיך בעוויזען ראָזע און געלבע פלע-קען. דאָס זענען געוועזען די ערשטע שטראַהלען פון טאָג. די זון איז אויפגעגאַנגען. אינ'ם דאָזיגען פרישען פריהמאָרגען-ליכט איז געגאַנגען צו קאַמיאָנקערס הויז אַ הויכער, ברייטביינעגער און באָרוועסער מאַן. זיינע שווערע טריט האָט מען באַלד געקאָנט דערהערען ביים חזנ'ס פענסטער. מאיר, וואָס האָט שוין מעהר נישט געוויינט, האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ און האָט דערקאָנט יאָכעל דעם פוהרמאַן.

אין עטליכע מינוט אַרום זענען צוויי מענשען פאַרבייגע-גאַנגען פאַרביי פענסטער. איינער פון זיי איז געוועזען אַ הויכער און אַ שטאָלצער, מיט אַ גוטמוטיגען שמייכעלע אויפ'ן פנים, און דער צווייטער, אַ נידעריגער און אַ ריהרעוודיגער, האָט ווייל ווייז געקנייטשט דעם שטערען. איינער איז געוועזען ר' דוד-קלמן און דער צווייטער—אַברהם יעזעפאָוויטש.

געגאַנגען זענען זיי אַהער נישט דורכ'ן מאַרק, וואו מען האָט זיי פריהער נישט געזעהן, נאָר דורך זייטיגע געסלעך און הויפען און מען האָט אויך געקאָנט בעמערקען, אַז זיי היטען זיך שטאַרק און געהען בשתיקה און פערבאָרגען פון שטעדטעל. ביידע זענען שטיל און שוייגענדיג פערשוואונדען געוואָרען אין שטאַהל, וואוהין יאָכעל איז מיט עטליכע מינוט פריהער אַנטרו-נען געוואָרען.

אליעזר, וואָס איז ביז איצט געשטאַנען, אַ פערטראַכטער, האָט אַ קוק געטהאָן אויף מאיר'ן און געזאָגט:

—מאיר, פאַרוואָס קוקסטו אַזוי שטרענג ? דו האָסט דאָך אַלעמאָל אַזאַ ווייך געזיכט ?

אָבער מאיר האָט נישט געענטפערט. ער האָט אַראָבגעלאָזט די אויגען צו דער ערד און געשעפטשעט :

—מיין פעטער אַברהם אויך ! מיין פעטער אַברהם !.. וועה צו אונזער הויז ! אַ חרפה און אַ שאַנד פאַר די יעזועפאָווי-טשעס !

איצט האָט מען געקאָנט הערען, ווי מען סוד׳עט זיך אין׳ם יערבייאיגען צימער. יאַנקעל האָט געהייסען דער ווייב, זי זאָל משלח-זיין די קינדער פון צימער. יענטע איז אַרומגעקראָכען מיט ווייכע טריט, און די אויפגעוועקטע קינדער, וואָס האָבען געוויינט, האָט מען משלח-געווען אין אַנ׳אַנדער צימער. נאָכדעם האָט מען גענומען איבעררוקען די שטוהלען און טישען און באַלד דערויף האָט זיך דערהערט אַ שמועס פון עטליכע מענשען.

מאיר האָט זיך שנעל אויפגעהויבען :

—אליעזר,—האָט ער זיך אָנגערופען,—לאָמיר אַוועקגעהן פון דאַנען !

—פאַרוואָס זאָלען מיר אַוועק ?—האָט דער חזן געפרעגט.

—ווייל אָט דאָס ווענדטעל איז צו-דין...—האָט מאיר אָנ-געהויבען.

ער האָט אָבער נישט געענדיגט, ווייל הינטער דער וואַנד האָט זיך דערהערט אברהמ׳ס אויפגערעגטע שטים :

—איך האָב עס נישט געוואוסט... יאַנקעל, דו האָסט מיר גאָרנישט געזאָגט וועגען דעם...

באַלד דערויף האָט זיך דערהערט ר׳ יאַנקעלס בייז און גאַליג געלעכטערל.

—איך האָב שוין געטהאָן, ווי מען בעדאַרף,—האָט ער זיך אָנגערופען.—איך ווייס, אַז אברהם וואָלט נישט געגאַנגען אויף אַזאַ געשעפטל ! אָבער אויב איך וועל שוין די זאַך ברענ-גען אין אָרדנונג...

—ששש אַ !—האָט זיך אַריינגעמישט ר׳ דוד קלמן, און דאַ

האָט זיך דער עולם גענומען סוד'ען און מען האָט גאָרנישט געקאָנט הערען.

—אליעזר, געה-אַוועק פון דאַנען!—האָט מאיר אויסגע-רופען.

אָבער דער חזן האָט גאָרנישט פערשטאַנען, וואָס דאָ קומט-פאָר.

—אליעזר, ווילסטו אַכטען דעם טאַטען, ווי מען האָט אָנ-געזאָגט אויפ'ן באַרג סיני?

דער חזן האָט אָבגעזיפצט.

—איך בעט גאָט, ער זאָל מיר העלפען שעצען מיין פאָ-טער...

מאיר האָט איהם אַ כאַפּ געטהאָן ביי דער האַנד.

—טאָ געה-אַוועק פון דאַנען!—האָט ער געשריען.—געה-אַוועק... וואָרום אויב דו וועסט דאָ פערבלייבען, וועסטו שוין קייגמאָל... קיינמאָל נישט אַכטען דיין טאַטען...

מאיר האָט אַזוי הייס גערעדט, אַז אליעזר איז בלאַס גע-וואָרען און זיך פערשעמט.

—אָבער ווי אַזוי קאָן איך אַוועק פון דאַנען... זיי סוד'ען זיך דאָך דאָרטען...

הינטער דער וואַנד האָט מען שוין ווידער געשריען:

—שמואל חייט איז אַ קבצן און יאַכעל איז אַ פערברע-כער... און ביידע ווילען בעקומען אַ סך געלד...

—און די פויערים, וואָס האָבען געפיהרט דעם בראָנ-פען?—האָט אברהם געשריען.

ר' יאַנקעל האָט זיך צולאַכט.

—שרעק זיך נישט פאַר זיי...

—ששש אַ!..—איז ווידעראַמאָל אַריינגעפאָהרען דער פאָר-זיכטיגער ר' דוד-קלמן.

אליעזר האָט דערוויייל גענומען ציטערן אויפ'ן גאַנצען לייב. עפּיס אַ מחשבה האָט איהם שטאַרק בעאונרוהיגט.

—מאיר! מאיר!—האָט ער גענומען שעפטשען.—איך וויל

אוועק פון דאנען, אָבער איך קאָן נישט אַדורכגעהן זייער צי־מער... איך שרעק מיך... זיי סוד'ען זיך...

מאיר האָט מיט איין האַנד אַוועקגערוקט דעם שטוהל און מיט דער צווייטער האָט ער אַ שטויס געטהאָן דעם חזן צו דעם אָפענעם פענסטער.

אליעזר איז באַלד אַנטרונען געוואָרען פון צימער. דע־מאָלט האָט זיך מאיר אויסגעגלייכט און זיך אָנגערופען צו זיך, ווי צו אַ דערבייאיגען מענשען:

—נו, איצט וועל איך מיך ווייזען פאַר זיי... זאָלען זיי ווייסען, אַז דאָ זענען געווען אויערן, וואָס האָבען געהערט...

געזאָגט דידאָזיגע ווערטער, האָט ער מיט אַמאָל געעפענט די טיר און איז אַריין אינ'ם דערבייאיגען צימער. אין דעמדאָ־זיגען צימער זענען געזעסען דריי מענשען ביי אַ טישעל פון ווייסען האָלץ. ר' יאַנקעל און אַברהם האָבען אַרויפגעלעגט די עלענבויגענס אויפ'ן טישעל און אָנגעגנויגט צו אייגאַנדער די קעפּ. ר' דוד-קלמן איז געזעסען דערביי מאַיעסטעטיש און שטאָלץ און זיין סאַמעטענע מלבושים האָבען, ווי אַלעמאָל, געגלאַנצט אויף איהם. ר' יאַנקעל איז געווען רויט, ווי צונטער. אַברהם איז געווען בלאַס. ר' יאַנקעל האָט געקוקט גיריג און בייז, אַברהם—שטיל און פערשעמט. אָבער ר' דוד-קלמן איז געווען זעהר רוהיג. די בעקלעך זענען איהם, ווי אַלעמאָל, געווען רויט און פריש און אַ זיסער שמייכעל האָט געשפּילט אויף די פולע ליפּלעך.

מאיר איז אַריין אַקוראַט דעמאָלט, ווען דער פעטער אַברהם האָט זיך אָנגערופען:

—און ווי וועט זיין, אַז דער גאַנצער הויף מיט'ן קעלער וועלען פערברענט ווערען?

—אַי-אַי-אַי!—האָט ר' יאַנקעל געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.—אויך מיר אַן'אומגליק...

ר' יאַנקעל איז באַלד אַנטשוויגען געוואָרען און גענומען ציטערן פון כעס און אויפרעגונג: ער האָט דערזעהן, ווי מאיר האָט געעפענט די טיר און איז אַריינגעגאַנגען. ר' דוד-קלמן

האָט ברייט פונאַנדערגעעפּענט די צופרידענע ליפּלעך און אברהם האָט שטאַרק פערקניישט מיט'ן שטערן.

מאיר האָט בעמערקט דעם איינדרוק, וואָס ער האָט אויף זיי געמאַכט. אַריבערגעטראָטען די שוועל, האָט ער דרייסט אָנגעקוקט זיין פעטער. אברהם האָט זיך אַזוי ווי פערשעמט און אַראָבגעלאָזט די אויגען. לאַנגזאַם איז מאיר דורכגעגאַנגען דאָס צימער. אין אַ צווייטען צימער האָט ער געטראָפען ביים אויוועו יאָכעל פוהרמאַן. ער איז געשטאַנען אַ באָרוועסער און האָט מיט אונזיניגע בליקען געקוקט אויף זיינע פיס.

הינטער מאיר'ן איז נאָכגעלאָפען אַ קול, אַרויסגעלאָזט פון ר' יאַנקעלס מויל:

—אַ, פערשאָלטען זאָלסטו ווערען!

אַברהם און דוד-קלמן האָבען לאַנג געשוויגען.

—דאָ איז נישט קיין אָרט פאַר סודות,—האָט דער לעצטער בעמערקט.

—פאַרוואָס האָסטו אונז נישט געזאָגט, אַז עמיץ געפינט זיך אין יענעם צימער?—האָט זיך אַברהם געבייזערט.

ר' יאַנקעל האָט זיי דערקלערט, אַז אין יענעם צימער וואוינט זיין זוהן, דער חזן, וואָס איז גלייכגילטיג צו געשעפט און מישט זיך קיינמאָל נישט דערין.

—אָבער פון וואַנען האָב איך געזאָלט וויסען,—האָט ער זיך געהיצט,—אַז דאָרט געפינט זיך דער פערשאָלטענער יונג. איך ווייס גאָרנישט, ווי אַזוי ער איז אַריין אַהין? ווי אַ גנב, מסתמא, דורכ'ן פענסטער... און וואָס, אַז ער האָט געהערט? נישטאָ זיך וואָס צו שרעקען פאַר איהם... ניש'קשה...

—אַז ער זאָל וועלען, קאָן ער אונז יאָ טהאָן אַ רעה,—האָט ר' דוד בעמערקט,—אָבער דעמאָלט וועלען מיר זיך נוקם-זיין אין איהם.

אַברהם האָט זיך אויפגעהויבען.

—טהוט איך, רבותי, וואָס איהר ווילט,—האָט ער געזאָגט,—אָבער איך גיי-אַרויס פון דעמדאָזיגען געשעפט...

ר' יאַנקעל האָט איהם גיפטיג אָנגעקוקט.

—נו, מילא,—האָט ער געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ,—טהו ווי דו פּערשטעהסט... וועט אויף אונזער חלק אויספאַלען מעהר... ווער עס ריזיקירט, דער האָט...

אברהם האָט זיך אַנידערגעזעצט צוריק. עס איז געווען קענטיג, אַז ער ראַנגעלט זיך שטאַרק מיט זיך.

ר' יאַנקעל, וואָס האָט געהאַלטען אין דער האַנד אַ שטי-קעל קרייד, האָט געמאַכט אַ חשבון אויף אַ שוואַרץ טאָוועלע.

—אַכטטויזענד עמער,—האָט ער גערעכענט,—צו 4 רובל אַנ'עמער — האָבען מיר 32000... דריי און 32 טויזענד... צו 600 רובל וועלען נעהמען יאָכעל און שמואל... יעדער פון אונז וועט בעקומען אויף זיין חלק צו 10,000 רובל מיט $66\,{}^2/_3$ קאָפּ...

אברהם האָט זיך ווידער אויפגעהויבען. ער האָט גאָרנישט גערעדט און געקוקט מיט אַראָבגעלאָזטע אויגען צו דער ערד. אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער זיך אָנגערופען:

—און ווען וועט עס זיין?

—דאָס וועט זיין זעהר שנעל,—האָט ר' יאַנקעל גע-זאָגט.

דערהערט דידאָזיגע ווערטער, האָט זיך אַברהם מיט קיי-נעם נישט געזעגענט און איז באַלד אַרויס פון צימער.

דער גרויסער מאַרק האָט אָנגעהויבען אויפלעבען. עס האָבען געסקריפּעט רעדער, פערד האָבען געכראָפּעט. מען איז געקומען פון ווייט און פון נאָהנט. די גאַנצע שטעדטעלשע בע-פעלקערונג איז שוין געווען אויף די פיס. ביי די יעזעפאָווי-טשעס האָט שוין קיינער נישט געשלאָפען.

אין יענעם טייל הויז, וואָס איז בעוואוינט געווען פון רפאל'ס און בער'ס משפחה, האָבען די מיינסלייט הויך גע-שמועסט צווישען איינאַנדער. גערעדט האָט מען אויסשליסליך וועגען געשעפט, און פערשידענע אַרטיקלען זענען דאָ אָנגערו-פען געוואָרען, און ביי יעדען אַרטיקעל איז דערמאָהנט געוואָ-רען עפּיס אַ ציפער. דאָס איז אָבער געווען אַ רוהיגער געשעפט-שמועס פון מענשען, וואָס אַרבייטען געלאַסען און רוהיג פאַר זייערע משפחות.

אין דעם גרויסען גאַסטצימער, וואָס איז היינט בעזונדערס אויסגעפוצט געוואָרען, איז ר׳ שאול געזעסען אויפ׳ן דיוואַן, מיט אַ קליינער זילבערגער יאַרמאָלקע אויף די זילבערנע האָר און גע-טרונקען גוטען שמעקענדיגען טיי. דער גרויסער סאַמאָוואַר, וואָס האָט אויסגעזעהן פון ווייטען, ווי אַ שטיק גאָלד, איז דאָסמאָל נישט געשטאַנען אויפ׳ן אַלמער. נאָר אין דעם גרויסען זייטיגען צימער און דאָרט געקאָכט און געזאָדען, אַרויסלאָזענדיג ווייסע דיגע זיילען דאַמף. אין קיך איז היינט אויך שטאַרק געאַרבייט געוואָרען, און עס האָט זיך געשפירט, אַז מען וואַרט דאָ אויף געסט און אַז עס ווערען געמאַכט די נויטיגע הכנות צו דער אויפנעהמונג.

אָבער איצט איז נאָך געווען פריה און דער אַלטער ר׳ שאול איז געזעסען אַליין און זיך, קענטיג, געקוויקט מיט דער מנוחה און רחבות פון זיין גרויסען גליקליכען הויז. דאָס איז אייגענטליך געווען איינע פון יענע עפּטע מינוטען, ווען דער אַלטער פּאַטריאַרך האָט בעזונדערס געשפירט די שענע גוטע על-טער, וואָס גאָט האָט איהם געשענקט.

אָבער אַז די טיר האָט זיך געעפענט און אין צימער איז אַריין מאיר, איז באַלד אויסגעלאָשען געוואָרען דער גלאַנץ פון דעם אַלטענס אויגען. אַז ער האָט דערזעהן דעם אייניקעל, האָט ער זיך דערמאָהנט אָן די שווערע אונאַנגענעהמע מינוטען, וואָס ער האָט נישט לאַנג איבערגעלעבט דורך איהם. מאיר האָט אויסגעזעהן בלאַס, אונרוהיג און צוטראָגען. אין צימער איז ער אַריין דרייסט און זיכער, אָבער אַז זיין בליק האָט זיך בעגע-געגנט מיט דעם אַלטענס בליקען, האָט ער אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ און געמאַכט לאַנגזאַמע טריט. אַמאָל פלעגט ער צוגעהן צום אַלטען מיט דער צערטליכקייט און צוטרוי פון אַ געליבטען קינד. אָבער איצט האָט ער געשפירט, אַז צווישען איהם און דעם זיידען, וואָס האָט אַזוי געזאָרגט פאַר זיין קינדהייט, איז אויסגעוואַקסען אַ הויכע און אַ פעסטע וואַנד. ער האָט אויך געוואוסט, אַז די דאָזיגע וואַנד האָט ער אַליין בעשאַפען דורך זיינע ווערטער און מעשים און מיט אַ בענקשאַפט האָט ער איצט

געקוקט אויף דידאָזיגע שטרענגע בייזע אויגען, פון וועלכע עס זענען אויף איהם אַמאָל געפאַלען וואַרימע הארציגע שטראַהלען. מאיר איז צוגעגאַנגען צום זיידען מיט אַנ'אַראָבגעלאָזטען קאָפּ, זיך אַנידערגעשטעלט פאַר איהם אין אַ נישט-זיכערער פּאָזע און שטיל אַרויסגעזאָגט:

—זיידע, איך וויל מיט דיר ריידען וועגען זעהר אַ וויכ-טיגען ענין.

דערזעהן, אַז מאיר איז עפּיס פערשעמט און בעשיידען, איז דער אַלטער ווייכער געוואָרען.

—רייד,—האָט ער קורץ אַרויסגעזאָגט.

—זיידע,—האָט זיך מאיר אָנגערופען,—דערלויב מיר צו פערמאַכען די פענסטער און די טיר. קיינער בעדאַרף נישט הע-רען דאָס, וואָס איך וויל דיר זאָגען.

—פערמאַך,—האָט ר' שאול נאָכגעגעבען און עפּיס אַנ'-אונרוהיגקייט איז איהם בעפאַלען.

פערמאַכט טיר און פענסטער, האָט זיך מאיר אַוועקגע-שטעלט נאָהנט נעבען זיידען און געזאָגט:

—זיידע! איך ווייס, אַז מיינע ווערטער וועלען דיר פער-שאַפען אַ סך אַנגסט און צער. אָבער צו וועמען זאָל איך מיך ווענדען, אויב נישט צו דיר? דו ביזט געווען מיין פאָטער און מיין מדריך. עס ציהט מיך שטענדיג צו דיר און צו דיינע טריבע מחשבות...

זיין קול האָט גענומען ציטערן. עס איז געווען קענטיג, אַז ער וואָלט איצט צוגעפאַלען צו דעם אַלטענס פיס און אַרומ-גענומען זיי. דער אַלטער איז באַלד ווייכער געוואָרען און האָט געזאָגט:

—זאָג אַלץ! איך בין אַפילו ברוגז אויף דיר, ווייל דו האָסט זיך שטאַרק פערענדערט, אָבער דאָך קאָן איך קיינמאָל נישט פערגעסען, אַז דו ביזט דער זוהן פון מיין זוהן, וואָס איז אַזוי פריה אַוועק אויפ'ן עולם האמת... זאָג, אויב דו האָסט עפּיס אַ שווערע דאגה, וועל איך דיר לייכטער מאַכען דאָס האַרץ

און אויב עמיץ האָט דיך בעליידיגט, וועל איך בעשטראָפען דעם בעליידיגער...

דידאָזיגע ווערטער האָבען בערוהיגט דעם אייניקעל...

—זיידע,—האָט ער זיכער אַרויסגעזאָגט,—איך האָב נישט קיין דאַגות און קיינער האָט מיך נישט בעליידיגט. אָבער פאַר מיר איז ענטפלעקט געוואָרען זעהר אַ שרעקליכער סוד, און איך ווייס נישט, וואָס איך זאָל טהאָן. פערבאָרגען איהם אין זיך, קאָן איך נישט, האָב איך מיך בעדאַכט, אַז דאָס בעסטע וועט זיין, ווען איך וועל דיר איהם פערטרויען... אפשר וועסטו דאָ קאָנען חעלפען און עס וועט נישט קומען צו חרפה און בושה...

דער זיידע האָט אָנגעקוקט דעם אייניקעל מיט אַ שאַרפען בליק.

—נו,—האָט ער געזאָגט,—עס איז אַ סך גלייכער, ווען מען דערגעהט נישט יענעמס סודות און ווען מען רעדט נישט וועגען זיי, אָבער אַז דו האָסט שוין אָנגעהויבען, טאָ רייד. בעסער פערטרוי איהם מיר, איידער אַ צווייטען. וועסטו איהם פערטרויען אַ צווייטען, וועט אַוודאי נישט זיין גוט. נו, זאָג, וואָס איז דאָס פאַר אַ סוד...

מאיר האָט געזאָגט:

—דאָס איז דער סוד: ר' יאַנקעל קאַמיאָנקער האַלט אין אַרענדע דעם גרויסען ברויז, וואָס געהערט צו קאַמיאָנסקיס יורש... האָט ער אָנגעטריבען זעקסטויזענד עמער בראָנפען, אָבער פאַר'ן זומער האָט ער דעם בראָנפען נישט פערקויפט, ווייל דער פרייז איז געוועזען אַ נידעריגער. איצט האָט זיך געהויבען דער פרייז, אָבער ער וויל נישט צאָהלען דעם שטייער, וואָס קומט פאַר'ן נייעם העכערן פרייז...

—רייד שטילער,—האָט איהם דער אַלטער געוואָרענט.

מאיר האָט אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ און גענומען שעפּטשען:

—קאַמיאָנקער, ווי איך זאָג דיר, וויל נישט צאָהלען דעם שטייער, האָט ער גענומען און אַרויסגע'גנב'עט דעם בראָנפען

און ביינאַכט געבראַכט איהם אַהער, אויפ׳ן קאַראַאימער-בערגעל, וואו מען האָט איהם אויסגעשטערקופּט די אַלע שענקער און בראַנ-פען-הענדלער... אָבער דאָ האָט ר׳ יאַנקעל אַ טראַכט געטהאָן: וואס וועט זיין, צום ביישפּיל, אַז מען וועט קומען מאַכען אַ רעוויזיע און מען וועט נישט געפינען דעם בראָנפען? דערפאַר קאָן מען זיך דאָך זעהר שטאַרק בעצאָהלען... דאָס שמעקט דאָך מיט אַ פּראָ-צעס... האָט ער גענומען און אָנגעדונגען צוויי מענשען... זיידע צוויי אָרימע מענשען האָט ער אָנגעדונגען פאַר געלד...

—ששאַ!—האָט דער זיידע פּלוצלונג אויסגעשריען.—שווייג, און קיין איין וואָרט זאָל איך מעהר פון דיר נישט הע-רען... איך פערשטעה שוין, וואָס דאָ איז געוועזען...

דער אַלטער האָט געציטערט פון אויפרעגונג.

מאיר איז אַנטשוויגען געוואָרען און האָט געקוקט אויפ׳ן זיידען מיט אונרוהיגע אויגען.

דער אַלטער שאול האָט לאַנג געטראַכט, נאָכדעם האָט ער אויפגעהויבען שווער דעם קאָפּ און האָט נישט זיכער אַרויס-געזאָגט:

—ניין, דאָס, וואָס דו האָסט געזאָגט, איז נישט ריכטיג, וואָרום דאָס קאָן נישט זיין!

—זיידע,—האָט זיך מאיר אָנגענויגט און גענומען שעפּ-טשען.—דאָס איז אַזוי וואָהר, ווי די זון, וואָס לייכט אונז היינט אין די פענסטער. און פאַרוואָס קאָן עס נישט זיין? ווייסטו דען נישט, אַז אַזוינע זאַכען זענען שוין געשעהן פאַראַיאָהרען און פאַר צוויי יאָהרען אין פערשידענע ערטער?.. זיידע, דאָס טרעפט גאַנץ אָפט און ביי יעדען עהרליכען יוד, זיידע, ווערט דאָס האַרץ פערדריקט פון וועהטאָג און דאָס פנים ברענט פון חרפה...

—אָבער פון וואַנען ווייסטו עס? ווי קומסטו עס צו ווי-סען? איך גלויב דיר נישט.

—פון וואַנען ווייס איך דאָס? זיידע, איך האָב מיך דער-צויגען ביי דיר אין הויז. און אין דיין הויז קומען שטענדיג אַ סך מענשען: יודען און קריסטען, סוחרים און פּריצים, רייך

און אָרים. איך האָב שטענדיג געהערט פערשידענע סוחר׳ישע שמועסען און האָב אַ שטיקעל השגה וועגען געשעפט.

ר׳ שאול איז ווידעראַמאָל אַנטשוויגען געוואָרען. פערשידענע געפיהלען האָבען זיך געראַנגעלט אין איהם, אָבער ער האָט זיך דאָך בעהערשט און שטיל געזאָגט:

—דו פערשטעהסט מיר צופיל. דיין נשמה איז אָנגעפילט מיט אונרוהיגקייט און דידאָזיגע אונרוהיגקייט זייהסטו אומעטום. דו פער׳סמ׳ט די מנוחה פון מיין עלטער. איך בין היינט געוועזן גליקליך, וואָס מיינע אויגען האָבען דיך נישט געזעהן.

מאיר האָט אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ.

—זיידע,—האָט ער זיך אָנגערופען,—פאַרוואָס שרייסטו אויף מיר? איך רייד דאָך מיט דיר נישט וועגען זיך?

—אָבער פאַרוואָס מישטו זיך אַריין אין פרעמדע געשעפטען?—האָט דער אַלטער שטרענג געפרעגט.

—דאָס זענען נישט קיין פרעמדע געשעפטען,—האָט זיך מאיר פערטיידיגט,—קאַמיאָנקער איז אַ יוד... ער איז אונזערער... פאַרוואָס זאָל ער בעפלעקען אונזער פאָלק מיט זיינע מאוס׳ע מעשים?.. זיידע, דאָס זענען פאַר אונז נישט קיין פרעמדע געשעפטען. דיין זוהן אַברהם האָט דאָך דאָ אויך אַ יד...

שאול האָט זיך באַלד אויפגעהויבען פון דיוואַן און זיך תיכּף ווידער אַראָבגעלאָזט.

—מיין זוהן אברהם!—האָט ער אויסגערופען.

נאָכדעם האָט ער מאיר׳ן שאַרף אָנגעקוקט.

—דו לייגסט נישט?

—איך האָב געזעהן און געהערט...—האָט מאיר אַרויסגעשעפּטשעט.

ר׳ שאול האָט זיך פערטראַכט.

—נו,—האָט ער לאַנגזאַם געזאָגט,—דו האָסט רעכט צו קלאָגען זיך אויף דיין פעטער. ער איז דיין פאָטערס אַ ברודער און מיט אַזאַ מין געשעפט קאָן ער בעשמוצען אונזער משפחה. אין אונזער משפחה האָט קיינער שלעכט אָדער מאוס נישט געהאַנדעלט, און מיין זוהן וועט עס אויך נישט טהאָן...

—זיידע, אָבער זאָג קאַמיאָנקער׳ן און ר׳ דוד׳ן, אַז זיי זאָלען דאָס אויך נישט טהאָן...

—דו ביזט אַ נאַר!—האָט ר׳ שאול בעמערקט.—קאַמיאָנקער איז נישט מיין זוהן און נישט מיין איידעם, און זיי וועלען מיך אויך נישט פאָלגען.

דער זיידע האָט נאָך געוואָלט עפּיס זאָגען, אָבער אין צימער זענען אַריין עטליכע יודען, וואָס זענען געקומען פון די אַרומיגע שטעדטלעך אויפ׳ן שיבאָווער יריד. דאָס זענען געווען רייכע אָנגעזעהענע סוחרים אָדער אַרענדאַטאָרען פון די נאָהענטע גיטער.

ר׳ שאול האָט זיך אַפילו אויפגעהויבען, צו בעגריסען זיי, אָבער זיי האָבען איהם באַלד געדריקט די האַנד, בעשאָטען מיט „גוטמאָרגענס" און בעת-מעשה געזאָגט, אַז געקומען קיין שיבאָוו זענען זיי נישט אַזוי צוליב׳ן יריד און צוליב געשעפט, ווי צוליב ר׳ שאול׳ן, מיט וועלכען זיי ווילען זיך אַ ביסעל דורכשמועסען. ר׳ שאול האָט זיי אויך זעהר העפליך געענטפערט און מיט אַ סאָלידען זשעסט זיי אָנגעוויזען אויף די שטוהלען, וואָס זענען געשטאַנען אַרום טיש. אַליין האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אויבענאָן, אויפ׳ן דיוואַן, אויף זיין שטענדיגען אָרט און מיט דער אַלטע האַנד אַ פּאַטש געטהאָן. באַלד האָט זיך בעוויזען אַ שען דינסטמיידעל מיט אַ זילבערנעם טאַץ, אויף וועלכען עס זענען געשטאַנען גלעזער טיי.

די געסט האָבען זעהר הייס בעדאַנקט דעם אַלטען בעל-הבית פאַר זיין גאַסטפריינדליכקייט און באַלד איז אַוועק אַ שמועס וועגען געשעפט און האַנדעל.

מאיר האָט געזעהן, אַז איצט איז נישטאָ וואָס צו ריידען, איז ער שטיל אַרויס אין קיך, וואו עס האָט געקאָכט, ווי אין אַ קעסעל. דאָ זענען אויך געזעסען געסט, אָבער גאָרנישט עהנליך צו יענע, וואָס זענען געזעסען אין גאַסטצימער.

אויף די בענק, וואָס זענען געשטאַנען ביי די ווענד, זענען געזעסען אָרימע יודען און שרה מיט רפאל׳ס ווייב האָבען געשמועסט מיט זיי, מכבד-געווען מיט האָניג, מיט שטיק-

לעך חלה און הייסען קרופּניק. דעם עולם איז דאָ געהען גאַנץ היימליך און מען האָט מיט גרויס דרך-ארץ בעדאַנקט די גו-טע און גאַסטפריינדליכע בעל-הבית׳טעס. דערדאָזיגער עולם איז בעשטאַנען פון אָרימע שענקער, אַרענדאַטאָרען, הענדלער, מעק-לער און דעסגלייכען. זיי זענען געווען מאָגער און אויסגעמאַ-טערט און שוואַרץ. אויסגעבען עטליכע קאָפּיקעט אויף אַ מיטאָג, איז פֿאַר זיי געווען אַ שווערע זאַך. און דעריבער, אַז זיי זע-נען געקומען קיין שיבאָוו, זענען זיי באַלד אַוועק צו די יעזע-פֿאָוויטשעס, וואו זיי זענען אויפגענומען געוואָרען זעהר האַרציג און וואַרים.

צוויי פרויען, אָנגעטהאָן אין זיידענע קליידער. מיט גאָל-דענע פינגערלעך אויף די הענד, אין קאָלירטע הויבען און מיט שמייכעלעך אויף די ראָזע בעקלעך האָבען זיך שטאַרק אַרומ-געפּאָרעט אַרום אויווען, וואו דאָס פייער האָט געקנאַקט און אַרום די אָפענע פענסטער, אונטער וועלכע עס זענען געזעסען זייערע געסט. אָבער אַ סך זענען געשטאַנען מיט אויסגעצויגענע הענד. דאָס זענען שוין געווען סאַמע קבצנים, דלפנים, וואָס זענען געקומען אויפ׳ן יריד נישט צוליב געשעפֿטען, נאָר פּשוט צו כאַפּען אַ פּאָר גראָשען ביי די מעהר גליקליכע.

דאָס זענען געווען קבצנים פון קבצנים-לאַנד, און זיי האָ-בען אַפילו נישט געקאָנט געהאָלפען ווערען פון דער מענגע צדקה-חברות, וואָס האָבען עקזיסטירט אין שטעדטעל. דידאָזיגע לייט האָבען בעקומען דורכ׳ן פענסטער ברויט, זויערמילך און קליינע נדבות. זייערע דאַנקען און ברכות האָבען זיך געגאָסען, ווי אַ שטראָם אין די אָפענע פענסטער אַריין.

אין אַ צווייטען קיך-ווינקעל איז געווען בעזונדערס פרעה-ליך און רוישיג. אַ גאַנצע מחנה קינדער—יונגלעך און מיידלעך, יום-טוב׳דיג אויסגעפוצט און מיט יום-טוב׳דיגע נאַשערייען אין די מיילכלעך, האָט זיך פערזאַמעלט אין ווינקעל און זיך מיט גרויס נייגיער צוגעקוקט צו די פרעמדע מענשען, וואָס האָבען זיך פריי אַרומגעדרעהט אין קיך. בעזונדערס האָבען זיך די יונגלעך צו-געקוקט און צוגעהערט צו די שמועסען פון די פרעמדע מענ-

שען. די מיידלעך אָבער האָבען זיך שטאַרק צוגעקוקט צו זייערע שענע קאָלירטע קליידעלעך, צו די פאַטשערקעס און צו די לאַנגע לענטעס, וואָס זענען אַריינגעפלאָכטען געווען אין זייערע לאַנגע צעפ. גאָר די קליינע קינדער זענען אַרומגעקראָכען איבער דער פאָדלאָגע, האָבען געוויינט אָדער געלאַכט אָדער געגעסען גלע בייגעלעך, גראָב בעשמירט מיט האָניג.

דאָ, צווישען די אייניקלעך און אור-אור-אייניקלעך, איז אויך געזעסען די אַלטע פריידע. אין אַזוינע טעג, ווען אַלץ טומעלט, רוישט און פילדערט און די גאַנצע שטוב איז פול און פאַק מיט פרעמדע מענשען, הערט די אַלטע אויף צו דרעמלען און עס לעבען אין איהר אויף די זכרונות וועגען עבר. דע־מאָלט זעהט זי בילדער און געשטאַלטען פון יענע טעג, בשעת זי איז געוועזן דאָס ווייב פון איהר געליבטען הערש׳ן און איז געוועזן אַ בעל-הבית׳טע פון איהר גרויסען הויז, אין וועלכען זי האָט אַריינגעלעגט דעם גאַנצען כוח פון איהר האַרץ, קאָפ און הענד.

אויך היינט האָבען איהרע אויסגעלאָשענע אויגען געקוקט בעוואוסטזיניגער און אויף איהרע אָבגעלעבטע ליפען האָט זיך אפילו בעוויזען אַ שמייכעל פון צופרידענהייט. די אייניקלעך האָבען זי אויפגעוועקט פריהער, ווי אַלעמאָל, אויפגעהויבען זי פון בעט, אָנגעטהאָן זי אין די יום-טוב׳דיגע קליידער, און איצט, פאַר׳ן אַריינפיהרען זי אין גאַסטצימער, וואו זי וועט זיך אַני־דערזעצען אויף איהר שטענדיגען אָרט ביים פענסטער, האָבען זיי אויסגעבעסערט אויף איהר דאָס קלייד. די שוואַרצאויגיגע לאה׳לע האָט איהר אָנגעטהאָן די בריליאַנטענע בראָש; אַנ׳אַנדער שוועסטער לאה׳לעס האָט איהר אָנגעטשעפעט אויף די אויערן די אוירינגלעך, אַ דריטע האָט בעלעגט איהר איינגעשרומ־פענעם האַלז מיט שנירעלעך פערל און אויסגעלעגט אויף דער ברוסט אַ גאָלדענע קייט. די מיידלעך, וואָס האָבען זיך געטענ־טעלט אַרום איהר, האָבען געשמייכעלט מיט אָנגעבויגטע קעפ, און שטאַרק נאָכגעקוקט אויף זייער אַרבייט. טיילמאָל האָבען זיי שטיפעריש אַריינגעקוקט אין דער באָבעס אָבגעלעבטע אוי־

גען אָדער הילכיג זי געקושט א. ג'ם איינגעשרומפּענעם שטע-רען.

די אַרענדאַטאָרען און די אָרימע הענדלער האָבען זיך צוגעקוקט צו דערדאָזיגער גרופּע, וואָס איז בעשטאַנען פון אַ הונדערט-יעהריגער זקנה און די יונגע שענע מיידלעך, וואָס האָ-בען זי אַרומגערינגעלט. זיי האָבען געשאָקעלט מיט די קעפּ, זיך שטאַרק גע'חדוש'ט מיט איהר אַלטקייט, עשירות און דער ליבע פון די קינדער צו איהר.

אין דעם אַנדער טייל הויז, וואו די דערוואַקסענע מיט-גלידער פון דער משפּחה האָבען פריהער הויך און פרעהליך געשמועסט צווישען איינאַנדער, איז איצט געווען לעדיג און שטיל.

מאיר, וואָס איז אַדורכגעגאַנגען דעם שמאָלען קאָרידאָר און געוואָלט אַריינגעהן צו זיין פעטער רפאל, האָט זיך בעגע-געגט אויף דער שוועל מיט חיים'ען, זיין שוועסטערקינד, וואָס איז אַרויסגעלאָפען פון רפאל'ס וואוינונג. חיים'ס קינדיש געזיכט, בערעמעלט מיט גאָלדענע האָר, איז געווען זעהר אויפגע-לעבט.

—וואו איז דער פעטער רפאל?—האָט מאיר אַ פרעג גע-טהאָן.

—וואו זאָל ער זיין?—האָט יענער אייליג געענטפערט,—ער איז אַוועק מיט בער'ן קויפען אָקסען.

—און וואוהין געהסטו?

חיים האָט גאָרנישט געהערט דידאָזיגע פראַגע, און איז אַרויסגעלאָפען אין דרויסען. דער גערויש און די פרעהליכע בעוועגונג פון דעמדאָזיגען טאָג האָבען איהם אויך פערכאַפּט און ער איז אַוועקגעלאָפען אויפ'ן יריד.

מאיר איז אַרויסגעגאַנגען א יפ'ן גאַניק און בעטראַכט פון ווייטען דעם מאַרק. דער יריד האָט זיך נאָך נישט אָנגעהויבען. אַרום עטליכע וועגענס, וואָס זענען געשטאַנען אינמיטען מאַרק, האָט זיך בער געאַמפּערט מיט אַ מחנה פויערים. מאיר האָט מיט'ן אויג אָבגעזוכט רפאל'ן, וואָס איז געשטאַנען אויפ'ן גאַניק, ביים

מאַרק און געשמועסט מיט גרויסע סוחרים, וואָס זענען געקומען פון די אַרומיגע שטעדטלעך.

מאיר האָט געוואוסט, אַז איצט איז נישט די צייט צו ריידען מיט רפאל'ן און בער'ן וועגען דעם בראָנפען און ער האָט געקוקט אויפ'ן מאַרק אַזוי ווי דורך אַ נעבעל אָדער אַ חלום. איהם האָט אויסגעוויזען משונה, וואָס קיין איינער פון די אַלע מענשען, וואָס האָבען זיך אַרומגעדרעהט איבער'ן מאַרק, האָט גאָרנישט געטראַכט וועגען דעם אייגענעם, וואָס ער אַליין האָט אַזוי עקשנות'דיג געטראַכט, ווילענדיג צי נישט-ווילענדיג.

—אָבער וואָס געהט עס מיר אָן?—האָט ער געטראַכט,—און וואָס קאָן איך העלפען?—האָט ער געקוקט אַרום זיך מיט אַ נעבעלדיגען בליק, און ווען עמי'ץ וואָלט איהם איצט אָנגעקוקט פון דער זייט, וואָלט ער געקאָנט מיינען, אַז דעם יונגענמאַן איז לאַנגוויילינג אָדער ער איז מיד. אָבער אין זיין האַרץ האָט עפּיס געברויזט. ער האָט זיך נישט אָבגעגעבען קיין רעכנונג אין זיינע געפיהלען, אָבער ער האָט גלייכצייטיג געשפירט, אַז ער טאָר נישט וואַרטען און שוויגען, ביז אַלץ וועט זיך בערו-היגען און איינשטילען אין שטעדטעל, און הינטער'ן שטעדטעל וועט אויפלאַמען אַ גרויסע שרפה.

—מיט וואָס האָט זיך בעשולדיגט יענער מענש געגען אונז?—האָט ער זיך געפרעגט.

ער האָט געטראַכט וועגען דעם גוט-בעזיצער.

זיין נישט זיכערער בליק, אָנגעזאַפּט מיט ספקות, איז גע-פאַלען אויפ'ן גאַנעק פון וויטעבסקיס הויז. דער בעל-הבית פון הויז איז געשטאַנען אויפ'ן גאַניק אין אַ פונאַנדערגעשפיליעטען סורדוט מיט אַ גלאַנציגער קייט אויפ'ן סאַמעטענעם וועסטעל. ער האָט געראויכערט אַ פּאַפּיראָס און האָט געקוקט אויף דער ער-שטער יריד-בעוועגונג מיט אַ מינע פון אַ מענשען, וואָס איז גאָרנישט קיין בעלן צו נעהמען אַנ'אָנטייל אין דערדאָזיגער בע-וועגונג. און אַזוי האָט עס אייגענטליך בעדאַרפט זיין, ווייל וויטעבסקי האָט הויפּטזעכליך געהאַנדעלט מיט געהילץ, וואָס ער

פלעגט אריפקויפען ביי די גוטבעזיצער און צום שיבאָוועד יריד האָט ער קיין שום שייכות נישט געהאַט. אויסערדעם, האָט ער שטאַרק געהאַלטען פון זיינע געשעפטען און האָט ביי זיך בשום אופן נישט געקאָנט פועל'ן אַריינצוּוואַרפען זיך אין דערדאָזי-גער בונטער מחנה, וואָס האָט געהאַנדעלט מיט תבואות און קיה.

מאיר איז אַראָבגעלאָפען פון גאַניק און איז אַוועק צו וויטעבסקי'ן, וואָס האָט איהם אויסגעצויגען די הענד מיט אַ ליבליכען שמייכעל.

—אַך, אַ זעלטענער גאַסט,—האָט ער געזאָגט,—אָבער אַ ליבער גאַסט! נו, איך ווייס, אַז דו האָסט נישט געקאָנט קומען צו אונז אינ'ם הויז פון דיין כלה. דער שטרענגער זיידע האָט דיך געהייסען זיצען אין בית-המדרש און לערנען. אָבער דאָס איז גאָרנישט. דער זיידע איז אַ גוטער. ער האָט עס נישט געטהאָן, ווייל ער איז שלעכט צו דיר, און דו האָסט זיך אויך נישט פערזינדיגט דערמיט, ווייל דו האָסט אַ שלעכט האַרץ... דו ביזט נאָר עטוואָס אַרויס פון גדר... נאַטירליך, אַ יונגערמאַן... נו, קום-אַריין אין שטוב, וואָס שטעהען מיר דאָ?

עליע וויטעבסקי האָט געשמייכעלט און צערטליך געקוקט אויף זיין קינפטיגען איידעם. ער האָט איהם גענומען ביים אָרעם און אַריין מיט איהם אין שטוב, וואו ער האָט איהם צוגעפיהרט צום גרינעם דיוואַן און אַ זאָג געטהאָן מיט אַ פרעה-ליכען שמייכעלע:

—דו שעמסט זיך, מאיר, פאַר דיין כלה. אָבער דאָס שאָדט נישט. איך האָב עס ליב. אַמאָל בין איך אויך געוועזען אַזוי שעמעדיג, ווי דו, און אַלע יונגעלייט בעדאַרפען זיין אַזוי. אָבער מיין טאָכטער איז אַ געבילדעטע און האָט געוואוינט אין אַ גרויסער שטאָדט, וואו די מנהגים זענען גאָר אַנדערע. זי האָט גרויס עגמת-נפש דערפון, וואָס זי קאָן נישט איהר חתן, מיט וועלכען זי בעדאַרף אין אַ חודש אַרום שטעהן אונטער דער חופה. נו, איך וועל זי אַריינרופען אַהער! די פענסטער וועל איך פערמאַכען—קיינער זאָל נישט זעהן, אַז איהר זיצט דאָ אין צו-

מער. אַט וועט איהר זיך אַ שמועס טהאָן צווישען איינאַנדער... איהר וועט בעקאַנט ווערען...

וויטעבסקי האָט שוין געוואָלט אַ רוף טהאָן זיין טאָכטער, אָבער מאיר האָט איהם אַ כאַפּ געטהאָן פאַר דער פּאָלע פון סורדוט.

—ר׳ עליע,—האָט ער געזאָגט,—נישט די כלה און נישט די חתונה קריכט מיר איצט אין קאָפּ, נאָר עפּיס אַנדערש... איך בין געקומען צו אייך מיט עפּיס אַנ׳ענין...

וויטעבסקי האָט שאַרף אָנגעקוקט דאָס ערנסטע און בלאַס-געוואָרענע געזיכט פון יונגענמאַן און האָט זיך עטוואָס אָנגע-וואָלקענט.

—ר׳ עליע, איך בין געקומען צו אייך מיט גאָר אַנ׳אַנדער ענין,—האָט מאיר ווייטער געזאָגט.

אָבער וויטעבסקי האָט איהם נישט געלאָזט ענדיגען:

—אויב דער ענין געהערט נישט צו מיר און נישט צו דיר, טאָ צו וואָס זאָלען מיר ריידען וועגען דעם?

—פאַרהאַן פערשידענע ענינים אויף דער וועלט,—האָט זיך מאיר אָנגערופען,—פאַרהאַן אַזוינע ענינים, וואָס געהערן צו אַלעמען און אַלע בעדאַרפען וועגען זיי טראַכטען און ריי-דען.

געמיינט האָט מאיר זיכער דאָס, וואָס ווערט אין דער ציוויליזירטער וועלט אָנגערופען געזעלשאַפטליכער ענין. דידאָזי-גע צוויי ווערטער זענען איהם געווען אונבעקאַנט, אָבער דעם בעגריף, וואָס זיי דריקען-אויס, האָט ער זעהר שטאַרק גע-פיהלט.

—איך בין היינט דערגאַנגען זעהר אַ שרעקליכען סוד...

וויטעבסקי איז אויפגעשפּרונגען פון שטוהל, אויף וועלכען ער איז געזעסען.

—איך וויל נישט וויסען פון קיין שום סודות!—האָט ער אויסגערופען.—וואָס רעדסטו מיט מיר וועגען דעם? איך בין נישט נייגיריג!..

—אָבער, ר׳ עליע, איך וויל, איהר זאָלט שטערען...

—צו וואָס זאָל איך שטערען? וואָס געהט עס מיר אָן? און וואָס ביזטו געקומען צו מיר מיט סודות?

—איך בין געקומען צו אייך, ר׳ עליע, ווייל איהר זענט רייך און קאָנט שען ריידען און לעבט מיט אַלעמען זעהר גוט אַפילו מיט אונזער רב... אַז ער דערזעהט אייך, נעהמט ער שמייכלען... אייער וואָרט האָט אַ גרויסען ווערט ביי אונז אין שטעדטעל, און ווען איהר ווילט...

—איך וויל גאָרנישט!—האָט איהם וויטעבסקי איבערגע-האַקט, אַנ׳אויפגערעגטער.—איך בין רייך און לעב מיט אַלעמען בשלום—דאָס איז אמת, אָבער איך וועל דיר עפּיס זאָגען, מאיר...

און וויטעבסקי האָט גענומען שטילער ריידען:

—ווען איך זאָל מיך אַריינמישען אין פרעמדע סודות און אין פרעמדע געשעפטען, וואָלט איך נישט געווען רייך און וואָלט נישט געלעבט בשלום מיט אַלעמען און מיר וואָלט גאָר-נישט געווען אַזוי גוט, ווי איצט...

—ר׳ עליע,—האָט זיך מאיר אָנגערופען,—מיר איז זעהר אָנגענעהם צו הערען, אַז אייך לעבט זיך גוט. אָבער איך וואָלט נישט געוואָלט, אַז מיר זאָל זיין גוט אויפ׳ן חשבון פון יענעמס צער...

—וואָס? ווער רעדט דאָ פון יענעמס צער?—האָט ווי-טעבסקי געשמייכעלט,—אין מיין לעבען האָב איך נאָך קיינעם נישט בעליידיגט. איך פיהר עהרליכע געשעפטען, און די, מיט וועלכע איך בין געשעפטליך פערבונדען, זענען צופרידען מיט מיר און בעציהען זיך זעהר גוט צו מיר... איך קאָן, גאָט צו דאַנקען, קוקען רוהיג יענעם אין די אויגען, און אין מיין פער-מעגען זענען נישטאָ קיין פרעמדע טרעהרען און פרעמדע צרות...

מאיר האָט מיט דרך-ארץ אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ פאַר וויטעבסקי׳ן.

—ר׳ עליע, איך וויים, אַז דאָס אַלץ, וואָס איהר זאָגט, איז בלויז אמת. איהר פיהרט עהרליך אייערע געשעפטען און פער-

שאַפֿט גרויס כּבוד אונזער קהילה. אָבער מיר דאַכט זיך, אַז ווען דער מענש איז עהרליך, טאָר ער נישט קוקען גלייכגיל-טיג אויף יענעמס שלעכטע מעשים. וואָרום קוים שטערט ער נישט יענעם אין זיינע שלעכטע מעשים, בעגעהט ער דערמיט אַ גרויסען חטא, פּונקט ווי ער וואָלט זיך אויך בעטייליגט אין יענעמס געמיינע פערברעכענס. איך האָב מיך דערוואוסט, אַז איינעם אַנ׳עהרליכען יודען איז געטהאָן געוואָרען אַ גרויסע עולה. אָבער איך אַליין קאָן גאָרנישט העלפען, זוך איך מענ-שען, וואָס וואָלטען געקאָנט מציל-זיין דעם אונשולדיגען יודען פון אַנ׳אומגליק...

דאָ האָט זיך וויטעבסקי שטאַרק צולאַכט. ער האָט זיך אויפגעהויבען פון שטוהל און האָט אָנגעפּאַטשט דעם גאַסט אי-בער׳ן אַקסעל.

—נו, נו, איך זעה שוין,—האָט ער זיך אָנגערופען,—אַז דו האָסט אַ הייסען קאָפּ. דו ווילסט, קענטיג, אַראָבנעהמען פון דיין קאָפּ אַ שווערע זאָרג און אַרויפלעגען זי אויף מיין קאָפּ. נו, איך דאַנק דיך זעהר פאַר דערדאָזיגער מתּנה, אָבער איך וועל זי נישט נעהמען! לאָז מיך געמאַך, איך בעט דיך. אָבער צו וואָס זאָלען מיר זיך פער׳סמ׳ען דאָס לעבען, אַז מיר קאָ-נען היינט זעהר גוט פערברענגען די צייט? פאָלג מיך, בע-רוהיג זיך און איך וועל אַריינרופען די כּלה. דו האָסט נאָך נישט געהערט, ווי זי שפּילט? אַך, ווי זי שפּילט? אַך, ווי שען זי שפּילט! היינט וועט זי דיר עטוואָס שפּילען, וועסטו הערען...

וויטעבסקי, וואָס האָט עס אַלץ גערעדט מיט אַ לייכטען טאָן, האָט זיך אויפגעהויבען און געוואָלט געהן אַ רוף טהאָן זיין טאָכטער, אָבער מאיר האָט איהם ווידעראַמאָל אָנגעכאַפּט ביי דער פּאָלע.

—ר׳ עליע!—האָט ער אויסגערופען,—אָבער הערט מיך אויס!..

וויטעבסקי האָט זיך שוין אונגעדולדיג בעוועגט, אָבער ער האָט דאָך בעמערקט מיט אַ שמייכעל:

—או-וואַ, מאיר! דו פּאָלגסט דאָך גאָרנישט!.. דו ווילסט צווינגען מענשען, וואָס זענען עלטער פון דיר, זיי זאָלען האַנד-לען אַזוי ווי דיר ווילט זיך. אָבער דאָסמאָל שענק איך דיר און געה אַ רוף טהאָן דיין כּלה...

וויטעבסקי האָט ווידעראַמאָל געמאַכט אַ בעוועגונג צו דער טיר און מאיר האָט איהם פּשוט פערשטעלט דעם וועג.

—ר' עליע!—האָט ער ווידעראַמאָל אויסגערופען,—איך וועל אייך נישט אַוועקלאָזען, אויב איהר וועט מיך נישט אויסהערען. צי וועמען זאָל איך מיך ווענדען, אויב נישט צו אייך. היינט זענען אַלע פּערנומען מיט זייערע געשעפטען און געסט, און בלויז איהר, ר' עליע, האָט היינט צייט...

ער איז אַנטשוויגען געוואָרען, ווייל וויטעבסקי האָט שוין אויפגעהערט צו שמייכלען. ער איז מיט אַמאָל ערנסט געוואָרען און האָט ארויפגעלעגט די האַנד מאיר'ן אויפ'ן אַקסעל.

—הער-נאָר, מאיר,—האָט ער געזאָגט,—איך וועל דיר עפּיס זאָגען. דו האָסט זיך פערנומען אויף אַ שלעכטען וועג. אַלע אין שטעדטעל טענה'ן איצט דאָס אייגענע און פאַרהאַן אַזוינע, וואָס זענען זעהר בייז אויף דיר. אָבער איך בעציה זיך צו דיר גאַנץ פריינדליך, ווייל איך טראַכט אַנדערש, ווי אַלע, און ווייל איך ווייס אַליין, אַז אַ סך זאַכען מוזען ביי אונז געענדערט ווערען. אָבער דאָס זענען אַלץ מחשבות, וואָס איך זאָג זיי קיינמאָל נישט אַרויס. צו וואָס זאָל איך עס טהאָן? שוין-זשע וועל איך עפּיס העלפען דערמיט? אויב גאָט אַליין וויל אַזוי, קאָן איך דאָך נישט געהן געגען איהם. און אויב, ווידער, מענ-שען ווילען אַזוי, וועלען זיך דידאָזיגע מענשען ענדערן מיט דער צייט. מיין זאַך איז אַ פּשוט'ע: איך בעדאַרף קאָנען זיך, מיין פאַמיליע און מיינע געשעפטען. איך בין נישט קיין רב. שווייג איך, פערשטעהסטו מיך, און סטאַרע זיך צופרידענשטע-לען גאָט און לייט. אַזוי בין איך מיך נוהג און איך וואָלט וועלען, אַז אויך דו, מאיר, זאָלסט זיך נוהג-זיין אַזוי. איך וואָלט דיר אַפילו קיין שום עצות נישט געגעבען און וואָלט דיר אָפּ-געגעבען די ברירה, דו זאָלסט זיך נוהג-אַזוי, ווי די ווילסט,

אָבער אַזוי ווי דו וועסט חתונה-האָבען מיט מײַן טאָכטער, מוז איך אַכטונג געבען אויף דיר...

ביי מאיר׳ן האָבען זיך בעוויזען טרערען אויף די אויגען און ער האָט זיך אָנגערופען מיט אַן׳אויפגערעגטען קול:

—ר׳ עליע! זענט נישט בייז אויף מיר פאַר אַ העזה׳דיג וואָרט, וואָס איך וועל אייך זאָגען: איך וועל נישט חתונה-האָבען מיט אייער טאָכטער און וועל קיינמאָל אין לעבען נישט זיין איהר מאַן.

וויטעבסקי איז מטושטש-געוואָרען פון דידאָזיגע ווערטער.

—נו, האָט ער אויסגערופען,—וואָס נאָך וועסטו מיר זאָגען? ביי אונז איז דאָך שוין געווען אַ קנין, מתנות האָסטו דאָך שוין דיין כלה געשיקט...

מאיר האָט אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ.

—ר׳ עליע, איך האָב גאָרנישט געגען אייער טאָכטער. אָבער מיין האַרץ ציהט נישט צו איהר. און זי, ר׳ עליע, וויל מיך אויך נישט... איך בין איינמאָל פאַרבייגעגאַנגען פאַרביי אייערע פענסטער, האָב איך געהערט, ווי זי האָט געוויינט און זיך געקלאָגט דערויף, אַז מען וויל זי חתונה-מאַכען מיט אַ פּראָסטען יודעל... אָבער דאָס איז דאָך אַזוי! איך בין אַ פּראָסטער יודעל... איהר בילדונג איז מיר אויך נישט זעהר געפעלען... צי וואָס זאָל מען אָנטהאָן קייטען אויף איהר און אויף מיר?.. מיר זענען שוין נישט קיין קינדער און מיר ווייסען זעהר וואויל, וואָס אונזער האַרץ בעגעהרט...

וויטעבסקי איז נאָך אַלץ געשטאַנען אַ צומישטער.

—האָב איך גוט געהערט דאָס, וואָס דו האָסט געזאָגט, אָדער איך האָב דיך נישט פערשטאַנען?.. דו ווילסט נישט מיין טאָכטער? דו ווילסט נישט מיין שענע געבילדעטע מערי?..

זיין שטערען איז רויט געוואָרען. דער פריינדליכער און קלוגער וויטעבסקי האָט זיך פערוואַנדעלט אין אַ בייזען און בעליידיגטען פאָטער. אין דער אייגענער מינוט האָט זיך בעוויזען האַנע מיט אַ פלאַמענדיגען פּנים און גלאַנציגע אויגען. זי האָט,

קענטיג, געמאַכט פאַר'ן שפּיגעל איהר טואַלעט, אָבער זי האָט איהם נאָך, ווייזט-אויס, נישט פערענדיגט, ווייל זי האָט נישט געטראָגען איהר געוועהנליך זיידען קלייד, נאָר אַ ברייטען גרויען קאַפּאָט. פון פאָרענט איז איהר פאַרוק געווען גוט צוגעקאַמט, אָבער הינטער די אויערן האָבען זיך געצויגען שטיקער האָר.

זי איז געבליבען שטעהן אויף דער שוועל און אַ געשריי געטהאָן:

—איך האָב אַלץ געהערט!

מעהר האָט זי נישט געקאָנט ריידען פון אויפרעגונג. פון די אויגען זענען איהר געפאַלען פונקען, די ברוסט האָט זיך שנעל געהויבען. צולעצט, איז זי צוגעשפּרונגען צו מאיר'ן מיט ברייט-פונאַנדערגעצויגענע הענד און האָט אויסגעשריען:

—וואָס האָב איך דאָ געהערט? דו ווילסט נישט מיין טאָכטער? דו?.. אַ פּראָסט יודעל פון שיבאָוו!.. דו ווילסט נישט חתונה-האָבען מיט אַזאַ שענער פאַנע, מיט אַזאַ געבילדעטער פריילין? פוי! דו ביזט אַ שוטה! אַ משוגענער! אַ צולאָזענער יונג!

וויטעבסקי האָט געפּרובט איינשטילען דאָס ווייב, צוהאַלטענדיג זי פאַר די עלענבויגענס:

—שאַ, האַנע, שאַ!

אָבער אין דער מינוט האָט האַנע פערגעסען אין אַלץ און אַלעם, איז אַרויס פון די כלים, זיך געוואָרפען צו מאיר'ן, געגראַזיעט איהם מיט דער פויסט און געשריען:

—דו ווילסט נישט מעריין? דו ווילסט נישט מיין טאָכטער? אַי-אַי-אַי! אָט אַנ'אומגליק! מיר וועלען גאָר אַוועקשטאַרבען פון עגמת-נפש! זי וועט אודאי קיין מאַן נישט געפינען און וועט אויסוויינען די אויגען נאָך דיר! הערסטו, אַנ'אומגליק איז אין שיבאָוו געשעהן: אַ פּראָסט יודעל וויל נישט נעהמען מיין טאָכטער! וועל איך זי אַוועקפיהרען קיין ווילנא און וועל זי דאָרט חתונה-מאַכען מיט אַ מאַגנאַט!.. וואָס טראַכסטו דיר? אַ גאַנצער פריץ, מיינסטו, ביזטו, ווייל דיין זיידע האָט געלד און דיין טאַטע האָט דיר איבערגעלאָזט אַ גרויסע ירושה? איך

וועל וויזען דיין זיידען און דיין גאַנצער משפחה, אַז איך בענ דארף איך אַלעמען האָבען, ווי אַנ'אַלטען פאַנטאָפעל...

דערהערענדיג אַזוינע געשרייען, האָט עליע וויטעבסקי תיכף פערמאַכט טיר און פענסטער, און האַנע איז צוגעלאָפען צום קאַמאָד, וואָס איז געשטאַנען נעבען קלאַוויר, האָט אַרויס-גערוקט אַ שופלאָד און גענומען אַרויסוואַרפען פון דאָרט פער-שידענע קעסטעלעך מיט צירונג.

—נאַ!—האָט זי אַ געשריי געטהאָן און דערביי אַ שליידער געגעבען אויף דער ערד די קעסטעלעך,—נאַ! נעהם-צוריק דיי-נע מתנות און טראָג זיי אַוועק צו דער קאַראַאימער מיידעל. אַ ליבע פיהרסטו דאָך מיט איהר! אָט זי, זעהסטו, פּאַסט זיך אַקו-ראַט פאַר דיר!..

—שאַ!—האָט שוין וויטעבסקי געשריען, אַ פערצווייפעלטער, צו דער ווייב און גענומען צונויפקלויבען די מתנות פון דער ערד, אָבער האַנע האָט זיי איהם צוריק אַרויסגעריסען פון די הענד.

—איך וועל זיי אַליין אָבטראָגען צו זיין זיידען און וועל צורייסען דעם קנין!—האָט זי געשריען.

וויטעבסקי האָט זיך געבעטען:

—האַנע! מען קאָן דאָך נישט אַזוי... לאָז מיר, וועל איך איבעררעדען מיט ר' שאול'ן.

אָבער האַנע האָט גאָרנישט געהערט, וואָס דער מאַן האָט גערעדט צו איהר.

—פוי!—האָט זי אַלץ געשריען,—אָט דער נאַר! אָט דער משוגענער, אָט דער צולאָזענער יונג וויל נישט מיין טאָכטער! דאָס קאַראַאימער מיידעל איז איהם בעסער געפעלען. נו, גאָט צו דאַנקען, וואָס מיר זענען דערלייזט געוואָרען פון איהם. קיין ווילנא וועל איך מער'ן אַוועקפיהרען און וועל זי דאָרט חתונה-מאַכען מיט אַ מאַגנאַט!..

***

עס איז שוין געווען נאָך האַלבען טאָג, ווען מאיר איז אַרויס פון וויטעבסקיס הויז, בעגלייט פון האַנעס זידלערייען און קולות און וויטעבסקיס שטילע פאָרוואורפען.

דער יריד האָט זיך שוין געפונען אין רעכטען ברען. דער גרויסער מאַרק איז געווען פול און פאַק מיט וועגענס, מענשען, פערד און קיה, און טויזענדער קולות פון מענשען און חיות האָבען פול געמאַכט די לופט. אין דער זייט, אויף אַ פרייען אָרט, וואו עס איז געשטאַנען אַ וואַנד פון אַ שלעכט בעקאַלכטען הויז, איז געזעסען אויף דער ערד אַנ'איינגעקנוידער-טער זקן אין אַ גרויען צוריסענעם כאַלאַט, אַרומגעוויקעלט דעם האַלז מיט אַ גראָבען רויטען טיכעל. זיינע פיס, בעצויגען מיט אַלטע אויסגעריבענע שיך, זענען געווען פערשטעלט מיט קערב און קערבלעך, אויסגעפלאָכטען פון ריטער.

דאָס איז געווען דער קאַראַאים.

דרויסען האָט אַפילו שטאַרק געברענט די זון, אָבער דער אַלטער האָט געטראָגען אויפ'ן קאָפּ אַ גרויס היטעל פון פוקסען-פעל. פון אונטער דעמדאָזיגען היטעל זענען איהם געפאַלען אויפ'ן פלייצע ווייסע לאַנגע האָר, און די ברייטע געלב-ווייסע באָרד האָט איהם צוגעדעקט די ברוסט, ווי אַ פעלער. די הייסע זון-שטראַהלען זענען איהם געפאַלען אויפ'ן קליין אַלט פּנימ'ל און דאָס היטעל איז איהם אַראָבגעפאַלען אויפ'ן שטערען און צוגעדעקט איהם די אויגען, שיצענדיג איהם פון דער זון. אָבער עס האָבען זיך דאָך אַרויסגעזעהן די רויטע וויעס, וואָס האָבען ווילעווייז געפינטעלט און זיך געזשמורעט קעגען דער זון.

גאָלדע, אַ הויכע, אַ שלאַנקע און אַ מאַיעסטעטישע, איז גע-

שטאַנען נעבען דעם אַלטען. אויפ׳ן האַלז האָט זי געטראָגען איהרע קאָראַלען און אויפ׳ן רוקען האָט זיך איהר געבאָמבעלט דער שוואַרצער צאָפּ.

עטליכע טריט ווייטער פון זיי זענען געשטאַנען וועגענס, פערלעגט מיט תבואות, געהילץ און פערשידענע סחורות. בהמות האָבען געברומט, שעפסען האָבען געמעקעט, פערד האָבען געהירזשעט; קליינע מעקלער, הענדלער און סוחרים האָבען זיך געדרענגט צווישען עולם, געמאַכט זיך אַ וועג מיט די עלענבויגענס, געקראָכען פון דער הויט און געאַרבייט מיט גרויס ברען. אין דערדאָזיגער גרויסער מחנה האָט מען גאָרנישט געקאָנט הערען, אויסער געשרייען, ווילד לאַכען און אַמפּערן זיך ביים איינהאַנדלען עפּיס אַ סחורה. אין דערדאָזיגער בהלה האָט געקלונגען דער הויזעריגער קול פונ׳ם אַלטען קאַראַאים, וואָס איז געזעסען און דערצעהלט מעשה׳לעך פון דער יודישער אגדה. דער טומעל און גערודער אַרום איהם איז איהם, אַפּנים, וועניג אָנגעגאַנגען. פערקעהרט, דאָס האָט איהם נאָכמעהר צוהיצט. הגם זיין קול האָט געציטערט, דאָך האָט ער זיך דייטליך געהערט אין דער גרויסער מהומה פון מענשען.

—און אַז משה איז אַראָב פון באַרג סיני,—האָט דער אַלטער גערעדט, אָדער, ריכטיגער, געזונגען,—איז זיין פּנים אָנגעזאַפּט געוואָרען מיט אַזויפיל ליכט, אַז דאָס גאַנצע פאָלק איז איהם געפאַלען צו די פיס און אויסגעשריען: „משה, זאָג אונז נאָכאַמאָל די ווערטער פון בורא!“ און דעמאָלט איז מיט אַמאָל שטיל געוואָרען אויפ׳ן הימעל און אויף דער ערד און די דונערן זענען אַנטשוויגען געוואָרען און די בליצען זענען פערלאָשען געוואָרען און די שטורמווינדען זענען איינגערוהיגט געוואָרען, און משה האָט גערופען זיבעציג זקנים און זיי האָבען איהם אַרומגערינגעלט ווי די שטערען די לבנה און ער האָט זיי איבערגע׳חזר׳ט די ווערטער פון בורא...

צוויי בלאַסע מענשען, אָרים אָנגעטהאָן, אָבער מיט זעהר מיושב׳דיגע פּנים׳ער, זענען פאַרבייגעגאַנגען פאַרביי דעם אַלטען קאַראַאים.

—ער דערצעהלט שוין ווידער,—האָט איינער פון זיי בעמערקט.

—ער דערצעהלט אַלעמאָל,—האָט דער צווייטער געזאָגט.

ביידע האָבען געשמייכעלט, אָבער זיי זענען נישט אַוועקגעגאַנגען. באַלד איז צוגעגאַנגען עפּיס אַ יודענע מיט אַ פּאָר קינדער. די יודענע האָט זיך צוגעהערט און געפרעגט:

—וואָס דערצעהלט ער?

—ער דערצעהלט, ווי אַזוי דאָס פאָלק ישראל האָט אַמאָל געלעבט,—האָט גאָלדע רוהיג געענטפערט.

די קינדער האָבען געגאַפט, די פרוי איז צוגעגאַנגען נעהנטער און אָנגעבויגט דעם קאָפּ. די צוויי בלאַסע יודען האָבען געשמייכעלט און זיך צוגעהערט, און דער קאַראַאים האָט ווייטער דערצעהלט:

—און אַז דאָס פאָלק האָט זיך בעקאַנט מיט'ן רצון פון בורא, האָט עס אין איין קול אויסגערופען: „מיר וועלען שטענדיג טהאָן דיין רצון!" דעמאָלט האָט משה אַוועקגעשטעלט ביים פוס פון באַרג צוועלף שטיינער, אויף וועלכע עס איז געווען אויסגעקריצט דער רצון פון גאָט, און האָט געזאָגט צום פאָלק: „זאָלען אַלע, אַלט און יונג, פרוי און קינד, יוד און פרעמדער, וואָס וואוינט צווישען אייך, און יענער, וואָס האַקט האָלץ, און יענער, וואָס טראָגט וואַסער—אַלע, אַלע זאָלען קומען שליסען אַן'אייביגען ברית מיט גאָט און שווערען, צו דערפילען זיין רצון אויך אַזוי פּינקטליך, ווי דער בורא, וואָס איז שטענדיג מקיים זיין וואָרט."

—נו,—האָט עמיץ פון די צוהערער אַרויסגעזאָגט,—ער דערצעהלט זעהר שענע און זעהר טשיקאַווע זאַכען.

—„און יענער, וואָס האַקט האָלץ, און יענער, וואָס טראָגט וואַסער..."—האָט עמיץ איבערגע'חזר'ט.

די יודענע, וואָס איז געשטאַנען מיט אַן'אָנגעבויגטען קאָפּ און זיך זעהר אויפמערקזאַם צוגעהערט צום קאַראַאימס ווערטער, האָט אַרויסגענומען פון איהר פערפעצט קליידעל אַ שמוציג טי-

בּעל, אויפגעבונדען עס און אַרויפגעוואָרפען דעם אַלטען אויף די קניה אַ גרויסע קופּערנע מטבע.

צו דערדאָזיגער גרופּע זענען צוגעגאַנגען נאָך עטליכע מענשען. נישט ווייט, ביי אַ פּאָר טריט פון זיי, האָט מען זיך געדונגען, ווי גזלנים, געשריען און זיך אַרומגעריסען, גיריג צו געשעפט און פערדינסטלעך, און דערביי האָבען זיך בעטייליגט יודען און קריסטען, מאַנסלייט און ווייבער און אַפּילו קינדער. אָבער דאָ, אונטער דער וייסער וואַנד, איז געשטאַנען אַ הייפעל מענשען און שטיל געשמייכעלט און זיך פערזונקען מיט'ן גע-דאַנק אין אַנ'אַנדער וועלט, אי'ן אַ וועלט פון בילדער און עבר-קלאַנגען. עס האָט זיך גערדאַכט, אַז דער אַלטער קאַראַאים שפּירט די בליקען פונ'ם הייפעלע מענשען און דידאָזיגע בליקען בעגייסטערן איהם שטיל.

פון אונטער די רויטע פינטעלדיגע וויעס האָבען די אויגען געגלאַנצט, פונקט ווי זילבער; דאָס היטעל פונ'ם פוקסען-פעל האָט זיך עטוואָס אַראָבגערוקט און די ברייטע באָרד האָט איהם איצט געכאַפּט פון אַקסעל ביז אַקסעל. ער איז איצט געווען עהנליך צו אַנ'אַלטען האַלב-בלינדען זינגער, וואָס דערהויבט דורך זיינע געזאַנגען די נשמה פון פאָלק.

און ער האָט ווייטער דערצעהלט אָדער, ריכטיגער, גע-זונגען:

— און בשעת די יודען זענען איבערגעגאַנגען דעם ירדן, האָט יהושע אָוועקגעלעגט אויף דעמדאָזיגען אָרט צוויי גרויסע שטיינער און האָט אויסגעקריצט אויף זיי די צעהן געבאָט. איין טייל פון פאָלק האָט זיך אָבגעשטעלט ביים הר-גריזים און דער צווייטער טייל ביים הר-עבל. אָבער אַלע יודען האָבען מיט אַמאָל דערהערט אַ מעכטיגע שטים, וואָס איז געגאַנגען גלייך צו יעדען אין האַרץ אַריין: „דער, וואָס וועט זיך בוקען צו פאַל-שע געטער, וועט צורייסען דעם ברית מיט גאָט און אויך דער, וואָס וועט נישט אַכטען פאָטער און מוטער, וועט צורייסען דעם ברית מיט גאָט!" און אַז די מעכטיגע שטים האָט אויסגערופען

די אַלע צעהן געבאָט, האָט דאָס גאַנצע פאָלק געענטפערט, ווי איין מענש: „זאָל זיין אַזוי!"

—זאָל זיין אַזוי!—האָבען עטליכע מענשען געשעפּטשעט נעבען אַלטען קאַראַאים. מיט עטליכע מינוט צוריק האָבען זיי זיך נאָך אַרומגעריסען פאַר עטליכע גראָשען ריוח אָדער היזק.

צווישען דער איינגער יריד-מחנה האָט זיך דורכגעשטויסען אַ פויערטע. זי האָט אויפגעהויבען אַ געפלאָכטענעם קאָרב און געפרעגט, וויפיל ער קאָסט. גאָלדע האָט, ווי אַלעמאָל, געענט-פערט רוהיג און שטיל. האָט זיך די פויערטע גענומען דינגען, אָבער גאָלדע האָט איהר נישט געענטפערט—נישט דערפאַר, ווייל זי האָט איהר נישט געוואָלט ענטפערן, נאָר דערפאַר, ווייל זי האָט פשוט נישט געהערט איהרע געשרייען און האַמעטנעם לשון. זי האָט זיך פערקוקט אויף איין פונקט פון מאַרק. זי האָט זיך פערטרויטעלט און אויף איהרע ליפען האָט זיך צושפילט אַ קינדיש שמייכעלע. אין דער בעוועגליכער מחנה האָט זיך בעוויזען מאיר. ער האָט זיך שנעל דערנעהנט צו זיי, אָבער ער האָט זיי נישט בעמערקט.

זיינע אויגען האָבען געקוקט ערגעץ אין דער ווייטקייט אַריין און דאָס פנים איז געוועזען אונרוהיג און בלאַס. ער איז פאַרבייגעגאַנגען פאַרביי גאָלדע'ן און איהר זיידען און זיי גאַר-נישט בעמערקט. פון מאַרק איז ער גלייך אַרויף אויפ'ן הויף פון בית-המדרש.

אין דעמדאָזיגען יריד-טאָג איז דער שוהלהויף אויך אַזוי געפּאַקט געוואָרען מיט מענשען, ווי דער מאַרק, און עס איז איהם געוועזען שווער אַדורכצוגעהן.

מאיר איז אַוועק צו דעם שוואַרצען הייזעל, וואו עס האָט געוואוינט דער רב ר' טודרוס. אַרום דער טיר פונ'ם הייזעל האָבען זיך אַרומגעדרעהט אַ סך מענשען פון פערשידענער עלטער און אויסזעהן. אָבער דערדאָזיגער עולם האָט זיך שוין נישט געשטויסען און נישט געשריען און זיך נישט אַרומגעריסען אַזוי ווי אויפ'ן מאַרק. מען האָט דאָ אויך נישט געזעהן

קיין פלאַמענדיגע פנימ׳ער און אויגען, וואָס ברע״ען און זוכען נאָר פערדינסטלעך און געשעפטען. דער עולם איז דאָ אַזוי ווי פערגליווערט געוואָרען אין אַ פייערליכען שטילשווייגען, וואָס איז בלויז זעלטען אונטערגעבראָכען געוואָרען דורך אַ שטי׳ער שעפטשעריי.

מאיר האָט געקאָנט דעמדאָזיגען עולם און האָט געוואוסט, וואוהין און נאָך וואָס ער געהט. על-פי-רוב איז דער עולם בעשטאַנען פון צוגעפאָהרענע, נישט-היגע, וואָס זענען געקומען צום גרויסען רב נאָך אַנ׳עצה אָדער זיי האָבען איהם געוואָלט אָנקוקען פון דער-נאָהנט. צווישען זיי האָבען זיך געפונען גאַנץ פערמעגליכע און אַפילו רייכע סוחרים, סאָליד און בעל-הבית׳יש אָנגעטהאָן. אָבער דער גרעסטער טייל איז בעשטאַנען פון קבצנים אין אויסגערינבענע און פערפעצטע מלבושים, מיט בלאַסע פנימ׳ער, וואָס האָבען אויסגעדריקט יסורים און פיין. עס איז אויך גע-ווען אַ היבשע צאָהל ווייבער און יונגע בחורימ׳לעך.

סאַמע ביים הייזעל האָט זיך מאיר צוגעשטעלט אויף אַ מינוט.

—צו וואָס זאָל איך געהן צו איהם?—האָט ער אַ זאָג געטהאָן פאַר זיך.—ער וועט מיך זיכער נישט ווע׳ען אויס-הערען!

אָבער ער האָט באַלד צוגעגעבען:

—אויב נישט צו איהם, טאָ צו וועמען פאָרט זאָל איך געהן?

נאָכדעם, ווי ער האָט זיך אַ ווײַלע געוואַקעלט, איז ער אַרויף אויף דער שוועל פונ׳ם שוואַרצען הייזעל. אינ׳ם טונקע-לען פאָרהויז איז געשטאַנען אַ וואַנד פון מענשליכע רוקענס; דער עולם האָט געשוויגען און מען האָט בלויז געהערט דאָס אָטעמען פון צעהנדליגער ברוסטען.

מאיר האָט זיך דורכגעשטויסען דורך דערדאָזיגער וואַנד. דאָס האָט זיך איהם גאַנץ לייכט איינגעגעבען, מחמת דער עולם איז דאָ בעשטאַנען פון אָרימע און געהאָרזאַמע מענשען, וואָס זענען אינדערפריה אַזוי וואַרים אויפגענומען געוואָרען אין דער

רייכּער קיך פון די יעזעפּאָוויטשעס. דערזעהן אַ מענשען פון יענעם הויז, וואו מען האָט זיי מכבּד-געווען מיט אַלעם גוטען, האָבּען זיי איהם בּאַלד געמאַכט אַ וועג. די יודען, וועלכע האָבּען געוואָלט וויסען, וואָס עס טהוט זיך אין דעם רבּ׳ס חדר, האָבּען זיך אויפגעהויבּען אויף די שפּיץ פינגער, אויסגעצויגען די העלזער און געקוקט מיט בּרייט-פונאַנדערגעעפענטע, נייגיריגע און גלייכצייטיג אויך אונרוהיגע אויגען. יעדעס מאָל, ווען זיי האָבּען דערהערט עפּיס אַ שטיקעל שמועס פון רבּ׳ס חדר, האָט זיך געוויזען אַ שמייכעל אויף זייערע בּלאַסע ליפּען פון דלות און קראַנקהייטען, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז דעם רבּ׳ס קול, וואָס דערטראָגט זיך טיילמאָל אַהער פון ווייטען, מאַכט זיי גליקליך און געזונד.

מאיר איז אַריין אין דעם רבּ׳ס חדר. אויף אַ בּאַנק, וואָס איז געשטאַנען ישען דער וואַנד און אַ טיש, איז געזעסען ר׳ יצחק טודרוס, און סיי אין זיין פיגור און סיי אין זיינע קליידער האָט זיך נישט געזעהן קיין שום זכר פון פייערליכקייט. ער האָט נאָך אַלץ געטראָגען זיינע אַלטע און אויסגעריבּענע מלבּושים, אויפ׳ן קאָפּ האָט ער געהאַט עפּיס אַן׳אָבּגעקראָכענעם היטעל, וואָס איז אַראָבּגעפאָהרען אויף דער פּאַטילניצע; דער צוקנייטשטער דאַשעק האָט געשטעקט איבּער אַ געלבּען שטערען, בּערעמעלט מיט שוואַרץ-גרויע האָר. אויסגעבּויגען פאָראויס מיט׳ן אויבּערשטען האַלבּען קערפּער, איז ער געזעסען אונבּעוועגליך און האָט געקוקט מיט די שוואַרצע אויגען אויף די מענשען, וואָס זענען געשטאַנען בּיי דער געגענאיבּערדיגער וואַנד, פול יראה און פּחד פאַר׳ן גרויסען רבּ.

בּיים אויווען איז געזעסען דער מלמד פון מלמדים, דער גרויסער צדיק און חכם ר׳ משה. געטראָגען האָט ער זיין גראָבּ העמד, אַרומגעגאַרטעלט מיט אַ שטריק. פון צייט צו צייט האָט ער צוגעוואָרפען האָלץ אין אויווען און אויפ׳ן פייער האָט ער געקאָכט עטליכע טעפּ מיט מאָדנע גראָזען. אויסער דערדאָזיגער אַפּטייקערישער אַרבּייט האָט ער נאָך אויסגעפיהרט די ראָל פון אַ שמש. ער האָט לויט אַ בּעשטימטען סדר אויסגערופען די גע-

מען פון דעם גרויסען עולם, וואָס איז געקומען צום רב.

איצט האָט ער אויסגעצויגען אַ גראָבען שוואַרצען פינגער און אויסגערופען מיט אַ הייזעריגען קול:

—שימשעל אַרענדאַטאָר!

דער יוד, וואָס האָט געטראָגען דעם איבערגעדרעהטען נאָמען פון שמשון הגבור, איז גאָרנישט געווען עהנליך צו דעם אַמאָליגען העלד: ער איז געווען קליין, טרוקען און רויט-האָ-ריג. אַרויס פון עולם, האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט אינמיטען צימער און צוגעבויגט ביז צו דער ערד זיין פנים, בעדעקט מיט זומערשפרענקלען.

נאָכדעם ווי דער רב האָט אויסגעהערט שימשעלס טענה און צוגעוואָרפען איהם עטליכע וואַרימע ווערטער, איז אַרויס-גערופען געוואָרען אַ צווייטער, אַ דריטער און אַזוי כסדר.

עס איז געווען קענטיג, אַז ר' יצחק טודרוס שאַצט גענוג אָב זיין הויכע פעראַנטוואָרטליכע שטעלונג. ער האָט געטהאָן זיין זאַך מיט גרויס ערנסט, מיה און געדולט. ער האָט קיין איינעם נישט אָבגעשטויסען פון זיך און קיין איינעם נישט אָבגעזאָגט אין עפּיס אַ בקשה. ער האָט גערעדט, דערצעהלט, גע'משפט, אויס-געגלייכט, געגעבען עצות און האָט אויף קיין איין רגע נישט געענדערט זיין אונבעוועגליכע לאַגע. עטליכע מאָל, בשעת אין דעמדאָזיגען חדר איז בעקלאָגט געוואָרען דער אומשטאַנד, וואָס משיח איז נאָך נישט געקומען, זענען דעם רב'ס שוואַרצע פלאַ-מענדיגע אויגען בעדעקט געוואָרען מיט אַ פייכטקייט. עס איז גע-ווען קענטיג, אַז ער האָט ליב זיין פאָלק און בעוויינט זיין צער און ליידען. אויפ'ן שטערען זענען איהם עפּטער אַרויסגעטראָ-טען גרויסע טראָפּענס שווייס, און די מידע ברוסט האָט שווער געאָטעמט. מיט'ן אַרבעל האָט ער אָראָבגעווישט דעם שווייס פון פנים און האָט ווייטער געלערנט און געטרייסט זיין פאָלק.

ער האָט שווער געאַרבייט מיט'ן מוח, מיט'ן זכרון, מיט'ן ז'מיון און מיט'ן הארץ און האָט זעהר גוט פערשטאַנען זיין

פליכט און האָט שטאַרק געגלויבט אין דער הייליגקייט פון זיין אַרבייט.

געאַרבייט האָט דער רב אָהן שום אייגעננוץ, אָהן גע-צאָהלט, און געוואוינט האָט ער אינ'ם שוואַרצען הייזעל, וואָס ער האָט נאָך בעקומען ביורשה פון זיינע עלטערן און געגעסען האָט ער פראָסטע מאכלים, וואָס יודען פלעגען איהם אַוועקשטע-לען פאַר זיין פענסטער. און די שמאַטעס, וואָס האָבען בעדעקט זיין לייב, האָט ער שוין געטראָגען צעהנדליגער יאָהרען.

אויפ'ן שוהלהויף איז אַרויף אַ מענש, וואָס האָט, קענטיג, זעהר געאיילט און האָט עמיצען געזוכט.

דאָס איז געוועזן בער, ר' שאול'ס איידעם. ער האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעקוקט צום עולם, אַדורכגעשטויסען זיך אין פאָרהויז, און אַז ער האָט בעמערקט מאיר'ן אויף שוועל, האָט ער איהם אַ ציה געטהאָן פאַר'ן אַרבעל.

מאיר, וואָס איז אונבעוועגט געשטאַנען פערזונקען אין שווערע מחשבות, האָט זיך אָבגעקעהרט און, אַ פערטראַכטער, אַ קוק געטהאָן אויף בער'ן.

—געה-אַוועק פון דאַנען!—האָט איהם בער אַ שעפטשע געטהאָן.

—איך קאָן נישט אַוועק פון דאַנען,—האָט מאיר שטיל גע-זאָגט,—איך בין געקומען צום רב מיט זעהר אַ וויכטיגען ענין, און איך וועל וואַרטען אַזוי לאַנג, ביז אַלע וועלען אַוועקגעהן. דעמאָלט וועל איך ריידען מיט איהם.

—קום!—האָט בער געזאָגט און אָנגענומען מאיר'ן פאַר'ן אַקסעל.

מאיר האָט זיך אַ ריס געטהאָן צוריק, אָבער בער האָט זיך געהאַלטען ביי דאָס זייניגע:

—קום! אויב דו ווילסט מיט איהם ריידען, וועסטו קו-מען אַ צווייט מאָל, ווען קיינער וועט נישט זיין... אָבער איך בין זיכער, אַז דו וועסט אַליין נישט וועלען געהן.

ביידע זענען אַרויס פון הייזעל. בער איז געגאַנגען ש...

און שווייגענדיג, שלעפּענדיג מאיר'ן נאָך זיך, און ביידע האָבּען זיך צוגעשטעלט אין אַ ווייטען ווינקעל פון גרויסען שוהלהויף, וואו עס איז געווען רוהיג און קיינער האָט זיי נישט געקאָנט שטערען.

מאיר האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן וואַנד פון עפּיס אַ בנין און בער האָט איהם שווייגענדיג אָנגעקוקט.

בער האָט געהאַט אַזאַ פּנים, אַז מיליאָנען מענשען האָבען געקאָנט פאַרבייגעהן פאַרביי איהם און גאָרנישט בעמערקען איהם, אָבער אַ מענש מיט אַ גוט אויג וואָלט געקאָנט בעמערקען אין זיין פּנים אינטערעסאַנטע שטריכֿען. פערציג יאָהר איז ער אַלט געווען. געטראָגען האָט ער אַ זויבערן און אַ שענעם אַנצוג, וואָס איז אָבער געווען אין גייסט פון דער פערציייטיגער יודישער מאָדע. זיין בלאַס און פיין געזיכֿט, בערעמעלט מיט אַ העל-בלאָנד בערדעל, האָט איבעראַשט מיט זיין אויסדרוק פון גלייכֿגילטיגקייט און אַפּאַטיע, אָבער דערדאָזיגער אויסדרוק האָט זיך באַלד געענדערט, ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען עפּיס אַ געשעפטעל אָדער אַ קאָמבינאַציע.

אָבער דאָס גוטע אויג פון אַ בעאָבאַכֿטער וואָלט אויך אונטער דער מאַסקע פון גלייכֿגילטיגקייט און שלעפעריגקייט געקאָנט בעמערקען מעהר טיפע און אַזוי ווי פערבאָרגענע שטריכֿען פון געפיהלען און כֿאַראַקטער.

אין זיינע גרויסע, ברייט-אָפענע בלויע אויגען האָט געטליעט עפּיס פער'חל'מ'טעס און פיינליכֿעס; אינ'ם שטריך פון זיינע דינע און קלוגע ליפּען, וואָס האָבען אויסגעדריקט הכֿנעה, האָט זיך געשפּירט עפּיס אַ בענקשאַפט און אַ שטרעבען, וואָס איז, קענטיג, מיט געוואַלט פערשטיקט געוואָרען ערגעץ טיף אין דער נשמה. מייל־מאָל פלעגען זיך ווייזען טיפע קנייטשען אויף זיין שטערען. מעגליך, אַז דידאָזיגע קנייטשען זענען געווען אַ צייכֿען פון עפּיס אַ פיינליכֿער ערינערונג, ווייל יעדעס מאָל, ווען זיי פלעגען זיך ווייזען, פלעגט זיך בער אָנכֿאַפּען ביים האַרץ און זיין אַקסעל פלעגט אַ ציטער טהאָן פון אַ שטילען קרעכֿץ. אָבער דערדאָזיגער צושטאַנד פלעגט זיך, קענטיג, ענדי-

גען מיט אַפּאַטיע און צלך פּלעגט איינגעשטילט ווערען אין איהם.

איצט איז ער געשטאַנען פאַר מאיר׳ן, וועלכען ער האָט כמעט איבערגעוואַלט אַרויסגעשלעפּט פון דער איינגער מחנה און האָט איהם אָנגעקוקט מיט זיינע גלעזערנע ליידענדיגע אויגען.

—מאיר,—האָט ער זיך, צולעצט, אָנגערופען,—דיין זיידע האָט מיט אַ שעה צוריק געהאַט אַ לאַנגען שמועס מיט זיין זוהן אברהמ׳ן. צוליב דעמדאָזיגען שמועס איז ער אַפילו אַוועק פון די געסט. ער האָט מיר געהייסען אויסהערען דעם גאַנצען שמועס, כדי איך זאָל זיין אַנ׳עדות פון זיינע ווערטער און זיין געוויסען. זיי רוהיג, מאיר, דיין זיידע וועט זיך נישט בעטייליגען אין דעם גרויסען פערברעך, וואָס וועט מסתמא איינגעבען בעגאַנגען ווערען...

—איינגיבען?—האָט מאיר אויסגעשריען מיט היץ.—ניין, איך וועל נישט דערלאָזען. דאָס וועט נישט געשעהן...

אויף בער׳ס ליפּען האָט זיך בעוויזען אַנ׳אומעטיג חוזקשמייכעלע.

—דו וועסט נישט דערלאָזען?—האָט ער זיך שטיל צולאַכט.—אָבער ווי אַזוי וועסטו נישט דערלאָזען? איך האָב פערשטאַנען, אַז דו ווילסט ריידען וועגען דעם מיט׳ן רב און טאַקי דעריבער האָב איך דיך דאָרט געזוכט, ווייל איך האָב דיך געוואָלט אַרויסראַטעווען פון אַנ׳אומגליק. דו מיינסט אודאי, אַז וויבאַלד דו וועסט עס דערצעהלען דעם רב, וועט ער זיך תיכף אַ ריס טהאָן פון אָרט און וועט מאַכען געוואַלדען, אַז מען טאָר דאָס נישט טהאָן. געוויס, ווען דער רב טהוט אַזוי, וואָלטען איהם אַלע געהאָרכט, אָבער ער וועט עס נישט טהאָן...

—פאַרוואָס וועט ער עס נישט טהאָן?—האָט מאיר געפרעגט.

—ווייל דידאָזיגע ענינים זענען איהם לחלוטין פרעמד און ער פערשטעהט זיי נישט...

ער האָט ווידעראַמאָל אַ שמייכעל געטהאָן און ווייטער גערעדט:

—ווען דו וואָלסט איהם, צום ביישפּיל, געפרעגט, וואָס איז כשר און וואָס איז טריף? צי מעג מען שבת אָנריהרען דאָס ליכט אָדער אַרומגאַרטלען זיך מיט'ן נאָז-טיכעל? ווען דו וואָלסט איהם פרעגען, אַ שטייגער, ווי אַזוי ווערט מגולג אַ נשמה און וויפיל ספירות האָט גאָט בעשאַפען פון זיך און ווי אַזוי הייסען זיי דאָרטען און ווי אַזוי בעדאַרף מען אויסשטעלען די אותיות פון גאָטס נאָמען, אַז מען זאָל קאָנען אַרויסקריגען פון זיי די גרעסטע סודות? אָדער ווען וועט קומען משיח?.. אויף די אַלע פראַגען, זעהסטו, וואָלט ער דיר געקאָנט געבען דעם בעסטען און דעם אויספיהרליכסטען ענטפער. אָבער אַז דו וועסט איהם נעהמען דערצעהלען וועגען ברייזלעך און וועגען שטייערן און וועגען גוטסבעזיצער און שלעכטע מעגשען, וועט ער אויפעפענען אַ פּאָר אויגען און וועט דיך אויסהערען, ווי אַ טויבער, ווייל ער וועט דיך פשוט נישט פערשטעהן, ווייל ער איז אַ מענש, וואָס איז לחלוטין נישט בעקאַנט מיט'ן לעבען... דאָס לעבען איז צוגעדעקט פאַר איהם מיט אַ שוואַרצען דאַך...

מאיר האָט אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ.

—איך פיהל, אַז דו ביזט גערעכט,—האָט זיך מאיר אָנגערופען,—אָבער איך וואָלט איהם פונדעסטוועגען געוואָלט אַ פרעג טהאָן, צי מעג מען בעגעהן אַ פערברעכען אויפ'ן חשבון פון אַנ'אונשולדיגען מענשען?

בער האָט געענטפערט:

—ער וואָלט נאָר אַ פרעג געטהאָן: ווער איז דער אונשולדיגער מאַן: צי אַ יוד, צי אַ קריסט?

—אַ קריסט!—האָט מאיר פערטראַכט אַרויסגעזאָגט.

ער האָט אַ קוק געטהאָן אַרויף, אין דער-הויך, נאָכדעם דריי געטהאָן מיט די אַקסלען, פונקט ווי ער וואָלט זיך געשעמט און נאָכדעם אַ קוק געטהאָן אויף בער'ן.

—בער,—האָט ער געזאָגט,—דו האָסט פיינט אַ קריסט?

—ניין,—האָט בער אַ שאָקעל געטהאָן מיט׳ן קאָפּ.—דאָס האַרץ פון מענשען טאָר נישט וויסען פון פיינטשאַפט. אַמאָל... בשעת איך בין געווען יונג... האָב איך מיך אַפילו געוואָלט פערבינדען מיט זיי, אָבער איצט בין איך גליקליך, וואָס איך האָב עס נישט געטהאָן, וואָס איך בין אַ יוד צווישען יודען, אָבער מיין האַרץ ווייס נישט פון פיינטשאַפט צו זיי...

—און מיין האַרץ אויך נישט,—האָט מאיר שנעל בעשטעטיגט.—אָבער דו גלויבסט, אַז קאַמיאָנקער האָט זיי פיינט?

—ניין,—האָט בער פערזיכערט,—ער האָט זיי אויך נישט פיינט אָבער ער האַסט זיי דערפאַר, וואָס זיי זענען שלעכטע סוחרים...

—און ווי מיינסטו, דער רב האָט זיי פיינט?

—יאָ,—האָט בער ענערגיש בעשטעטיגט.—ר׳ יצחק טודרוס האָט זיי פיינט... אָבער פאַרוואָס האָט ער זיי פיינט? דער-פאַר, ווייל ער לעבט נישט אין דער אייגענער תקופה, אין וועלכער מיר לעבען... ער לעבט נאָך אַלץ אין יענער צייט, ווען דער רוימישער מלך האָט חרוב געמאַכט דעם בית-המקדש און האָט פערטריבען די יודען פון ארץ-ישראל. ער לעבט נאָך אַלץ אין יענער צייט, ווען מען האָט די יודען געבּרענט אויף די שייטערהויפענס און מען האָט זיי גע׳רודפ׳ט אויף דער גאַנ-צער וועלט. ער אָטעמט, עסט און טרינקט—איצט, אָבער לע-בען לעבט ער אין אַנ׳אַנדער תקופה, מיט טויזענד אָדער צוויי-טויזענד יאָהר צוריק. ער ווייס גאָרנישט, אַז די צייט געהט, ווי אַ גרויסער און אַ שנעלער טייך, און אַז איבער דעמדאָזיגען טייך זענען געשוואומען קלוגע און גוטע מענשען, וואָס האָבען געבראַכט אַ סך ליכט אויף דער וועלט, אַז די צייט האָט זיך שטאַרק פערענדערט, און די מענשען, וואָס האָבען פריהער גע-מוטשעט און געדריקט איינע די אַנדערע, האָבען איצט איינאַנ-דער אויסגעצויגען די האַנד. נו, ווי אַזוי קאָן ער, אַלזאָ, אַנדערש טראַכטען און דענקען, ווען ער איז לחלוטין נישט בעקאַנט מיט׳ן היינטיגען לעבען?...

מאיר האָט געהערט און צוגעשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ, פונקט

ווי ער וואָלט אין געדאַנק בעשטעטיגט די ווערטער פון זיין קרוב.

—האָב איך, אַלזאָ, נישט וואָס צו געהן צו איהם?—האָט ער אין אַ ווײַלע אַרום געזאָגט.

—הערסטו, אָט דאָס מיין איך טאַקי,—האָט בער בעמערקט,—דו זיי פאַרזיכטיג.

מאיר האָט אַ ווײַלע געשוויגען און נאָכדעם זיך אָנגערופען:

—בער! אָבער מיר דאַכט זיך, אַז דער רב פערמאָגט אַ גרויסע נשמה... ער איז זעהר אַ געדולדיגער מענש. טאָג און נאַכט זיצט ער און לערנט... ער האָט אַ ווייך האַרץ: זיינע אויגען ווערען אָנגעפילט מיט טרעהרען, בשעת אָרימע מענשען גיסען-אויס דאָס האַרץ פאַר איהם... ער לאָזט אַלעמען צו צו זיך, אַלע געפינען ביי איהם אַ גוט וואָרט און אַ טרייסט... בער, בעדאַכט זיך נאָר—ער גלויבט אַזוי פעסט, אַזוי פעסט...

בער האָט געשמייכעלט און אַ פיהר געטהאָן מיט זיינע גלעזערנע אויגען איבער די וואָלקענס.

—דאָס איז דיין מיינונג וועגען רב,—האָט ער לאַנגזאַם אַרויסגעזאָגט.—אָבער ווי אַזוי בעדאַרף מען זיך אָברופען וועגען פאָלק גופא, וואָס ווייקט זיך אין דלות, וואָס אַ שווערע משא ליגט אויף זיין קאָפּ, וואָס ווערט פערהאַסט און געֿרודפ׳ט שוין צווייטויזענד יאָהר און דאָך לויפט עס צום מקור פון חכמה, ווי אַ דורשטיגער נאָך וואַסער... דו גיב נאָר אַ קוק, ווי אַזוי עס שעצט זיינע מדריכים און לעהרער און ווי אַזוי עס היט-אָב גאָטס געבאָט. פערמעגט נישט, מיינסטו אפשר, אָט דאָס שמוציגע אָרימע פאָלק אַ גרויסע נשמה?..

מאיר האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ, זיין שטערען האָט זיך געקנייטשט, ווי אַלעמאָל, ווען ער האָט זיך אויפגערעגט.

—איך ווייס,—האָט ער געזאָגט,—אַז דאָס פאָלק ישראל פערמאָגט אַ גרויסע נשמה און איך האָב עס ליב מעהר פון מיין אייגען לעבען און גליק...

נאָכדעם, ווי מאיר האָט אַרויסגעזאָגט דידאָזיגע ווערטער

מיט פלאַמענדיגע אויגען און מיט אַ פערדרויסעלסען געזיכט, האָט איהם בער אָנגעקוקט מיט אַ טיפען טרויעריגען און צוזאַמען דערמיט אויך אַ גליקליכען בליק. אין אַ מינוט אַרום האָט ער געזאָגט:

—מאיר, בשעת איך קוק אויף דיר און הער זיך צו, ווי דו רעדסט, ווייזט מיר אויס, אַז איך זעה זיך אַליין... בשעה איך בין געווען אין דיינע יאָהרען... האָב איך אויך, ווי דו... געטרויערט... זיך געהיצט... און איך האָב אויך געוואָלט...

ער איז אַנטשוויגען געוואָרען און זיך אָנגעכאַפּט ביים האַרץ; אויפ'ן שטערען האָבען זיך איהם בעוויזען צוויי קנייטשען און די אויגען האָבען אונטער'ן גלעזערן הייטעל געקוקט ערגעץ ווייט, ווייט—אפשר אין עבר אַריין...

אַזוי האָבען זיך ביידע דורכגעשמועסט. איינער האָט זיך אָנגעשפּאַרט מיט'ן רוקען אָן וואַנד פון בית-המדרש און דער צווייטער איז געשטאַנען נעבען איהם.

מאיר'ס אויגען האָבען געברענט און דאָס פּנים איז געווען בלאַס; בער'ס שטערען איז געווען בעדעקט מיט קנייטשען און די ליפען האָבען איהם געציטערט. אָבער ווען עמיץ וואָלט פון דער זייט אַ קוק געטהאָן אויף דידאָזיגע מענשען, ווי אַזוי זיי ריידען, אויפגערעגטע און צוהיצטע, וואָלט ער געמיינט, אַז מען שמועסט דאָ פון געשעפט, פון קויפען און פערקויפען. שוין-זשע קאָנען אַזוינע מענשען, ווי זיי, ריידען, טראַכטען אָן ליידען נישט וועגען געשעפט, נאָר וועגען עפּיס אַנדערש?..

יאָ, זיי קאָנען! זיי טראַכטען, ריידען און פּייניגען זיך, אָבער קיינער הערט זיך נישט צו צו זייערע ווערטער, קיינער פערשטעהט נישט זייערע רעיונות און קיינער בעגרייפט נישט זייערע ליידען. דאָס איז אַ גרויסער סודות'פולער ים, וואָס איז פון קיינעם נישט אויסגעפאָרשט געוואָרען, אפי'ו פון די, וואָס טרינקען זיך אין איהם.

—לאָמיר געהן אַהיים!—האָט זיך בער אָנגערופען.—דער ווידע וועט באַלד געהן צום טיש און וועט זיך בייזערן, אויפ

דו ווערסט נישט זיין... דו האָסט זיך שוין אַזוי אויך גענוג פערשולדיגט אין זיינע אויגען. האַנע, וויטעבסקיס ווייב, האָט אָבגעשיקט צוריק די מתנות, וואָס דער זיידע האָט געשיקט דיין כלה פון דיין נאָמען. זי האָט צוריסען דעם קגין און האָט זיך ממש געזידעלט פאַר די געסט אין די אויגען.

אָבער מאיר האָט אַ מאַך געטהאָן מיט דער האַנד.

—דאָס איז געווען מיין בעגעהר... און דעם זיידען וועל איך בעטען, ער זאָל מיר מוחל-זיין... איצט טראַכט איך נאָר וועגען דעם, צו ווענען איך זאָל געהן...

בער האָט געגאַפט, הערענדיג.

—אָבער אַנ׳עקשן ביזטו!—האָט ער בעמערקט.

איצט זענעןביידע אַוועק אַהיים.

בער האָט זיך פּלוצלונג אָבגעשטעלט.

—מאיר,—האָט ער געזאָגט,—דו זאָלסט אָבער נישט געהן צו די טשיגאָווניקעס!..

מאיר האָט איבערגעווישט מיט דער האַנד דעם שטערען.

—איך וואָלט געגאַנגען צו זיי,—האָט ער זיך אָנגערופען,—אָבער איך שרעק מיך... אויב די זאַך זאָל אויפגעדעקט ווערען, וועט קאַמיאָנקער שטרענג בעשטראָפט ווערען און צוזאַמען מיט איהם וועלען אויך ליידען יענע אומגליקליכע מענשען, וועלכע ער האָט אריינגעשלעפּט אין אַנ׳אומגליק. דאָס זענען אָרימע נאַרישע מענשען... זיי טהוען מיר באַנג...

ער איז פּלוצלונג אַנטשוויגען געוואָרען און גענומען קוקען אין איין פּינטעל אַריין. דער מאַרק איז שוין לעדיג געווען. אַ שניידער יונגערמאַן אין אַ פּיינעם לייכטען עקיפּאַזשל איז געפאָהרען איבער׳ן מאַרק.

מאיר האָט אַ וויז געטהאָן מיט׳ן פינגער אויפ׳ן עקיפּאַזשל, וואָס איז געבליבען שטעהן נעבען קאַמיאָנקערס הויז. עפּיס אַ מחשבה איז איהם בעפאַלען, און ער האָט זיך אָנגערופען צו בער׳ן מיט אַ ציטריגען קול:

—בער! דו זעהסט, דאָס איז דער בעל-הבית פון קאַמענקי...

* * *

די זון האָט זיך שוין אַראָבגעגויגט אין מערב-זייט, בעשת אויפ׳ן גאַניק פון ר׳ שאול׳ס הויז האָט זיך בעוויזען אַ קליינע גרופּע מענשען, וואָס האָבען זיך פרעהליך דורכגעשמועסט. דאָס זענען געווען ר׳ שאול׳ס געסט, וואָס זענען זעהר וואַרים אויפגענומען געוואָרען. איצט האָבען זיי געדריקט דעם אַלטען די האַנד, האָבען איהם הייס בעדאַנקט פאַר דער אויפנעהמונג, נאָכדעם זיך אַריינגעזעצט אין די פוהרלעך, וואָס זענען געשטאַנען ביים גאַניק, און אַז די פערד האָבען זיך געריהרט פון אָרט, האָבען זיי זיך לאַנג אָבגעקעהרט מיט אַ גוטען שמייכעל צום אַלטען.

די וויבער און שטובמיידלעך האָבען אין גאַסטצימער אַראָבגענומען פון די טישען און צוגערוימט דאָס צימער.

דער יריד האָט זיך געענדיגט. מיט יעדער מינוט זענען וועגענס און מענשען אַלץ ווענינער געוואָרען, דערפאַר אָבער האָט מען אין די אַכסניות און גאַסטהייזער שטאַרק געטומעלט און געפּילדערט. פּויערים האָבען געטרונקען, זיך אַרומגעקריגט, געטאַנצט און זיך שטאַרק געווילט.

בעזונדערס טומעלדיג איז געווען ביי קאַמיאָנקער׳ן אין אַכסניא. און דאָס איז נישט קיין וואונדער: דער געשיקטער קאַמיאָנקער האָט געהאַלטען אין אַרענדע עטליכע ברייזלעך און האָט גע׳בעל-הבית׳עוועט איבער אַ גאַנצער אַרמעע פון אַרענדאַטאָרען און שענקערס. קאַמיאָנקער האָט זיך בעצויגען צו זיי גאַנץ האַרב און זיי, ווידער, האָבען זיך בעצויגען האַרב צו די פּויערים, וואָס האָבען דערטרונקען זייער שכל און ביסעל געלד אינ׳ם ביטער׳ן ים פון בראָנפען.

עס איז דעריבער נישט קיין וואונדער, וואָס אַרום קאַ־מיאָנקערס הויז האָבען זיך פערזאַמעלט אַ סך פויערים מיט פערד און וואָגען און וואָס דער עולם האָט דאָ געטומעלט און געפּי־־דערט מעהר, ווי אומעטום.

קאַמיאָנקער אַליין האָט זיך נישט בעוויזען אין דערדאָזי־גער פויערים־מחנה. געאַרבייט האָט דאָ יענטע, זיין ווייב. זי האָט פונאַנדערגעשטעלט אויף די טישען קריג, פלעשער און בע־כערלעך און איהרע צוויי געזונדסטע מאוס׳ע טעכטער האָבען פער־קויפט בויגעלעך, חלה און הערינג.

ווען עמיץ וואָלט איצט פון דער זייט אַ קוק געטהאָן אויף יענטע׳ן, אויף איהר מאָגערן איינגעהויקערטען גוף, וואָס איז אָנגעטהאָן אין אַן׳אַלטען קליידעל און אויף איהר איינגעשרום־פען געלבען פּנים מיט אַן׳אויסדרוק פון פערביטערונג; ווען עמיץ וואָלט געזעהן דידאָזיגע געשטאַלט, וואָס האָט זיך פויל בעוועגט אין דער דושנער אַטמאָספערע פון מענשליכע אָטעמס, אָנגע־זאָפּט מיט אַלקאָהאָל—ווען עמיץ וואָלט זי דאָ איצט געזעהן פון דער זייט, וואָלט ער בשום אופן נישט געגלויבט, אַז דאָס איז דאָס ווייב פון בעל־הבית, וואָס איז איינער פון די סאַמע רייכסטע מענשען אין דעמדאָזיגען קאַנט.

אָבער אויך אין קאַמיאָנקער׳ן איז זיך שווער געווען פאָר־צושטעלען, אַז דאָס איז אַ מענש מיט אַ סך געלד. דער קליי־ניטשקער רויטער קאַמיאָנקער איז איצט געשטאַנען אין עפּיס אַ צימער, אָנגעטהאָן אין זיין לאַנגער אויסגעריבענער קאַפּאָטע און דער האַלז איז איהם פערבונדען געווען מיט אַ רויט טי־כעל.

ר׳ יאַנקעל איז געשטאַנען נישט ווייט פון דער טיר. אויף אַ געלבען שטוהל איז געזעסען זיין גאַסט—דער אייגענטיהער פון קאַמענקי און האָט געקוקט אויף יאַנקלען מיט אַ לייכטער איראָניע.

דער יונגער גוטבעזיצער איז געווען הויך און שטאַרק געבויט. איבער זיין הויכען שטערן האָבען זיך געבויגעלט די טונקעלע האָר, און זיין פּנים, עטוואָס פערברענט פון דער זון,

האָט אויסגעדריקט ווייכקייט און גוטמוטיגקייט.

די לייכטע איראָניע, וואָס האָט זיך צייטענווייז געוויזען אין זיין בליק, איז, אַפּנים, דערוועקט געוואָרען דורך ר׳ יאַנ־קעל׳ס הילוך. עפּטער האָט ער זיך פערטראַכט, ווייל ער האָט געהאַט צו ריידען מיט ר׳ יאַנקלען איבער זעהר אַ וויכטיגען ענין.

דער יונגער גוטסבעזיצער מיט דעם אָפענעם קלוגען שטע־רען און צאַרטע ליפּען האָט, איבעריגענס, נישט געוואוסט, מיט וועמען ער רעדט. פאַר איהם איז געשטאַנען אַ יוד—דער אַרענ־דאַטאָר פון זיין ברויז, און נישט מעהר. דער אייגענטימער פון קאַמענקי האָט לחלוטין נישט געוואוסט, אַז דאָסדאָזיגע יודעל, וואָס שטעהט נעבען איהם, איז איינער פון די סאַמע וויכטיג־סטע מיטגלידער פון דער יודישער קהילה, אַז ער איז זעהר אַ פרומער מאַן, אַ חסיד, וואָס האָט געוואַרט אויף משיח׳ן מיט אַזאַ שטאַרקער אמונה, ווי יודען האָבען געוואַרט אויף דעמדאָ־זיגען דערלייזער מיט עטליכע הונדערט יאָהר צוריק. ער האָט אויך נישט געוואוסט, אַז דאָסדאָזיגע רויט־האָריגע יודעל איז אַ גרויסער גביר, אַז מען גיט איהם אָב כבוד אין שטעדטעל און אַז אין זיינע שמוציגע הענד, בעשאָטען מיט זומערשפּרענקלעך, ליגען די פעדים פון אַ סך לעבענס.

און טאַקי דעריבער איז איהם גאָרנישט געקומען אין קאָפּ אַריין, צו בעטען דעמדאָזיגען יודען זיצען. ר׳ יאַנקלען, ווידער, איז אויך נישט בעקומען אין קאָפּ אַריין, אַז ער מעג זיצען אין דער געזעלשאַפט פון אַ פּריץ. פאַר אַ פּריץ, האָט ער געוואוסט, ועגען קיינמאָל נישט געזעסען—נישט זיינע פאָטערס און נישט ויינע זיידעס. אָבער נישט־געקוקט דערויף, האָט ער טיילמאָל אָנ־געקוקט מיט חוזק דעם יונגען פּריץ.

—דו האָסט מיר דערעסען, יאַנקעל, מיט דיינע אייביגע געשעפטען און קאָנטראַקטען,—האָט דער יונגער פּריץ געזאָגט און נישט אַרויסגעלאָזט פון מויל דעם ציגאַר.—איך בין פער־פאָהרען צו דיר אויף אַ שעה צייט, ווייל איך וויל לאָזען אויס־רוהען די פערד, אָבער דו האָסט זיך שוין גענומען צו מיר...

ר׳ יאַנקעל האָט זיך באַלד טיף פערנויגט.

—זענט מיר מוחל פאַר מיין העזה,—האָט ער געזאָגט מיט אַ שמייכעל,—אָבער אין אַ חודש אַרום הויבט זיך אָן די אַרבייט אין אייער ברויז, וואָלט איך געוואָלט זיין דער ערשטער...

—זעהר גוט!—האָט דער יונגער פריץ געזאָגט.—דו וועסט זיין דער ערשטער, בפרט נאָך, אַז דו האַלסט מיין ברויז אין אַרענדע שוין דריי יאָהר צייט... אָבער צו וואָס אַזאַ איילע-ניש... מיר האָבען דאָך אַ גאַנצען חודש צייט...

—עס איז אָבער בעסער, אַז מען בעדאַכט זיך פריהער וועגען אַ געשעפט. איך האַנדעל שוין אין אָקסען. אַ הונדערט אָקסען בעדאַרף מען אַוועקשטעלען אין אייער ברויז. הונדערט אָקסען! דאָס איז ביי אייך אַ קלייניגקייט?.. איך קאָן אָבער נישט אויסגעבען אַזויפיל, געלד כל-זמן איך וועל נישט האָבען די נויטיגע בעשטעטיגונג פון אייער זייט. אויב איהר וועט דער-לויבען, וועל איך מאָרגען קומען צו אייך און מיר וועלען אָנ-שרייבען אַ קאָנטראַקט...

דער יונגער פריץ האָט זיך אויפגעהויבען פון זיין אָרט.

—זעהר גוט,—האָט ער געזאָגט,—מילא, קום, אָבער נישט פריהער פון נאָכהאַלבען טאָג, ווייל פריהער וועסטו מיך נישט טרעפען אינדערהיים...

—וועט דער פריץ שלאָפען נישט אינדערהיים?—האָט יאַנקעל אַ פרעג געטהאָן און די וויעס האָבען איהם נערוועאיש געצוקט.

—יאָ, זעהר נאָהנט פון דאַנען,—האָט דער פריץ געזאָגט און געוואָלט נאָך עפּיס מוסף-זיין, אָבער אין דער אייגענער צייט האָט עפּיס אַ נישט זיכערע האַנד געעפענט די טיר הינ-טער ר׳ יאַנקעלס פּלייצע, און אין צימער איז אַריין אַ שלאַנ-קער יונגערמאַן, אָנשטענדיג אָנגעטהאָן. זיין געזיכט איז געוועזן בלאַס און פערשעמט, אָבער די ברענענדיגע אויגען האָבען דרייסט געקוקט.

דערזעהן דעמדאָזיגען יונגענמאַן, האָט ר׳ יאַנקעל אינ-סטינקטיוו געמאַכט עטליכע שריט אַהינטער. זיין פנים, בעדעקט

מיט זומערשפּרינקלעך, האָט געצוקט פון איהם אין שרעק.

—צו וואָס ביזטו געקומען אַהער ?.. האָט ער אַ פרעג געטהאָן און זיין קול האָט זיך אָבגעהאַקט.

דער פּריץ האָט גלייכגילטיג אָנגעקוקט דעם יונגענמאַן און אַ פרעג געטהאָן :

—וואָס ווילסטו, מיין ליבער ? האָסטו מיך עפּיס צו פרעגען ?

—איך בין געקומען צו אייך...—האָט מאיר אַרויסגעשעפּטשעט.

מאיר האָט געמאַכט עטליכע טריט פאָראויס, אָבער ר׳ יאַנקעל האָט איהם פערשטעלט דעם וועג.

—פּריצ׳ל, דערלויבט איהם נישט צו ריידען מיט אייך. דאָס איז אַ שלעכטער מענש... אין אַלץ מישט ער זיך...

דער פּריץ האָט אויסגעצויגען די הענד און אַוועקגעשטויסען ר׳ יאַנקלען.

—דו לאָז איהם ריידען,—האָט דער פּריץ געזאָגט,—אויב ער האָט צו מיר עפּיס אַנ׳ענין, טאָ פאַרוואָס זאָל איך נישט ריידען מיט איהם...

ביי דידאָזיגע ווערטער האָט ער אַ קוק געטהאָן אויפ׳ן יונגענמאַן, וואָס האָט איהם, קענטיג, פעראינטערעסירט מיט זיין בלאַסען אויסדרוקספולען געזיכט.

—דער פּריץ קאָן מיך נישט, אָבער איך קאָן דעם פּריץ,—האָט דער יונגענמאַן געזאָגט. גערעדט האָט ער שטיל און מיט אָנשטרענגונג.

—צו וואָס זאָל דער פּריץ קענען אַזאַ אויסוואורף, ווי דו ביזט...—האָט ר׳ יאַנקעל אָנגעהויבען, אָבער דער יונגער פּריץ האָט איהם באַלד געהייסען שווייגען.

—איך האָב געהאַט די עהרע צו זעהן דעם פּריץ ביי מיין זיידען אין הויז און מיין פעטער רפאל קויפט עפטער תבואה ביים פּריץ.

—דו ביזט דעם אַלטען שאול׳ס אַנ׳אייניקעל ?

—יאָ, איך בין זיינער אַנ׳אייניקעל.

—און רפאל יעזעפאָוויטש איז דיינער אַ פאָטער ?

—ניין, איך בין בנימנ׳ס אַ זוהן. בנימן איז געווען שאול׳ס יונגסטער זוהן... מיין פאָטער איז שוין לאַנג געשטאָרבען...

מאיר האָט נישט זעהר גוט גערעדט אויף דעם פריצ׳ס לשון, וועלכען ער האָט זיך אויסגעלערנט ביי זיין קריסטליכען לעהרער.

—אפשר האָט דיך רפאל געשיקט צו מיר ?—האָט דער פריץ געפרעגט.

—ניין, איך בין אַליין געקומען...

ביי אַ מינוט האָט ער געשוויגען, פּונקט ווי ער וואָלט וועלען קומען צו די כּוחות, ווערען דרייסטער. נאָכדעם, אַז ער האָט מנצח-געווען זיין שוואַכקייט, האָט ער שוין אָנגעהויבען מיט אַ דרייסטערן קול:

—איך בין געקומען אַהער, ווייל איך וויל וואָרענען דעם פריץ פון אַ גרויס אומגליק, וואָס שלעכטע מענשען גרייטען צו פאַר אייך...

ר׳ יאַנקעל האָט ווידער אַ שפּרונג געטהאָן און זיך געוואָלט אַנידערשטעלען צווישען איהם און דעם פריץ.

ער האָט אַ געשריי געטהאָן:

—דו וועסט שווייגען, צי נישט ? וואָס פּלאַפּעלסטו דאָ נאַרישקייטען ?

און באַלד דערויף האָט ער זיך אָנגערופען צום פריץ מיט גרויס פערצווייפלונג:

—דאָס איז אַ משוגענער, אַן׳אויסוואורף !..

דאָסמאָל האָט איהם שוין נישט דער פריץ, נאָר מאיר אַליין אַוועקגעשטויסען פון זיך. זיינע אויגען האָבען געברענט, די ברוסט האָט זיך שנעל געהויבען.

—דערדאָזיגער מאַן,—האָט ער אָנגעהויבען,—לאָזט מיר נישט ריידען און דעריבער וועל איך דעם פריץ שנעל דערציילען. זאָל דער פריץ איהם נישט גלויבען. ער איז אַ שלעכטער מענש און איז אייערער אַ שונא... ער וועט אייך אַריינברענגען אין אַן׳אומגליק... היט זיך פאַר איהם... און היט אייערע

הויז... ווי דאָס אויג פון קאָפּ... איך בין נישט קיין מסור און איך זאָג עס אייך אומישנע פאַר איהם אין די אויגען... ער וועט זיך וועלען נוקם-זיין אין מיר, זאָל ער דאָס טהאָן... איך אָבער בעדאַרף טהאָן דאָס, וואָס איך בין מחויב צו טהאָן, ווי אַן׳עהרליכער יוד... אין אונזער הייליגער שריפט שטעהט געשריבען: „זאָל דער פרעמדער, וואָס איז נישט קיין יוד, לע- בען צווישען אונז אַזוי, ווי ער וואָלט זיין אַ יוד...״ און אין אַ צווייטען אָרט ווערט געזאָגט: „אויב דו וועסט שווייגען, וועט לען אַלע אומגליקען פון ישראל אַרויפפאַלען אויף דיין קאָפּ.״

ער איז אַנטשוויגען געוואָרען, ווייל ער האָט ווייטער נישט געקאָנט ריידען. עס איז געוועזן קענטיג, אַז עס ציטערט אויף איהם דאָס לייב און אַז ער ראַנגעלט זיך מיט עפּיס אַ פערבאָרגענער שרעק.

דער יונגער פּריץ האָט איהם אָנגעקוקט מיט אַ פער׳- חידוש׳טען שמייכעלע. ער איז אַזוי געוועהנט געוועזן צו שמייכ- לען, דערזעהענדיג אַ יודען, אַז ער האָט אויך איצט געשמיי- כעלט, אָנקוקענדיג מאיר׳ס ציטריגען גוף און הערענדיג זיינע מאָדנע פערשטעלטע ווערטער, בעזונדערט די ווערטער פון דער ביבעל, וואָס זענען שען פאַר זיך, אָבער וואָס קלינגען מאָדנע אויף אַ פרעמדען צובראָכענעם לשון.

—ווי איך זעה,—האָט ער זיך אָנגערופען,—איז שאול׳ס אייניקעל אַ בקי אין תנ״ך און בעזיצט אַ טאַלענט פון אַ נביא. זאָג-זשע מיר, מיין יונגער נביא, אָבער מעהר קלאָר און פער- שטענדליך: וואָס פאַר אַן׳אומגליק שטעהט מיר פאָר און פאַר- וואָס איז דערדאָזיגער גוטער יאַנקעל, וואָס האָט שטענדיג געלעבט מיט מיר בשלום, פּלוצלונג מיר אַ שונא געוואָ- רען?

איצט איז ר׳ יאַנקעל געשטאַנען נעבען דעם שטוהל, אויף וועלכען דער שררה איז פריהער געזעסען. ער האָט זיך אָנגעע- בויגט צום פּריץ און האָט איהם אָנגעשעפּטשעט מיט אַ זיס שמיי- כעלע:

—דאָס איז אַ משוגענער! איהם ווייזט-אויס, אַז ער איז

אַ נביא און אַלעמאָל זאָגט ער נביאות. אָבער אויף מיר איז ער בעזונדערס אָנגעשטויסען דערפאַר, וואָס איך חוזק פון איהם...

—אויב אַזוי, וועל איך אויך נישט חוזק'ן פון איהם, כדי איך זאָל איהם נישט דערצאַרענען,—האָט דער פריץ געשפּאַסט.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער אַ פרעג געטהאָן:

אָבער זאָג מיר, וואָס פאַר אַן'אומגליק שטעהט מיר פאָר? זאָג דייטליך און בעשטימט. אויב דו וועסט זאָגען דעם אמת, וועסטו טהאָן אַ גוטע זאַך און איך וועל דיר אייביג דאַנקבאַר זיין...

מאיר האָט געענטפערט:

—דער פריץ פאָדערט פון מיר אַ שווערע זאַך, אָבער איך גלויב, אַז דער פריץ פערשטעהט שוין אַלץ פון מיינע ווערטער... מיר איז שווער צו ריידען וועגען דעם...

ער האָט איבערגעווישט דעם שטערען, אויף וועלכען עס זענען אַרויסגעטראָטען עטליכע טראָפּענס שוויים.

—צי קאָן מיר דער פריץ מבטיח-זיין, אַז אויב איך וועל אַרויסזאָגען דאָס שרעקליכע וואָרט, זאָל עס אַריינפאַלען אין זיינע אויערן, ווי אַ שטיין אין וואַסער און ער זאָל דערפון קיין שום פערברויך נישט מאַכען? קאָן מיר דער פריץ געבען זיין וואָרט דערויף?

מאיר איז נאָך בלאַסער געוואָרען און זיין קול האָט געציטערט.

דער יונגער פריץ האָט זיך געוואַקעלט. נייגיר און חוזק זענען איהם צוזאַמען בעפאַלען.

—איך גיב דיר מיין וואָרט,—האָט ער געשמייכעלט,— אַז דיינע ווערטער וועלען אַנטרונען ווערען אין מיינע אויערן, ווי אַ שטיין אין וואַסער...

איצט האָט מאיר אַ קוק געטהאָן אויף ר' יאַנקלען מיט אַ פלאַמענדיגען בליק. ער האָט שוין געעפענט דאָס מויל און האָט געוואָלט עפּיס זאָגען, אָבער זיינע ליפּען האָבען אַזוי געציטערט, אַז ער האָט קיין איין וואָרט נישט געקאָנט אַרויסברענגען.

ר׳ יאַנקעל האָט זיך אָבער דערווייל בענוצט מיט זיין צומישטקייט. ער האָט זיך האַסטיג אַוואָרף געטהאָן צום יונגענ-מאַן, אַכאַפּ געטהאָן איהם פאַר די פּאָלעס פון דער קאַפּאָטע און מיט׳ן גאַנצען כוח געגומען איהם שטויסען צו דער טיר. דערביי האָט ער געשריען:

—צו מיר ווערטו קומען פלאַפּלען דיינע נאַרישקייטען פאַר מיין גאַסט?! דאָס איז דאָך עפּיס זעהר אַחשוב׳ער גאַסט... אַגרויסער שררה, מיט וועלכען איך פיהר געשעפטען גאַנצע דריי יאָהר און מיר זענען זעהר גוט בעפריינדעט... אַרויס פון דאַנען! אַרויס פון דאַנען! אַרויס!

מאיר האָט זיך געסטאַרעט אַרויסצורייסען פון ר׳ יאַנ-קעל׳ס הענד. ער איז אַפילו געווען העכער און שטאַרקער פון ר׳ יאַנקלען, אָבער דער לעצטער איז געווען געשיקטער און דערביי האָט ער געאַרבייט מיט׳ן גאַנצען כוח. ביידע האָבען זיך געשטויסען צו דער טיר און דער פּריץ האָט געקייכט פון געלעכטער. איבער ר׳ יאַנקעלס צושויבערטען קאָפּ האָט זיך אויפגעהויבען מאיר׳ס בלאַס פנים. ער איז פּלוצלונג רויט גע-וואָרען.

—זאָל דער פּריץ נישט לאַכען!..—האָט ער אויסגעשריען,— ער ווייס נישט, ווי מיר איז שווער צו ריידען. אָבער זאָל דער פּריץ אָבהיטען זיין הויז פון אַשרפה...

ביי דידאָזיגע ווערטער איז ער אַרויסגעלאָפען פון צימער, און ר׳ יאַנקעל, אַמידער און אַנ׳אויפגערעגטער, מיט אַפער-שטיקטען אָטעם, האָט פערהאַקט הינטער איהם די טיר.

דער קאַמינקער פּריץ האָט נאָך אַלץ געלאַכט, און עס איז זיך גאָרגישטאָ וואָס צו וואונדערן דערויף. דער קאַמף פונ׳ם קליינינטשקען ר׳ יאַנקלען מיט׳ן הויכען און שטאַרקען יונגענמאַן, וואָס איז געווען אַזוי אויפגערעגט, אַז ער האָט זיך נישט גע-קאָנט פערטיידיגען, איז געווען זעהר אַקאָמישער קאַמף. אין רעכטען געראַנגעל האָבען זיך ביי ביידען אויפגעהויבען די פּאָ-לעס פון די קאַפּאָטעס. ר׳ יאַנקעל איז געשפּרונגען און זיך אַראָבגעלאָזט פון חיה׳שען גרימצאָרן. מאיר האָט געציטערט

מיט'ן גאַנצען גוף און האָט אָנגעשטויסען דעם געגנער מיט אומגעלומפּערטע בעוועגונגען. דאָס איז געווען זעהר אַ קאָמישע סצענע, בפּרט נאָך, אַז איבער די מענשען, וואָס האָבען זיך בעטייליגט אין דערדאָזיגער סצענע, האָט מען שטענדיג גע-חוזק'ט און געלאַכט.

נאָר צוריקגערעדט, ווי אַזוי האָט דער יונגער פּריץ גע-קאָנט פערשטעהן דעם פערבאָרגענעם זין פון דער סצענע, וואָס איז לחלוטין נישט קאָמיש געווען? האָט ער דען געקאָנט ווי-סען, מיט וועמען ער רעדט, בשעת ער האָט גערעדט מיט מאיר'ן? דאָס איז געווען אַ יונג יודעל, וואָס האָט גערעדט אויף אַשלעכ-טען לשון, אַנ'אייניקעל פון ר' שאול'ן, און שפּעטער מסתמא וועט ער אויך זיין אַ סוחר. דער יונגער שררה האָט לחלוטין נישט געוואוסט, אַז דאָס איז געווען אַנ'איידעלע נשמה, וואָס האָט נישט געקאָנט פערטראָגען קיין אונרעכט, אַ נשמה, וואָס האָט שטאַרק געבענקט נאָך פרייהייט און וויסען. דערדאָזיגער יונגערמאַן איז בעזעסען אַזויפיל מוט און עהרליכקייט, אַז ער האָט גאָרנישט געקוקט אויף זיין אייגען לעבען און דערמיט, וואָס ער איז איצט אַריין צו ר' יאַנקלען אין שטוב, האָט ער זיך שוין אויף אייביג אומגליקליך געמאַכט. שוין-זשע, האָט אודאי דער פּריץ געטראַכט, געפינען זיך צווישען יודען איידעלע נשמות, וואָס קאָנען זיך אויפרעגען פון אַנ'אונרעכט, פון אַנ'עולה און וואָס בענקען נאָך פרייהייט און נאָך אַ שען לעבען?

דער קאַמענקער פּריץ האָט דאָך אויפגעהערט צו לאַכען און האָט אַ פרעג געטהאָן ביי ר' יאַנקלען:

—דערקלער מיר, איך בעט דיך, וואָס איז דאָס פאַר אַ מענש און וואָס האָט ער געוואָלט?

—וואָס איז דאָס פאַר אַ מענש?—האָט ר' יאַנקעל, וואָס האָט זיך געקאָנט באַלד בעהערשען, געזאָגט,—עס לוינט זיך נישט צו ריידען פון איהם און איך בעט אייך, איהר זאָלט מיר מוחל-זיין פאַר דאָס אַלץ, וואָס איז געשעהן אין מיין הויז. דער מענש איז אַ משוגענער... ער איז שטענדיג געווען זעהר אַ שלעכטער און פון שלעכטסקייט איז ער אַראָב פון זינען...

—הם...—האָט דער פּריץ אַ ברום געטהאָן.—ער איז אָבער נישט עהנליך צו אַ משוגענעם... ער האָט זעהר אַ שען און בע-דאַכט געזיכט.

—ער איז אַפּילו נישט אינגאַנצען משוגע...—האָט שוין ר׳ יאַנקעל נאָכגעגעבען,—אָבער דער פּריץ האָט איהם איבערגע-שלאָגען:

—איז ער שאול׳ס אַנ׳אייניקעל?—האָט ער פּערטראַכט געפּרעגט.

—ער איז שאול׳ס אַנ׳אייניקעל. אָבער דער זיידע האָט איהם נישט ליב...

—צי ליב, צי נישט ליב, אָבער פרעגען דעם זיידען וועגען איהם, מיין איך, איז איבעריג...

—פאַרוואָס? זאָל טאַקי דער פּריץ אַ פרעג טהאָן?—האָט ר׳ יאַנקעל אויסגערופען און זיינע אויגען האָבען זיך אָנגעצונ-דען מיט אַ קלוג פייערל.—איהר קאָנט אַפּילו נאָכפרעגען אויף איהם ביי זיינע פעטערס... איך קאָן אייך שוין אַ רוף טהאָן אַהער זיין פעטער אברהם...

—מען בעדאַרף נישט!—האָט דער פּריץ געזאָגט.

ער האָט זיך אויפגעהויבען און זיך פּערטראַכט. נאָכדעם האָט ער אָנגעקוקט יאַנקלען מיט אַ שאַרפען דורכדרינגליכען בליק. ר׳ יאַנקעל האָט אויסגעהאַלטען דעמדאָזיגען בליק. אַ וויי-לע האָבעןביידע געשוויגען.

—הער-נאַר, יאַנקעל,—האָט זיך דער פּריץ אָנגערופען,— דו ביזט אַ מענש שוין נישט קיין יונגער, דו ביזט אַ רייכער סוחר, דו ביזט אַ פאָטער פון אַ פאַמיליע, און דעריבער קאָן איך דיר גלויבען מעהר, איידער עפּיס אַ יונגעל, וואָס איך זעה דאָס ערשטע מאָל אין לעבען און וואָס איז אפשר אַ משוגענער... אָבער דאָך איז דאָ עפּיס נישט גלאַטיג... איך מוז מיך נאָכ-פרעגען אויף דעמדאָזיגען יונגענמאַן...

—טאָ זאָל דער פּריץ זיך נאָכפרעגען,—האָט ר׳ יאַנקעל אַ דריק געטהאָן די אַקסלען.

דער פּריץ האָט אַ ווילע געטראַכט און נאָכדעם געזאָגט:

—אייער רב וואוינט נאָך איצט אין שטעדטעל?

—וואו קאָן ער אַנדערש וואוינען? דאָס גאַנצע לעבען איז ער פון שטעדטעל נישט אַרויסגעפאָהרען...

—אַ פּאָזיטיוועך מענש!—האָט דער פּריץ ווידער אַ שמייכעל געטהאָן און גענומען פון טיש זיין שען היטעלע.

—נו, יאַנקעל,—האָט ער געזאָגט,—פיהר מיך צום ר׳ב... אויב איך וועל נישט דערגעהן קיין אינטערעסאַנטע זאַכען, וועל איך, לפּחות, זעהן אייער רב.

יאַנקעל האָט תיכף געעפענט די טיר פאַר׳ן האַר און ביידע זענען אַרויסגעגאַנגען אויפ׳ן לעדיגען מאַרק.

אין דער אייגענער צייט איז עליע וויטעבסקי אַדורכגעגאַנגען דעם מאַרק. ער האָט בעמערקט דעם קאָמענקער פּריץ און איז מיט אַ ליבליכען שמייכעל צוגעגאַנגען צו איהם. דער פּריץ האָט איהם העפליך בעגריסט. אויסערליך איז דאָס געוועזען דער איינציגער יוד אין שטעדטעל, וואָס האָט אויסגעוויזען דעם פּריץ מעהר אָדער ווייניגער ציוויליזירט.

—דער פּריץ איז אַראָבגעקומען צו אונז אין שטעדטעל וועגען געשעפט מסתמא?

—ניין, אַזוי, פאַרבייפאָהרענדיג...

—און וואוהין געהט איצט דער פּריץ?

—צו אייער רב, הער וויטעבסקי...

דער לעצטער האָט זיך גע׳חדוש׳ט.

—צום רב? וואָס פערלאַנגט דער פּריץ [illegible]ון רב?

—אָט אַ קאָמישע געשיכטע! זאָג מיר נאָר, איך בעט דיך, קאָנסטו שאול יעזעפאָוויטשעס אייניקעל?

—וואָסער אייניקעל? ער האָט עטליכע אייניקלעך.

—ווי הייסט ער?—האָט דער פּריץ אַ פרעג געטהאָן ביי ר׳ יאַנקלען.

—מאיר! מאיר! דער אויסוואורף!—האָט קאַמיאָנקער געשריען.

וויטעבסקי האָט אַ שאָקעל געטהאָן מיט׳ן קאָפּ, פונקט ווי

ער וואָלט געוואָלט זאָגען, אַז ער פערשטעהט וועגען וואָס דאָ האַנדעלט זיך.

—נו.—האָט ער, צולעצט, אַרויסגעזאָגט וויידער, מיט אַ גו-טען טאָן,—ער איז גאָרנישט קיין אויסוואורף. ער איז נאָך יונג און וועט זיך מסתמא אויסבעסערן. ער האָט אַן אונרוהיגען קאָפּ...

—וואָס? ער איז אַ ביסעלע משוגע?—האָט זיך דער פריץ צולאַכט און צוגעלעגט אַ פינגער צום שטערען.

—ניין!—האָט עליע געזאָגט,—ער איז נישט קיין משוגע-נער... ער איז נאָר יונג... ער וועט עלטער ווערען, וועט ער קליגער ווערען... אָבער דאָס איז וואָהר, איצט בעגעהט ער אַ סך נאַרישקייטען... ער האָט מיר היינט אויך פערשאַפט אַ סך עגמת-נפש און האַרצוועהטאָג... אוי-אוי! וויפיל איך האָב מיך אָנגעליטען פון איהם און וועל מיך נאָך אָנליידען...

ר׳ יאַנקעל האָט זיך אָנגערופען:

—ער איז פאָרט משוגע... ער ווייס אַליין נישט, וואָס ער וויל און אַלע ליידען פון איהם...

—דאָס איז אַזוי,—האָט זיך וויטעבסקי ווידעראַמאָל אָנגע-רופען,—אָבער ער איז נאָך יונג און פון איהם קאָן זיך נאָך אויסאַרבייטען אַן אָנשטענדיגער מענש...

—אָבער איצט פיהרט ער זיך נישט אָנשטענדיג...

דאָ האָט ר׳ יאַנקעל אָנגעוויזען אויפ׳ן שוהלהויף און גע-זאָגט:

—אַהער בעדאַרפען מיר אַריינגעהן...

—אָבער וואו וואוינט דאָ אייער רב?

ר׳ יאַנקעל האָט אָנגעוויזען אויפ׳ן שוואַרצען הייזעל, האָט האָט זיך געטול׳עט צום בית-המדרש.

—וואָס?—האָט זיך דער פריץ גע׳חדוש׳ט,—אין דערדאָזי-גער כאַטקע?

און ער איז אַוועק צום הייזעל צוזאַמען מיט ר׳ יאַנקלען. וויטעבסקי האָט פערשטאַנען, אַז דאָ האַנדעלט זיך עפּיס וועגען זעהר אַ וויכטיגען ענין, האָט ער אַ שמייכעל געטהאָן, זיך

פערנויגט און איז תיכף ומיד אַנטרונען געוואָרען.

די טיר פונ׳ם רב׳ס הייזעל איז געווען צוגעשפאַרט, אָבער ביים אָפענעם פענסטער זענען געשטאַנען עטליכע יודען און האָבען שטיל געשמועסט צווישען איינאַנדער. פון צייט צו צייט האָבען זיי מיט גרויס יראה אַריינגעקוקט אין פענסטער.

אין הייזעל איז געווען שטיל, און יעדער, וואָס האָט געזעהן, ווי אַזוי דער רב אַרבייט לאַנג און שווער, וואָלט אַודאי געקאָנט מיינען, אַז ער האָט זיך אַנידערגעלעגט אָברוהען אָדער אַז ער טהוט, לפחות, גאָרנישט. אָבער דאָס איז נישט געווען אַזוי. אויסער די עטליכע שעה, וואָס ער האָט געשלאָפען מיט אַ שלעכטען פיינליכען שלאָף, ווי אַלע מענשען מיט צורודערטע נערווען און אַנ׳אָנגעשטרענגטען מוח, האָט ער מעהר נישט גע-וואוסט פון רוה.

דאָס איז געווען אַ לעבען פון אונאויפהערליכער פראַצע. ר׳ יצחק טודרוס האָט נישט געוואוסט, וואָס איז עס אַזוינס ענטטוישונג, וואָס קומט פון צווייפלען אָדער זאָרג וועגען דעם אייגענעם לעבען און געזונד. און איצט, נאָכדעם ווי ער האָט פערבראַכט אַ שטיק צייט אין אַ הייסער און דושנער אַטמאָספע-רע, אָנגעפילט מיט מענשליכען שוויס, נאָכדעם ווי ער האָט שווער געאַרבייט מיט דער מחשבה און מיט׳ן האַרץ, האָט ער זיך נישט אַוועקגעלעגט אויף זיין האַרטען געלעגער און איז נישט אַרויס אין דרויסען, וואו די ריינע לופט און די פריש-קייט וואָלטען איהם געקאָנט אָבפרישען דעם מידען קאָפּ. ער איז נאָך אַלץ געזעסען אויף דער אייגענער באַנק פון אינדער-פריה-אָן און איז פערזונקען מיט די אויגען אין אַ גרויסען ספר. דעמדאָזיגען ספר האָט ער, ווי אַלע זיינע ספרים, שוין אַ סך מאָל געלייענט און האָט איהם געקאָנט כמעט אויף אויסווע-ניג.

דאָך האָט ער נאָך אַלץ געלערנט דעם ספר, מחמת ער האָט אין זיינע ווערטער אַרויסגעפונען אַלץ נייע און נייע אויס-טייטשונגען און סודות. מיט זיין פלאַמענדיגען גייסט האָט ער

אַלץ געזוכט נייע סודות און האָט מיט דער גרעסטער אָנשטרענגונג געפּרובט זיי אויפדעקען.

ר׳ משה האָט אָבגערוהט, אָבער אויך נישט איינגאַנצען. געזעסען איז ער אין ווינקעל אויף דער ערד. די עלענבויגענס האָט ער אָנגעשפּאַרט אויף די קניה און די אויגען זענען אונבעוועגליך געשטאַנען אויפ׳ן גרויסען רב, וואָס איז געזעסען איבער׳ן ספר.

די טיר האָט זיך פּלוצלונג געעפענט און אויף דער שוועל האָט זיך בעוויזען דער קאַמענקער פּריץ. אַ ווײַלע איז ער געבליבען שטעהן, נאָכדעם האָט ער זיך אָנגערופען צו ר׳ יאַנקלען, וואָס איז געגאַנגען הינטער איהם:

—דו, יאַנקעל, בלייב דאָ און איך וועל אַ שמועס טהאָן מיט אייער רב.

ביי דידאָזיגע ווערטער האָט ער אָנגעבויגט דעם קאָפּ, אַדורכצוגעהן די נידעריגע טיר מיט זיין הויכער פעסטגעבויטער פיגור.

ער איז אַריין אין צימער און האָט זיך אַרומגעקוקט.

אונטער אַ שוואַרצער וואַנד, בעדעקט מיט שטויב און שמוץ איז פאַר איהם געזעסען אַ מענש אין אַן׳אַלטער צושאָסענער קאַפּאָטע, מיט שוואַרצע האָר אין באָרד און מיט אַ געלב פּנים, פערזונקען אין אַ גרויסען ספר. דער רב האָט אויפגעהויבען אַ פּאָר פער׳חדוש׳טע אויגען און שאַרף אָנגעקוקט דעם גאַסט.

אין ווינקעל צימער, אויף דער ערד איז געזעסען אַ צווייטע געשטאַלט, אָבער דער גוטסבעזיצער האָט איהם כמעט נישט בעמערקט. דעמדאָזיגען פּריץ איז גאָרנישט געקומען אויפ׳ן זינען, אַז דערדאָזיגער מאַן, וואָס איז געזעסען אין אַ צושאָסענער קאַפּאָטע, איז דער שיבאָווער רב, וואָס איז אַזוי בעריהמט אין דער יודישער וועלט.

און אָט איז ער צוגעגאַנגען צו דעמדאָזיגען מאַן און האָט גאַנץ העפליך אַ פרעג געטהאָן:

—צי קאָן איך מיך זעהן מיט׳ן שיבאָווער רב?

קיין ענטפער איז נישט געקומען.

דער יוד, וואָס איז געזעסען אויף דער באַנק מיט אַנ׳ אויסגעצויגענעם האַלז, האָט נאָך אַלץ שאַרף בעטראַכט דעם גאַסט. ר׳ יצחק טודרוס האָט איצט געהאַט נישט בלויז פער־חדוש׳טע, נאָר אויך תמ׳עוואַטע אויגען. אָבער מען בעדאַרף זיך נישט וואונדערן דערויף, מחמת דער רב איז ממש צורודערט געוואָרען, דערזעהענדיג דעם קאָמענקער פריץ. דאָס איז געווען דער ערשטער קריסט, וואָס האָט איבערגעטרעטען די שוועל פון זיין חדר, דער ערשטער קריסט, וואָס איז געשטאַנען אַזוי נאָהנט צו איהם און האָט גערעדט אויף עפּיס אַ מאָדנעם, כמעט וויל־דען לשון. ווען עס ענטפּלעקט זיך איצט פּלוצלונג פאַר איהם דער שר פון די שדים, וואָלט ר׳ יצחק טודרוס אַזוי שטאַרק נישט צומישט געוואָרען און אַזוי זיך נישט איבערגעשראָקען, מחמת ער האָט אויסגעצייכענט גוט געוואוסט די אָבשטאַמונג, נאַטור, אייגענשאַפטען און פונקציעס פון אַ שד. אָבער דערדאָזיגער מאַן אין די פראַנטישע קורצע קליידער מיט אַ ווייסען שטערען, ווי ביי אַ פרוי, איז איהם געווען אונפערשטענדליך.

צי שטעהט עס פאַר איהם אַ פּלישתי, אָדער אַ גרויזאַמער רוימער, וואָס האָט בעזיגט בר־כוכבא׳ן, צי גאָר אַ שפּאַניער, וואָס האָט אויסגעשאָכטען די אַבאַרבאַנעלע׳ן און האָט מיט גרויס אַכזריות אַרויסגעיאָגט פון שפּאַניען זיין, ר׳ יצחק טודרוס׳עס, אבות?

דער יונגער פריץ האָט לאַנג געוואַרט אויף אַנ׳ענטפער, אָבער אַז דער ענטפער איז נאָך אַלץ נישט געקומען, האָט ער ווידעראַמאָל געפרעגט:

— צי קאָן איך מיך זעהן מיט׳ן שיבאָוור רב?

דאָסמאָל האָט זיך אויפגעהויבען די געשטאַלט, וואָס איז געזעסען אין ווינקעל אויף דער ערד. ר׳ משה, וואָס איז ממש פערגליווערט געוואָרען פון פערוואונדערונג, איז צוגעגאַנגען נעהנטער צום פריץ און אַרויסגעלאָזט איין קלאַנג:

— האַ?

דערזעהן דעמדאָזיגען פאַרשוין, אין אַזאַ משונה׳דיגער

קליידונג, האָט דער פּריץ אַ ציטער געטהאָן פון איינגעהאַלטע־נעם געלעכטער.

—הערט נאָר,—האָט ער זיך אָנגערופען צו ר׳ משה׳ן,—דער מענש, וואָס זיצט דאָ מיט׳ן ספר, איז אַ טויבער? צווייַ מאָל האָב איך איהם געפרעגט וועגען שיבאָווער רב, און ער האָט מיר נישט געענטפערט.

ביי דידאָזיגע ווערטער האָט ער אָנגעוויזען אויף ר׳ יצחק טודרוס׳ן, וואָס האָט זיך לאַנגזאַם אָבגעקעהרט צום תלמיד, אויסגעצויגען דעם האַלז און אַ פרעג געטהאָן:

—וואָס וויל ער? וואָס זאָגט ער?

ר׳ משה האָט נישט געענטפערט און האָט זיך נאָכמעהר פער׳חדוש׳ט. אונטער דעם אָפענעם פענסטער האָט זיך דערהערט אַ שאָרכען און אַ שעפּטשעריי. דער שררה האָט אַ קוק געטהאָן אין פענסטער און האָט דערזעהן אַ סך מענשען, וואָס האָבען זעהר נייגיריג אַרייַנגעקוקט אין חדר. מאַנכע פון זיי האָבען אַפילו אויסגעזעהן דערשראָקען. דער קאָמענקער פּריץ האָט גע־פרעגט ביי זיי:

—דאָ וואוינט דער שיבאָווער רב?

—דאָ!—האָבען עטליכע יודען געענטפערט.

—טאָ וואו איז ער?

עטליכע הענד האָבען אָנגעוויזען אויפ׳ן יודען, וואָס איז געזעסען אויף דער באַנק.

—וואָס?—האָט זיך דער פּריץ שטאַרק גע׳חדוש׳ט.—אָט דער מענש איז עס דער בעריהמטער רב אייערער?

די יודען, וואָס זענען געשטאַנען ביים פענסטער, האָבען מיט גרויס יראה צוגעשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ.

—און ווער איז דער?—האָט ער אַ פרעג געטהאָן און אָנגעוויזען אויף ר׳ משה׳ן.

—אָט דער,—האָבען די יודען געענטפערט הינטער׳ן פענ־סטער,—איז אַ מלמד, אָבער ער איז זעהר אַ גרויסער חכם און אַ פרומער מאַן.

דער פּריץ האָט זיך ווידער אָנגערופען צו ר׳ טודרוס׳ן:

—געעהרטער רב! איך וואָלט וועלען ריידען מיט אייך עטליכע מינוט, אָבער אונטער פיר אויגען.

ר׳ יצחק טודרוס האָט געשוויגען. שטאַרקער און עפטער האָט ער איצט געאָטעמט און פון די אויגען זענען געפלויגען פונקען.

—פאַן מלמד!—האָט ער זיך געווענדט צו דעם באָרפע־סען יודען אינ׳ם גראָבען העמד,—אפשר פאַלט ביי אייך אויס אַ טאָג, ווען איהר טאָרט נישט ריידען?

—האַ?—האָט דער מלמד געפרעגט מיט אַנ׳אויסגעצויגע־נעם קול.

איצט האָט שוין דער פריץ, האַלב אין געלעכטער און האַלב אין כעס, זיך געווענדט צו די יודען, וואָס זענען גע־שטאַנען אונטער׳ן פענסטער.

—פאַרוואָס ענטפערן זיי מיר נישט?

דער עולם יודען האָט געשוויגען און פערלעגען זיך אי־בערקוקט צווישען אייננאַנדער.

—נו,—האָט זיך שפעטער אָנגערופען אַ דרייסטערער יוד,— זיי פערשטעהען נאָר יודיש!

דער פריץ האָט אויסגעקאַטשעט אַ פּאָר גאַפענדיגע אוי־גען.

—וואָס?—האָט ער געפרעגט,—זיי פערשטעהען נישט, וואָס איך רייד?

ווידער אַ שטיל שווייגען.

—ניין, זיי פערשטעהען נישט,—האָט זיך עמיץ אָבגערופען הינטער׳ן פענסטער.

אָבער אין דערדאָזיגער מינוט איז ר׳ יצחק טודרוס אוֹיפ־געשפרונגען פון זיין אָרט, זיך אויסגעגלייכט, אויפגעהויבען די הענד איבער׳ן קאָפּ און זעהר שנעל אַרויסגעזאָגט:

—עס וועט קומען אַ טאָג, ווען משיח וועט אַרויס פון גן־עדן און אַראָבגעהן אויף דער ערד! אַ שרעקליכע מלחמה וועט אויסברעכען אויף דער וועלט, אָבער דער סוף וועט זיין, אַז דער שונא וועט פאַלען ישראל׳ן צו די פיס!

און ביי דעם וואָרט „שונא" האָט ער אויסגעצויגען דעם ווייז-פינגער און אָנגעוויזען אויפ'ן יונגען פריץ. דערדאָזיגער זשעסט איז געווען אַ שטרענגער און אַ פייערליכער. די אויגען האָבען איהם געברענט. געאָטעמט האָט ער שנעל. אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער ווידער אויסגערופען:

—און דער שונא וועט פאַלען ישראל'ן צו די פיס, ווי אַ שטרויענער צעדערבוים און גאָט וועט זיך נוקם-זיין אין איהם!

דער פריץ האָט, נאַטירליך, קיין איין וואָרט נישט פער-שטאַנען. אמת, ער איז אַפילו עהנליך געווען צו אַ שלאַנקען צעדערבוים, אָבער בשום אופן נישט צו אַזא, וואָס דאַרף באַלד אַנידערפאַלען. און אויב איהם וואָלט בעשערט געווען אַנידער-צופאַלען, וואָלט עס זיכער געווען פון געלעכטער, ווייל ער האָט זיך קוים געקאָנט איינהאַלטען.

—וואָס זאָגט ער?—האָט ער געפרעגט די יודען, וואָס זענען געשטאַנען ביים פענסטער.

ווידעראַמאָל אַ שטיל שווייגען. אַלע האָבען זיך שטאַרק צוגעהערט צו דעם רב'ס ווערטער און דער מלמד האָט זיך ממש ענטציקט מיט זיי.

—זאָגט-זשע מיר, מיינע ליבע,—האָט דער פריץ גע-פרעגט,—וואָס האָט ער דאָ גערעדט?

עמיץ פון די הינטער-פענסטער-יודען האָט כמעט גראָב אַ זאָג געטהאָן:

—האָט דער פריץ נישט פערשטאַנען?

ערשט איצט, נאָך דערדאָזיגער פראַגע האָט זיך דער פריץ רעכט צולאַכט. זיינע אויגען האָבען געגלאַנצט און פון האַרצען האָט זיך איהם אַרויסגעריסען אַ לאַנגע געלעכטער-גאַמע.

און לאַכענדיג, האָט ער זיך אויסגעדרעהט צו דער טיר.

—ווילדע מענשען,—האָט ער געשריי געטהאָן אויף דער שוועל.

אויפ'ן שוהל-הויף האָט ער נאָך שטאַרקער געלאַכט און

די יודען, וואָס זענען געשטאַנען ביים פענסטער, האָבען איהם אָנגעקוקט מיט בעליידיגטע בליקען.

און דאָס איז נישט קיין וואונדער. דער יונגער פּריץ האָט געלאַכט, אָבער טיף אין האַרצען איז ער געווען זעהר בייז, ווייל די יודישע בעלי-תורה, וואָס ער האָט געזעהן, האָבען איהם אויסגעזעהן ווילד און זיי האָבען נישט פערשטאַנען די שפּראַך פון יענער מדינה, וואָס מיט איהר לופט האָבען זיי געאָטעמט. די יודען, ווידער, וואָס זענען געשטאַנען ביים פענסטער, האָבען איהם בעגלייט מיט פיינדליכע בליקען, ווייל זיין געלעכטער האָט פערשוועכט דעם כבוד פון יענעם מאַן, וועלכען זיי האָבען אַממעהרסטען געאַכפּערט און געליבט. אָרימע יודישע בעלי-תורה, זיי האָבען בעגלויט דעם פּריץ מיט אויגען פול האַס און פיינדשאַפט. אָרימער קריסט, ער האָט געלאַכט פון אַ יודישען רב און זיינע אָנהענגער! אָבער אומגליקליך איז יענע ערד, וואָס איהרע קינדער, וועלכע וואוינען צוזאַמען הונדערטער יאָהרען, פערשטעהען נישט דעם לשון און דאָס האַרץ פון איינאַנדער.

אויפ׳ן הויף האָט ר׳ יאַנקעל קאַמיאָנקער בעגעגענט דעם יונגען פּריץ.

—נו, יאַנקעל,—האָט דער פּריץ זיך אָנגערופען,—יאָ, איהר האָט אַ קלוגען רב!

ר׳ יאַנקעל האָט גאָרנישט געענטפערט אויף דערדאָזיגער פראַזע און האָט באַלד פערפיהרט אַ שמועס וועגען דער אַרענדע. די מעשה מיט מאיר׳ן האָט ער שוין, קענטיג, פערגעסען. דער פּריץ האָט עס אַפי׳ו נישט פערגעסען, אָבער פון דעם אַלעם, וואָס ער האָט היינט געזעהן און געהערט, האָט זיך איהם בלויז געוואָלט לאַכען. דער יונגער נביא, ר׳ יאַנקעל מיט די לאַנגע פאות׳ן, דער רב, וואָס קאָן נישט קיין אַנדער לשון, אויסער יודיש און ר׳ משה, וואָס געהט אָנגעטהאָן אין אַ משונה׳דיגען העמד,—דאָס אַלץ האָט איהם אויסגעזעהן משונה, ווילד און לעכערלעך. און ער האָט געשפּירט אַ בעדערפעניש, וואָס גיכער צו דערצעהלען וועגען די אַלע פּאַסירונגען זיינע קרובים

און פֿריינד, צו וועלכֿע ער איז איצט געפֿאָהרען. און ער האָט זיך פֿאָרגעשטעלט, ווי אַזוי פֿאַן אַנדזשיי וועט עס לאַכען און ווי אַזוי די שענע פֿאַנע יאַדוויגע וועט זיך צושמייכלען מיט איהר כשופֿ׳דיגען שמייכעל.

און מיט דידאָזיגע געדאַנקען וועגען דער כשופֿ׳דיגער יאַדוויגע׳ן איז דער יונגער פֿריץ אַריינגעשפּרונגען אין זיין קאַ-רעט, אַ קוק געטהאָן אין מערב-זייט און אויסגעשריען:

—ווי לאַנג איהר האָט מיך דאָ פֿערהאַלטען.

נאָכדעם האָט ער אַ שאָקעל געטהאָן מיט׳ן קאָפּ צו ר׳ יאַנקלען און אַ זאָג געטהאָן צום קוטשער:

—ריהר זיך!

פֿיר פֿערד האָבען אַ כאַפּ געטהאָן דאָס שענע קאַרעטל, ווי אַ בליץ זיך דורכגעלאָפֿען איבער׳ן מאַרק און פֿערשוואונדען געוואָרען אין די גאָלדענע שטויבעלעך.

די רויטע וואָלקענס אין מערב-זייט הימעל זענען ביסלעכ-ווייז אויסגעלאָשען געוואָרען. דער הערבסט-פֿאַרנאַכט האָט זיך אַראָבגעלאָזט אויפ׳ן שטעדטעל און האָט אָנגעפֿילט ר׳ שאול׳ס גאַסטצימער מיט גרויע שאָטענס. אין דעמדאָזיגען צימער האָט מען זיך נישט לאַנג שטאַרק געאַמפּערט און אַרומגעקריגט און מעהר פֿון אַלעמען—דער היציגער ר׳ יאַנקעל. די גאַנצע משפּחה, אויף וועלכער ר׳ יאַנקעל איז אָנגעפֿאַלען מיט קולות און גע-שרייען, האָט איהם געענטפֿערט אַמאָל בייז און אַמאָל ווייך. נאָכדעם איז ר׳ יאַנקעל אַרויסגעלאָפֿען פֿון שטוב, און די מענ-שען, וואָס זענען פֿערבליבען אין צימער, זענען לאַנג געזעסען אָדער געשטאַנען אָהן בעוועגונג, פּונקט ווי די שווערע און אונ-רוהיגע געדאַנקען וואָלטען צוגעשמידט זיי צום אָרט.

ר׳ שאול איז געזעסען אויף זיין געלבען דיוואַן מיט אַנ׳-אָנגעבויגטען קאָפּ, מיט די הענד אויף די קניה און הויך און שווער אָבגעזיפֿצט. אַרום איהם זענען געזעסען: רפאל, אברהם און בער. רפאל׳ס און בערס ווייב זענען אויך שטיל צוגעקומען און זיך אַנידערגעזעצט הינטער זייערע מאַנען. אין ווינקעל איז געשטאַנען נאָך אַ געשטאַלט: דאָס איז געוועזן דער יונגער חיים,

אַברהמ׳ס זוהן און מאיר׳ס אַ גוטער פריינד. קיינער האָט נישט בעמערקט זיין שטעהן אין ווינקעל.

ר׳ שאול האָט דער ערשטער איבערגעריסען דאָס שטיל-שווייגען. ער האָט געפרעגט:

—וואוהין איז ער אַוועק?

צום רב... אָנקלאָגען איהם...—האָט אַברהם געזאָגט.

—מען וועט איהם רופען צום בית-דין...—האָט רפאל בע-מערקט.

—אָי-אָי, וועה צו מיינע יאָהרען! אָט וואָס איך האָב דערלעבט אויף די עלטערע יאָהרען, מען זאָל רופען מיין איי-ניקעל צום בית-דין, ווי אַ גנב אָדער אַ גזלן!..

—ער וועט גע׳משפט ווערען, ווי אַ מסר!—האָט אַברהם זיך אָנגערופען מיט גרויס היץ.

נאָכדעם האָט ער ווייטער געזאָגט:

—טאַטע! מיט מאיר׳ן מוז מען עפּיס טהאָן. בעדאַכט זיך נאָר און זאָג אונז, וואָס קאָנען מיר טהאָן מיט איהם. ער וועט אומגליקליך מאַכען זיך און די גאַנצע משפחה! טאַטע! מען שמועסט שוין אַזוי אויך גענוג, אַז אין אונזער משפחה ווערען עפּטער געבוירען אַזוינע, וואָס גראָבען-אונטער די געזעצען און ברענגען-אַריין פאַלשע געטער אין ישראל׳ס הויז.

—דאָס איז וואָהר! איך האָב אַליין געהערט, ווי יודען ריידען, אַז די טודרוסעס און די יעזעפּאָוויטשעס זענען אַזוי ווי צוויי טייכלעך און איינס שטראָמט פּאָראויס, דאָס צווייטע צו-ריק. עפּטער בעגעגענען זיי זיך אין וועג און שטרייטען כסדר. איינס וויל דאָס צווייטע אַראָבזעצען טיף אין דער ערד. מען האָט שוין אַפילו געהאַט פערגעסען דערין, אָבער איצט האָט דער עולם פון דאָסניי גענומען שמועסען. און מאיר איז שול-דיג דערין!.. אָבער דאָס בעדאַרף איצט אונטערגעגראָבען ווע-רען. מען מוז איצט געפינען אַ מיטעל דערצו. טאַטע, דו מוזט זיך גוט בעדאַכטען און מוזט אונז זאָגען, וואָס מיר האָבען דאָ צו טהאָן.

אינ׳ם בין-השמשות האָט מען דאָך געקאָנט זעהן, ווי אויף

ר׳ שאול׳ס באַקען האָבען זיך בעוויזען צוויי רויטע פלעקען.

—אָבער וואָס קאָן מען טהאָן מיט איהם?—האָט ער געפרעגט נאָך אַ לאַנגען שוויגען און אין זיין קול האָבען זיך געשפירט פערשטיקטע טרעהרען.

רפאל האָט זיך אָנגערופען:

—מען מוז איהם וואָס גיכער חתונה-מאַכען.

בער, ווידער, וואָס האָט ביז אַהער געשוויגען, האָט געזאָגט:

—מען מוז איהם אַוועקשיקען אינדערפרעמד...

ר׳ שאול האָט לאַנג געטראַכט און נאָכדעם בעמערקט:

—אַלע עצות אייערע טויגען נישט. שטרענג און האַרב בעשטראָפען איהם קאָן איך נישט. וואָס וואָלט געזאָגט דערויף די נשמה פון מיין פאָטער הערש, וועלכען איך טאָר נישט משפט׳ען און וואָס אין זיינע דרכים וויל געהן דער יונג? חתונה-מאַכען איהם שנעל, קאָן איך אויך נישט, מחמת דאָס איז גאָרנישט אַזאַ קינד, ווי אַלע: ער איז שטאָלץ און מוטיג און וועט נישט לאָזען, מען זאָל איהם אָנטהאָן קייטען. אַגב איז ער אַזוי בעשמוצט און אַזוי בעשולדיגט, אַז קיין איין אָנגעזעהענער יוד וועט איהם נישט וועלען געהמען פאַר אַן׳איידעם...

דאָ האָט ר׳ שאול׳ס קול אַ ציטער געטהאָן פון טיפען צער. אָט וואָס ער האָט דערלעבט אויף די עלטערע יאָהרען! קיין איין אָנשטענדיג יודיש הויז וועט נישט וועלען זיך משדך-זיין מיט זיין אייניקעל, וואָס אַמאָל האָט ער איהם ליבער געהאַט פון אַלע קינדער.

—זאָל איך איהם, ווידער, אַוועקשיקען,—האָט ער ווייטער געזאָגט,—קאָן איך דאָס אויך נישט... איך האָב מורא, אַז וואַנדערנדיג איבער דער גרויסער וועלט, וועט ער פערלירען זיין לעצטע ביסעל אמונה... איך בין איצט ווי יענער גרויסער צדיק, וואָס דער עולם האָט געכאַפּט זיין זוהן עסענדיג טרפות... האָט מען איהם געעצה׳ט, ער זאָל אַוועקשיקען זיין צולאָזענעם זוהן אין דער גרויסער וועלט אַריין, וואו ער וועט מסתמא ליידען

צרות און נויט און אַזויאַרום ווערען אַ גוטער יוד. אָבער דער צדיק האָט געזאָגט: „זאָל מיין זוהן פערבלייבען ביי מיר און זאָל ער שטענדיג זעהן מיין פערביטערט געזיכט. דאָס וועט איהם ווייכער מאַכען דאָס האַרץ און ער וועט מיר אָנהויבען פאָלגען. אָבער צרות און נויט אינדערפרעמד וועלען איהם פער-וואַנדלען אין אַ האַרטען שטיין...“

ר׳ שאול איז אַנטשוויגען געוואָרען. די קינדער האָבען אויך געשוויגען. אָבער די צווי ווייבער, וואָס זענען געזעסען הינטער די מאַנען, האָבען עפטער דורך זיפצען איבערגעריסען דאָס שטיל-שווייגען. אין צימער איז טונקעלער געוואָרען.

אין אַ ווייל ארום האָט בער אָנגעהויבען ריידען מיט אַ שטילען און אַזוי ווי ציטריגען קול:

—הערט מיך אויס, איך וועל היינט עפענען פאַר אייך דאָס האַרץ. איהר ווייסט, אַז איך רייד זעלטען. ווען איך וויל עפּיס זאָגען, שטעהט-אויף פאַר מיר מיין יוגענד, די זכרונות פון מיין יוגענד, ווערט מיין קול שטילער און איך שוויג. אַזויאַרום האָב איך אויפגעהערט צו ריידען און צו געבען אַנ׳עצה און גע-זאָרגט האָב איך בלויז פאַר מיין ווייב, פאַר מיינע קינדער און פאַר מיינע געשעפטען. אָבער צו וואָס זאָל מען לאַנג טראַכ-טען וועגען דעם, וואָס צו טאָהן מיט מאיר׳ן? פרייהייט גיט איהם! זאָל ער געהן אין דער גרויסער וועלט אַריין און בע-שטראָפט איהם נישט און פייניגט איהם נישט מיט נויט. און וואָס האָט ער, אייגענטליך, געטהאָן? ער האָט אָבגעהיט אַלע דינים, ווי גאָט האָט געבאָטען און האָט זעהר פלייסיג געלערנט און אַלע ברידער און שוועסטער פון אונזער משפחה און אַפילו די פּשוט׳ע און אָרימע יודען, וואָס לעבען אין נויט און ביי-טערניש, האָבען איהם ליב, ווי דאָס אויג פון קאָפּ. וואָס פאָרט-ווילט איהר פון איהם? פאַרוואָס זאָלט איהר איהם בעשטראָ-פען? ווען האָט ער געטהאָן שלעכטס?

בערס ווערטער, וואָס זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרען מיט אַ האַלב-פוילען און האַלב-ציטריגען קול, האָבען געמאַכט אַ גרוי-סען רושם אויף אַלעמען. זיין ווייב שרה, וואָס האָט זיך, קענ-

טיג, שטאַרק דערשראָקען, האָט איהם געצויגען פאַר׳ן אַרבעל און געשעפּטשעט:

שאַ! שאַ! בער! הער-אויף צו ריידען!

ר׳ שאול האָט עטליכע מאָל אויפגעהויבען דעם קאָפּ און צוריק אַראָבגעלאָזט. עס איז געווען קענטיג, ווי אין איהם ראַנגלען זיך צוויי געפיהלען: כעס און רחמנות, אָבער דער היציגער אַברהם האָט אויסגעשריען:

—בער! דורך דיינע ליפּען ריידען דיינע זינד! דו נעהמסט זיך אָן פאַר מאיר׳ן, ווייל דו ביזט אַליין אַזאַ, ווי ער!

רפאל האָט זיך אָנגערופען מיט זיין געוועהנליכער ערנסטער מינע:

—דו זאָגסט, בער, אַז מאיר היט אָב אַלע דינים, ווי גאָט האָט געבאָטען, אָבער איך גלויב נישט דערין...

—יאָ!—האָט אַברהם געשריען.—ער האָט אויף זיין נשמה אַ סך עבירות, אָבער די גרעסטע עבירה איז ער היינט בעגאַנגען. פאַר אַ פרעמדען מענשען האָט ער בעשולדיגט אַן׳אייגענעם ברודער. אַן׳אייגענעם ברודער איז ער געגאַנגען אומגליקליך מאַכען...

אָבער דערדאָזיגער היציגער און ליידענשאַפטליכער מענש האָט זיך פּלוצלונג איבערגעהאַקט אינמיטען ריידען: אונבעוועגליך, ווי אַ סטאַטוע, מיט אַן׳אָפּענעם מויל איז ער געזעסען ביים פענסטער און מיט פערגליווערטע בליקען אַרויסגעקוקט אין דרויסען.

—וואָס איז געשעהן?—האָט ער אַ פרעג געטהאָן מיט אַ ציטריגען קול.

—וואָס איז געשעהן?—האָבען אַלע, אויסער ר׳ שאול׳ן, אַ פרעג געטהאָן און זיך אַ ריס געגעבען פון די ערטער.

אינ׳ם פינסטערן צימער איז מיט אַמאָל אַזוי ליכטיג געוואָרען, פונקט ווי אויפ׳ן מאַרק וואָלטען אָנגעצונדען געוואָרען טויזענדער פאַקלען. דאָס זענען באמת געווען פאַקלען, אָבער זיי האָבען נישט געברענט אויפ׳ן מאַרק, נאָר ביי עטליכע וויאָרסט פון שטעדטעל, און נישט בלויז יעזעפאָוויטשעס הויז, נאָר אַ האַלבען הימעל האָבען זיי בעגאָסען מיט אַ ים ליכט.

דער עולם איז געשטאַנען ביים פענסטער און האָט זיך שאַרף איינגעקוקט אין די פייער-זיילען, וואָס האָבען זיך גע-רוקט אַלץ נעהנטער און נעהנטער און זיך אַלץ מעהר און מעהר צוגאָסען איבער׳ן הימעל...

—ווי גיך ער האָט עס פערווירקליכט זיין פלאַן!—האָט אַברהם געזאָגט.

קיינער האָט איהם נישט געענטפערט.

אינ׳ם שטילען שטעדטעל איז געוואָרען אַ בהלה. קיין איין פאָלק אין דער וועלט גיט זיך נישט איבער זיינע איינדרוקען אַזוי שנעל, ווי יודען. און דאָסמאָל איז דער איינדרוק געווען בעזונדערס גרויס. דאָס איז געווען דער איינדרוק פון אַ גע-וואַלטיגער סטיכיע, וואָס האָט געזייהט פערניכטונג איבער דער ערד און איבער׳ן הימעל—ליכט. איבער אַלע גאַסען און געסלעך פון שטעדטעל איז דער עולם הענדום-פענדום געלאָפען און טוי-זענדער מענשען האָבען זיך געטראָגען הינטער׳ן שטעדטעל, ווי אַ טייך. דער גאַנצער מאַרק איז שוואַרץ געווען פון מענשען און עס האָט געטומעלט און גערוישט און געפילדערט. מאַנכע איינציגע שטימען האָבען זיך געהערט:

—קאַמענקע! קאַמענקע!

—דו הערסט? דו הערסט? דער קאַמענקער הויף...

—אַי-אַי-אַי! אַזאַ הויף! אַזאַ הויף!

דידאָזיגע ווערטער האָבען זיך אַריינגעריסען אין די אָפּע-נע פענסטער פון ר׳ שאול׳ס הויז. דער עולם פון מאַרק איז אַוועק צו די לעצטע געסלעך פון שטעדטעל.

דעמאָלט האָט דער אַלטער ר׳ שאול זיך אויפגעהויבען פון דיוואַן. ער האָט לאַנג געקוקט אין פענסטער, שטיל און אונבעוועגליך.

נאָכדעם האָט ער לאַנגזאַם אויפגעהויבען זיינע הענד און מיט אַ ציטריגען קול זיך אָנגערופען:

—אין מיין פאָטערס צייטען איז אַזוינס נישט געשעהן... אַזוינע גרויסע זינד האָט קיינער אויף דער נשמה נישט גענו-מען... גאָלד און זילבער זענען געשוואומען פון אונזערע הענד

אין דעם־דאָזיגען לאַנד, אָבער נישט קיין פייער און טרעה־רען...

אַ ווײַלע האָט ער געשוויגען, זיך פערזונקען אין רעיונות, אָנגעקוקט דעם פייערדיגען הימעל און געזאָגט.

—מיין פאָטער הערש האָט זעהר גוט געלעבט מיט זיין זיידען... עפטער פלעגען זיי שמועסן וועגען וויכטיגע ענינים און דער קאַמענקער פריץ, וואָס האָט געטראָגען אַ גאַרטעל פון גאָלד און אַ שווערד, פלעגט זאָגען צו מיין פאָטער: „יעזעפאָ־וויטש, דו האָסט אַ גרויס האַרץ, און אַז מיר וועלען זיגען, וועלען מיר דיך מאַכען פאַר אַ שליאַכטיץ אין סיים!..״ זיין זוהן איז שוין אַפילו נישט געווען אַזוי ווי דער פאָטער, אָבער ער האָט אַלעמאָל זעהר העפליך געשמועסט מיט מיר. אין אַ משך פון דרייסיג יאָהר בין איך געווען דער איינציגער קונה פון זיי־נע תבואות, און אַז דער פריץ האָט אַמאָל געהאַט אַ שלעכטע צייט, האָב איך איהם געעפענט מיין קעשענע, ווארום איך האָב נישט וועניג פרנסה געצויגען פון זיינע תבואות... די קאַמענ־קער פריצ׳טע... זי לעבט נאָך איצט אויך... זי האָט זעהר ליב געהאַט מיין מוטער פריידע׳ן און איינמאָל האָט זי איהר גע־זאָגט: „פריידע, איהר האָט אַ סך ברילאַנטען און איך האָב בלויז איינעם...״ ברילאַנט האָט ביי איהר געהייסען דער איינציגער זוהן, וואָס זי האָט, און זי האָט איהם אָבגעהיט, ווי דאָס אויג פון קאָפּ... דאָס איז טאַקי יענער זוהן, וואָס זיין הויז שטעהט איצט אין פלאַמען...

ר׳ שאול האָט אויסגעצויגען זיין ווייזפינגער צו די פלאַ־מען און איז אַנטשוויגען געוואָרען אונטער דער ווירקונג פון אימה און רחמנות. איצט האָט זיך רפאל אָנגערופען:

—בעשת איך בין דאָס לעצטע מאָל געווען אין קאַמענ־קער גוט, איז די אַלטע פריצ׳טע געזעסען מיט איהר זוהן אויפ׳ן גאַניק, און אַז איך האָב אָנגעהויבען ריידען פון געשעפט, האָט די אַלטע פריצ׳טע זיך אָנגערופען צו איהר זוהן: „געדענק, סיגיזמונד, דיינע תבואות זאָלסטו פערקויפען בלויז די יעזעפאָ־וויטשעס און מעהר קיינעם נישט, ווייל זיי זענען עהרליכע

יודען און גוטע מענשען.״ נאָכדעם האָט זי מיך געפרעגט: „צי לעבט נאָך די אַלטע פריידע? וואָס מאַכט איהר זוהן און צי האָט זי אַ סך אייניקלעך.״ נאָכדעם האָט זי אַ קוק געטהאָן אויף איהר זוהן און ווידעראַמאָל געזאָגט: „איהר ווייסט, רפאל, איך האָב נישט קיין אייניקלעך!״ דעמאָלט האָב איך מיך פערנויגט און געזאָגט: „זאָל די פריצ׳טע לעבען הונדערט יאָהר, וועט זי האָבען אייניקלעך.״ איך האָב עס איהר געזאָגט פון גאַנצען האַרצען. און פאַרוואָס זאָל איך עס איהר זאָגען נישט פון גאַנצען האַרצען?

רפאל איז אַנטשוויגען געוואָרען, און ר׳ שאול, וואָס האָט זיך נישט אָבגעקעהרט פון פענסטער, האָט קורץ געפרעגט:

—שוין לאַנג, ווי דו האַנדעלסט מיט׳ן יונגען פריץ?

—איך האַנדעל מיט איהם פון יענער צייט-אָן, זינט ער האָט זיך געשטעלט אויף די פיס און געוואָרען אַ בעל-הבית... פון קיין אַנדער סוחר, אויסער מיר, האַלט ער נישט...

—זאָג מיר, רפאל, האָט ער דיך ווען בעליידיגט?

רפאל האָט אַ ווײַלע געטראַכט און נאָכדעם געזאָגט:

—ניין, ער האָט מיך קיינמאָל נישט בעליידיגט. אמת, ער האַלט זיך גרויס ביי זיך און פערלאָזט זיינע געשעפטען... ער האָט ליב צו הוליען, און אַז אַ יוד גיט איהם אָב גוט-מאָרגען, ענטפערט ער איהם פון אויבען אַראָב און רעכענט זיך נישט מיט איהם... אָבער ער האָט אַ גוט האַרץ און האַלט שטענדיג וואָרט... אַ וואָרטסמאַן איז ער...

שרה, וואָס איז געשטאַנען הינטער׳ן מאַן, האָט פערלעגט די הענד אויפ׳ן האַרצען, צוגעשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ און געזיפצט:

—אַי-אַי! אַזאַ יונגער פריץ און שוין אַריינגעפאַלען אין אַזאַ גרויס אומגליק...

—ער איז דאָך אַזאַ שענער און האָט געזאָלט חתונה-האָבען מיט אַ שען מיידעל...—האָט בעמערקט רפאל׳ס ווייב.

—אָבער ווי וועט ער חתונה-האָבען, ווען זיין האָב-און-גוטס שטעהט אין פלאַמען,—האָט ר׳ שאול געזאָגט.

נאָכדעם האָט ער נאָך שטילער צוגעגעבען:

—אַ גרויסע זינד איז געפאַלען אויף יודען...

פון אַ טונקעלען ווינקעל האָט זיך פלוצלונג אַרויסגערוקט אַברהם. מיט אַנ'אַראָבגעלאָזטען קאָפּ איז ער צוגעגאַנגען צום פּאָטער און מיט ציטריגע הענד האָט ער אָנגעכאַפּט דעם אַל-טענס הענד און צוגעטראָגען זיי צו די ליפּען:

—טאַטע!—האָט ער געזאָגט,—איך דאַנק דיך דערפאַר, וואָס דו האָסט נישט געלאָזט, איך זאָל מיך בעטייליגען אין דעמדאָזיגען עסק.

ר' שאול האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ. עפּיס אַ רויטקייט האָט בעדעקט זיינע באַקען און אין די אַלטע אויגען האָט זיך אָנגעצונדען אַ פייערל פון ענערגיע.

—אַברהם!—האָט ער געזאָגט מיט אַ בעפעהלערישען טאָן,— לאָז שוין שפּאַנען פערד און וואָגען. דו וועסט טאַקי תיכף פאָה-רען צו יענע הערן, וואו דער קאַמענקער פּריץ געפינט זיך... פון דאָרטען זעהט מען נישט די שרפה... פאָהר וואָס גיכער און זאָג איהם, ער זאָל לויפען ראַטעווען זיין מוטער און זיין הויז...

נאָכדעם האָט ער זיך אָנגערופען צו רחאל'ן:

—דו געה צו ר' יאַנקלען אין קרעטשמע... דאָרט שפּור'ן די קאַמענקער פּויערים... דו טרייב זיי צו, זיי זאָלען פאָהרען אַהיים ראַטעווען דעם פּריץ...

געהאָרזאַם, ווי קליינע קינדער, זענען ביידע זיהן תיכף ומיד אַרויס פון צימער. די ווייבער זענען אַרויסגעלאָפען אויפ'ן גאַ-ניק, און ערשט איצט האָט בער אַ זאָג געטהאָן ר' שאול'ן:

—טאַטע! איצט ראַטעווע מאיר'ן. געה צום רב און צו די דיינים און בעט זיי, זיי זאָלען איהם נישט משפּט'ען...

ר' שאול האָט לאַנג נישט געענטפערט.

—דאָס איז מיר זעהר שווער...—האָט ער צולעצט אַרויס-געזאָגט,—עס איז מיר שווער איינצובויגען דעם גרויען קאָפּ פאַר'ן רב... אָבער איך וועל פאָרט געהן... מאָרגען... מען מוז בעשיצען דאָס קינד... הגם מען האָט פון איהם צרות אויף יע-דען שריט און טריט...

***

די לאָנקע אונטער'ן שטעדטעל איז בעדעקט געווען מיט אַן'איינגער אונרוהיגער מענגע מענשען. דאָ, אויף דעמדאָזיגען אָרט, האָט מען בעזונדערס גוט געקאָנט זעהן די געוואַלטיגע שרפה.

די פלאַמען האָבען זיך געצויגען פון הינטער'ן וואַלד. בעגאָסען מיט'ן שרפה-ליכט, איז דער גאַנצער וואַלד געווען רויט און דורכזיכטיג און מען האָט געקאָנט איבערצעהלען יע-דעס בלעטעל אויף די שפּיצען בוימער. אונטען זענען די פלאַ-מען געווען בלוטיג-רויט, נאָר אויבען האָבען זיי געלויכטען מיט אַלע שאַטירונגען פון גאָלד. די גרויסע שרפה האָט פערנעבעלט די שטערען און פון הינטער'ן וואַלד איז אַרויסגעשוואומען אַ רויטע לבנה.

דער עולם אויף דער לאָנקע האָט שטאַרק געשמועסט. דאָרט האָט מען דערצעהלט, אַז סאַמע ביי די ערשטע פלאַמען איז ר' יאַנקעל געפלויגען הענדום-פּענדום צו דער שרפה, און האָט בעת-מעשה פערצווייפעלט געשריען, אַז אַ גרויסער טייל פון זיין בראָנפען ועט פערברענט ווערען. מאַנכע, הערענדיג דידאָזיגע ווערטער, האָבען צוגעשמייכעלט. אַנדערע, ווידער, האָ-בען צוגעשאָקעלט מיט די קעפּ, שטאַרק מיטגעפיהלט ר' יאַנק-לען אין זיין אומגליק. אָבער דער גרעסטער טייל יודען האָבען געשוויגען. מען האָט, קענטיג, געוואוסט, אַז דידאָזיגע שרפה האָט עפּיס אַ שייכות צו ר' יאַנקעלס בראָנפען-געשעפט.

נישט ווייניגער, ווי אין אַ שעה אַרום, נאָכדעם ווי אויפ'ן הימעל האָבען זיך בעוויזען די פלאַמען, האָט זיך דורך דעו

גאַס, וואָס פֿיהרט צו דער לאַנקע, בליק-שנעל אַדורכגעטראָגען אַנ׳עקיפּאַזשל מיט פֿיר פֿערד. דאָס איז אייגענטליך נישט געווען דער געוועהנליכער וועג קיין קאַמענקע, אָבער דער פּריץ פֿונ׳ם ברענענדיגען גוט איז אומישנע געפֿאָהרען מיט אַ קורצערן וועג. אין זיין עלעגאַנטען עקיפּאַזש איז ער נישט געזעסען, נאָר געשטאַנען, אָנגעבויגט פֿאָראויס, אָנהאַלטענדיג זיך מיט די הענד אָן די קאָזלעס און קוקענדיג אין די גרויסע פֿלאַמען, וואו עס האָט זיך געפֿונען זיין מוטער און דאָס הויז פֿון זיין פֿאָטער.

אַז די פֿערד זענען מיט גרויס אימפּעט אַרויפֿגעלאָפֿען אויף דער לאַנקע, וואו עס איז געשטאַנען אַ גרויסער עולם, האָט ער אַ זאָג געטהאָן צום קוטשער:

—פּאָרזיכטיג! מענשען שטעהען דאָ!

—אַ גוטער מענש!—האָט עמיץ פֿונ׳ם עולם בעמערקט.—

אין אַזאַ אומגליק טראַכט ער נאָך פֿון פֿאָרזיכטיגקייט.

עמיץ אַ צווייטער האָט הויך אָבגעזיפֿצט.

עטליכע קעפּ האָבען זיך צוגערוקט צו איינאַנדער און זיך איבערגעשעפּטשעט. און אין דערדאָזיגער שעפּטשעריי איז שטיל אַרויסגעזאָגט געוואָרען דער נאָמען יאַנקעל... זעהר שטיל...

אין דער אייגענער צייט, אָבער שוין אויף אַ צווייטען אָרט, נישט אויף דער לאַנקע, אין אַ דערבייאיגען געסעל, איז מאיר געשטאַנען נעבען שמואל דעם שניידערס הייזעל. נעבען מאיר׳ן זענען געשטאַנען עטליכע יונגעלייט, וואָס האָבען איהם עפּטער בעגלייט.

פֿון זייערע פּנים׳ער איז געווען קענטיג, אַז זיי זענען שרעקליך אויפֿגערעגט. חיים, אברהמ׳ס זוהן, וואָס האָט אין ווינקעל אויסגעהערט דעם גאַנצען שמועס צווישען ר׳ שאול׳ן און זיינע זיהן, האָט עס איצט איבערדערצעהלט מאיר׳ן און די אויפֿרעגונג האָט איהם ווילעוויז פֿערשטיקט דעם אָטעם.

יעדעס וואָרט, וואָס דאָרט איז געזאָגט געוואָרען, האָט ער הויך און דייטליך איבערגע׳חזר׳ט, און די יונגעלייט האָבען איהם אויפֿמערקזאַם אויסגעהערט. די שרפה און די אויפֿרעגונג

האָבען צוגעגעבען מוט דידאָזיגע ציטריגע הערצער. איצט האָט צווישען די יונגעליים געפּעהלט איינער, וואָס זיינע ווערטער האָבען שטענדיג געקלונגען מיט שׂכל און גוטסקייט. אליעזר איז נישט געשטאַנען צווישען זיינע חברים, נאָר ערגעץ אין דער זייט, צוגעשפּאַרט מיט׳ן רוקען אין אַ שוואַרצער וואַנד פון אַ הייזעל, אַנגעלעהנט די עלענבויגען אויף די קניה און דעם טיף-אַראָבגעבויגטען קאָפּ האָט ער בעדעקט מיט די הענד.

עס האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז פערגליווערט געוואָרען אין דערדאָזיגער פּאָזע פון בושה און בעדויערונג. פון צייט צו צייט האָט ער זיך אומגעשאָקעלט. עס איז געווען קענטיג, אַז דידאָזיגע צאַרטע, טרוימערישע און ציטריגע נאַטור איז אַריינ-געפאַלען אין גרויס פערצווייפלונג.

צווישען די שאָטענס פון די הייזער און פאַרקאַנעס איז פּלוצלונג אַדורכגעלאָפען עפּיס אַ שאָטען פון אַ מענשליכער גע-שטאַלט. נעבען די יונגעלייט, וואָס זענען געשטאַנען פאַר שמואל׳ס הייזעל, האָט זיך דערהערט אַ שווער אָטעמען פון אַ מיד האַרץ.

—שמואל!—האָבען אויסגערופען די יונגעלייט.

—שטילער!—האָט זיך מאיר אָנגערופען מיט אַ פערשטיק-טען קול.—קיינער טאָר איצט נישט אָנרופען דעם נאָמען פון דעמדאָזיגען אונגליקליכען יודען, וואָס געפינט זיך אין גרויס סכנה... איך האָב דאָ לאַנג געוואַרט אויף זיין קומען... איהר אַלע געהט איצט אַוועק, אָבער איהר מאַכט זיך נישט וויסענדיג, אַז איהר האָט געזעהן, ווי שמואל האָט זיך אומגעקעהרט פון דער שרפה-זייט...

—דו ביזט גערעכט!—האָט עמיץ פון די יונגעלייט איינ-געשטימט.—דאָס איז אונזערער אַנ׳אָרימער ברודער.

—אָרימער! אָרימער! אָרימער!—האָבען אַלע איבערגע׳-חזר׳ט.

די יונגעלייט זענען אַוועק. געבליבען איז נאָר איין מאיר, וואָס איז געשטאַנען ביי דער שוועל פון הייזעל און

אליעזר, וואָס האָט נאָך אַלץ נישט געקאָנט קומען צו זיך.

שמואל איז אַריינגעלאָפען אין הייזעל, וואו קיין זייטיגער, אויסער זיין בלינדער מוטער און די קליינע קינדער, איז נישט געווען, האָט אַ פּאַל געטהאָן אויף דער שמוציגער פּאָדלאָגע, אַ קלאַפּ געטהאָן דעם קאָפּ אָן די שמוציגע ברעטער און אָנגעהויבען וויינען און קלאָגען מיט אַ פערשטיקטען אָטעם.

—איך בין נישט שולדיג! נישט שולדיג! נישט שולדיג! איך האָב נישט אונטערגעצונדען און מיינע הענד האָבען נישט געהאַלטען די כלי מיט אָלים... ער, יאָכעל... האָט עס אַלץ געטהאָן... איך בין בלויז געשטאַנען אין פעלד און געהיט... אָבער אַז איך האָב דערזעהן דאָס פייער... או-וואַ! האָב איך פערשטאַנען, אין וואָס פאַר אַ שטיקעלע אַרבייט איך ווער דאָ פערמישט...

—שטילער!—האָט זיך דערהערט אַנ׳אַנדער קול, וואָס האָט געקלונגען זעהר אומעטיג,—שמואל, שווייג. איך וועל פערמאַכען די פענסטער...

שמואל האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ און צוריק איהם אַראָבגעלאָזט.

—גוטער מאיר!—האָט ער געקלאָגט.—מיינע טעכטער זענען שוין אַלט געוואָרען זעכצעהן יאָהר, מען בעדאַרף זיי דאָך חתונה-מאַכען... איך בין אָבער אָרים... אָהן אַ פּרוטה...

—שטעה-אויף און בערוהיג דיך!—האָט מאיר געזאָגט.

שמואל האָט נישט געהערט. זיין פּנים האָט זיך געצאַפּעלט אויף דער שמוציגער פּאָדלאָגע און ער האָט אַלץ געקלאָגט.

—מאיר, ראַטעווע מיך! דו זעהסט, איך האָב אומגעבראַכט מיין גוף און מיין נשמה!

—ניש׳קשה, דער אויבערשטער וועט דיר מוחל-זיין, אויב דו וועסט נאָר נישט נעהמען יענס געלד, מיט וועלכען מען האָט דיר געוואָלט אַראָבפיהרען פון עהרליכען וועג...

דאָסמאָל האָט שוין שמואל אויפגעהויבען זיין קאָפּ פון דער שמוציגער פּאָדלאָגע. אויף זיין אויסגעצעהרטען, טויט-בלאַ-

סען, נערוועאישען פנים איז געלעגען אַנ׳אויסדרוק פון אונענד־ליכע אימה׳דיגען דלות.

ער האָט אַ קוק געטהאָן אויף מאיר׳ן מיט פיינליכע בלי־קען און אַרויסגעזיפצט:

—גוטער מענש! ווי אַזוי וועל איך אָבער לעבען אָהן דאָס געלד?..

אין אַ האַלבע שעה אַרום איז מאיר אַרויס פון הייזעל, וואו שמואל האָט פערצווייפעלט געקלאָגט און זיך בעשולדיגט. די פלאַמען פון דער שרפה האָבען בעלויכטען אַ טונקעלען ווינ־קעל אין הייזעל, וואו עס האָבען זיך ווייס געפלעקט צוויי צי־גען: איינע איז געלעגען, די צווייטע איז געשטאַנען. צווישען די ציגען, אויף אַ ביסעל שטרוי, איז לייבעלע געשלאָפען, מיט די הענד פערלעגט אין די אַרבעל און דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויף אַ ברעט. דער טומעל, די געשרייען, די פלאַמען, וואָס האָ־בען אָבגעשלאָגען אויפ׳ן האָריזאָנט און דעם טאַטענס יאָמערן— דאָס אַלץ האָבען אויף אַ מינוט נישט איבערגעריסען דעם שטי־לען שלאָף פונ׳ם קינד, וואָס איז געלעגען צווישען די ציגען. דאָס איז געווען אַ קינד פון נויט, חושך און פערברעך

* * *

אויף מאָרגען איז געווען אַ גרויסע בהלה אין שטעדטעל. דער עולם האָט געהאַלטען אין איין שמועסען וועגען דער שרפה, וואָס האָט געמאַכט אַ תל פונ׳ם קאַמענקער גוט מיט די אַלטע בנינים און שייערן מיט תבואות. די אַלטע קראַנקע פּריצ׳טע האָט מען אַוועקגעפיהרט צו בעקאַנטע.

יודען זענען געשטאַנען אויפ׳ן מאַרק, ביי די שוועלען

פון די הייגער, אין די געסלעך און נאָכאַנאַנד געשמועסט פון דער שרפה. ווען עמיץ וואָלט פון דער זייט צוגעלעגט אַנ׳אויער צו דידאָזיגע שמועסען, וואָלט ער אין עטליכע ערטער געהערט אַ קלאָר-פאָרמולירטע פראַגע:

—און וואָס וועט זיין מיט איהם?

דידאָזיגע פראַגע האָט זיך בעצויגען נישט צום פריץ, נאָר צו ר׳ יאַנקלען. דעם פריץ האָט מען געזשאַלעוועט און אויף ר׳ יאַיקלען האָט מען שטאַרק געמורמעלט. אָבער דעם פריץ האָט מען על-פי-רוב נישט געקאָנט און ר׳ יאַנקעל איז פון זיינע קינדעריאָהרען-אָן געווען אויסגעבונדען מיט׳ן שטעדטעל און מען האָט איהם שטענדיג פערגעטערט פאַר זיין עשירות און פרומ-קייט. און מיט שרעק, אַז קיינער זאָל נישט הערען, האָט מען איינאַנדער געפרעגט:

—איז געפאַלען אויף איהם אַ חשד?..

אויף דערדאָזיגער פראַגע האָט מען געוועהנליך געענט-פערט:

—קיין שום חשד וואָלט נישט געווען, ווען מאיר וואָלט נישט אויסגעפויקט פאַר׳ן פריץ עטליכע ווערטער..

—אָבער ווי אַזוי פער׳מסר׳ט מען עס אַ יודען?

—אַנ׳אייגענער ברודער...

—אַנ׳עולה... אַ גרויסע...

—אַנ׳עזות-פנים, ער האָט זיך דערוועגט אויפצוהויבען אַ האַנד אויף ר׳ משה׳ן...

—ער דרעהט זיך אַרום מיט דער קאַראַאימער מיי-דעל...

און מאַנכע פון דעמדאָזיגען הייפעלע מענשען האָבען גע-וואָרפען בייזע בליקען אויף ר׳ שאול׳ס הויז.

זעהר שטיל איז היינט געווען אין שאול׳ס הויז. אַפילו די פענסטער, וואָס זענען אַרויסגעקומען צום מאַרק, זענען נישט געווען אָפען, הגם פריהלינג און זומער זענען זיי שטענדיג אָפען געווען און יעדער פאַרבייגעהער, אויב ער האָט נאָר געוואָלט,

האָט געקאָנט לייכֿט אָבסערווירען דאָס לעבען פון דעמדאָזיגען הויז.

אָבער קיינער פון די שטוביגע האָט היינט נישט געטראַכֿט פון עפענען אַ פענסטער און צוקלויבען אַ צימער. די ווייבער האָבען שפּאַצירט פון ווינקעל צו ווינקעל מיט צוקנייטשטע הויבען, ווייל זיי האָבען זיך עפּטער אָנגעכֿאַפּט פאַר׳ן קאָפּ. שרה האָט געהאַט פערוויינטע אויגען. און דאָס איז נישט קיין וואונדער: בער, איהר מאַן, איז אַ גאַנצען פריהמאָרגען אַרומגעגאַנגען מ׳ט צוויי טיפע קנייטשען אויפ׳ן שטערען, און פון דידאָזיגע קנייטשען האָט זי פערשטאַנען, אַז דער מאַן איהרער ליידט. קיין איין וואָרט האָט ער איהר נישט געזאָגט, און איצט איז ער געזעסען אין גאַסטצימער מיט אַנ׳אַראָבגעלאָזטען קאָפּ אויף די הענד און געקוקט מיט אַנ׳אומבעוועגליכֿען גלעזערנעם בליק אויף אַברהמ׳ן און רפאל׳ן.

רפעל האָט אַפילו אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ אינ׳ם רעכֿענבוך, אָבער מען האָט געקאָנט זעהן, אַז ער רעכֿענט נישט און טראַכֿט בעת-מעשה פון אַנדערע זאַכֿען. דער אַלטער שאול איז געזעסען אויפ׳ן געלבען דיוואַן און געהאַלטען די אויגען אין אַ ספר. אָבער ער האָט אויך נישט געלייענט, נאָר טיף און שווער זיך געפּייניגט.

ביים פענסטער, אויפ׳ן הויכֿען שטוהל, איז ווי אַלעמאָל געזעסען די באָבע פריידע. נאָר זי אַליין האָט זיך היינט נישט פערענדערט. אויף איהרע ליפּען איז געלעגען עפּיס אַ שלעפּעריגער שמייכֿעל. זי האָט צוגעמאַכֿט די אויגען און פון דאָסניי זיי געעפענט, דאָ געשלאָפען און דאָ זיך אויפגעכֿאַפּט.

נאָך האַלבען טאָג האָבען די ווייבער בעדעקט דעם טיש מיט אַ ווייסער סערוועט און מען האָט געבראַכֿט גאָפּעל, טעלער, לעפעל.

אין צימער איז אַריין מאיר. שטיל און לאַנגזאַם האָט ער זיך בעוועגט, געבליבען שטעהן ביי דער וואַנד און אַדורכֿגעפיהרט איבער אַלעמען מיט די אויגען. דאָס איז געווען אַנ׳אונרוהיגער בליק, פול מיט טיפען צער.

אַלע האָבען אויפגעהויבען אויף איהם די אויגען און צו-ריק זיי אַראָבגעלאָזט, אָבער די בליקען האָבען שטאַרק גע-שמאָכען דעם יונגענמאַן. אָבער אַז די עלטערבאָבע האָט אויפ-געהויבען אויף איהם די אויגען, האָט זי גענומען שמייכלען און שעפטשען:

—קינד-לעבען!

מאיר האָט זי אָנגעקוקט מיט ברענענדיגע אויגען, פונקט ווי עפּיס אַ געדאַנק וואָלט איהם פּלוצלונג בעפאַלען.

אין דער אייגענער רגע האָט זיך דערהערט עפּיס אַ קלאַפּ אין צימער. עמיץ פון די יודען, וואָס זענען אַרומגע-גאַנגען איבער׳ן מאַרק, האָבען אַריינגעוואָרפען אַ גרויסען שטיין אין פענסטער. די צובראָכענע שטיקלעך גלאָז פון די שויבען זענען אַריבערגעפלויגען איבער פריידעס קאָפּ און זענען אַני-דערגעפאַלען אינמיטען צימער.

דער אַלטער שאול איז רויט געוואָרען. די ווייבער, וואָס האָבען געגרייט צום טיש, האָבען אויסגעשריען פון שרעק. רפאל, בער און אברהם זענען אויפגעשפּרונגען פון זייערע ער-טער, פונקט ווי עפּיס אַ פּרוזשינע וואָלט זיי אָבגעשליידערט פון זיך. אַלע האָבען געקוקט אויף די אויסגעבראָכענע שויבען און באַלד דערויף אויף דער עלטערבאָבען, וואָס האָט זיך אויס-געגלייכט, אַ קוק געטהאָן אויפ׳ן שטיין, וואָס איז געלעגען אויף דער פּאָדלאָגע און האָט מיט אַ טעמפּען, אָבער גאַנץ דייטליכען קול אַרויסגעשעפּטשעט:

—אויף וועמען האָבען זיי שוין ווידער געוואָרפען אַ שטיין?

און די אויגען האָבען איהר גענומען ברענען.

—אויף מיר, באָבע,—האָט זיך מאיר, שטעהענדיג ביי דער וואַנד, אָנגערופען מיט אַ טרויעריגען קול.

מאיר איז אַדורכגעגאַנגען דאָס צימער און געבליבען שטעהן פאַר דער באָבען. ער האָט אָנגענומען איהרע קליינטשקע אַלטע הענד און אָנגעקוקט זי מיט צאַרטע בליקען.

ר׳ שאול האָט זיך אויפגעהויבען פון דיוואַן.

—רפאל!—האָט ער געזאָגט.—גיב מיר דעם מאַנטעל און דעם הוט.

—וואוהין געהסטו, טאַטע?—האָבעןביידע זיהן גלייכצייטיג אַ פרעג געטהאָן.

ביים אַלטען האָט געברענט דאָס געזיכט און ער האָט זיך אָנגערופען מיט אַ ציטריגען קול:

—איך וועל געהן אַרונטערבויגען מיין אַלטען קאָפּ פאַר טודרוס׳ן... זאָל ער נישט משפט׳ען דעם עזות-פּנים, כל-זמן דער כּעס פון פאָלק איז נישט געשטילט געוואָרען...

אין עטליכע מינוט אַרום איז דער פּאַטריאַרך פון דער משפחה, איינגעהילט אין אַ לאַנגען שוואַרצען מאַנטעל, מיט אַ הויכען הוט אויפ׳ן קאָפּ, אַדורכגעגאַנגען דעם מאַרק. די הייפעלעך מענשען, וואָס זענען געשטאַנען אין מאַרק, האָבען איהם געמאַכט אַ וועג און זיך טיף פערנויגט פאַר איהם. אָבער עמיץ פון זיי האָט הויך בעמערקט:

—אַ רחמנות אויף ר׳ שאול׳ן. ס׳אַראַ איניקעל ער האָט...

ר׳ שאול האָט גאָרנישט געענטפערט דערויף. זיינע דינע ליפּען האָבען זיך נאָכמעהר איינגעפּרעסט.

אַ גוטע שעה איז אַוועק, ביז ר׳ שאול האָט זיך אומגעקעהרט אַהיים. אַלע זענען בעת-מעשה געזעסען אין גאַסטצימער. מאיר איז אויך דאָרט געזעסען נעבען דער באָבען און איהר קליין טרוקען הענדטעל האָט פעסט געהאַלטען די פּאָלע פון זיין קאַפּאָטע.

שרה האָט אַראָבגעצויגען דעם מאַנטעל פון דעם פאָטערס אַקסלען.

—נו, וואָס הערט זיך, טאַטע?—האָט רפאל אַ פרעג געטהאָן.

ר׳ שאול האָט שווער געאָטעמט און מיט טריבע אויגען געקוקט אויף דער ערד.

—וואָס הערט זיך?—האָט ער אַ זאָג געטהאָן נאָך אַ קורצען שוויגען.—מיין האַרץ איז פול מיט צאָרן און בושה... ר׳ משה און ר׳ יאַנקעל און אַלע יודען בעטען דעם רב, ער זאָל

משפט'ען מאיר'ן... אויף מיין בקשה וועט ער אָבלעגען דעם משפט ביז מאָרגען און ער האָט געזאָגט, אַז אויב מאיר וועט תשובה-טהאָן פאַר איהם, פאַר אַלע יודען און וועט ביי אַלע-מען בעטען מחילה פאַר זיינע מאוס'ע מעשים... וועט דער פסק-דין זיין אַ לייכטערער...

אַלע האָבען איצט אַ קוק געטהאָן אויף מאיר'ן.

--נו, מאיר, וואָס זאָגסטו דערויף?—האָבען איהם אַלע אין איין קול געפרעגט.

מאיר האָט אַ ווײלע געשוויגען.

—גיט מיר נאָר אַ ביסעל צייט, נו, ביז מאָרגען, וועל איך עפּיס צוטראַכטען...

—וואָס ווילסטו צוטראַכטען?—האָט מען געשריען צו איהם.

—ביז מאָרגען מעג איך נישט ענטפערן!..—האָט זיך מאיר געוועהרט.

אַלע זענען אַנטשוויגען געוואָרען און געשאָקעלט מיט די קעפּ. דאָס האָט געהייסען, אַז אַלע זענען, שווייגענדיג, מסכים.

אַלע זענען געווען שרעקליך בייז אויף מאיר'ן, אָבער גלייכצייטיג האָט זיך אָנגעצונדען אין זיי דאָס געפיהל פון גאוה. אַלע זענען געווען בייז אויף מאיר'ן, מען האָט זיך געשראָקען פאַר איהם און פאַר דער מנוחה פונ'ם גאַנצען הויז, אָבער צוזאַמען מיט דעם האָט זיי שטאַרק געפיינִיגט דאָס בעוואוסט-זיין, אַז איינער פון זייער משפחה בעדאַרף עפענטליך תשובה-טהאָן פאַר'ן פאָלק, פאַר אַלע יודען.

—ווער ווייס?—האָט רפאל אַ זאָג געטהאָן צו זיין ברו-דער.—אפשר וועט ער באמת עפּיס צוטראַכטען...

—אפשר וועט איהם קומען די מוטער צו חלום און וועט איהם זאָגען, וואָס מען בעדאַרף טהאָן?—האָט שרה שטיל אָב-געזיפצט.

דער פערשפּעטיגטער מיטאָג איז אַראָב שווייגענדיג. די פרויען האָבען נאָכאַנאַנד געזיפצט און די קינדער האָבען גע-

יוינט, ווייל מען האָט זיי נישט געלאָזט לאַכען.

איצט איז עפּיס פריידע אונרוהיג געווען און דער עולם האָט געקוקט אויף איהר און זיך גע׳חדוש׳ט. אמת, זי האָט גאָרנישט גערעדט, דערפאַר אָבער האָט זי נישט געשלאָפען, ווי אַלעמאָל, ביים מיטאָג. די גאַנצע צייט האָט זי זיך בעוועגט אויפ׳ן שטוהל, דאָ געקוקט אויף מאיר׳ן, דאָ אויף די צובראָ-כענע שויבען און דאָ אויף דעם אָרט, וואו עס איז געפאַלען דער שטיין.

—וואָס איז מיט איהר?—האָט מען שטילערהייד געפרעגט איינאַנדער.

—זי שטרענגט זיך אָן, זי דערמאָהנט זיך עפּיס.

—זי שרעקט זיך עפּיס.

—זי וויל עפּיס זאָגען, אָבער זי קאָן נישט.

אַז אַלע האָבען זיך אויפגעהויבען פון טיש, האָבען צוויי אוראייניקלעך געוואָלט זי אַוועקפיהרען אין איהר צימער און דאָרט אַוועקלעגען זי אין בעט, אָבער זי האָט נישט געוואָלט געהן און אָנגעוויזען אויפ׳ן שטוהל, וואו זי איז געזעסען.

אין עטליכע מינוט אַרום איז מען ביסלעכווייז אַרויס פון גאַסטצימער. רפאל מיט בער׳ן זענען אַוועקגעפאָהרען אין אַ דערבייאיגען גוט וועגען זייערע געשעפטען. אַברהם האָט זיך פערשפּאַרט ביי זיך אין צימער, צו מאַכען די קאַסע אָדער אַריינקוקען אין אַ ספר. ר׳ שאול האָט אָנגעזאָגט די טעכטער, אַז עס זאָל זיין שטיל אין שטוב און, אָבזיפצענדיג שווער, זיך אַריינגעלעגט אין בעט. די ווייבער האָבען אויסגעלאָשען דאָס פייער אין קיך, צוגעשפּאַרט די טירען פון גאַסטצימער און אַרויס אויפ׳ן הויף, וואו זיי האָבען אַכטונג געגעבען אויף די שפּי-לענדיגע קינדער און שטיל געשמועסט צווישען אַנאַנדער.

די עלטערבאָבע איז פערבליבען אין גאַסטצימער—און אַ וואונדערליכע זאַך!—זי האָט נישט געדרעמעלט און נישט גע-שלאָפען, כאָטש אין צימער איז געווען טויט-שטיל. זיצענדיג אין איהר טיפען פאָטעל, האָט זי אַלץ געקוקט אויף די צובראָ-כענע שויבען און בעוועגט מיט די ליפען, פונקט ווי זי וואָלט

געשמועסט מיט זיך גופא. צייטענווייז האָט זי געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ און דעמאָלט האָט דער הויב מיט די ברילִיאַנטען בעשאָטען איהר שטערען מיט סנאָפּעס שטראַהלען און די אויערינגלעך האָבען געקלונגען, אָבשלאָגענדיג זיך אין דער גאָלדענער קייט.

זי האָט אלץ בעוועגט מיט די ליפּען און, צולעצט, גענומען בעוועגען מיט די הענד. מען האָט געקאָנט מיינען, אַז זי פיהרט מיט עמיצען, אַ נישט-זעהעוודיגען, עפּיס אַ שווערען שמועס. פּלוצלונג האָט זי אַ שאָקעל געטהאָן מיט׳ן קאָפּ און אָנגעהויבען ריידען:

—דעמאָלט, ווען מיין הערש האָט געפונען די צואה פון מיכל סעניאָר, איז דאָס אייגענע געווען... שלעכטע מענשען האָבען געוואָרפען שטיינער אויף איהם...

זי איז אַנטשוויגען געוואָרען און גרויסע טרעהרען האָבען אָנגעפילט איהרע אַלטע אויגען.

מאיר, וואָס איז געזעסען געגענאיבער, האָט זיך שנעל אויפגעהויבען, צוגעגאַנגען צו דער באָבען, זיך אַנידערגעזעצט אויפ׳ן קליינעם בענקעלע, אויף וועלכען די באָבע האָט געהאַלטען איהרע פיס, און, אַוועקלעגענדיג די הענד אויף איהרע קניה, האָט ער געפרעגט:

—באָבע, וואו איז דעם סעניאָרס צואה?

ביי דעם קלאַנג פון דעמדאָזיגען קול, וואָס האָט, ווי מאיר׳ס פנים, דערמאָהנט איהר אין יענעם מענשען און אין יענעם גליק פון איהר יוגענד, האָט פריידע אַ שמייכעל געטהאָן. די אויגען זענען איהר געווען אָנגעפילט מיט טרעהרען און זי האָט גענומען שעפּטשען:

—בשעת ער האָט זיך דאָס ערשטע מאָל צוקריגט מיט ר׳ נחומ׳ן און די אַלע יודען, איז ער געקומען אַהיים זעהר פֿאַנ׳אומעטיגער, זיך אַנידערגעזעצט אויפ׳ן שטוהל און געוואָלט עפּיס זאָגען זיין ווייב, זיין פריידע׳ן. יונג און שען איז דעמאָלט פריידע געווען. אויפ׳ן קאָפּ האָט זי געהאַט אַ שניי-ווייסע הויב און אין קיך איז זי געשטאַנען און אַכטונג געגעבען

אויף די דינסטען און אויף די קינדער. אָבער אַז זי האָט דער־הערט איהר מאַנס קול, איז זי באַלד אַריין צו איהם אין צי־מער און געוואַרט, וואָס ער וועט איהר זאָגען. און הערש האָט געפרעגט: „פריידע, וואו איז דעם סעניאָרס צואה?..“

די אַלטע איז אַנטשוויגען געוואָרען, אָבער מאיר, וואָס איז געזעסען ביי איהרע קניה, האָט געפרעגט:

—באָבע, וואו איז דעם סענ אָרס צואה?..

איצט האָט די אַלטע ווידעראַמאָל געשעפטשעט:

—הערש האָט געפרעגט: „וואו איז דעם סעניאָרס צואה? אפשר האָט זי דער סעניאָר פערגראָבען אין דער ערד?.. ניין, אין דער ערד האָט ער זי נישט געקאָנט פערגראָבען, ווייל דאָרט וואָלטען זי ווערם צופרעסען... האָט ער זי אפשר בע־האַלטען אין דער וואַנד פון שטוב? ניין, ער האָט געוואוסט, אַז דידאָזיגע וועגד קאָנען פערברענט ווערען אין אַ שרפה... וואו אָבער האָט ער זי פאָרט געקאָנט בעהאַלטען?“ אַזוי האָט הערש געפרעגט און זיין ווייב פריידע האָט לאַנג געטראַכט איבער זיינע ווערטער. נאָכדעם האָט זי אָנגעוויזען אויף דער שאַנק, וואו עס זענען געלעגען דעם סעניאָרס ביכער, און האָט געזאָגט:

—הערש, מיין הערש! די צואה... ליגט דאָרט... און אַז פריידע האָט אַזוי געזאָגט, האָט זיך הערש זעהר דערפרעהט און זיינע לעפצען האָבען געזאָגט: „פריידע, דו האָסט אַ קלוגען קאָפּ, און דיין נשמה איז אַזוי שעהן, ווי דיינע אויגען...“

ביי די לעצטע ווערטער זענען איהר די אונבעוועגליכע טרעהרען אַראָבגעפאַלען פון די אויגען אויף די איינגעשרופּענע באַקען און ליפּען, וואָס האָבען נאָך אַלץ געשמייכעלט מיט אַ שלעפעריגער ערינערונג פון דער יוגענד און גליק, און זי האָט נאָך אַלץ געשעפטשעט:

—און ער האָט געזאָגט: אַ גוטע און אַ קלוגע ווייב איז טייערער פון גאָלד און פערל, ווייל ביי אַזאַ ווייב איז דעם מאַנס האַרץ תמיד רוהיג.

אָבער מאיר האָט ווידעראַמאָל געפרעגט:

—באָבע! וואָס האָט דער זיידע הערש געטהאָן מיט דער-דאָזיגע צואה?

די אַלטע האָט נישט געענטפערט, נאָר בעוועגט מיט די ליפּען, פּונקט ווי זי וואָלט גערעדט מיט אַנ׳אונזעהעוודיגען מענ-שען. נאָכדעם האָט זי ווידעראַמאָל געזאָגט:

—הערש איז איינמאָל געקומען פון זעהר אַ ווייטער נסיעה און אַ טרויעריגער האָט ער זיך אַנידערגעזעצט אויפ׳ן שטוהל און זיך אָנגערופען צו פריידע׳ן: „פריידע, עס איז נאָך אַלע-מען! דעם סעניאָרס צואה בעדאַרף מען בעהאַלטען, ווייל איצט נוצט זי שוין נישט.״ האָט פריידע געפרעגט: הערש, וואו ווע-סטו אָבער פערבעהאַלטען די צואה? און הערש האָט געזאָגט: „איך וועל זי בעהאַלטען דאָרט, וואו זי איז פריהער געלעגען און נאָר דו אַליין וועסט וויסען, וואו זי ליגט...״

מאיר׳ס אויגען האָבען זיך אָנגעצונדען.

—באָבע! ליגט דאָרט די צואה?

און ער האָט אָנגעוויזען אויפ׳ן שאַנק מיט די אַלטע פאַ-מיליען-ספרים. אָבער פריידע האָט גאָרנישט געענטפערט און האָט ווייטער געשעפּטשעט:

—און הערש האָט געזאָגט: „פריידע, נאָר דו אַליין וועסט וויסען, וואו זי ליגט, די צואה, און אַז עס וועט קומען די צייט און דיין נשמה וועט זיך וועלען שיידען מיט׳ן זינדיגען גוף, זאָלסטו איבערגעבען דעם סוד איינעם פון דיינע זיהן אָדער אייניקלעך, וואָס וועט זיין מעהר עהנליך צו דיין מאַן הערש... אָבער ווער פון פריידעס זיהן און אייניקלעך איז דאָ מעהר עהנליך צו פריידעס מאַן, צו הערש׳ן? מאיר איז דאָס, מאיר, בנימינ׳ס זוהן... ער איז עהנליך צו איהם, ווי צוויי טראָ-פּען וואַסער... דאָס איז מיין קינדלעבען, דאָס איז מיין ליב-לינג... און פריידע וועט איהם אַליין זאָגען, וואו די צואה ליגט...

איצט האָט מאיר בעדעקט דער עלטערבאָבעס הענד מיט הייסע קושען.

—באָבע!—האָט ער געשעפּטשעט און אָנגעוויזען אויף ערד

שאַנק מיט די ספרים,—דאָרטען ליגט די צואה?
אָבער די אַלטע האָט אויך איצט נישט געענטפערט גלייך, נאָר ווייטער געשעפטשעט:
—און הערש האָט געזאָגט צו פריידע׳ן: „און אויב די עלטערע און דערוואַקסענע וועלען אָנהויבען וואַרפען שטיינער אויף דיין געליבּטען זוהן אָדער אייניקעל, זאָלסטו, פריידע, איהם באַלד אויסגעבען דעם סוד פון דער צואה... זאָל ער נעהמען דידאָזיגע צואה און אַרויפלעגען זי אויפ׳ן האַרצען און פערלאָזען האָב-און-גוטס און אַוועק אין דער גרויסער וועלט אַריין... ווארום דידאָזיגע צואה איז טייערער פון גאָלד און בריליאַנטען, ווייל זי וועט גליקליך מאַכען אַלע יודען...
אַז די אַלטע איז אַנטשוויגען געוואָרען, האָט זיך מאיר אָנגערופען:
—באָבע! די עלטערע פון אונזער משפחה האָבען אויפגעהויבען אויף מיר די האַנד... דאָס פאָלק האָט זיך אָבגעקעהרט פון מיר... איך בין עס דיין געליבּטער אייניקעל, וואָס וועגען איהם האָט עס גערעדט דיין הערש... טאָ זאָג מיר, וואו ליגט זי, די צואה?..
פריידעס פנים האָט גענומען שיינען. זי האָט פרעהליך אַ שאָקעל געטהאָן מיט׳ן קאָפּ און אַרויסגעשפּטשעט:
—פריידע האָט שטענדיג גוט אָבגעהיט איהר מאַנס אוצר... ווי אַנ׳אויג אין קאָפּ האָט זי איהם אָבגעהיט... און אַז זי איז געוואָרען אַנ׳אַלמנה, איז געקומען ר׳ נחום טודרוס און געוואָלט פערברענען דעם אַלטען שאַנק מיט די ספרים... אָבער אין דער אייגענער צייט האָט פריידע פערשטעלט די שאַנק מיט איהר גוף און האָט געזאָגט: דאָס איז מיין הויז און אַלץ, וואָס דאָרט געפינט זיך, איז מיינס... און אַז פריידע האָט זיך אַוועקגעשטעלט ביים שאַנק, האָבען זיך נעבען פריידע׳ן אַוועקגעשטעלט איהרע זיהן און איהרע זיהנס זיהן, און זיי האָבען געזאָגט: דאָס איז אונזער מוטער און מיר וועלען נישט דערלאָזען, מען זאָל זי בעליידיגען... האָט זיך ר׳ נחום געבייזערט און איז אַוועק... און ר׳ יצחק איז קיינמאָל נישט געקומען. ער האָט

געוואוסט, אַז כל-זמן פריידע לעבט. וועט מען דעם אַלטען שאַנק נישט ריהרען... פריידע האָט, ווי אַנ׳אויג אין קאָפּ אָבּ-געהיט איהר מאַנס אוצר, און אָט ליגט ער איצט דאָרט... פון יענער צייט-אָן... און שלאָפט זיך...

און מיט דידאָזיגע ווערטער האָט די זקנה אויסגעצויגען איהר איינגעשרומפּענעם פינגער צו דעם שאַנק און אַ ריין גע-לעכטער פון עפּיס אַנ׳אינערליכע שמחה, כמעט אַ קינדיש גע-לעכטער, האָט זיך אַרויסגעריסען פון איהר אַלטען האַרץ...

מיט איין שפּרונג איז שוין מאיר געווען ביים שאַנק און מיט אַ ציטריגע האַנד האָט ער אַראָבגעריסען דעם אַלטען פער-ראָסטען שלאָס.

די טירלעך פון שאַנק האָבען זיך ברייט-פונאַנדערגעע-פענט און אַ געדיכטער שטויב האָט צוגעדעקט מאיר׳ס האָר און קליידער. אָבער מאיר האָט דערויף נישט געקוקט און האָט זיך באַלד אַרויפגעוואָרפען אויף די ספרים, פון וועלכע זיינע אבות האָבען געשעפּט זייער גאַנצע חכמה און צווישען וועלכע עס האָט זיך געפונען דער טייערער ועגווייזער, דער הייליגער שטע-רען פון זיין לעבען...

אַז די אַלטע פריידע האָט דערזעהן דעם שטויב, וואָס איז אַרויסגעפאַלען פון אָפענעם שאַנק, האָט זי אויסגעצויגען די הענד, זיך אָנגעבויגט פאָראויס און געשעפּטשעט:

—הערש! הערש! מיין הערש!

אָבער דאָס איז שוין נישט געווען איהר געוועהנליכע שעפּטשעריי, נאָר אַ הויכער געשריי פון אַ מענשען, וואָס זיין האַרץ איז אָנגעפילט מיט׳ן צער און פרייד פון זיינע זכרונות... זי האָט איצט פערגעסען איהר אוראייניקעל... איהר האָט זיך געדאַכט, אַז דערדאָזיגער שלאַנקער יונגערמאַן מיט׳ן גאָלדענעם שטויב אין די האָר איז דער שאָטען פון איהר מאַן, וואָס איז געקומען פון אַ ווייטען לאַנד...

מאיר האָט זי אָנגעקוקט מיט אַ בלאַס פּנים און מיט ברע-נענדיגע אויגען.

—באָבע,—האָט ער אַ פרעג געטהאָן מיט אַ שווערען אָטעם,—

וואו ליגט די צוואה? אויבען? אונטען? אין דעם ספר? אין דעם ספר? אין דעם? אין יענעם?

—אין דעם ספר!—האָט די אַלטע אַ געשריי געהאָן און אָנגעוויזען אויף יענעם ספר, אויף וועלכען מאיר האָט געהאַלטען די האַנד. אין אַ מינוט אַרום האָט זיך שוין דערהערט אַ שאָרך פון געלבע בויגעלעך פּאַפּיר, בעדעקט מיט דייטליכע אותיות׳לעך, אונטער דעם פּאַרמעטענעם איינבונד פון אַ בוך. מיט דעמדאָזיגען ספר אין דער האַנד איז מאיר אַנידערגעפאַלען פאַר דער באָבען און האָט איהר גענומען קושען די פיס און די הענד. ווײַלעוויז פלעגט ער זיך אָנכאַפּען פאַר׳ן קאָפּ און עפּיס אַ מאָדנער זיפץ צוזאַמען מיט אַ געלעכטער האָט זיך אַרויסגעריסען פון זיין האַרץ...

פריידע האָט אָנגעריהרט מיט דער האַנד דעם קאָפּ פון איהר אוראייניקעל און לאַנג געשמייכעלט. ביסלעכוויין אָבער איז זי אַריינגעפאַלען אין איהר פריהערדיגער שלעפעריגקייט. זי איז געווען טויט-מיד פון ריידען, פון אָנשטרענגונג און פון די זכרונות, זעהענדיג די געשטאַלט פון איהר מאַן אין דעם גלאַנץ פון איהרע טרעהרען, און איצט איז די הונזילבערנעם דערטיעהריגע פרוי ווידעראַמאָל פערזונקען געוואָרען אין דער שטילער זיסער שלעפעריגקייט, וואָס איז אַן אָנהויב פון אייביגען שלאָף.

מאיר האָט זי הייס געקושט און געגלעט, אָבער עס האָט זי שוין נישט געקאָנט אויפוועקען.

ער האָט בעהאַלטען די געלב-געוואָרענע בויגלעך פּאַפּיר ביי זיך אויף דער ברוסט און איז שנעל אַוועק צו זיך אין צימער...

אַ גאַנצען אָווענד און אַ גאַנצע נאַכט האָט אין דער-הויך, כמעט אונטער׳ן דאַך, געבלינצערט אַ פלעמעל פון אַ ליכט און מאָדנע געשטאַלטען זענען דאָ אַריין און דאָ אַרויסגעגאַנגען. פאַרטאָג זענען עטליכע יונגעלייט אַרויס דורך דער הינטער טיר אויפ׳ן הויף און זענען באַלד צוזייהט געוואָרען אין די זייטיגע געסלעך פון שטעדטעל.

און שוין אינדערפריה האָט מען עפּיס געמורמעלט אין שטעדטעל, עפּיס איז געגאַנגען פון מויל צו מויל מיט פער־שידענע אויסטייטשונגען און אַלע זענען געווען זעהר אָנגע־שטרענגט. בעלי־מלאכות האָבען געאַרבייט, סוחרים האָבען גע־האַנדעלט, אָבער איבער אַלע גאַסען און געסלעך, הויפען און הויפלעך, הייזער און הייזלעך, האָט זיך געטראָגען אַ מאָדנע ידיעה:

—היינט, נאָכ׳ן זון־אונטערגאַנג, בשעת דער אָווענד וועט צופאַלען צו דער ערד, וועט דער גרויסער עזות־פּנים מאיר, דער אייניקעל פונ׳ם רייכען ר׳ שאול׳ן, קומען אין בית־המדרש אַריין, און דאָרט וועט ער פאַר אַלע יודען און פאַר׳ן גרויסען רב אונזערן תשובה־טהאָן און זיך מודה־זיין אין זיינע גרויסע זינד און וועט מחילה־בעטען ביי די אַלע, וואָס ער האָט זיי בעליידיגט אָדער בע׳עול׳ט אָדער אויפגערעגט...

—ניין,—האָבען מאַנכע גע׳טענה׳ט,—ער וועט עס נישט טהאָן, ער וועט זיך נישט מודה־זיין אין זיינע זינד און וועט קיינעם נישט הערען...

—עס פרעגט זיך: פאַרוואָס?

—ווייל דאָס איז אַ גרויסער סוד, הגם אַלע וויסען פון דעמדאָזיגען סוד... דער יונגער מאיר האָט געפונען אַן׳אוצר...

—אַן׳אוצר?..

—וואָס איז דאָס פאַר אַן׳אוצר? ער ליגט בעהאַלטען אין דער משפחה פון די יעזעפאָוויטשעס שוין דריי־הונדערט יאָהר, פיר־הונדערט יאָהר... פינפהונדערט יאָהר... אפשר טויזענד יאָהר.., וינט די יודען זענען געקומען אין דעמדאָזיגען לאַנד... דידאָזי־גע צוואה, דער דאָזיגער אוצר האָט עמיץ פון די אבות פאַר׳ן טויט איבערגעלאָזט פאַר דעם קינפטיגען דור.

—אָבער וואָס ווערט געזאָגט אין דערדאָזיגער צוואה?

—דאָס איז קיינעם נישט בעקאַנט.

אַלע איינוואוינער פון די קליינע אָרימע געסלעך האָבען געהערט פון דערדאָזיגער צוואה. זיי האָבען עס געהערט פון די טאַטעס, זיידעס און באָבעס, אָבער יעדער האָט עס געהערט

אויף זיין שטייגער. מאַנכע האָבען געזאָגט, אַז דידאָזיגע צואה איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרען דורך עפּיס אַ גרויסען תּלמיד-חכם און הייליגען מאַן וואָס האָט אַמאָל-אַמאָל געלעבט און וואָס האָט דאָס גאַנצע לעבען געטראַכט נאָר איין זאַך—ווי אַזוי רייך צו מאַכען דעם גאַנצען כלל-ישראל. אַנדערע, ווידער, האָבען געשמועסט, אַז דער בעל-צואה, וואָס האָט געשטאַמט פון די יעזועפּאָוויטשעס, איז געווען אַ גרויסער אַפּיקורס און ער איז אונטערגעקויפט געוואָרען פון די כופרים און גאָטלאָזע לייט, צו מאַכען אַ תּל פון דער יודישער אומה און איהר אמונה.

—אין דערדאָזיגער צואה ווערט אויך אָנגעוויזען ווי אַזוי צו פערוואַנדלען זאַמד אין גאָלד און ווי אַזוי גרויסע קבצנים, אביונים קאָנען ווערען רייך, ווי קרח.

—ניין, אין דערדאָזיגער צואה ווערט גערעדט וועגען דעם, ווי אַזוי דער מענש קאָן בעפרייט ווערען פון שדים און רוחות, זיי זאָלען זיך קיינמאָל נישט צוריהרען צו איהם, און עס ווערט אויך גערעדט וועגען דעם, ווי אַזוי מען קאָן פון די אותיות פון גאָטס נאָמען צוזאַמענשטעלען אַזאַ וואָרט, וואָס אַז מען זאָל עס אַרויסזאָגען, קאָן מען מיט אַמאָל דערזעהן וואָס עס טהוט זיך אויפ'ן הימעל און טיף אין דער ערד...

—ניין, אין דערדאָזיגער צואה ווערט גערעדט וועגען דעם וואָס מען בעדאַרף טהאָן, דערלייזט צו ווערען פון שונא, מאַ-כען איהם פאַר אַ פריינד און שליסען אַ שלום מיט דער גאַנצער וועלט.

—אָבער פאַרוואָס האָט מען ביז איצט נישט געזוכט די צואה און נישט געזאָגט דעם עולם, וואָס אין איהר שטעהט גע-שריבען ?

—מען האָט מורא געהאַט... וואָרום אויב מען זאָל זיך צוריהרען צו איהר, וועלען אָנהויבען ברענען די הענד מיט אַ גרויס פייער...

—ניין, אויב מען זאָל זיך צוריהרען צו דער צואה, וועלען שלאַנגען אַרומכאַפּען דאָס האַרץ...

—ביי יענעם וועט דער שטערען שוואַרץ ווערען, ווי פינט...

—דער וועט באַלד אומגליקליך ווערען...

—מען וועט איהם מיט שטיינער פערוואַרפען...

—דער וועט בעקומען אַ רויטע מכה אויפ׳ן שטערען...

—אַמאָל, פערצייטענס... די זקנים געדענקען עס נאָך... האָט הערש, ר׳ שאול׳ס פאָטער זיך צוגעריהרט צו דער צואה...

—וואָס-זשע איז מיט איהם געשעהן?

—די אַלטע פערצעהלען, אַז באַלד ווי ער האָט זיך נאָר צוגעריהרט צו דער צואה, האָבען שלאַנגען אַרוגעכאַפּט זיין האַרץ און עס אַזוי לאַנג געשטיקט, ביז ער איז געשטאָרבען...

—און איצט האָט מאיר געפונען די צואה?..

—יאָ! ער האָט זי געפונען און וועט זיי פאָרלייענען אין בית-מדרש פאַר׳ן גאַנצען פאָלק, באַלד ווי די זון וועט אונטערגעהן און די נאַכט וועט זיך אַראָבלאָזען אויף דער ערד...

צווישען די יודען, וואָס האָבען שטיל געשמועסט צווישען איינאַנדער וועגען דער צואה, האָט זיך ר׳ משה אַרומגעבאָמבעלט און צוגעלעגט אַנ׳אויער. אויף זיינע ליפּען האָט געשפּילט אַ שמייכעלע. די גרויסע אויגען האָבען געגלאַנצט מיט אַ שאַרפען גלאַנץ. אָבער ער האָט געשוויגען. און ווען עמיץ האָט איהם עפּיס געפרעגט, האָט ער אָדער געשוויגען אָדער אַ ברום געטהאָן אין נאָז און טריב צוגעשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ.

ר׳ משה האָט געשוויגען, ווייל ער האָט נאָך ביז אַהער נישט איבערגעשמועסט מיט זיין גרויסען רבי׳ן וועגען דעם וויכטיגען ענין, וואָס האָט אויפגערודערט דאָס גאַנצע שטעדטעל. אָהן זיין רבי׳ס אינסטרוקציעס האָט ער נישט געוואָלט אַרויסזאָגען זיין דעה, זיין מיינונג אָדער עפּיס טהאָן. ער האָט גאָר געקאָנט ריידען און טהאָן דאָס, וואָס דער רבי האָט איהם געוויסען. ר׳ משה האָט אַפילו געוואוסט, אַז ער אַליין קאָן אויך גוט לערנען און איז קלאָר אין אַלע הייליגע ספרים,

אָבער וואָס פאַר אַ בעטרעף האָט זיין לערנען און זיין בקיאות קעגען דעם רב, ווען עס ליגט עס דרינגט-אריין אַזש אין הי־מעל אַריין! גאָט אַליין קוקט אַראָב פון הימעל אויפ׳ן רב און קלויבט נחת פון זיין שענעם מענשע-ווערק.

אַרום האַלבען טאָג איז ר׳ משה אַריין אינ׳ם שוואַרצען הייזעל, וואו דער רב האָט געוואוינט. אָבער שמועסען מיט׳ן רב, וואָס איהם האָט זיך זעהר געוואָלט, האָט ער גראָדע נישט געקאָנט. ר׳ יצחק טודרוס האָט געשמועסט מיט עפּיס אַ זקן, וואָס דער שטויב פון זיינע מלבושים האָט פערצעהלט, אַז דער־דאָזיגער יוד איז געקומען פון אַ ווייטען קאַנט.

אָנגעלעהנט אויף אַ גרויסען שטעקען, האָט דער יוד מיט שמחה געקוקט אויפ׳ן רב, אָבער זיין פּנים האָט גלייכצייטיג אויסגעדריקט געהאָרזאַמקייט און הכנעה.

דערדאָזיגער יוד האָט זיך אָנגערופען צום רב:

—איצט וואָלט איך געוואָלט אַוועקפאָהרען קיין ירושלים, דאָרטען שטאַרבען און בעגראָבען ווערען אין דער הייליגער ערד פון אונזערע אבות. אָבער איך בין אָרים און האָב נישט קיין הוצאות-הדרך. שענק מיר, רבי, אַ ביסעלע ארץ-ישראל־ערד, איך וויים, אַז דו האָסט עס, וועט מיר זיין לייכטער צו ליגען אין קבר...

דער רב האָט ארויסגענומען אַ ביסעלע ערד פון אַ זעקעל, אַריינגעשאָטען עס צערטליך און פאָרזיכטיג אין אַ פּאַפּירל און דערלאַנגט דעם אַלטען.

דער אַלטער האָט צוגענומען דידאָזיגע מתנה מיט ציטער־דיגע הענד פון פרייד. נאָכדעם האָט ער מיט גרויס יראה אַ קוש געטהאָן דעם רב און בעהאַלטען די מתנה ביי זיך אויפ׳ן האַרץ.

—רבי!—האָט ער געזאָגט,—איך קאָן דיר נישט בעצאָה־ל ... איך האָב נישט קיין געלד...

אָבער דער רב האָט איהם תיכף בעמערקט:

—דו ביזט, אַפּנים, געקומען פון אַ ווייטען ישוב, וויבאַלד דו ווילסט מיר בעצאָהלען... דו טראַכסט פון געלד... איך נעהם

בכלל נישט קיין געלד... ביי קיינעם... איך ווייס, אַז איך טהו עפּיס פאַר מיינע אָרימע ברידער און דערפאַר בעט איך ביי דעם אויבערשטען איין זאַך: ער זאָל צוגעבען נאָך אַ טראָפּעלע חכמה צו דער, וואָס איך פערמעג און וואָס מיט איהר קאָן זיך קיינמאָל נישט אָנזעטיגען מיין האַרץ...

דער יוד מיט דעם גרויסען שטעקען איז געשטאַנען נישט זיכער פאַר דעם מאַן, וואָס איז אַזאַ גרויסער תלמיד-חכם און לעכצט אַלץ נאָך נייע חכמה.

—רבי!—האָט ער אַרויסגעשטאַמעלט מיט גרויס יראה,—איך וויל אַ קוש טהאָן דיין לייטזעליגע האַנד!..

—קוש...—האָט דער רב ווייך געזאָגט.

און בשעת דער זקן האָט זיך אָנגעבויגט צו איהם, האָט ער גענומען אין די הענד אַריין זיין שניי-ווייסען קאָפּ און אַ קוש געטהאָן איהם אין דער איינגעשרומפּענער הויט פון זיין שטערען.

—רבי!—האָט דער אַלטער ווידעראַמאָל געזאָגט מיט אַ גליקליכען קול,—דו ביזט זעהר אַ גוטער... דו ביזט אונז אַ טאַטע און אַ רבי און אַ ברודער...

—און דו,—האָט ר' יצחק טודרוס געזאָגט,—זאָלסט זיין געבענשט דערפאַר, וואָס דיין גלויבען איז שטאַרק אַפילו אין די עלטערע יאָהרען און וואָס דיין ליבע איז גרויס צו דעם לאַנד פון אונזערע אבות און וואָס אַ ביסעלע ערד פון יענעם לאַנד איז ביי דיר טייערער פון גאָלד און זילבער...

ביי ביידען האָבען זיך בעוויזען טרעהרען אויף די אויגען און עס איז געוועזען קענטיג, אַז די צוויי יודען, וואָס האָבען איינאַנדער געזעהן דאָס ערשטע מאָל אין לעבען, זענען דורכגעדרונגען געוואָרען מיט אַ ריהרענדיגען, ברידערליכען און וואונדערליך-צאַרטען ליבע-געפיהל צו איינאַנדער.

ר' משה, וואָס האָט זיך דערווייל אַנידערגעזעצט אויף דער ערד, ביים אויוען, האָט געקוקט אויף דערדאָזיגער סצענע מיט טרעהרען אויף די אויגען, און אַז ר' יצחק טודרוס איז געבליבען אַליין, האָט ער זיך אָנגערופען מיט אַ שטילען קול:

—רבי!

—וואָס?—האָט געפרעגט דער רב, וואָס איז געשטאַנען שטאַרק פערטיפט אין זיינע מחשבות.

—מיר האָבען נייעס אין שטאָדט...

—וואָסערע נייעס?

—מאיר יעזעפאָוויטש האָט געפונען די צואה פונ'ם סעניאָר און היינט וועט ער זי פערלייענען פאַר'ן פאָלק.

ר' יצחק טודרוס האָט זיך באַלד אַרויסגעשלאָגען פון זיינע מחשבות. ער האָט אויסגעצויגען דעם האַלז צום מלמד און געפרעגט:

—ווער האָט עס דיר דערצעהלט?

—נו, אַלע ריידען דערפון. מאיר'ס חברים לויפען-אַרום איבער דער שטאָדט און פערשפרייטען דידאָזיגע ידיעה אין פאָלק...

דער רב האָט געשוויגען. זיינע אויגען האָבען שאַרף געגלאַנצט. ער האָט, קענטיג, בעטראַכט די לאַגע.

—רבי!—האָט ער אויסגעשריען,—דו ביזט דער גרעסטער חכם פון די אַלע חכמים, וואָס האָבען געלעבט און וועלען נאָך לעבען אויף דער ערד!.. שוין-זשע איז דיר נישט איינגעפאַלען, אַז דידאָזיגע צואה קאָן אויסוואָרצלען די אמונה פון האַרצען ביי טויזענדער יודען?

ר' יצחק טודרוס האָט איהם שטרענג אָנגעקוקט.

—דו קאָנסט נישט דאָס פאָלק, אויב דו קאָנסט אַזוי ריידען און טראַכטען. זאָל ער איבערלייענען דידאָזיגע צואה, זאָל די גאַנצע אומווירדיגקייט און די גאַנצע אונריינקייט אַרויסקריכען פון אונטער דער ערד, וואו זיי ליגען פערבאָרגען און דעמאָלט וועט מען זיי קאָנען פערברענען מיט'ן פייער פון צאָרן און צוטרעטען דאָס אַש מיט די שטיינער פון שנאה... זאָל ער לייענען די צואה, ער וועט חרטה-האָבען...

ביידע האָבען געשוויגען: דער רבי האָט געטראַכט, דער תלמיד האָט איהם געקוקט אין פנים אַריין, ווי מען קוקט אויף אַ זון.

—משה !..

—וואָס, רבי ?

—דידאָזיגע צואה בעדאַרף מען אַרויסרייסען פון זיינע הענד און איבערגעבען זי אין מיינע הענד.

—אָבער ווי רייסט מען זי אַרויס ?

דער רב האָט איבערגע׳חזר׳ט מיט אַ נישט-צופרידענעם קול :

—דידאָזיגע צואה בעדאַרף מען אַרויסרייסען פון זיינע הענד און איבערגעבען זי אין מיינע הענד.

—רבי ! אָבער ווי אַזוי טהוט מען עס ?

און ר׳ משה האָט נאָכאַמאָל געפרעגט :

—רבי ! ווער זאָל אַרויסרייסען די צואה פון זיינע הענד ?

דעמאָלט האָט איהם דער רב אָנגעקוקט מיט פלאַמענדיגע אויגען און איבערגע׳חזר׳ט נאָכאַמאָל :

—דידאָזיגע צואה בעדאַרף מען אַרויסרייסען פון זיינע הענד און איבערגעבען זי אין מיינע הענד...

ר׳ משה האָט אָנגעבויגען דעם קאָפּ.

—רבי !—האָט ער אַרויסגעשעפטשעט.—איך האָב שוין פערשטאַנען דיין רצון... זיי רוהיג ! אַז ער וועט זי איבערלייענען פאַר׳ן פאָלק, וועט זיך אויפהויבען איבער זיין קאָפּ אַזאַ שטורם-ווינד, אַז ער וועט איינגאַנצען צובראָכען ווערען און אַנידערפאַלען.

נאָכדעם האָבעןביידע לאַנג געשוויגען.

—משה !

—וואָס, רבי ?

—ווען און וואו וועט ער לייענען דידאָזיגע אומווירדיגקייט ?

—ער וועט עס לייענען אין בית-המדרש, בשעת די זון וועט אונטערגעהן, צווישען מנחה און מעריב...

—משה ! געה שוין צום שמש און זאָג איהם וואָס ער האָט צו טהאָן. דער שמש בעדאַרף צונויפרופען די דיינים און

קהל׳ס-לייט צווישען מנחה און מעריב. זיי בעדאַרפען קומען אין קהל׳ס-שטוב און דאָרט וועלען מיר איהם משפט׳ען

ר׳ משה האָט זיך אויפגעהויבען און אַרויס פון הייזעל און דער רב האָט עטליכע מאָל צוגעשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ, אויפגעהויבען די הענד און פאַר זיך אַרויסגעזאָגט:

—וועה צו מיר, דעם גרויסען עזות-פּנים און נישט געהאָרזאָמען! וועה צו איהם! וועה צו איהם!

און דעם רב׳ס פּנים, וואָס האָט פריהער געשיינט פון פרייד און לייטזעליגקייט, האָט איצט אויסגעדריקט האַס און גרימצאָרן...

אין דעמדאָזיגען האַרץ האָבען צוזאַמענגעלעבט האַס און גוטסקייט, מחילה און נקמה, אונבעגרענצטע ליבע און אונבעגרענצטע שנאה.

אָבער ר׳ יצחק טודרוס איז נישט שולדיג. ר׳ יצחק טודרוס וואָלט זיכער געוועזן אַ גרויסער און אַ גוטער מאַן, ווען זיין פאָלק וואָלט אַמאָל נישט געברענט, גע׳שרפ׳ט גע׳רודפ׳ט און געפּייניגט געוואָרען, ווען זיין פאָלק וואָלט נישט געלעבט אין אַ סביבה פון שנאה און בעליידיגונגען.

* *
*

די זון איז אונטערגעגאַנגען און אויף דער ערד האָט זיך אַראָבגעלאָזט דער אָוועגד. דער גרויסער שוהלהויף איז געוועזן פול און פּאַק מיט יודען, וואָס האָבען געהאַלטען אין איין שמועסען און ריידען צווישען אייגאַנדער.

אין בית-המדרש איז אויך געוועזן קאָפּ אויף קאָפּ. דאָרט האָט מען געקאָנט זעהן ווייסע קעפּ פון זקנים און גאָלדענע

האָר פון קינדערשע קעפּלעך און לאַנגע פּעך-שוואַרצע בערד און בערד, רויט, ווי פייער. און דאָס אַלץ האָט זיך בעוועגט און געקעהרט אין אַלע זייטען. דער גרויסער בית-המדרש איז געווען בעלויכטען מיט אַ קליין לעמפּעלע, וואָס איז געהאַנגען ביים טיר, און אַ חלב-ליכט אין אַ קופּערנעם לייכטער, וואָס איז געשטאַנען אויפ'ן בעלעמער-טיש פון ווייסען האָלץ.

ביי יודען האָט יעדער שטימרעכט. יעדער קאָן זאָגען זיין דעה און דער בית-המדרש שטעלט טאַקי מיט זיך פאָר אַ לעבעדיג ביישפּיל פון יענעם דעמאָקראַטישען גייסט, מיט וועלכען עס זענען דורכגעדרונגען די אַלע געזעצען פונ'ם פאָלק ישראל.

די יודען, וואָס זענען געשטאַנען אויפ'ן הויף, האָבען זיך געדרענגט אַרום די וואַנד פון בית-הקהל, וואָס איז פון אינוועניג שוואַך בעלויכטען געווען. אויפ'ן לאַנגען טיש, וואָס איז דאָרט געשטאַנען, האָבען געברענט עטליכע געלבע ליכט, און פאַר דער טיר—אַ לעמפּעל. שפּעטער האָבען אָנגעהויבען זיך ווייזען יודען אין בית-הקהל, גוט בעקאַנטע יודען פון שיבאָוו, וואָס זענען געווען זעהר חשוב ביי דער אָרטיגער בעפעלקערונג. דאָס זענען געווען עלף דיינים, און עס האָט געפעהלט דער צוועלפטער. דער צוועלפטער איז געווען רפאל יעזעפאָוויטש.

דער עולם האָט אפילו געשמועסט, אַז דעם בעשולדיגטענס פעטער קאָן נישט זיין קיין שופט, אָרער מאַנכע האָבען בעמערקט, אַז ער וויל עס אַליין נישט. נאָך די דיינים זענען געקומען די קהל'ס-לייט: ר' קלמן, מיט די האַנד פערשטעקט אין דעם אַטלאַסענעם כאַלאַט און מיט דעם זיסען שמייכעלע אויף די ליפּען, און ר' יאַנקעל קאַמיאָנקער, וואָס איז שטאַרק אָבגעקומען אין די לעצטע טעג: דאָס פּנים געל און איינגעשרומפּען און די אויגען האָבען געקוקט אונרוהיג און דערשראָקען, ווי אַ מענש, וואָס האָט מורא פאַר עפּיס אַ געפאַהר.

דער לעצטער איז געקומען ר' יצחק טודרוס. אַ דאַרער און צנ'איינגעבויגענער, איז ער אַרויס פון זיין היזעל, אָבער

ער איז אַזוי שנעל אַריין אין קהל'ס-שטוב, אַז קיינער האָט איהם נישט בעמערקט.

***

אָבער אין דער אייגענער צייט האָט זיך אין בית-המדרש דערהערט אַ ריינער און אַ שטאַרקער מענליכער קול:

—אין נאָמען פון גאָט, אַברהם, יצחק און יעקב, שמע ישראל!

איבער'ן עולם איז דורכגעלאָפען אַ געמורמעל, וואָס האָט אויסגעדריקט אונצופרידענהייט, אָבער גלייכצייטיג איז דער עולם געווען אויך העכסט נייגירינ. פּלוצלונג האָט עמיץ פון דער מחנה הויך אויסגעשריען.

—שאַ! בערוהיגט זיך! וואָרום עס שטעהט געשריבען: „הערט-אויס דאָס וואָרט, וואָס ווערט געזאָגט אין נאָמען פון גאָט!"

—אמת! אמת!—האָט דער עולם אונטערגעכאַפּט.

באַלד דערויף איז שטיל געוואָרען און דידאָזיגע שטיל-קייט איז עטוואָס איבערגעריסען געוואָרען דורך די-יעניגע, וואָס האָבען זיך אויפגעהויבען אויף די שפּיץ פינגער צו זעהן דעם רעדנער. זיי האָבען אָבער קיין שום אונגעוועהנליכעס נישט גע-זעהן. אויפ'ן בעלעמער איז געשטאַנען מאיר יעזעפאָוויטש אין אַ רוהיגער פּאָזע, מיט אַ רוהיגען געזיכט. אמת, ער איז געווען בלאַסער, ווי אַנ'אַנדערשמאָל, אָבער עס איז געווען קענטיג, אַז דידאָזיגע בלאַסקייט איז געקומען נישט פון שרעק, נאָר פער-קעהרט, פון אַ טיפען גלויבען און פון גרויס האָפנונג. און די

הענד האָט ער געהאַלטען עטליכע אַלטע געלבע בויגעלעך פּאַ-
פּיר. פון דידאָזיגע בויגעלעך פּאַפּיר האָט ער געלייענט. צייטענ-
ווייז האָט ער זיי הויך אויפגעהויבען, צו בעווייזען דעם עולם,
פון וואַנען ער שעפּט זיינע ווערטער.

—ישראל!—האָט ער אויסגעשריען, בשעת דער עולם האָט זיך בערוהיגט און איז שטיל געוואָרען.—ישראל, דו גרויס פאָלק! דער ערשטער פון אַלע אומות האָסטו דערזעהן גאָט און אויף דער ערד, צווישען דונערן און בליצען, האָסטו דערזעהן צעהן גרויסע ווערטער, וואָס פיהרען נאָך עד-היום אַלע פעלקער צו דער זון פון פאָלקאָמענהייט! ישראל! בלינד אָדער צופרעסען פון גאַל איז דאָס אויג ביי יענעם, וואָס האָט געקוקט אין דיין געזיכט און בעת-מעשה נישט געזעהן דיין אַלטען יחוס. אויב עמיץ וועט נישט בעוויינען דיינע ליידען, בעווייזט עס, אַז יע-נער האָט טרוקענע אויגען פון געבוירען-אָן אָדער זיי זענען אויסגעטריקענט געוואָרען דורכ׳ן שטורמווינד, וואָס בלאָזט פון גיהנם. אומגליקליך איז יענער, וואָס וועט זיך אָברופען וועגען דיר: געמיינער! זאָל גאָט רחמנות האָבען איבער יענעם און איהם מוחל-זיין, מחמת ער בעזיצט נישט די וואָג פון גערעכ-טיגקייט. אויף וועלכער עס ווערען אויסגעוואָגען די מעשים און דאָס גוטס און שלעכטס פון די פעלקער, אָדער עס פעהלט איהם דער שיין פון חכמה, וואָס בעווייזט, ווי אַזוי עס ווערט געבוירען די זינד פון ליידען און אָרימקייט. ישראל! ביי דיר איז געבוירען געוואָרען משה-רבינו, וואָס זיין האַרץ האָט גע-ברענט, ווי אַ שטרויך, דוד המלך מיט דער גאָלדענער האַרפע, די שענע אסתר, וואָס האָט בעוויינט דעם ביטערן גורל פון איהר פאָלק און די חשמנאים מיט זייער מעכטיגען שווערד. פון דיר זענען אַרויסגעקומען נביאים, וואָס האָבען מקריב-געווען זייער לעבען פאַר׳ן אמת פון זייער האַרץ. בשעת דו האָסט גליקליך געלעבט אינ׳ם לאַנד פון דיינע אבות, האָסטו נישט פערשקלאַפט דיין אייגענעם ברודער, דו האָסט אויף די פעל-דער איבערגעלאָזט אַ צעהנטעל טייל פון דיינע תבואות פאַר דיינע אָרימע ברידער און שטימערכט האָסטו געגעבען יעדערן,

וואָס האָט נאָר פערלאַנגט צו ריידען און ביזט געפאַלען כורעים צו דיין איינציגען גאָט און אַרויסגעזאָגט: „מיר אַלע זענען גלייך פאַר אונזער איינציגען גאָט!‟ אין דערנאָך, בשעת דו ביזט, אַנ׳אומגליקליכער און אַ בעזיגטער, בעגאָסען מיט׳ן בלוט פון דיינע קינדער, וואָס האָבען פערטיידיגט זייער אייגען לאַנד, בשעת דו האָסט אין טרעהרען און בלוט געגומען אַרומוואַנדערן צווישען פרעמדע אומות, האָסטו איבערגעטראָגען אַלע אנגסטען און די גאַנצע פעראַכטונג. אָבער דו ביזט געבליבען טריי דיין גאָט און האָסט נישט פערגעסען דיינע אבות און האָסט גע-לערנט אַלע אומות, וואָס זענען פעריאָכט געוואָרען און האָבען זיך געבאָדען אין די אייגענע טרעהרען, ווי אַזוי מען קאָן זיך בעשיצען אָהן געוועהר. אָ, מיין פאָלק! גאָט האָט דיך בעשאַפען פאַר אַ קלוג, ריין און באַרמהאַרציג פאָלק. אָבער אָט זענען שוין אַוועק צוויי טויזענד יאָהר, זינט דו האָסט פערלאָרען דאָס סאַמע ווילכטיגסטע: דאָס פאָטערלאַנד!

מאיר האָט אַ ציטער געטהאָן און ביי אַ רגע געשוויגען. אַ ציטער איז אַדורכגעלאָפען איבער אַלע יודען, און דער עולם האָט שטיל געשעפטשעט:

— הערט-נאָר! הערט-נאָר!

דאָס פאָלק האָט זיך צוגעהערט און מאיר האָט ווייטער געלייענט:

— „וועה צו יענעם פאָלק, וואָס האָט נישט קיין היים!‟ „און פון די שיפען וועלען אַראָב די אַלע, וואָס אַרבייטען מיט׳ן רודער און די אַלע, וואָס פאָהרען איבער׳ן ים און וועלען זיך צוקלעבען צו דער ערד!‟ די נשמה פון יעדען פאָלק בעהעפט זיך מיט דער ערד, ווי אַ קינד מיט דער ברוסט פון זיין מו-טער. פון איהר ציהט ער שפייז און געזונד און אויך רפואות צו זיינע מחלות... גאָט האָט אַזוי געוואָלט און געטהאָן. אָבער מענשען האָבען זיך אויפגעהויבען געגען זיין רצון. ישראל, זיי האָבען אָבגעריסען דיין נשמה פון דער ערד, צו וועלכער זי איז געווען צוגעקלעבט. און ווי אַ בעטלער האָסטו געקלאַפט אין פרעמדע טירען און רחמנות האָסטו געמוזט בעטען ביי יענע,

וואָס האָבען געשפּיים אויף דיר. דיין קאָפּ האָט זיך געבויגט פאַר יענע בעזעצען, וואָס דיין נאַטור האָט זיך געראַנגעלט מיט זיי. דיין פּנים איז שוואַרץ געוואָרען פון גרימצאָרן און בזיון און דיין האַרץ האָט זיך צוזאַמענגעדריקט פון שרעק, אַז עס קאָן נאָך, חלילה, פערשוואונדען ווערען פון דער ערד דער נאָמען ישראל און דער נאָמען פון דיין איינציגען גאָט. נאָכדעם איז דיר אין נויט און פּיין לייכטער געוואָרען, אָבער ווי שטערען האָבען זיך געמעהרט דיינע זינד און שלעכטע מעשים און דיין גאָט האָט געקוקט אויף דיר און מיט צאָרן געפרעגט:
„שוין-זשע איז עס מיין פאָלק ישראל, מיט וועלכען איך האָב מיך בעהעפט דורך אמת און גלויבען? שוין-זשע קאָן ער אַנדערש נישט אָבהיטען זיין הייליגע אמונה, ווי נאָר דורך ווערטער פון זיינע ליפּצען, וואָס זענען סותר די מעשים פון זיינע הענד? שוין-שוין זעהט ער זיין אמונה נאָר אין קרבנות, געזאַנג, תּפילות און נישט אין אַרויפשטייגען אויף יענעם גרויסען לייטער, וואָס איך האָב אָנגעוויזען אין חלום יעקב׳ן מיין קנעכט, כּדי מענשען זאָלען וויסען אין אַלע צייטען, ווי אַזוי מען קאָן זיך דערנעהנטערן צו מיר—דעם צייכען פון וויסען און שלמות?“
איצט האָט דער עולם ווידעראַמאָל גענומען מורמלען.
—וואָס לייענט ער? דאָס איז אַ שלעכטער יוד, וואָס רעדט שלעכטס אויף יודען. וואָס פאַר אַ זינד מעהרען זיך ביי אונז, ווי שטערען אויפ׳ן הימעל? ווי אַזוי-זשע זאָלען מיר לויבען אונזער גאָט, אויב געזאַנג און תּפילות האָבען ביי איהם קיין ווערט נישט?
מאיר איז נאָך בלאַסער געוואָרען, דערשפירענדיג, ווי זיין קול ווערט פערלאָרען אין דער כוואַליע פון אונרוהיגע און גראָבע קולות. אָבער ער האָט נישט געקאָנט שווייגען. ער האָט ווייטער געלייענט און דער געמורמעל איז איינגעשטילט געוואָרען אונטער דער ווירקונג פון נייגיר, וואָס האָט מנצח-געווען אַלע געפיהלען.
נאָכדעם האָט מיכל סעניאָר דערצעהלט אויפ׳ן פּאַפּיר, ווי אַזוי ער האָט אויפ׳ן בעפעהל פון קעניג און מחמת דער ליבע

פון פאָלק צו איהם, זיך געשטעלט בראש פון די אַלע פאָלקס-ענינים און געוואָלט אַרויספיהרען זיין אומה אויף אַ נייעם וועג, וואָס פיהרט צו אַ נייעם לעבען, אָבער מען האָט איהם גע-שטערט דערין, אָוועקגעצויגען פון איהם דאָס פאָלק, בעשמוצט איהם מיט מאוס'ע רכילות און פערוואַנדעלט איהם אין שטויב, וואָס די שונאים זיינע האָבען געטראָטען אונטער די פיס.

—אין מיין קאָפּ,—האָט זיך דער סעניאָר געקלאָגט,—האָט געוואָרעט פון רעיונות, וואָס קיינער האָט נישט געוואָלט אויס-הערען, ווייל מיינע פריינד און תלמידים האָבען מיך פערלאָזט. און אין מיין האַרצען האָט געברענט אַ פייער, אָבער קיינער האָט זיך נישט געוואָלט דערוואַרימען ביי איהם, ווייל מען האָט געזאָגט, אַז דאָס פייער שטאַמט פון טייוועל; מיין פנים האָט זיך פערענדערט און מיינע אויגען זענען עהנליך געוואָרען צו צוויי טרויעריגע שטערען, וואָס לייכטען-אַרויס פון אַ שוואַרצען וואָלקען. מיינע גלידער האָבען פערלאָרען זייער קראַפט, אַ טויט-שלאָף האָט מיך אַרומגעכאַפּט און אויסגעשריען זענען אַרויס-געפאַלען פון מיינע לעפצען: רבונו-של-עולם! נישט פערלאָז דיין קינד! שענק איהם אַ שטאַרקען קול, אַז ער זאָל קאָנען ריידען מיט די-יעניגע, וואָס זענען נאָך נישט געבוירען געוואָ-רען, ווייל די, וואָס לעבען יאָ, ווילען מיך נישט הערען!..

האָב איך געעפענט אַ הייליגען ספר און אַרויסגעלייענט פון איהם: „אויב דיין האַנד וועט זיך שוואַך אַראָבלאָזען, וועסטו זיך ראַנגלען פאַר'ן אמת מיט דיין שטים, מיט דיין לי-בע און טרעהרען.”

—זאָל מיין אוראייניקעל, וואָס וועט זוכען און געפינען דידאָזיגע צואה, דערקלערען דעם פאָלק, וואָס איך בעגעהר פאַר איהם. דאָס ערשטע, וואָס איך וואָלט וועלען פאַר מיין פאָלק— דאָס איז פערגעסונג. צי מיין איך אָבער, אַז דאָס פאָלק זאָל פערגעסען זיין גאָט און זיינע גרויסע מענשען און גרויסע אי-דעען, וואָס עס האָט געגעבען דער וועלט! ניין, אַזוינס קאָן איך נישט וועלען, ווייל מיר אַליין וועט זיס אויף דער נשמה, ווען איך טראַכט וועגען דעם. אָבער איך וואָלט וועלען, אַז

ישראל זאָל פערגעסען זיינע בעליידיגונגען און יסורים, וואָס ווע רען איהם פערשאַפט דורך די אַנדערע פעלקער. מען בעדאַרף נישט געדענקען קיין בעליידיגונגען, מען טאָר נישט זאָגען: איך וועל בעצאָהלען מיט שלעכטס פאַר שלעכטס." מר זוטרא פלעגט אַלע טאָג זאָגען פאַר'ן שלאָף: „איך בין מוחל די אַלע, וואָס האָבען מיך פערביטערט." מר זוטרא איז געווען אַ גרוי- סער מאַן.

...עס וועט קומען אַ צייט, ווען אַלע פעלקער פון דער וועלט, וועלען זאָגען צו דעם יודישען פאָלק: נעהמט אין די הענד אַריין אייערע אַקערס און געהט פערזייהען אייערע פעלדער, כדי איהר זאָלט קאָנען לעבען רוהיג און צוזאַמען מיט אונזע- ער זיהן און אייניקלעך זיך נעהרען מיט דידאָזיגע תבואות. אָבער עס וועלען קומען אייערע פאַלשע וועגווייזער און וועלען אייך זאָגען: „אייערע הענד וועלען נישט פיהרען דעם אַקער אויף דער גלות-ערד." זאָל מיין אוראייניקעל, וואָס וועט לייע- נען דידאָזיגע צוואה דעם יודישען פאָלק, זאָגען איהם, אַז ער זאָל פערמאַכען די אויערן פאַר די ווערטער פון די פאַלשע וועגווייזער. זאָל ער אויפהויבען זיין קול און אויסשרייען: „די פאַלשע וועגווייזער דיינע האָבען דיך אומגעבראַכט, ישראל!"

עס איז געווען קענטיג, אַז דער לייענער פיהרט-אויס זעהר בעגייסטערט דעם רצון פון דער צוואה. איצט איז אַלץ קלאָר געוואָרען פאַר איהם. איצט האָט ער אַלץ פערשטאַנען. און מיט אַ שטאַרקען קול, טיף פון האַרץ אַרויס, האָט ער אויס- געשריען:

—גלויב נישט דיינע פאַלשע וועגווייזער, ישראל!

דער עולם איז אויפגערודערט געוואָרען.

—וועמען מיינט ער?

—וואו האָבען מיר עס פאַלשע נביאים און פאַלשע וועג- ווייזער?

—ער האָט גערעדט וועגען אונזערע גרויסע רבנים און תלמידי-חכמים. זיינע לעפצען לעסטערן און שענדען!..

—ער רעדט נאָר שלעכטס אויף יודען!

—ער וויל, מיר זאָלען בעאַרבייטען די גלות-ערד!..

—ר׳ נחום, ר׳ יצחק׳ס זיידע האָט געזאָגט צו אונזערע זיידעס: „אַקערט נישט די גלות-ערד.״

—און ר׳ נחום איז דאָך געווען אַ חכם פון חכמים. דאָס ליכט פון זיין חכמה האָט בעלויכטען די גאַנצע ערד.

—הערש יעזעפאָוויטש האָט זיך דערפאַר שטאַרק אַרומגעקריגט מיט ר׳ נחום׳ן.

—פאַרוואָס האָט ער אונז נישט בעוויזען, ווי אַזוי אַ קבצן קאָן רייך ווערען?

—ער האָט אונז געזאָגט, אַז מיר בעדאַרפען זיין דינער פון דער ערד, אויף וועלכער מיר וואוינען. אָבער אַז משיח וועט קומען און וועט אונז צונעהמען אינ׳ם לאַנד פון אונזערע אבות, וועלען מיר מוזען פערלאָזען דידאָזיגע ערד. טאָ צו וואָס בעדאַרפען מיר זיין איהרע דינער?

—מען האָט דאָך געשמועסט, אַז דידאָזיגע צואה בעווייזט, ווי אַזוי צו מאַכען פון זאַמד גאָלד?..

—און ווי אַזוי צו פערטרייבען די רוחות...

—אָבער יודען זענען גערעכט: נישטאָ אין דער צואה אַזוינס, וואָס זאָל געפעלען גאָט און לייט...

אַזוינע פראַגען און אַזוינע ווערטער זענען געלעגען ביי אַלעמען אויף די ליפען. דער עולם האָט זיך ענטטוישט אין זיינע האָפנונגען.

ר׳ משה, וואָס האָט זיך איצט געפונען צווישען עולם און איז געשטאַנען אויף אַ הויכער באַנק, האָט געוואָרפען בעליידיגענדיגע ווערטער אָדער געלאַכט מיט גיפט און האַס. ביי דער צווייטער וואַנד, קעגענאיבער דעם מלמד, איז געשטאַנען בער. ביידע—בער און דער מלמד, וואָס זענען געשטאַנען אין דער-הויך קעגען איינאַנדער, האָבען פאַרגעשטעלט מיט זיך צוויי עקסטרעמען.

דער מלמד האָט געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ, געמאַכט מיט די הענד, עפּטער איינגעבויגט די קניה, צוגעשפרונגען, געלאַכט און געשריען. בער איז געשטאַנען שטום און אונבעוועגליך. ער

האָט פערוואָרפען דעם קאָפּ אַהינטער, זיך צוגעשפּאַרט צו דער וואַנד, און פון זיינע ג׳עזערנע אויגען זענען געפאַלען גרויסע טרעהרען אויפ׳ן פּנים, וואָס האָט איצט אויסגעדריקט יסורים און שמחה.

נישט ווייט פון מאיר׳ן זענען געשטאַנען זיינע יונגעלייט, וואָס האָבען נישט אַראָבגענומען פון איהם די אויגען. זיי האָבען טיף און הייס געאָטעמט, גליקליך געשמייכעלט און האָבען, אַפּנים, נישט געזעהן און נישט בעמערקט דעם אויפגערעגטען עולם.

ערגעץ טיף אין המון, דאָרט, אינמיטען בּית-המדרש, האָט אַנ׳אַלטער און ציטריגער קול אַרויסגעזאָגט: „וועגען דעם אַלעם האָבען מענשען אַסך, אַסך גערעדט... אַמאָל, גאָר אַמאָל... בשעת איך בּין נאָך אַקינד געוועזן...״

דערדאָזיגער זקן, וואָס איז מסתמא געוועזן הערש׳ס אַ פריינד, האָט בעגלייט זיינע ווערטער מיט אַטיפען זיפץ און דער עולם האָט שטיל געלאַכט. די לאַכער זענען על-פּי-רוב געווען קינדער, וואָס זענען געשטאַנען הינטער די דערוואַקסענע, אויף די בענקלעך, געכאַפּט אַקוק צווישען די אַראָבגעפּאָהרענע יאַרמאָלקעס אויפ׳ן בעלעמער, נאָכדעם אַראָבגעשפּרונגען און פערשוואונדען געוואָרען.

אין מאיר׳ס הענד האָבען געגומען ציטערן די אַלטע געלבע בויגעלעך פּאַפּיר. אַטונקעלע רויטקייט האָט זיך בעוויזען אויף זיינע בלאַסע באַקען. פון זיינע האַלב-אָפענע אויגען איז געפאַלען אויפ׳ן עולם אַבליק, וואָס איז געוועזן פול האַס, מיטלייד און אונגעדולד.

—שטילער!—האָט ער אַגעשריי געטהאָן,—לאָזט דעם גרויסען מאַן, וואָס ליגט אין קבר, צו דערזאָגען אייך דורך מיינע ליפּען אַלץ... בּיז׳ן סוף... ער האָט מיך אויסגעקליבען פאַר אַ שליח צו אייך... און איך וועל טריי אָבהיטען מיין שליחות...

זיין קול האָט געקלונגען שאַרף און בעפעהלעריש. מוט און איבערצייגונג האָט זיך געשפּירט אין זיין פיגור, אין זיין טאָן און זשעסטען, אין זיינע אויגעצויגענע הענד צום עולם.

דער מלמד האָט אויסגעשריען:

—שטיל זאָל זיין! זאָל ער לייענען, זאָל די טומאה אַרויס־קריכען פון אונטער דער ערד, וואו זי איז ביז אַהער געלעגען פערבעהאַלטען. דעמאָלט וועלען מיר זי לייכט פערברענען מיט'ן פייער פון אונזער צאָרן און צוטרעטען מיט די שטיינער פון פעראַכטונג.

—ישראל!—האָט זיך ווידעראַמאָל דערהערט דער שטאַר־קער יונגער קול אינ'ם געמורמעל פון עולם.—ישראל! איך וואָלט אויך געוואָלט, דו זאָלסט קאָנען אונטערשיידען! שוין־זשע מוז יעדע גוטע זאַך זיין פאָלקאָמען? אַפילו אויפ'ן הימעל ווייזען זיך שוואַרצע כמאַרעס און דאָס אויג פון בורא געפינט פלע־קען אויך אין די ריינסטע הערצער. און האָט גאָט אַליין גע־שריבען דעם ספר פון אונזערע געזעצען? שוין־זשע האָבען זיי מלאכים געשריבען?

מענשען האָבען דעם ספר געשריבען! און שוין־זשע איז דאָ אויף דער ערד אַ מענש, וואָס זאָל זיך קיינמאָל נישט טועה־זיין אין זיין לעבען? און שוין־זשע איז פאַרהאַן אַזאַ ווערק, וואָס זאָל זיין געשאַפען פאַר אַלע צייטען און אַלע דורות? פּרעה'ס טראָן איז געפאַלען, פון נבבה איז אַ תל גע־וואָרען, רוים, וואָס האָט בעהערשט אַ האַלבע וועלט, איז אונ־טערגעגאַנגען, און די גריכישע חכמה האָט איבערגעלאָזט איהר אָרט פאַר אַנ'אַנדער חכמה.

אַ מדבר ליגט איצט דאָרט, וואו עס זענען אַמאָל גע־שטאַנען בליהענדיגע שטעדט, און אויף די ערטער פון מדבריות ענטוויקלען זיך ישובים. אַזוי בעוועגט זיך די וועלט. ישראל! אינ'ם שפּיז, מיט וועלכען דו האָסט זיך גענעהרט יאָהרענלאַנג, זענען פאַרהאַן ריינע קערנער, אָבער עס פעהלט אויך נישט קיין פסולת. בריליאַנטען זענען פאַרהאַן אין דיין עשירות, אָבער עס איז אויך פאַרהאַן זאַמד. דיין ספר, אין וועלכען דו גלויבסט, איז ענליך צו אַ פרי פון אַ גראַנאַטבוים: אַ נאַרישער מענש עסט דידאָזיגע פרי צוזאַמען מיט'ן שאָלעכטס, אָבער דערפון

איז איהם ביטער אין מויל און ער שפירט אַ ווערהטאָג אין די גערערם.

אָבער אַז ר׳ מאיר האָט דערזעהן אַזאַ נאַרישען מאַן, האָט ער אַראָבגעריסען אַ פּרי פון׳ם גראַנאַטענבוים, אַראָבגענומען דאָס האַר־טע און ביטערע שאָלעכץ און אויפגעגעסען דעם זיסען און זעפ־טיגען קערן. און איך וויל אייך לערנען אַזוי, ווי ר׳ מאיר האָט געלערנט דעם נאַרישען מאַן, וואָס האָט געגעסען די פּרי צוזאַמען מיט׳ן שאָלעכץ. איך וויל, איהר זאָלט קאָנען אונטער־שיידען דעם ברילליאַנט פון זאַמד, דעם קערן פון׳ם שאָלעכץ. אָ, מיין פאָלק, פאַר מיין דאָזיגען בעגעהר האָסטו מיך אָבגע־שטויסען! דו האָסט מיך פיינט בעקומען, ווייל דו האָסט פיינט און שרעקסט זיך פאַר אַלץ, וואָס איז ניי. אָבער עס שטעהט געשריבען: אַל תסתכל בקנקן אלא במה שיש בו. פאַרהאַן נייע קרוגען, וואָס זענען אָנגעפילט מיט שטאַרקען וויין און פאַר־האַן אַלטע קרוגען, וואָס זענען אינגאַנצען לעדיג.

—מאיר!—האָט איהם בער אַ שעפּטשע געטהאָן,—גיב אַ קוק אויפ׳ן עולם.

און נאָך שטילער צוגעגעבען:

—געה־אַוועק פון דאַנען... געה וואָס גיכער אַוועק...

מאיר האָט אַ קוק געטהאָן אויפ׳ן עולם, וואָס האָט זיך זעהר אונרוהיג בעוועגט. אויף זיין פּנים האָט זיך בעוויזען אַ שמייכעל—דאָ פול טרויער און דאָ פול צאָרן.

—דערויף האָב איך מיך גאָרנישט געריכט! איך האָב מיך געריכט אויף עפּיס אַנדערש!—האָט ער שטיל געזאָגט און אַראָב־געלאָזט דעם קאָפּ. אָבער ער האָט איהם באַלד־צוריק אויפגע־הויבען און אויסגעשריען:

—איך בין אַ שליח פון מיין עלטערזיידען! ער האָט מיך אויסגעוועהלט דערויף, איך זאָל פאָרלייענען פאַר׳ן פאָלק זיינע לעצטע געדאַנקען און איך בעדאַרף אויספיהרען זיין רצון!..

ער האָט אָבגעצויגען דעם אָטעם און צוגעגעבען הע־כער:

—ער האָט פאָראויס פערשטאַנען די אַלע פראַגען, וואָס

בעדאַרפען קומען אין קאָפּ פון זיין אוראייניקעל און ער האָט געגעבען אַנ׳ענטפער אויף זיי. ער איז אַריינגעדרונגען אין די סודות פון יענע, וואָס לעכצען נאָך וואָהרהייט און טרייסט און וויסען שיקט ער זיי דורך מיינע הענד. איך האָב איהם אַזוי, יפ, פונקט ווי ער וואָלט מיך דערצויגען און אויסגעהאָדעוועט. איך בויג מיין קאָפּ פאַר זיין גרויסער נשמה, וואָס איז אונ־שטערבליך און געפינט זיך איצט אינ׳ם שיין פון גאָט. איך טראַכט אויך דאָס אייגענע, וואָס ער און זיין בעגעהר איז מיין בעגעהר. איך בין אויך אַזאַ, ווי ער: איך בין אַ קינד פון זיין נשמה!

זיין שטאַרקער קול האָט אַ ציטער געטהאָן און אין זיינע פלאַמענדיגע אויגען האָבען זיך בעוויזען טרעהרען. די הענד האָט ער געהאַלטען אין דער-הויך, די ליפען האָבען געציטערט, דאָס פּנים איז געווען בלאַסער, ווי פריהער.

—אין דער צואה פון מיין עלטערזיידען ווערט געזאָגט,— האָט מאיר פאָרטגעזעצט,—אַז מיר לעבען אין אַזאַ צייט, ווען אַלע פעלקער געהען פאָראויס—צו וויסען און גליק. אָבער אונ־זערע קעפּ זענען אָנגעפילט מיט אַזויפיל קליינליכקייטען, אַז דאָס באמת גרויסע קאָן שוין דאָרט קיין אָרט נישט געפי־נען...

איצט האָט מען איהם שוין נישט געקאָנט הערען, ווייל דער עולם האָט גענומען שרייען און לאַכען. אָבער ער האָט נאָך אַלץ גערעדט און וואָס ווייטער—אַלץ שנעלער און שטאַר־קער. ער האָט שווער געאָטעמט און די אויגען האָבען זיך דאָ געעפענט און דאָ צוגעמאַכט. עס האָט זיך גערדאַכט, אַז ער סטאַרעט זיך וואָס בעסער און לענגער אויסצופיהרען דעם רצון פון דער צואה, כאָטש ער האָט בעמערקט, אַז זיין אַרבייט האָט קיין שום ערפאָלג נישט. אָבער ער האָט נאָך געהאָפט...

—וועה! וועה!—האָט דער עולם געשריען מיט אַלערליי קולות,—דעם בית-ישראל וויל מען איינברעכען!

—הערט-נאַר! הערט-נאַר!—האָט מאיר געשריען,—די ווער־טער פון מיין עלטערזיידען זענען נאָך ווייט נישט געענדיגט...

—לאָמיר איהם פערהאַקען דאָס מויל און אַדורכטרייבען פון יענעם אָרט, וואו ער שטעהט און לערנט כלומר׳שט דאָס פאָלק.

—הערט-נאָר! אין דערדאָזיגער צואה,—האָט מאיר גע-שריען,—ווערט געזאָגט, אַז איהר זאָלט אויפהערען צו וואַרטען אויף אַ משיח׳ן פון פלייש און בלוט...

—וועה צו איהם! וועה צו איהם! ער וויל ביי אונז צו-נעהמען אונזער איינציגע טרייסט און האָפנונג!

—ווייל ער וועט נישט קומען אויף דער וועלט אין דער געשטאַלט פון אַ מענשען, נאָר ער וועט דורכשווימען ווי אַ צייט, וואָס ברענגט אַלע מענשען וויסען, נאַהרונג, ליבע און שלום...

—מאיר! מאיר! וואָס טהוסטו? דו ברענגסט דאָך זיך אום! זעה, וואָס דאָ טהוט זיך! אַנטלויף!—האָט ער דערהערט אַ שעפּטשעריי הינטער זיך.

בער איז געשטאַנען הינטער איהם. אליעזר, אוריאל, חיים און נאָך אַנדערע האָבען איהם אַרומגערינגעלט, ווי אַ געדיכטע וואַנד, אָבער ער האָט זיי נישט געהערט און נישט געזעהן. אויף זיין הויך אויפגעהויבענעם שטערען זענען אַרויסגעטראָטען טראָפּענס שוויס. אין די אויגען זענען געשטאַנען טרעהרען פון פערצווייפלונג און האַס.

ביים טיר האָט זיך פלוצלונג דערהערט אַ טעמפּער קלאַפּ. דער מלמד איז אַראָבגעשפּרונגען פון דער באַנק, אויף וועלכער ער איז געשטאַנען און האָט עטליכע מאָל אַ טופּע געטהאָן מיט זיין באָרוועסען פוס. נאָכדעם האָט ער אַ שפּרונג געטהאָן פאָר-אויס צווישען עולם, וואָס האָט זיך פונאַנדערגערוקט פאַר איהם און האָט אַראָבגעוואָרפען פון טיש דעם מעשענעם לייכטער מיט׳ן געלבען ליכטעל. אין דער אייגענער צייט האָט עמיץ אויסגעלאָ-שען דאָס לעמפּעל, וואָס האָט געברענט ביי דער טיר.

דער גאַנצער בית-המדרש איז אָנגעפילט געוואָרען מיט אַ געדיכטער שוואַרצקייט, וואָס איז ערטערווייז דורכגעשניטען גע-וואָרען מיט די בלאַסע שטראַהלען פון דער לבנה. איצט האָט געגומען קאָכען און זידען אין בית-המדרש.

דער סאַמע בעסטער געהער האָט נישט געקאָנט אַרויסכאַפּען קיין איינציגע ווערטער אין ים פון קולות, וואָס האָבען פערגאָסען דעם בית-המדרש. מען האָט בלויז געקאָנט פערשטעהן, אַז דאָ ווערט געסטראַשעט און געשאָלטען און געקלאָגט און געבעטען. אין די טירען פון בית-המדרש איז אַריינגעגאָסען געוואָרען אַ נייע געדיכטע מענשליכע כוואַליע פון הויף. נאָר אויפ'ן גאַניקל פון בית-הקהל, וואו עס איז געווען ליכטיג פון דער לבנה, איז געזעסען דער שמש, אָנגעלעהנט מיט דער באָרד אויף די הענד. ער איז אונבעוועגליך געזעסען און געוואַרט אויף אַ בעפעהל, וואָס האָט בעדאַרפט קומען פון דעםדאָזיגען הויז.

צווישען דעם בעוועגליכען און רוישיגען עולם האָט דאָס הויז אויסגעזעהן פערקלאַפּט און שטיל, ווי אַ קבר.

דער עולם האָט זיך צושפּאָלטען אויף עטליכע גרופּעס. איינע פון דידאָזיגע גרופּעס איז אַרויס מיט גרויס טומעל און געפּילדער דורכ'ן טויער פון שוהלהויף אויפ'ן מאַרק-פּלאַץ, וואָס איז געווען פערגאָסען מיט לבנה-ליכט. דאָס איז געווען זעהר אַ גרויסע גרופּע. בעשטאַנען איז זי פון אָרימע יודען מיט לאַנגע בערד און מיט פּנים'ער, וואָס האָבען געברענט פון שנאה און גרימצאָרן. דאָ האָבען זיך אויך געפונען אַ סך קינדער, וואָס האָבען ווײלעווייז אויפגעהויבען פון דער ערד שטיינער, זאַמד אָדער בלאָטע.

אינמיטען פון דערדאָזיגער גרופּע האָט זיך געדרענגט אַ הייפעל יונגעלייט, וואָס האָבען פערבאָרגען עפּיס, אַ מענשען, וועלכער איז געגאַנגען פּאָראויס. מען האָט זיי אָבער אַרומגעשטויסען און געטריבען. אַ געוויסע צייט האָבען זיי זיך געראַנגעלט מיט אַלע כוחות, שפּעטער אָבער האָבען זיי פערלאָרען דעם מוט, זענען זיך צולאָפען אָדער זיך צונויפגעמישט מיט'ן המון. דעמאָלט זענען אויפ'ן רוקען פון מענשען, וועלכען זיי האָבען פריהער בעשיצט, געפאַלען אַ סך שטיינער.

צעהנדליגע הענד האָבען געריסען זיינע קליידער; אויפ'ן קאָפּ זענען איהם געפאַלען הויפענס זאַמד און שטיקער בלאָטע,

וואָס זענען אַרויסגעשלעפּט געוואָרען פון די קאַלוזשעס. אין די אויערן זענען איהם געשטאַנען די היציגע ווילדע אויסגעשרייען פון המון, אין די אויגען, ווידער, האָבען איהם געפינטעלט פלאַמענדיג פנימ׳ער און אַקסלען, וואָס האָבען זיך ווײלעווייז אויפגעהויבען און אַראָבגעלאָזט.

און צווישען אָט דעם גאַנצען פייערדיגען נעבעל מיט די קולות און געוואַלדען האָט ער נאָר געזעהן דאָס פערשפּאַרטע הויז פון זיידען. און געלאָפען איז ער צו דעמדאָזיגען הויז, ווי צו אַ רעטונגסהאַפען, אַרויסרייסענדיג זיך פון פיינדליכע הענד און פּלאָנטערנדיג זיך צווישען קינדער. פון זיינע פערפּרעסטע ליפּען איז קיין איין זיפץ און קיין איין קלאָג-וואָרט נישט אַרויס. עס האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט גאָרנישט געהערט די אַלע קלעפּ, וואָס האָבען זיך געשאָטען אויף איהם און האָט זיך, קענטיג, אויך נישט געשראָקען פאַר די פאַלענדיגע שטיינער, וואָס יעדער איינער פון זיי האָט איהם געקאָנט אַוועק׳הרג׳ענען אויף טויט.

אמת, ער האָט זיך זעהר פערצווייפעלט געראַנגעלט מיט דער ווילדער מחנה, אָבער עס האָט אויסגעוויזען, אַז נישט זיך בעשיצט ער, נאָר יענעם אוצר, וואָס ער האָט געהאַט ביי זיך און האָט עפּטער צוגעטראָגען די הענד צו יענעם אָרט, וואו דער אוצר איז געלעגען. פּלוצלונג האָט עפּיס אַ יוד אין אַ לאַנגען העמד זיך פערמאָסטען מיט אַ גראָבען שטעקען, פערשטעלט מאיר׳ן דעם וועג און מיט אַרויסגעשפּאַרטע אויגען געשריען צום עולם:

—טפשים! פאַרוואָס נעהמט איהר ביי איהם נישט אַוועק די אונווערדיגע צואה? רבי יצחק האָט געהייסען, מען זאָל זי איהם צונעהמען און איבערגעבען זי איהם אין די הענד אַריין! דער יונג טראָגט זי ביי זיך אויפ׳ן האַרצען.

דער ׳ונגערמאַן, וואָס איז ביז אַהער אַטאַקירט געוואָרען פון רוקען און פון די פלאַנגען, האָט איצט דערזעהן, אַז מען בעפאַלט איהם אויך פון פאָרענט. עטליכע גראָבע הענד זענען בעפאַלען זיין ברוסט, האָבען פונאַנדערגעשטויסען זיינע הענד,

מיט וועלכע ער האָט שטאַרק צוגעדריקט די ברוסט און גע-נומען רייסען אויף איהם די קליידער. דעמאָלט האָט ער אויפ-געהויבען זיין טויט-בלאַס פּנים צום הימעל, וואָס איז געווען בעלויכטען פון דער לבנה, און פון זיין האַרצען האָט זיך אַרויס-געריסען: גאָט!

אין דער אייגענע מינוט האָט ער דערשפּירט, ווי עפּיס אַ קליין מאָגער בעוועגליך גופ'ל האָט זיך איהם אַדורכגעגליטשט צווישען די פיס און הייסע ליפּען זענען צוגעפאַלען צו זיינע אַראָב-געלאָזטע הענד. דערדאָזיגער קוש האָט זיך מאָדנע אָבגערופען אין זיין האַרצען, בשעת פון אַלע זייטען זענען געפאַלען אויף איהם קלעפּ. צווישען קללות און קלעפּ איז דאָס געווען אַ מין אויסדרוק פון ליבע.

מיט די לעצטע כּוחות האָט ער אָבגעשטויסען פון זיך די אָנפאַלער, זיך אָנגעבויגט צו דער ערד, און איידער דער עולם האָט בעוויזען צו בעפאַלען איהם פון דאָסניי, האָט ער אויפגעהויבען אַ קינד פון דער ערד. מיט'ן קינד האָט ער פער-שטעלט די ברוסט, ווי מיט אַ פּאַנצער. דאָס קינד האָט אַרומגע-כאַפּט מיט די הענדטליך דעם יונגענמאַנס האַלז, אויסשטעלענ-דיג צום צובושעוועטען המון אַ פערטרערהרט פּנימ'ל מיט אַנ'אויס-דרוק פון האַס און תּחנונים.

—דאָס איז מיין קינד! שלאָגט איהם נישט!—האָט זיך דערהערט אין המון שמואל דעם שניידערס ציטריגער קול.

—רבי!—האָבען עטליכע האַמעטנע מענשען אַ פרעג געטהאָן דעם מלמד, וואָס האָט זיך דאָ אַרומגעבאָמבעלט מיט אַ שטעקען אין דער האַנד.—רבי! ער בעשיצט זיך מיט'ן קינד! דאָס קינד האָט איהם ליב!

—נעהמט-צו דאָס קינד און רייסט-אַרויס ביי איהם דאָס פערשאָלטענע שטיקעל פּאַפּיר!—האָט דער מלמד געשריען.

אָבער קיינער האָט' איהם שוין נישט געהערט, מאיר'ן האָט מען נאָך אַלץ געריסען און געפליקט פון הינטען און פון די זייטען. נאָך עטליכע שטיינער זענען געפאַלען אויף זיין רו-קען און אַריבערגעפלויגען איבער זיין קאָפּ, אָבער איצט האָט

ער געהאַט אַ פרייען וועג. דורך עטליכע האַסטיגע שפּרונגען האָט ער זיך באַלד געפונען אויף זיין זיידענס גאַניק, עמיץ, וואָס מען האָט איהם גאָרנישט געקאָנט זעהן, האָט איהם גע-עפענט די טיר און זי תּיכף פערשפּאַרט פון אינוועניג.

מאיר האָט אַראָבגעלאָזט דאָס קינד פון די הענד און איז אַריינגעלאָפען אין גאַסטצימער, וואו ער האָט געפונען די גאַנצע משפּחה. אַריינגעלאָפען, איז ער געבליבען שטעהן נעבען דער וואַנד. ער האָט זעהר שנעל געאָטעמט און מיט טריבע אויגען געקוקט אַרום זיך. די משפּחה האָט געשוויגען. זייט עס עקזיסטירט דידאָזיגע משפּחה, האָט נאָך קיינמאָל נישט געטראָפען, אַז עמיץ פון איהרע מיטגלידער זאָל אויסזעהן אַזוי, ווי עס האָט איצט אויסגעזעהן דערדאָזיגער בלאַסער, שווער און שנעל-אָטעמדיגער יונגערמאַן, אין צופליקטע קליידער און מיט אַ פערבלאָטיגטען קאָפּ. אויף זיין פייכטען הויכען שטערען איז געלעגען אַ קרומער רויטער שניט—אַ זכר פון אַ שטיין אָדער אַזוי עפּיס אַ כלי-זיין, מיט וועלכען אַ פיינדליכע האַנד האָט איהם מכבד-געווען אין דעם פינסטערן בית המדרש. ער האָט אויסגעזעהן, ווי אַ געיאָגטער פערברעכער. ער איז אויך געווען עהנליך צו עפּיס אַ בעטלער, אָבער אין זיינע אויגען האָט אויסער טרויער און פיינליכקייט אויך געלויכטען עפּיס אַ שטאָלץ און אַ שטאַרקער אונבעזיגליכער ווילען.

ר׳ שאול האָט פערדעקט דאָס געזיכט מיט די הענד. די ווייבער האָבען זיך צעוויינט. רפאל, אַברהם און די איבעריגע דערוואַקסענע מאַנסלייט האָבען זיך אויפגעהויבען פון זייערע ערטער, בייז און צוטראָגען און ווי איין מענש אויסגערופען:

—אונגליקליכער וואָס די ביזט!

זיי האָבען איהם געוואָלט עפּיס זאָגען, אָבער זיי האָבען נישט בעוויזען. ווארום אין דער אייגענער רגע האָבען זיך מיט גרויס קלאַפּעריי פונאַנדערגעעפענט די לאָדענס, די שויבען זענען צושאָטען געוואָרען אויף פּיצלעך און אין צימער זענען אַריינגעפאַלען עטליכע שטיינער. הינטער די פענסטער האָט גע-

קאָכט און גערוישט און איבער דעם אַלעם האָט געקלונגען דעם מלמד׳ס קול. דער המון האָט אַרויסגעפאָדערט מאיר׳ן און דעם סעניאָרס צואה און בעת-מעשה בעשאָטען מיט בעליידיגונגען און זלזולים די גאַנצע משפחה, וואָס האָט געוואוינט אין דעמדאָזיגען הויז. מאַנכע האָבען געשריגען, אַז דאָ וואוינען כופרים, רשעים און גאָטלעסטערער.

געפייניגט פון שרעק און בושה, זענען די יעזעפאָוויטשעס געבליבען שטעהן, ווי צוגעשמידט צום אָרט.

אָבער דאָ האָט זיך פלוצלונג ר׳ שאול שטאָלץ אויסגעגלייכט און איז מיט שנעלע טריט אַוועק צו דער טיר.

—טאַטע, וואוהין געהסטו?—האָט מען איהם מיט שרעק אַ פרעג געטהאָן.

ער האָט אַ ווייז געטהאָן מיט דער האַנד צום פענסטער און מיט ציטריגע ליפען אַרויסגעמורמעלט:

—איך וועל אַרויס אויפ׳ן גאַניק און וועל זאָגען דעם המון, ער זאָל אַוועק פון דאַנען.

אָבער מען האָט איהם פערשטעלט דעם וועג. די ווייבער האָבען אַרומגעכאַפט מיט די הענד זיינע פיס.

פלוצלונג איז דער המון אַנטשוויגען געוואָרען און עס האָבען זיך דערהערט שעפטשענדיגע קולות:

—דער שמש! דער שמש! דער שמש!

פון שוהלהויף איז באמת אַרויס יענס יודעל, וואָס איז פריהער געזעסען אונבעוועגליך און שטיל אויפ׳ן גאַניק פון בית-הקהל. איצט איז ער געגאַנגען צו דעם הויז פון די יעזעפאָוויטשעס. אַפנים, אַז דער בית-הקהל האָט אַרויסגעטראָגען זיין פסק-דין און דער שמש איז עס געגאַנגען איבערגעבען איהם דער משפחה פון דעם בעשולדיגטען. דער המון, וואָס האָט זיך איצט שטאַרק אָנגעשטרענגט, האָט אויך געוואָלט אויסהערען דעמדאָזיגען פסק-דין. ווי אַ שוואַרצע וואַנד, האָט זיך דער המון צוגערוקט צו די פענסטער, וואו עס איז קיין איין גאַנצע שויב נישט געוועזען.

די טיר פון דעמדאָזיגען הויז האָט זיך נאָכאַמאָל געע-

פענט און זיך תיכף צוגעמאַכט. דער שמש איז אַריין אין גאַסט-צימער.

—אַ גוטער-אָוועגד!—האָט ער זיך שטיל אָנגערופען, פונקט ווי ער וואָלט געשפּירט, אַז דידאָזיגע בעגריסונג קלינגט איצט, ווי אַ בייזע איראָניע.

—ר׳ שאול!—האָט ער פון דאָסניי זיך אָנגערופען מיט אַ מעהר זיכערן טאָן.—זיי נישט בייז אויף דיין דינער דערפאַר, וואָס ער טראָגט איצט אַריין אין דיין הויז אומגליק און בזיון. איך מוז פאָלגען אונזער גרויסען רב, אונזערע דיינים און קהל׳ס-לייט, וואָס האָבען היינט גע׳משפט דיין אייניקעל מאיר׳ן. מען האָט מיר געהייסען, איך זאָל אייך איבערגעבען דעם פסק-דין פון בית-הקהל.

אַלע האָבען געשוויגען. ר׳ שאול, וואָס האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויף זיין זוהן רפאל׳ן, האָט אין אַ מינוט אַרום שטיל אַרויסגעזאָגט:

—לייען דעם פסק-דין.

דאָ האָט דער שמש אַרויסגענומען אַ פּאַפּיר און אָנגעהויבען לייענען, אָדער ריכטיגער געזאָגט, זינגען:

—ר׳ יצחק טודרוס, דער זוהן פון ר׳ ברוכ׳ן, דער רב פון שיבאָוו, צוזאַמען מיט אַלע דיינים און קהל׳ס-לייט, וואָס פיהרען-אָן מיט די אַלע ענינים פון דער יודישער קהילה אין דער שטאָדט שיבאָוו, האָבען פעסטגעשטעלט דורך אַ סך עדות און דורך זיכערע ראיות, אַז דער חצוף און עזות-פּנים מאיר יעזעפאָוויטש, דער זוהן פון בנימין, איז בעגאַנגען גרויסע חטאים, וואָס זענען ביז אַהער נאָך גאָרנישט געהערט געוואָרען אין דער יודישער סביבה. דאָס זענען די חטאים:

א) דער דערמאָהנטער מאיר, דער זוהן פון בנימין, האָט נישט אָבגעהיט דעם שבת, ווי עס געהערט צו זיין, לויט די דינים און מנהגים פון דער יודישער אמונה און אָנשטאָט צו לערנען בעסער און צו טראַכטען אָהן אויפהער פון דער הייליגער תורה, האָט ער גאָר בעשיצט דאָס הייזעל פון קאַראַאים און האָט אין צאָרן אויפגעהויבען זיין האַנד אויף יודישע קינ-

דער און אין פערבאָרגענע ווינקעלעך האָט ער געלייענט פער-
שאָלטענע ביכלעך און געזונגען מאוס׳ע לידער.

ב) מאיר יעזעפאָוויטש, דער זוהן פון בנימין, האָט נישט
בלויז אַליין געלייענט דעם פערשאָלטענעם ספר מורה נבוכים,
געשריבען פון רמב״ם, דעם פאַלשען נביא, וואָס אַלע גוטע און
פרומע יודען האָבען איהם שוין לאַנג פערשאָלטען, נאָר ער
האָט אויך גענויגט זיינע חברים, אַז זיי זאָלען לייענען דעם-
דאָזיגען מקור פון אַפיקורסות.

ג) מאיר יעזעפאָוויטש, דער זוהן פון בנימין, האָט פאַר
זיינע חברים געהאַלטען מאוס׳ע דרשות געגען אונזער אמונה
און אונזערע חכמים און אַזויאַרום האָט ער אַראָבגעפיהרט יו-
דישע קינדער פון דרך-הישר און האָט זיי אָנגעשטעקט מיט׳ן
קרעץ פון אַפיקורסות.

ד) אונטער דעם תירוץ פון רחמנות צום פאָלק האָט ער
איהם געגעבען פערברעכערישע און נאַרישע עצות און האָט
איהם געזאָגט, ער זאָל גוט נאָכקוקען, וואָס די קהל׳ס-לייט טהו-
ען מיט די קהל׳שע געלדער, אַז זיי זאָלען אונטערשיידען אין
די יודישע דינים דאָס געטליכע פונ׳ם מענשליכען און אַז זיי
זאָלען זיך צושפרייטען איבער די פעלדער און זאָלען פיהרען
איבער זיי מיט די אַקערס, ווי דאָס טהוען די פויערים.

ה) הגם ער האָט שוין אַ באָרד, וויל ער דאָך נישט נעה-
מען קיין ווייב, פאָלגט נישט דעם רצון פון די עלטערע און
האָט מיט אונגעהערטער חוצפה אַוועקגעשטויסען די יודישע בתולה
מרים, די טאָכטער פון אליהו.

ו) ער חבר׳ט זיך מיט גאָלדען, מיט דעם קאַראַאימס
אייניקעל, און דער קאַראַאים וואוינט אין זיין הייזעל נאָר צו-
ליב דעם חסד פון אונזער גרויסען רב, וואָרום די קאַראַאימער
זענען אָבגעפאַלען פון דער יודישער אמונה, האַלטען נישט פון
תלמוד און קבלה און דערפאַר זענען זיי נישט ווערט, אַז די
ערד זאָל זיי טראָגען אויף זיך; אָבער נישט-געקוקט דערויף,
געהט מאיר יעזעפאָוויטש עפטער צו זיי, חבר׳ט זיך מיט גאָל-
דע׳ן און אין אַ פערבאָרגען ווינקעלע האָט ער אַפילו איבער-

בענומען אַבלימעל פון איהר האַנד און האָט בעהעפט זיין שטים צו איהרער און ביידע האָבען געזונגען מאוס׳ע לידלעך אום-שבת.

ז) ער וויים נישט פון אָבגעבען כבוד אַהייליגען מאַן און ער האָט זיך דערוועגט צו עפענען זיינע לעפצען פאַר ר׳ משה׳ן, דעם ליבסטען תלמיד פון ר׳ יצחק׳ן, און צו ריידען חוצפה׳דיגע ווערטער מיט איהם און אויפצוהויבען זיין פער-ברעכערישע האַנד קעגען דעם אייגענעם ר׳ משה׳ן, אַזוי, אַז ר׳ משה האָט געמוזט אַנידערפאַלען און אויף איהם, ווידער, איז געפאַלען דער טיש און דאָס אַלץ האָט איהם פערשאַפט גרויסע יסורים און וועהטאָג און דעם פאָלק ישראל—צער און עגמת-נפש.

ח) אין זיין אונפערשטענדליכען גאַל און גרימצאָרן האָט ער פאַר אַ פרעמדען מענשען בעשולדיגט ר׳ יאַנקעל קאַמיאָנ-קער׳ן אין בייזע און שלעכטע כונות בנוגע דעמדאָזיגען מענ-שען און אַזויאַרום געבראַכען דעם אַחדות פונ׳ם פאָלק ישראל און אַנ׳אייגענעם ברודער אַריינגעשליידערט אין אַ גרויסער סכנה. דאָס אַלץ האָט פערשאַפט ר׳ יאַנקלען גרויסע ענוים און עגמת-נפש, און נישט ווייניג מיה און געלד האָט ער געמוזט פטר׳ן דערויף, צו ראַטעווען זיך פון דער סכנה.

ט) אין זיין גרויסער חוצפה און כפירה האָט ער בעקומען מיכל סעניאָרס צואה, וואָס האָט בעדאַרפט צופוילט ווערען דאָרט, וואו זי איז געלעגען, און איז געקומען אין בית-המדרש אַריין צו לייענען זי דאָרט פאַר די יודען און דערמיט צוטרויסלען די אמונה פון זיין פאָלק, די אַלע דינים און מנהגים. און אַזוי ווי דידאָזיגע צואה, לויט די ווערטער פון די רבנים איז אָנ-בעפילט מיט שעדליכע עצות און אַפיקורסות און חלול השם, האַלטען מיר, אַז דאָס לייענען אין בית-המדרש אַזאַ מין צואה איז דער סאַמע גרעסטער חטא, וואָס איז ווען-עס-איז בעגאַנגען געוואָרען אינ׳ם פאָלק ישראל און אויפ׳ן סמך פון אונזערע היי-ליגע דינים בעשטימען מיר:

מאָרגען אין אָווענד ווען דורך די לעפצען פונ׳ם רבי ר׳

יצחק, דער זוהן פון ר׳ ברוך, פאַלען אַ שווערע קללה אויפ׳ן קאָפּ פון מאיר׳ן, דעם זוהן פון בנימין, און דערויף וועלען די שמשים צוזאַמענרופען אַלע יודען פון דער שטאָדט און איהר סביבה, און אַז די דאָזיגע קללה וועט אַרויפפאַלען אויף זיין קאָפּ, וועט ער מיט גרויס בזיון פערשטויסען ווערען פון בית-המדרש, און איהר אַלע, וואָס איהר היט עהרליך אָב אייער אמונה און האַלט טייער אייער גאָט, וועט לעבען אין מנוחה און אין שלום צוזאַמען מיט אַלע אייערע ברידער!

געענדיגט דאָס לייענען, האָט דער שמש בעהאַלטען דאָס פּאַפּירל אין בוזים און איז תיכף אַרויס פון גאַסטצימער.

ביי עטליכע מינוט האָט מען געשוויגען, ווי אין אַ קבר. דער המון, וואָס איז געשטאַנען ביי די פענסטער, האָט קיין איין קלאַנג נישט אַרויסגעלאָזט.

מאיר איז די גאַנצע צייט געשטאַנען אונבעוועגליך און געקוקט אין איין פונקט—דאָרט, וואו דער שמש האָט מיט אַ מינוט צוריק געלייענט דעם פסק-דין. איצט האָט ער הויך אויפ-געהויבען די הענד, זיך אָנגעכאַפּט פאַר׳ן קאָפּ און אויסגעשריען:

—פערשטויסען פון בית-ישראל! פעריאָגט פון דער יודישער סביבה!

און ער האָט זיך שטאַרק צעוויינט. פון זיין וויינען האָט מען באַלד געקאָנט פערשטעהן, אַז דער קלאַפּ האָט איהם גע-טראָפען גלייך אין האַרץ אַריין, אַז דער חרם האָט איהם צו-ריסען די נשמה אויף שטיקלעך.

דעמאָלט האָבען זיך דערנעהנט צו איהם די פעטערס מיט די מומעס און קינדער, און פול צאָרן און רחמנות, סטראַשונ-קעס און מיטלייד האָבען זיי איהם געבעטען, ער זאָל תשובה-טהאָן און זאָל אָבגעבען דעם סעניאָרס צואה, כדי זי זאָל עפענט-ליך פערברענט ווערען, און דעמאָלט—ווער ווייס?—אפשר וועלען זיך די קהל׳ס-לייט מרחם-זיין איבער איהם און דער פסק-דין וועט אָפּגעוואָרפען ווערען. די מאַנסלייט האָבען גערעדט

צו איהם און די ווייבער האָבען איהם געקושט און געבעטען, ער זאָל פאָלגען די עלטערע.

אָבער מאיר האָט נאָך אַלץ געוויינט. ער איז נאָך אַלץ געשטאַנען אויף זיין אָרט, נישט אָבגעקעהרט דאָס פּנים פון דער וואַנד, און אויף אַלע געשרייען און תּחנונים און וויטערע רייד האָט ער בלויז קורץ געענטפערט:

—ניין! ניין! ניין!

אָט דאָס איינע וואָרט, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסען צו-זאַמען מיט געוויין און טרעהרען, האָט מעהר געווירקט, ווי לאַנ-גע ווערטער, וויל אין איהם האָבען זיך דייטליך געשפּירט די אַלע שאַטירונגען פון אַ מענשליכען קול: יאוש, בעדויערונג כּעס, געבעט און ליבע.

—טאַטע!—האָט זיך רפאל אָנגערופען.—טאַטע, פאַרוואָס זאָגסטו איהם נישט, אַז ער זאָל זיך אונטערגעבען און געהאָר-כען דאָס, וואָס מען הייסט איהם. זאָל ער איבערגעבען די צוואה און מיר וועלען זי איבערגעבען דעם רב און וועלען איהם בעטען, ער זאָל זיך מרחם-זיין איבער איהם.

איצט האָט מאיר אָבגעקעהרט דעם קאָפּ און אַ קוק גע-טהאָן אויפ׳ן זיידען.

ר׳ שאול האָט אויך אויפגעהויבען דעם קאָפּ, אויפגעהוי-בען די הענד, פּונקט ווי ער וואָלט וועלען מיט זיי זיך אָנ-שפּאַרען אָן עפּיס און זיך אויפגעשטעלט. זיינע שטאַרע אוי-גען זענען געוואָרען וואונדערליך בעוועגליך און אונרוהיג. ביי-דענס בליקען האָבען זיך בעגעגענט. ער האָט געעפענט דאָס מויל, אָבער ער האָט גאָרנישט געזאָגט.

—זאָג, טאַטע! הייס איהם!—האָבען געבעטען עטליכע שטי-מען מיט אַמאָל.

דעם אַלטענס פּיס האָבען אַ ציטער געטהאָן. אויף זיין פּנים האָט זיך אָבגעשפּיגעלט עפּיס אַ קאַמף, עפּיס אַ שרעקליכע וואַקלעניש. עטליכע מאָל האָט ער געפּרובט עפּיס זאָגען און נישט געקאָנט. צולעצט האָט ער שווער אַרויסגעשעפּטשעט:

—ניין, ער איז נאָך נישט פערשאָלטען... איך קאָן נאָך...

איך בענש דיך, מיין זוהן, אין נאָמען פון גאָט פון אַברהם, יצחק ויעקב!..

און, ציטערענדיג מיט'ן גאַנצען גוף און מיט אויגען פול טרעהרען, האָט ער זיך אַראָבגעלאָזט אויפ'ן שטוהל.

די משפחה האָט זיך איבערגעקוקט. מען האָט זיך שטאַרק געחדושט, אָבער אַלעמענס פּנימ'ער האָבען אויסגעדריקט גרויס דרך-ארץ.

מאיר איז צוגעלאָפען צום זיידען, אַנידערגעפאַלען פאַר איהם אויף די קניה און עפּיס הייס און איילִיג געשעפּטשעט פון זיין גרויסער ליבע צו איהם, פון דעם סעניאָרס צואה און פון דעם, אַז ער וועט אַוועק פון דאַנען און וועט זיך אַמאָל צוריקקעהרען... נאָכדעם האָט ער זיך אויפגעהויבען און אַרויסגעלאָפען פון צימער...

הינטער די פענסטער איז שוין קיינער נישט געווען. דער שוואַרצער המון איז איצט געשטאַנען אויפ'ן מאַרק און שטיל געשעפּטשעט צווישען איינאַנדער. אַ מאָדנע זאַך! באַלד ווי דער שמש האָט איבערגעלייענט דעם פּסק-דין, איז ביים המון אויס-געלאָשען געוואָרען דער גרימצאָרן. וואָס איז געשעהן מיט'ן המון? די נאַטור פון דעמדאָזיגען עולם, וואָס גיט זיך לייכט אונטער אַנ'איינדרוק, איז איצט דורכגענומען געוואָרען פון אַנ'אַנדער געפיהל, פּונקט ווי די סטרונעס פון אַ האַרפע, וואָס ענטפערן מיט אַנ'אַנדער קלאַנג ביי יעדער פינגער-בעריהרונג. אפשר איז דאָס געווען אַ געפיהל פון אַכטונג צו יענעם הויז, וואָס איז איצט אַריינגעפאַלען אין אַנ'אומגליק און וואָס די אַל-טע און בכבוד'ע משפחה פון דאָרט איז אַלעמאָל שטאַרק גע-אַכפערט געוואָרען פאַר איהר גוטסקייט און צדקה? און אפשר איז דאָס געווען בלויז רוהיגקייט, וואָס קומט נאָכדעם, ווען די נשמה ווערט אָנגעזעטיגט מיט נקמה?

דער צובושעוועטער המון איז אַזוי ווי טרויעריג געוואָ-רען און איינציגע מחנה'לעך, צוזייהט און צושפּרייט איבער'ן מאַרק, האָבען שטיל זיך איבערגעשעפּטשעט:

—אָבער ער איז געווען אַ גוטער און אַ באַרמהאַרציגער...

—מיין נאַריש קינד האָט ער געשפּייזט און געקושט...

—ער איז נישט געווען שטאָלץ ביי זיך...

—מיט די אייגענע הענד האָט ער אַרויסגעשלעפּט מיין אַלטען פאָטער פון אונטער אַ וואָגען, וואָס האָט זיך אומגעקעהרט און איז אַרויפגעפאַלען אויף איהם.

—ווי אַ פּראָסטער אַרבייטער, האָט ער אונז געהאָלפען זעגען האָלץ...

—ער איז אַזוי שען און קלוג—אַ נחת צו קוקען אויף איהם...

—מיר האָבען טאַקי געקליבען נחת, קוקענדיג אויף איהם...

חרם! חרם!—האָט מען זיך גע׳סוד׳עט צווישען איינאַנדער. און קעפּ האָבען זיך געשאָקעלט פון פערוואונדערונג און פּנימ׳ער זענען בלאַס געוואָרען פון אימה און שווערע זיפצען האָבען זיך אַרויסגעריסען פון הערצער...

* * *

איבער דעם לעדיגען פּלאַץ, וואָס האָט אָבגעטיילט דאָס שטעדטעל פונ׳ם קאַראַאימס בערגעל, אינ׳ם זילבערנעם פּאָן פון לבנה-ליכט, האָבען זיך שנעל בעוועגט דריי פיגורען. דאָס איז געווען דער שלאַנקער מאיר און דאָס יונגעלע, וואָס האָט געהאַלטען די הענד אין די אַרבעל. דידאָזיגע צוויי שאָטענס זענען געווען אַזוי נאָהנט פון איינאַנדער, אַז צייטענווייז פלעגען די זיך צוזאַמענגיסען אין איין שאָטען. דער דריטער איז געווען אַ פעסטגעבויט מענשעל, וואָס איז געגאַנגען דערווייטערט

פון די ערשטע צוויי. טיילמאָל פלעגט ער זיך אָבשטעלען, זיך צוזאַמענקנוידערן און צייטענווייז פלעגט ער גאָר נעלם-ווערען הינטער אַ קוסט אָדער אַ בוים.

דידאָזיגע אָבשטעלענישען און נעלם-ווערען האָבען דייטליך געריעדט דערפון, אַז דער מענש שפּילט דאָ אַ ראָל פון אַ נסתר. ער האָט דאָ, קענטיג, עמיצען נאָכגעשפּירט, נאָכגעהיט, אויסגעקוקט, זיך צוגעהערט...

ביים אָפענעם פענסטער פון דער קאָראַאימישער כאַטקע האָט זיך געהערט אַ שטילער רוף:

—גאָלדע! גאָלדע!

פון פענסטער האָט זיך בעוויזען אַ פּנים, בעגאָסען מיט לבנה-ליכט און בערעהמעלט מיט געקרויזעלטע שוואַרצע האָר. אין דער שטילער לופט האָט זיך דערהערט אַ ליידענשאַפטליכע שעפּטשעריי:

—מאיר! מאיר! איך האָב געהערט אַ גרויס גערויש און שרעקליכע קולות, מיין האַרץ האָט זיך געצאַפּעלט פון פּחד!.. אָבער דאָס איז גאָרנישט. דו ביזט פאָרט געקומען!

איהרע הענד, בעדעקט מיט'ן גראָבען לייוואַנד פון העמד, האָבען זיך אויסגעצויגען צום גאַסט פול שמחה און אונרוהיגקייט. די קאָראַלען האָבען געציטערט אויף איהר ברוסט, אין וועלכער געוויין האָט זיך צוזאַמענגעמישט מיט געלעכטער.

פלוצלונג האָט דאָס מיידעל אויסגעשריען.

מאיר איז צוגעגאַנגען צו איהר, זי האָט דערזעהן זיינע צוריסענע בגדים און דעם רויטען שניט אויפ'ן שטערען.

—אָך!—האָט זי טיף אָבגעזיפצט און אויפגעהויבעןביידע הענד צום שטערען.

נאָכדעם האָט זי אַראָבגעלאָזט די הענד, זיך אָנגעבויגט צו מאיר'ן, וואָס האָט זיך אַנידערגעזעצט אויפ'ן באַנק ביים פענסטער, און גענומען פיהרען מיט די פינגער איבער זיינע פערשטויבטע האָר און פערוואונדעטען שטערען. אין דערדאָזיגער הייסער צערטליכקייט איז געלעגען עפּיס מוטערליכעס און אַ פערלאַנג צו בערוהיגען, צו היילען און צו טרייסטען.

אַ געוויסע צייט איז ער געזעסען אין אַ פּאָזע פון אַ מענ-שען, וואָס רוהט זיך אויס פון אַ געוואַלטיגער מידקייט. ער האָט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אָן דער ראַהם פון פענסטער און מיט האַלב-אָפענע ליפען האָט ער קוים איינגעאָטעמט די פרישע נאַכט-לופט. די לבנה האָט געשפּילט אין זיינע טרוקענע שוואַרצ-אַפּלען, וואָס האָבען געקוקט אויף די בעזי׳בערטע וואָלקענס מיט אַ טריבער פראַגע.

באַלד האָט ער זיך אויסגעגלייכט און גענומען ריידען איילִיג און שטיל:

—גאָלדע! מען וועט מיך זוכען, און אויב מען וועט מיך געפינען, וועט מען מיר צונעהמען מיין אוצר. גאָלדע, איך וועל איהם דיר אַוועקגעבען און דו זאָלסט איהם בעהאַלטען, און איך וועל אַוועק אין די פעלדער און וועלדער און וועל דאָרט הויך רופען צו גאָט און בעטען, ער זאָל זיך דערבאַרימען איבער מיר.

דאָס מיידעל האָט איהם ערנסט אויסגעהערט און זיך אָנגערופען:

—גיב מיר איהם אַהער!

פּאַפּיר-בויגעלעך האָבען זיך בעוועגט אין מאיר׳ס האַנד. ער האָט זיי איבערגעבען דער מיידעל און געזאָגט:

—בעהאַלט מיין אוצר ביי זיך אויף דער ברוסט און היט איהם, ווי דאָס אויג פון קאָפּ. דאָס איז מיין זיידענס צוואה, וואָס האָט מיר געעפענט די אויגען. דאָס איז מיין פּאַס, מיט וועלכען איך וועל געהן אין דער וועלט אַריין און ער וועט מיר עפענען די טירען און הערצער פון די חכמים. דאָ איז שטיל און נישט געפעהרליך... קיינער זעהט אונז דאָ נישט... אַז איך וועל אַוועק אין דער וועלט אַריין, וועל איך צונעה-מען ביי דיר די צוואה...

גאָלדע האָט צוגענומען די בויגעלעך פּאַפּיר.

—זיי רוהיג,—האָט זי געזאָגט.—איך וועל מיך גיכער שיי-דען מיט׳ן לעבען, איידער איך וועל זי אַוועקגעבען אין פרעמ-דע הענד אַריין... ביי מיר קאָן עס ליגען זיכער... קיינער זעהט

אונז נישט... דאָ איז שטיל און רוהיג און קיינער שטויסט זיך נישט אָן...

מאיר האָט זיך אויפגעהויבען פון בענקעל.

—אַ גוטע נאַכט,—האָט ער געזאָגט.—איך געה-אַוועק... אין מיר האָט זיך אויפגעהויבען אַ שטורמווינד... איך מוז אַוועקגעהן... אַוועקגעהן... איך געה-אַוועק... צווישען וואַלדבוימער וועל איך אַנידערפאַלען מיט'ן פנים צו דער ערד און צוזאַמען מיט די ווינדטען, וואָס רוישען דאָרטען, וועל איך שיקען צו גאָט מיין געיאָמער.. איך וועל מיך קלאָגען פאַר גאָט... איך וועל איהם בעטען... איך וועל איהם פרעגען... מיין האַרץ איז פול מיט געיאָמער... איך מוז איהם אַרויסציהען פון זיך, ווייל ער כאַפּט מיך פאַר'ן האַלז און שטיקט מיך...

ער האָט שוין געוואָלט אַוועקגעהן, אָבער גאָלדע האָט איהם אָנגעכאַפּט ביים אַרבעל.

—מאיר!—האָט זי געשעפּטשעט.—זאָג מיר, פאַרוואָס האָט מען דיך געשלאָגען... פאַרוואָס האָבען דיך די מענשען אַזוי גע-מוטשעט?.. וואָס איז געשעהן?.. פאַרוואָס מוזטו אַוועקגעהן אין דער גרויסער וועלט?..

מאיר'ס אויגען האָבען טריב געגלאַנצט, בשעת ער האָט איהר געענטפערט:

—דידאָזיגע מענשען האָבען מיך געמוטשעט און געשלאָ-גען דערפאַר, ווייל איך האָב נישט געוואָלט געהן געגען דעם אמת פון מיין האַרץ און האָב נישט געוואָלט איינשטימען דע-רויף, אויף וואָס דאָס פאָלק האָט איינגעשטימט. איך מיז אויך אַוועק דערפאַר, ווייל מאָרגען וועט פאַלען אויף מיין קאָפּ אַ שרעקליכע קללה און מיט גרויס בזיון וועל איך פערשטויסען ווערען פון ישראל'ס הויז!

—אַ חרם!—האָט דאָס מיידעל אויסגערופען און זיך אָנגע-כאַפּט ביים קאָפּ.

אַ לענגערע צייט איז זי געשטאַנען אַזוי ווי אַ פערשטיי-נערטע, נאָכדעם האָט זיך געלעגט אויף איהרע ליפּען אַ ווייכער צאַרטער שמייכעל.

—מאיר,—האָט זי געשעפּטשעט,—מיין זיידע איז אַריינגע־וואָרפען געוואָרען אין חרם... און איך אויך... אָבער דעם אוי־בערשטענס באַרימהאַרציגקייט איז העכער פון אַלע שרעקען און זיין גערעכטיגקייט איז טיפער פון דעם סאַמע טיפסטען ים... אַזוי שטעהט געשריבען אין די הייליגע ספרים. בשעת מיין זיידע לייענט זיי, ווערט איהם אַנטרונען זיין מרה־שחורה און ער רופט זיך אָן: דער פערשאָלטענער איז גליקליכער פונ'ם שילטער... עס וועט קומען אַ צייט, ווען גאָטס גערעכטיגקייט וועט אַריינדרינגען אינ'ם האַרץ פונ'ם מענשען און זיי וועלען לויבען און בענשען די נעמען פון די פערשאָלטענע...

גאָלדע האָט ממש געברענט פון עקסטאַז.

—אָ, מאיר!—האָט זי אויסגערופען.

זי האָט געוואָלט זאָגען נאָך עפּיס און נישט געקאָנט. מיט גרויס שמחה, געוויין, געלעכטער און זיפצען און אונענדליכער דאַנקבאַרקייט האָט זי זיך אָנגעבויגט און מיט איהר בויגזאַמער פיגור געבליבען הענגען אויף זיינע אַקסלען.

האָט ער אַרומגענומען איהר האַלז, צוגעדריקט איהר קאָפּ צום האַרצען און פערזונקען מיט די ליפען אין דער געדיכטע־ניש פון איהרע זיידענע האָר...

אָבער דאָס האָט לאַנג נישט געדויערט... בלויז איין אוי־גענבליק... דאָס מיידעל האָט זיך תיכף אויסגעגלייכט און, אַ פערראויטעלטע, מיט אַ שווערען אָטעם און ציטערדיגע ליפען, האָט זי שטיל אַ פרעג געטהאָן:

—און דער זיידע?

מאיר האָט זי אָנגעקוקט, ווי אַ מענש, וואָס האָט זיך פּלוצ־לונג אויפגעכאַפּט פון שלאָף. און זי האָט געשעפּטשעט:

—זיינע פיס זענען צו־שוואַך, ער זאָל קאָנען געהן מיט אונז, אַגב וועט ער נישט וועלען פערלאָזען די קברים פון זיי־נע אבות... אָבער ווי אַזוי וועל איך מיך קאָנען שיידען מיט איהם?.. און ווי אַזוי וועט ער קאָנען לעבען אָהן מיר? ער האָט דאָך מיך אויף די הענד געטראָגען און מיר אויסגעלערנט שטריקען און לייענען דעם תנ"ך. ער האָט אַריינגעטראָגען ליכט

אין מיין נשמה און האָט מיך געגעהרט מיט די שענע תנ"ך-מעשיות, וואָס ער פלעגט מיר תמיד דערצעהלען... תמיד... און אַז איך וועל אַוועקגעהן—ווער וועט איהם געבען צו עסען און צו טרינקען? און ווער וועט זיך לעגען ביי זיינע פיס אין די פינסטערע נעכט, צו דערוואַרימען מיט'ן גוף זיינע דערפראָהרע-נע פינגער פון די פיס? און אַז זיין נשמה וועט זיך שיידען מיט'ן גוף—ווער וועט אין די אָרעמס איינוויגען אויף אייביג זיין ווייסען קאָפּ?.. מאיר! מאיר! דו האָסט אַ זיידען, וואָס זיין קאָפּ איז אויך ווייס, ווי שניי און אַז דו וועסט אַוועק, וועט ער צורייסען זיינע קליידער אויף זיך פון ווער און בענקשאַפט... אָבער דיין זיידע האָט זיהן און טעכטער, שניהר און איידעמס, אייניקלעך און אוראייניקלעך, אַ רייך הויז און מענשען האָבען גרויס דרך-ארץ פאַר איהם... אָבער מיין זיידע האָט אויף דער גרויסער וועלט בלויז אַנ'אָרימע כאַטקע, אַנ'אַלטען תנ"ך און זיין אייניקעל גאָלדע'ן...

מאיר האָט אָבגעזיפצט.

—דו ביזט גערעכט, גאָלדע,—האָט ער געזאָגט,—אָבער ווי זאָל זיין אַנדערש? וואָס וועט ווערען פון דיר, ווען דיין זיי-דע וועט צומאַכען די אויגען און דו וועסט בלייבען אַליין מיט דיין דלות און מיט דער פעראַכטונג פון מענשען?...

גאָלדע האָט זיך אַנידערגעזעצט, ווייל די פיס האָבען איהר געציטערט. זי האָט אַ פיהר געטהאָן מיט די הענד איבער דעם פלאַמענדיגען פנים, נאָכדעם אויפגעהויבען די אויגען און אַ זאָג געטהאָן:

—איך וועל מיך אַנידערזעצען ביי דער טיר פון דעמ-דאָזיגען הייזעל און וועל שטריקען וואָהל און פאַשען מיינע צי-געלעך און קוקען אויף יענעם וועג, מיט וועלכען דו ביזט פערשוואונדען געוואָרען...

דאָס איז געווען אַ זאַץ פון דער געשיכטע מיט עקיבא'ן און זיין שענער רחל'ען.

און מאיר האָט געפרעגט:

—און וואָס וועסטו טהאָן, ווען מענשען וועלען קומען און

שפּאָטען פון דיר און וועלען זאָגען: „עקיבא טרינקט פונ׳ם קוואַל פון חכמה, אָבער דיין גוף ווערט פערצעהרט פון דלות און נויט און דיינע אויגען ווערען אויסגעלאָשען פון טרעה-רען.“

און גאָלדע האָט געענטפערט מיט גרויס אויפרעגונג, אָבער זעהר ערנסט:

—וועל איך זיי זאָגען: זאָל מיין גוף פערצעהרט ווערען פון דער נויט און זאָלען מיינע אויגען פערלאָשען ווערען פון טרעהרען—איך וועל אָבער אַלץ טריי זיין מיין מאַן... און אויב ער וואָלט זיך איצט אַנידערגעשטעלט פאַר מיר און וואָלט גע-זאָגט: איך האָב מיך אומגעקעהרט צוריק, ווייל איך וויל נישט, דו זאָלסט וויינען מעהר, אָבער איך האָב וועניג געטרונקען פונ׳ם קוואַל פון חכמה, וואָלט איך איהם געזאָגט: „געה און טרינק נאָך!“

מאיר האָט זיך אויפגעהויבען. אין זיינע אויגען און אין זיין גאַנצער געשטאַלט איז שוין מעהר נישט געווען קיין זכר פון יאוש. איצט האָט ער אויסגעוויזען דרייסט און מוטיג.

—רחל, איך וועל מיך אומקעהרן!—האָט ער אויסגע-שריען,—גאָט וועט זיך אָננעהמען פאַר מיר און מענשען וועלען מיך אַרויסהעלפען איך וועל לאַנג, לאַנג טרינקען פונ׳ם קוואַל פון חכמה און נאָכדעם וועל איך קומען אַהער און וועל לער-נען מיין אָרים פאָלק און אויף דיין קאָפּ וועל איך אָנטהאָן אַ גאָלדענע קרוין פאַר די אַלע צרות און אַנגסטען, וואָס דו האָסט איבערגעטראָגען אָהן מיר...

גאָלדע האָט געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ. עס איז געווען, קענ-טיג, אַז זי איז עפּיס געשוואומען אין אַ גאָלדענעם חלום. איהר האָט זיך גע׳חלומ׳ט, אַז זי איז די שענע רחל, וואָס בעגעגענט דעם מאַן עקיבא און דעם דאָזיגער עקיבא קומט פון די ווייטע מרחקים. מיט אַ פער׳חלומ׳טען שמייכעל אויף די ליפּען און מיט אַ פלאַם אין די אויגען האָט זי געשעפּטשעט:

—דעמאָלט וועל איך אַרומנעהמען דיינע קניה און וועל אויפהויבען צו דיר מיינע אויגען, וואָס וועלען אויך זיין אַזוי

שען, ווי איצט, און וועל זאָגען: „רבי! דיין כבוד—איז מיין קרוין!"

זיי האָבען לאַנג געקוקט דורך טרעהרען אויף איינאַנ-דער. די ליבע, וואָס האָט זיך געלויכטען אין זייערע אויגען, האָט אויסגעוויזען אויך אַזוי ריין און קלאָר, ווי זייערע הער-צער.

פּלוצלונג האָט זיך דערטראָגען צו זייערע אויערן אַ שטיל, קינדיש געלעכטער. זיי האָבען זיך אַרומגעקוקט מיט גרויס חדוש. אויף דער שוועל פון דער כאַטקע איז געזעסען לייבעלע און געהאַלטען אַ בעקעלע, וויים ווי שניי. דאָסדאָזיגע בעקעלע האָט גאָלדע געקויפט פאַר'ן געלד, וואָס זי האָט אָבגעלייזט פון איהרע קערב. לייבעלע האָט עס בעמערקט אין פאָרהויז, וואָס איז געווען בעלויכטען פון דער לבנה, האָט ער עס גענומען אויף די הענד, אַרויס אויף דער שוועל, צוגעלעגט די בעקלעך צו זיין זיידענעם פעל און געלאַכט פרעהליך און שטיפעריש.

—דאָס יונגעל קומט דאָ שטענדיג נאָך דיר!—האָט גאָלדע בעמערקט.

—היינט, בעת אַלע האָבען מיך געשלאָגען, האָט ער מיך געקושט און מיט איהם האָב איך בעשיצט מיין אוצר פאַר די גראָבע הענד,—האָט מאיר געזאָגט

גאָלדע איז אַוועק פון פענסטער און האָט זיך באַלד בע-וויזען אויף דער שוועל. זי האָט זיך אָנגעבויגט צום יונגעל, איהרע האָר זענען אַרויפגעפאַלען אויף זיין קאָפּ און אַקסלען, און זי האָט איהם אַ קוש געטהאָן אין שטערען. לייבעלע האָט זיך גאָרנישט געשראָקען, דאָ האָט ער זיך, קענטיג, זעהר גוט געשפּט. נישט איין מאָל האָט ער שוין געזעהן דאָסדאָזיגע מיידעל, וואָס איהרע אויגען האָבען שטענדיג געשיינט מיט גוטסקייט און רחמנות. ער האָט זי אָנגעקוקט מיט כמעט פער-שטענדליכע אויגען.

—לאָז מיר שפּילען מיט'ן בעקעלע,—האָט ער געבעטען.

—ווילסטו אפשר אַ ביסעל מילך?—האָט זי געפרעגט.

—איך וויל,—האָט ער געזאָגט,—גיב מיר מילך.

פון פאַרהויז האָט זי אַרויסגעטראָגען אַ ליימענעם קרוג מיט מילך און האָט אַליין געגעבען צו טרינקען דעם יונגעל. נאָכדעם האָט זי זיך אַנידערגעזעצט אויפ׳ן שוועל און גע- פרעגט:

—פאַרוואָס לאָזטו איבער טאַטע און מאַמע און גערהסט שטענדיג נאָך מאיר׳ן?

לייבעלע האָט געשוויגען. נאָכדעם האָט ער אויפגעהויבען די אויגען און אַ שאָקעל געטהאָן מיט׳ן קאָפּ. עס איז געווען קענטיג, אַז ער ראַנגעלט זיך מיט מידע, נישט-געהאָרזאַמע גע- דאַנקען. צולעצט האָט ער אויסגעצויגען אַ פינגער אין דער ריכ- טונג צו מאיר׳ן און אויסגעשריען:

—איהם!

און דערביי זיך צולאַכט, אָבער דאָס איז נישט געווען קיין געלעכטער פון אַנ׳אידאָט. דאָס איז געווען אַנ׳אויסדרוק פון שמחה, וואָס איז בעפאַלען דאָס קינד, ווען עס האָט געקאָנט דורך איין וואָרט אַרויסווייזען זיין ליבע און זיינע אונבעשטימ- טע פערלאַנגען.

אָבער גאָלדע האָט אַ קוק געטהאָן אין יענער זייט, וואו- הין מאיר איז אַוועק, און האָט שווער אָבגעזיפצט. נאָכדעם האָט זי זיך אויפגעהויבען, זיך איינגעהילט אין אַנ׳אַלטען שאַרף, אַרויפגעגאַנגען אויפ׳ן באַרג און זיך דאָרט אַנידערגעזעצט אונטער אַ קליינער סאָסנע. אפשר האָט זיך איהר געוואָלט אַ קוק טהאָן פון דעמדאָזיגען אָרט אין יענער ווייטקייט, וואו ער וועט זיך אַמאָל אומקעהרן דורך ווייטע פעלדער און וועלדער?

זי האָט אָנגעשפאַרט די עלענבויגענס אויף די קניה, דאָס פנים פערדעקט מיט די הענד און איז געזעסען אונבעוועגליך, ווי אַ סימבאָל פון טרויער, און די לבנה האָט צושאָטען מיליאָ- נען בעוועגליכע פונקען איבער איהרע געדיכטע שוואַרצע האָר, וואָס האָבען זי איינגאַנצען בעדעקט און זיך אַראָבגעלאָזט אינ׳ם פייכטען גראָז.

לייבעלע איז אַנטשלאָפען געוואָרען אויף דער שוועל מיט דעם בעקעלע אין האַנד, וואָס האָט אויך געשלאָפען.

* *
*

אין דער אייגענער צייט האָבען זיך געעפּעגט די נידע-ריגע טירען פונ׳ם רב׳ס כּאַטקע, און ר׳ משה, געבויגען, מיד און פערשעמט, איז אַריין אין צימער. ער האָט זיך אַנידערגע-זעצט אויף דער פּאָדלאָגע נעבען אויווען און האָט מיט אימה געקוקט אויף ר׳ טודרוס׳ן, וואָס איז געזעסען ביים אָפענעם פענסטער, דאָס פנים אָנגעלעהנט אויף די הענד און געקוקט אויף דער לבנה

—רבי!—האָט ער אַ שפּטשע געטהאָן מיט שרעק.

—רבי!—האָט ער עטליכע מאָל איבערגע׳חזר׳ט,—דיין קנעכט שטעהט פאַר דיר. איך האָב דיר נישט געבראַכט דאָס טומאה׳-דיגע פּאַפּירל! אַ גרויסער שטורם איז געשעהן: פריהער האָבען איהם בעשיצט זיינע פריינד, נאָכדעם האָט ער זיך אַליין בע-שיצט און נאָכדעם האָט איהם בעשיצט אַ קליין קינד... דער נאַרישער המון האָט איהם געשלאָגען, געריסען און געפליקט, געוואָרפען שטיינער אויף איהם, אָבער די טומאה׳דיגע צואה האָט ער ביי איהם נישט אַרויסבעקומען. רבי! דיין קנעכט איז אָנגעזאַפּט מיט בושה און שרעק, אָבער דערבאַרם זיך איבער איהם און נישט פייניג איהם מיט די בליצען פון דיין אויג...

ר׳ יצחק טודרוס, וואָס האָט נאָך אַלץ געקוקט אויף דער לבנה, האָט געזאָגט:

—דידאָזיגע צואה מוז אַרויסגעריסען ווערען פון זיינע הענד און איבערגעגעבען ווערען אין מיינע הענד...

—רבי! אָבער דידאָזיגע צואה געפינט זיך שוין נישט אין זיינע הענד!

—וואו איז די צואה?—האָט דער רב געפרעגט מיט אַ העכערן קול און בעת-מעשה נישט אַראָפּגענומען די אויגען פון דער לבנה.

—רבי! איך וואָלט זיך נישט דערוועגט צו קוקען דיר אין פּנים אַריין, ווען איך וואָלט נישט געוואוסט, וואָס מיט דער צואה איז געשעהן... איך בין איהם די גאַנצע צייט נאָכגעגאַנגען... מיין גאַנצע נשמה איז אַריין אין די אויגען און די אויערן... איך האָב געזעהן, ווי ער האָט דאָס פּאַפּירל געגעבען צו בעהאַלטען דעם קאַראַאימס מיידעל... איך האָב געהערט, ווי ער האָט די צואה גערופען אוצר... ער האָט געזאָגט, אַז דאָס איז זיין פּאַס, מיט וועלכען ער וועט זיך אַוועקלאָזען אין דער גרויסער וועלט און זי, די צואה, וועט עפענען פאַר איהם די מענשליכע הערצער...

יער רב האָט אַ ציטער געטהאָן.

—דאָס איז אמת! דאָס איז אמת!—האָט ער געשעפּטשעט מיט אַלע חושים,—די צואה וועט איהם דינען פאַר אַ פּאַנצער, פאַר אַ כלי-זיין, און געגען דעמדאָזיגען כלי-זיין וועט זיין שוואַך אונזער נקמה...

און אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער צוגעגעבען:

—משה! דידאָזיגע טומאה מוז מען אַרויסרייסען פון דעם קאַראַאימס מיידעל...

דער מלמד האָט צוגעפּויזעט צו דעם רב׳ס קניה, האָט אויפגעהויבען די אויגען און שטיל געשעפּטשעט:

דאָסדאָזיגע מיידעל האָט געזאָגט, אַז גיכער וועט זי זיך לאָזען טויטען, איידער אָבגעבען דאָס פּאַפּירל...

ר׳ יצחק טודרוס האָט געשוויגען. נאָכדעם האָט ער ווייטער געזאָגט:

—די צואה מוז מען אַרויסרייסען פון איהרע הענד...

דער מלמד האָט זיך פערטראַכט.

—רבי!—האָט ער זיך אין אַ ווײַלע אַרום אָנגערופען,—

און וואָס, אַז זי וועט האָבען גרויסע יסורים ?
דער רב האָט באַלד נישט געענטפערט:
—געבענשט זאָל זיין די האַנד, וואָס קעהרט-אַרויס דאָס מיסט פון בית-ישראל!
דעמאָלט האָט דער מלמד זיך אָנגערופען:
—רבי! איך פערשטעה דיין רצון... מעגסט זיך פערלאָזען אויף דיין קנעכט... ער וועט שוין געפינען אַזוינע מענשען, וואָס די הענד זייערע וועלען זיין בעלאַדען מיט כּוח און די הערצער מיט עקשנות...*) רבי! זאָל אַ צאַרטער שטראַהל פון דיין אויג פאַלען אויף מיין קאָפּ... בעוויַיז מיר, רבי, אַז דו ביזט נישט בייז אויף דיין קנעכט... אָהן דיין חסד איז מיין נשמה עהנליך צו אַ ברונים, וואָס האָט נישט קיין וואַסער אָדער צו אַ תפיסה, וואו די זון שיינט נישט אַריין...
דער רב האָט געענטפערט:
—קיין שום שטראַהל וועט זיך אין מיין אויג נישט ווייזען, דער צער און די מרה-שחורה וועלען נישט פערלאָזען מיין האַרץ, כּל-זמן די טומאה׳דיגע צואה וועט זיך געפינען אין פערשאָלטענע הענד!
ר׳ משה האָט אַרויסגעשלוכצט:
—רבי! מאָרגען בייַנאַכט וועסטו האָבען אין דיינע הענד די צואה!
די לבנה האָט בעלויכטען דידאָזיגע מענשען, וואָס איינער פון זיי האָט געקוקט אויפ׳ן הימעל און דער צווייטער—אינ׳ם פּנים פון זיין רבי. דער פייערדיגער בליק פונ׳ם רבי האָט אויפ׳ן הימעל געזוכט ליכטיגע פאַסען, וואָס דינען אַלס וועגען פאַר די

*) דעדדאָזיגער שמועס צווישען רב און מלמד איז פון אָנהויב ביז׳ן סוף פאַלש, אויס-געקלערט, לחלוטין נישט צוגעפּאַסט פאַר אַ רב, וואָס וועט קיינמאָל נישט געבען זיין הסכּמה צו טהאָן עמיצען שלעכטס, מעג דער לעצטער זיין אפילו אַ פערברעכער.

דער איבערזעצער.

מלאכים, וועלכע פיהרען-אום די שטערען איבער די הימלען; דער תלמיד, ווידער, האָט געזוכט די אָבשפּיגלונג פון דעמדאָזי-גען איבערנאַטירליכען גלאַנץ אין דעם רבי׳ס אויגען.

אין ביידענס אויערן האָט אָבגעקלונגען דער נאָמען פון מלאך-המות, וועמען זיי האָבען גערופען צוהילף—און דאָך זענען ביידענס הערצער אָנגעזאַפּט געווען מיט הייסער ליבע און גע-וואַלטיגער פערגעטערונג.

---

## עלפטעס קאַפּיטעל.

אין שטעדטעל האָט געקאָכט און געזאָדען. פון אַלע זייטען איז מען גאַנצע מחנות׳ווייז געגאַנגען צו דעם גרויסען דריישטאָקיגען הויז, וואָס אין זיינע פענסטער, עהנ׳ליך צו פאַרצייטיגע פעסטונגסלעכער, האָבען שוין זיך בעוויזען לאַנגע און שמאָלע ליכט-פלעקען. אויפ׳ן הימעל האָבען זיך שוין בעוויזען שטערען, וואָס האָבען געבלייכט פאַר׳ן גלאַנץ פון דער אויפגעהענדיגער פולער לבנה.

אינוועניג, אין דעם גרויסען הויכען זאַל פון בית-המדרש האָבען געקאָכט אַריין עטליכע טויזענד מאַן. דער זאַל האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ ריכטיגען פיר-עק; די וואַנד זענען געוועזען גלאַט און ווייס, ווי שניי, אָבער אין דער-הויך, אַרום די וואַנד, האָט זיך געצויגען אַ שווערע גאַלעריע, וואָס איז בעשטאַנען פון בלויע געוועלבטע נישען, עהנליך צו לאָזשעס און פונאַנדערגעטיילט דורך אַ דורכזיכטיגען הויכען באַריער. אויף דער פּאָדלאָגע, סאַמע פון דער טיר ביז׳ן אָרון-הקודש, זענען געשטאַנען הילצענע בענק אין איינגע שורות.

פאַר׳ן עמוד איז געשטאַנען דער חזן מיט זיינע משוררים און האָט געזונגען יענע אַלטע קאַפּיטלעך תהלים, וואָס זייער ענדלאָזע מעלאָדיע איז געשוואומען צו די הימלען פול עקסטאַז, שבח, פערלאַנגען, געבעט און ליידען.

אָבער נאָך קיינמאָל האָט אליעזר׳ס וואונדערשענער קול נישט אויסגעדריקט די אַלע געפיהלען מיט אַזאַ קראַפט און קלאָרקייט, ווי אין דעמדאָזיגען אָוונד. נאָך קיינמאָל האָט זיין מעכטיגער קול נישט פערמאָגט אַזויפיל גלאַנץ און פייער, אַזוי-פיל פראַכט און האַרץ-ציטער, וואָס האָט זיך אויפגעהויבען און אַראָבגעלאָזט אין אַים פון געבעט און וועהטאָג. עס האָט זיך געדאַכט, אַז אין דעמדאָזיגען אָוונד איז זיין האַרץ אָנגעזאַפּט געוואָרען מיט אַנ׳אונגאַטירליכער געבעט-קראַפט און אַז אויף זיין רוקען זענען אויסגעוואַקסען געוואָרען פליגלען, מיט וועל-כע ער וויל אַרויפפליהען צום מלך המלכים און ברענגען דאָרט פאַר א קרבן זיין גוף און נשמה, צו ראַטעווען עמיצען.

דער גרויסער בית-המדרש איז פון עק ביז עק, פון דער פאָדלאָגע ביז׳ן באַלקען אָנגעפילט געוואָרען מיט קלאַנגען, וואָס האָבען געפלייצט, ווי אַ שטראָם, פון דעם חזנ׳ם האַרץ. דער כאָר האָט צייטענווייז צוגעגעבען אַ קרעפטיגען אַקאָרד צו דעם חזנ׳ס געזאַנגען. דער עולם איז געשטאַנען פער׳כשופ׳ט פון התפעלות.

אָבער טיילמאָל האָט עמיץ טרויעריג אַ שאָקעל געטהאָן מיט׳ן קאָפּ און זיך אָנגערופען:

— דער חזן בעט עס צו גאָט פאַר זיין פריינד, וועלכען מען וועט היינט מחרים-זיין...

פּלוצלונג איז איבערגעריסען געוואָרען דעם חזנ׳ס כשופ׳-דיגע מעלאָדיע און דעם עולמ׳ס פייערליך שווייגען. עמיץ האָט עטליכע מאָל שטאַרק אָנגעקלאַפּט. דעם חזנ׳ס קול איז ווי אַ גאָלדענע סטרונע איבערגעריסען געוואָרען. דער עולם האָט געווענדט די אויגען צום בעלעמער, וואו עס האָבען זיך דער-הערט די קלעפּ.

איצט איז דאָרט געשטאַנען אַ געבויגענער מאַן, מיט אַ געלבען האַלז, מיט אַ טונקעלען געזיכט, בעוואַקסען מיט שוואַר-

צע האָר, ווי פעך און מיט אויגען, דורכגעוועבט מיט אַ טריבען פייער. אין די הענד האָט ער געהאַלטען אַ גרויסען ספר, מיט וועלכען ער האָט אַ קלאַפּ געטהאָן איבער׳ן טיש, אַז דער עולם זאָל שווייגען. באַלד איז שטיל געוואָרען, ווי אין אַ קבר. אַ שעפּ-טשעריי און איינצעלנע אויסגעשרייען האָבען זיך נאָר געהערט אין פאָרהויז. דאָרט האָט אַ קליינע מחנה אַרומגערינגעלט איי-נעם אַ יונגענמאַן מיט אַ בלאַס געזיכט, מיט פערפרעסטע ליפּען און טרוקענע ברענענדיגע אויגען. דאָס איז געווען מאיר. דער עולם האָט איינגעטענה׳ט מיט איהם:

האָסט נאָך צייט! עס איז נאָך נישט שפּעט... דערבאַרם זיך איבער דיר און איבער דיין משפחה!.. גיב זיך אונטער, הערך וואָס מען זאָגט דיר! לויף גיכער און פאַל דעם רב צו די פיס! אַנישט, וועט מען דיר מחרים-זיין!..

מאיר האָט אַזוי ווי נישט געהערט, וואָס מען רעדט צו איהם. זיינע צונויפגעצויגענע ברעמען האָבען צוגעגעבען דעם שטערען, אויף וועלכען עס האָט זיך געזעהן אַ רויטער שניט, אַנ׳אויסדרוק פון מרה-שחורה און עקשנות.

—אין נאָמען פון אונזער גאָט!—האָט זיך דערהערט דעם רב׳ס באַסיגע שטים.

איבער דעם גאַנצען עולם איז דורכגעלאָפען אַ ציטער און באַלד איז שטיל געוואָרען, ווי אין אַ קבר.

דער רב האָט אָנגעהויבען ריידען לאַנגזאַם און אויסדריק-ליך, אָבטיילענדיג איין וואָרט פונ׳ם צווייטען.

—מיט דער קראַפט און מאַכט פון דער וועלט, אין נאָ-מען פון אונזער הייליגען געזעץ און תרי״ג מצוות, וואָס געפי-נען זיך אין דעמדאָזיגען געזעץ, דורכ׳ן חרם, מיט וועלכען יהושע-בן-נון האָט פערשאָלטען די שטאָדט יריחו, מיט דער קללה, וואָס אלישע האָט פערשאָלטען די יונגלעך, וועלכע האָ-בען איהם פערפאָלגט, מיט׳ן פלוך פון סנהדרין, מיט די אַלע חרמ׳ס, קללות און חרומות, רדיפות און אונטערדריקונגען, וואָס ציהען זיך פון משה-רבינו ביז צום היינטיגען טאָג,—אין נאָמען פון בורא, דעם שעפער פון דער וועלט, אין נאָמען פון מטטרון,

דעם בעשיצער און בעשירמער פֿון ישראל, אין נאָמען פֿון סנדלפֿון המלאך, וואָס פֿון מענשליכע תּפֿילות פֿלעכט ער קרענץ פֿאַר׳ן כּיסא־הכּבוד, אין נאָמען פֿון מיכאל המלאך, וואָס איז דער שר פֿון די הימעל־סודות, אין נאָמען פֿון די מלאכים פֿון פֿייער, שטורמווינדען, בליצען, אין נאָמען פֿון אַלע מלאכים, וואָס בעוועגען די גלגלים אין הימעל, אין נאָמען פֿון סנה־פֿייער, אין נאָמען פֿון משה׳ס שלאָגען דעם ים־סוף, אין נאָמען פֿון אונזערע הייליגע לוחות... מאַכען מיר אַ תּל, ברענגען־אום, פֿערטרייבען, פֿער׳מאוס׳ען און זענען מחרים דעם חצוף און עזות־פּנים מאיר יעזעפֿאָוויטשעס, דעם זוהן פֿון בנימין...

אויף אַ מינוט האָט ער זיך צוגעשטעלט און מיט אַ שנע־לער בעוועגונג אויפגעהויבען די הענד איבער׳ן קאָפּ. נאָכדעם האָט ער אין אַ טויטער שטילקייט, אין וועלכער עס האָט זיך געהערט דאָס פֿליהען פֿון אַ פֿליג, גענומען ריידען שנעלער און שנעלער, זינגענדיגער און בעגייסטערטער:

—פֿערשאָלטען זאָל ער ווערען דורך גאָט! פֿערשאָלטען זאָל ער ווערען דורכ׳ן מעכטיגען און שטאַרקען גאָט, וואָס מענשען האָבען מורא אַרויסצוברענגען זיין נאָמען אום יום־כּפּור! פֿערשאָלטען זאָל ער ווערען דורך אַלע מלאכים! פֿער־שאָלטען זאָל ער ווערען דורך אַלע צדיקים! פֿערשאָלטען זאָל ער ווערען דורך אַלע כּוחות אויף דער ערד און אויפ׳ן הי־מעל! רבונו־של־עולם, מאַך אַ תּל פֿון איהם! זאָל אַרויספֿאַלען אַ דונער אויף זיין קאָפּ! זאָל דער שטן איהם געהן אַנטקעגען! זאָל איהם אַ געיאָמער און אַ זיפֿצען אַרומרינגלען אומעטום, וואו־הין ער וועט קומען! זאָל ער זיך אַליין אַריינלאָזען אַ מעסער אין האַרצען! זאָלען אַלע וועגען זיין געפֿעהרליך פֿאַר איהם און אויסער יאוש, פּיין און נויט זאָל ער גאָרנישט זעהן! זאָל איהם שטענדיג בעגלייטען אַנ׳אומגליק און זאָל ער מיט די אייגענע אויגען צוזעהן גאָטס פּיילען, וואָס טרעפֿען איהם סאַמע אין האַרץ אַריין! זאָלען גאָטס צאָרן און נקמה פֿאַלען אויף איהם! זאָלען זיי זיך איינפֿרעסען אין איהם פֿון קאָפּ ביז די פֿיס! זאָל ער בעדעקט ווערען מיט די אַלע קללות, ווי מיט אַ מאַנ־

טעל און פערשוואונדען פון דער ערד זאָל ער ווערען און זיין נאָמען זאָל אָבגעמעקט ווערען פון אונטער'ן הימעל!

ר' יצחק טודרוס האָט אָבגעצויגען דעם אָטעם. דאָס פּנים האָט איהם געברענט און זיינע הענד האָבען געמאַכט מאָדנע בעוועגונגען איבער'ן קאָפּ.

—און פון איצט אָן,—האָט ער ווייטער געזאָגט,—ווען די שרעקליכע קללה איז שוין געפאַלען אויף זיין קאָפּ, זאָל ער זיך נישט דערוועגען איבערצוטרעטען די שוועל פון אַ יודיש הויז. נעהנטער פון ד' אַמות טאָר ער נישט צוקומען צו אַ יודיש הויז און קיין איין יוד טאָר זיך נישט דערנעהנטערן צו איהם וועניגער פון ד' אַמות. קיין שום יוד טאָר איהם נישט געבען נישט קיין ברויט, נישט קיין פייער, נישט קיין וואַסער, כּאָטש ער זאָל זעהן, ווי ער פאַלט-אַנידער, ווי ער ליגט צו-נויפגעדרעהט אין גוסס'עט פון נא-ונד-זיין, פון הונגער, חולאת'ן און נויט! פערקעהרט, יעדער, וואָס בעגעגענט איהם, בעדאַרף איהם שפּייען אין פּנים, וואַרפען שטיינער איהם אונטער די פיס, אַז ער זאָל זיך אויסגליטשען און אומפאַלען! זיין גאַנץ האָב-און-גוטס, אַלץ, וואָס ער האָט בעקומען בירושה, בעדאַרף אי-בערגעענטפערט ווערען צו קהל פאַר קראַנקע און אָרימע!

דער חרם בעדאַרף פערקלינגען אין אַלע שטעדט און ישובים פון איין עק וועלט ביז'ן צווייטען."

„און אַזוי זאָל עס זיין! און איהר אַלע, וואָס איהר זענט טריי אייער גאָט און זיינע געזעצען, זאָלט לעבען אין שלום ושלוה!"

דער רב האָט געענדיגט.

אין דער אייגענער רגע זענען די אַלע ליכט אויסגעלאָשען געוואָרען דורך דער הילף פון עפּיס אַ מעכאַניזם און אין די אַלע פיר ווינקלען פון בית-המדרש האָט געגומען דונערן און אין די קוימענס האָט געוואָיעט... אינ'ם געיאָמער פון די קוימענס און אין די דונערן פון די ווינקלען האָט אויסגעבראָכען אַ שרעקליך געוויין, אַ מורא'דיג זיפצען, שלוכצען און שריי-ען. דער סאַמע שטאַרקסטער געשריי איז געגאַנגען פון פאָרהויז.

דאָרט איז געווען אַ גרויסע גערדרענגעניש: מען האָט עמיצען אַרויסגעשטויסען און צוריקגערופען. מאיר איז פערשוואונדען געוואָרען פון דער שוועל פון בית-המדרש.

צווישען די בענק, נעבען אָרון-הקודש האָבען עטליכע על-טערע ידען צוריסען די קליידער אויף זיך און צוגעפאַלען מיט'ן פנים צו דער ערד...

—די שטאַרקע יעזעפאָוויטשעס ליגען אין שטויב!—האָט עמיץ אַ זאָג געטהאָן און אָנגעוויזען אויף זיי.

אין דער ווייבערשוהל, אין דער-הויך, האָבען ווייבער גע-יאָמערט מיט קוויטשיגע קולות.

דער רב האָט אויסגעווישט דעם שווייס, וואָס איז גע-שטאַנען טראָפּענסווייז אויף זיין שטערען, מיט אַ צוריסענעם אַר-בעל פון זיין קאַפּאָטע. ער האָט שווער געאָטעמט, די ליפּען האָבען איהם געציטערט און געקוקט האָט ער אויפ'ן חזן. ער איז נאָך נישט אַרויס פון זיין חרם-עקסטאַז, און געקוקט האָט ער אויפ'ן חזן דערפאַר, ווייל לויט'ן מנהג האָבען איצט בעדאַרפט קומען יענע תפילות, וואו דאָס פאָלק ווערט געלויבט און גע-בענשט. איצט האָט דער רב געוואַרט אויף דידאָזיגע תפילות. פאַרוואָס אָבער שווייגט דער חזן אַזוי לאַנג?

אליעזר איז געשטאַנען מיט'ן פנים צום עמוד. בשעת דער רב האָט דורכגעפיהרט דעם חרם, האָבען ביים חזן געציטערט די אַקסלען אונטער'ן טלית. דערנאָך איז דער חזן געבליבען שטעהן אונבעוועגליך און האָט געקוקט אַרויף אין איין פּינטעל אַריין. צולעצט האָט ער אויפגעהויבען די הענד, ווי צו אַ תפילה און דער עולם איז אַנטשוויגען געוואָרען. עס האָט אויך אויפ-געהערט צו דונערן און צו יאָמערן אין די קוימענס. פון דאָס-ניי האָט מען אָנגעצונדען די ליכט אין די לייכטער און איבער דער שוהל האָט זיך געגאָסען דעם חזנ'ס זילבערנע שטים און עס האָבען זיך דערהערט פּייערליכע ווערטער, אָנגעזאַפּט מיט איינגעהאַלטענע טרעהרען, וואָס זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרען מיט אַ געוואַלטיגער קראַפט:

—דער, וואָס האָט געבענשט אונזערע אָבות: אַברהם, יצחק,

יעקב, משה, אהרן, דוד, די נביאים פון ישראל, זאָל אַראָבשי-קען זיין חסד און זיין ברכה אויף יענעם מענשען, וואָס איז בעשטראָפט געוואָרען מיט'ן חרם! זאָל איהם גאָט בעשירמען פון אַלע אומגליקען, זאָל ער איהם פערלענגערן די שעה'ן און יאָה-רען פון זיין לעבען און זאָל ער בענשען די מעשים פון זיינע הענד און בעפרייען זאָל ער איהם פון פיין און חושך און קייטען צוזאַמען מיט זיינע אַלע ברידער פון ישראל! אַזוי זאָל זיין זיין רצון! זאָגט: אמן!

ער איז אַנטשוויגען געוואָרען. ביי אַ מינוט איז דער עולם געשטאַנען און געגאַפט אין גרויס שטילקייט. נאָכדעם האָבען עטליכע הונדערט שטימען אויסגעשריען:

-אמן!

—אמן!—האָבען אויסגעשריען די יעזעפּאָוויטשעס, וואָס האָבען זיך אויפגעהויבען פון דער ערד, אויף וועלכען זיי זע-נען פריהער אַנידערגעפאַלען, און האָבען אַראָבגעטרויסעלט פון זיך דעם שטויב.

—אמן!—האָט אויסגעשריען אַ הייפלע קבצנים, וואָס האָבען אויפגעהויבען איבער די קעפּ זייערע פערמאַזאָליעטע הענד.

—אמן!—האָבען זיך די וייבער צוכליפעט אין דער וויי-בערשוהל.

—אָמן!—האָבען, צולעצט, איבערגע'חזר'ט דעם חזנ'ס משוררים.

דער חזן האָט זיך אויסגעגלייכט, בעטראַכט דעם עולם מיט פער'חדוש'טע אויגען און אַ געשריי געטהאָן:

—וואָס איז דאָס אַזוינס? וואָס איז געשעהן?

דעמאָלט האָט אליעזר אָבגעקעהרט דעם קאָפּ צום רב און צום עולם. דער טלית איז איהם אַראָבגעפאַלען פון קאָפּ אויף די אַקסלען. ער האָט געהאַט אַ רויט פנים און די בלויע אויגען האָבען געברענט פון גרימצאָרן. ער האָט אויפגעהויבען די הענד און הויך אויסגערופען:

—רבי! אונזערע הערצער און אויערן ווילען מעהר נישט הערען דידאָזיגע קללות!

דידאָזיגע ווערטער האָבען געדינט פאַר אַ מין סיגנאַל.

באַלד ווי אליעזר האָט זיי נאָר אַרויסגעזאָגט, האָבען איהם אַרומגערינגעלט אַ צעהן יונגעלייט און יונגלעך. צווישען זיי האָבען זיך געפונען מאיר׳ס חברים, אָבער עס זענען אויך געווען אַזוינע, וואָס האָבען איהם ווייניג בעקאַנט און וואָס נאָך גאָרנישט לאַנג האָבען זיי זיך גע׳חדוש׳ט אויף זיינע מעשים און עקשנות.

—רבי!—האָבען זיי אויסגעשריען.—מיר ווילען מעהר נישט הערען דידאָזיגע קללות!

—רבי!—דיינע קללות האָבען דעוועקט אין אונז ליבע צום פערשאָלטענעם!

—רבי! דו האָסט אַריינגעלעגט אין חרם אַ מענשען, וואָס איז געווען גוט צו גאָט און צו לייטען!

ר׳ טודרוס האָט זיך שטאַרק אָנגעשטרענגט און איז לסוף אַרויס פון יענער פערגליווערונג, אין וועלכער ער האָט זיך אַ ווײַלע געפונען.

—וואָס ווילט איהר?—האָט ער אויסגערופען.—וואָס רעדט איהר?—וואָס איז דאָס אַזוינס? דער שטן האָט אייך אויך אַראָבגעפיהרט פון דרך-הישר!..

דאָ האָט זיך שוין אָנגערופען איינער אַ סאָלידער מאַן, וואָס האָט גאָרנישט געהערט צו די יונגעלייט:

—רבי! ווייסטו דען נישט, אַז אַמאָל איז דער סנהדרין געשטאַנען פאַר אַ גרויסער פראַגע: ווער זאָל אָנגענומען ווערען פאַר אַ לעהרער—שמאי, צי הלל? האָט זיך דעמאָלט דערהערט אַ בת-קול, וואָס האָט געזאָגט: איהר זאָלט פאָלגען הלל׳ן, ווייל אין זיינע ווערטער איז פאַרהאַן גוטסקייט און רחמנות!

אַלע האָבען אויפגעהויבען די קעפּ: מען האָט געוואָלט זעהן דעמיעניגען, וואָס האָט עס געזאָגט: דאָס איז געווען רפאל, מאיר׳ס פעטער.

אין דער אייגענער רגע האָט זיך אַדורכגעשטויסען בער, וואָס האָט זיך אַנידערגעשטעלט צווישען די יונגעלייט און געזאָגט:

—רבי! צי האָסטו אויסגעצעהלט די אַלע, וואָס זענען

אומגעקומען דורך דיין שטרענגקייט, דורך דיין בייז וואָרט...

—רבי!—האָט עמיץ אויסגעשריען מיט אַ דין קול׳כעל, כּמעט נאָך גאָר אַ קינד.—צי ווייסטו און די אַלע, וואָס שטע-הען הינטער דיר, נאָך לאַנג אונז אַוועקשטויסען פון יענע פייערן, וואָס אָהן זייער ליכט ווערט דאָס האַרץ אויסגעטריקענט פון אומעט און די הענד לאָזען זיך אַראָב פון אַנגסט...

אַ צווייטער האָט ווידער געזאָגט:

—רבי! יענע קללה, וואָס דו האָסט אַרויפגעוואָרפען אויף זיין קאָפּ, איז שרעקליכער פונ׳ם טויט, ווייל ער וועט אַרומ-געהן אַ טויטער צווישען לעבעדיגע.

—שוין-זשע שטעהט נישט געשריבען ביי אונזער סנהדרין: דער משפט, וואָס פער׳משפט צום טויט איין מאָל אין זיבעציג יאָהר, איז אַ משפט פון רוצחים!

—ווער עס זייהט האַס, דער שניידט צער!

די יונגעלייט האָבען איינער נאָכ׳ן צווייטען געשריען, זיך געקאָכט און געצאַפּעלט און זיך בשום-אופן נישט געקאָנט בע-רוהיגען.

ר׳ יצחק טודרוס האָט גאָרנישט געענטפערט: ער איז ממש פערשטיינערט געוואָרען. ער איז געשטאַנען מיט אַנ׳אָפּענעם מויל, מיט ברייט-אָפענע אויגען און איז געווען עהנליך צו אַ מענשען, וואָס פערשטעהט נישט, וואָס אַרום איהם קומט-פאָר. פּלוצלונג איז פון ערגעץ אַרויסגעשפּרונגען דער מלמד און זיך אַוועקגעשטעלט געגען די יונגעלייט. ער האָט געציטערט און געברענט, די הענד האָט ער אונרוהיג אויסגעצויגען אין דער ריכטונג צום רב און האָט גענומען שרייען:

וועה! וועה! וועה צו די עזות-פּנים׳ער, וואָס בויגען נישט אַראָב דעם קאָפּ פאַר דעם גרויסען צדיק!

אליעזר האָט געענטפערט:

—עס שטעהט נישט קיין וואַנד צווישען אונז און גאָט! מיר אַלע זענען גלייכע קינדער פאַר גאָט, פאַר׳ן רבונו-של-עולם, און קיינער האָט נישט דאָס רעכט צו שמידען אין קיי-טען אונזער שׂכל!

—צווישען יודען זענען נישטאָ קיין העכערע און קלענערע!

ר׳ יצחק טודרוס האָט מיט אַ לאַנגזאַמער בעוועגונג אַ פּ״הר געטהאָן איבער׳ן פּנים, ווי אַ מענש, וואָס סטאַרעט זיך אַראָבצעווישען פון זיך דעם שלאָף. נאָכדעם האָט ער שווער אָב-געזיפצט.

—אין-סוף!—האָט ער אַרויסגעזאָגט דורך אַ שווערען שלע-פעריגען שעפּטשען.

דער מלמד האָט געציטערט אויפ׳ן גאַנצען לייב. האַסטיג האָט ער זיך אַ ריס געטהאָן צו די פערזאַמעלטע און האָט גע-נומען רופען דעם עולם, צו פערטיידיגען דעם גרויסען צדיק, וואָס איז דאָ בעליידיגט געוואָרען. אָבער וואָס מעהר און שאַר-פער ער האָט גערעדט, אַלץ ערגער האָט ער געווירקט אויפ׳ן עולם. קיינער האָט זיך נישט בעוועגט. די נגידים און די קהל׳ס-לייט זענען געזעסען אויף וייערע בענקלעך, מיט אַראָב-געלאָזטע קעפּ און פערדעקטע פּנים׳ער, פערזונקען אין טיפע מחשבות און דער איבעריגער עולם איז געשטאַנען אונבעוועגליך, ווי אַ וואַנד און געשוויגען, ווי אַ קבר.

מאַנכע יודען, וואָס זענען געשטאַנען בעזונדער, האָבען זיך אַריינגעכאַפּט אין המון, זיך אַזוי ווי פערבאָרגען אין איהם. ווער האָט געקאָנט פערשטעהן די מחשבות פון איין גרופּע! דאָס שווייגען פון דער צווייטער און דאָס פערבאָרגען זיך פון דער דרי-טער גרופּע ווער האָט געקאָנט אַריינדרינגען אינ׳ם ציטער און קווענקלעניש פון המון, פון דערדאָזיגער סטיכיע, צו וועלכער מען האָט געקאָנט צופּאַסען אין אַ פּערענדערטער פאָרם די ווערטער פונ׳ם דיכטער: „דאָס איז אַ פּאַליע, אַ נישט-זיכערע, נאָר פאָרט אין גרונד אַ זיכערע!״

דער מלמד האָט, צולעצט, פערשטאַנען, אַז זיינע ווערטער מאַכען קיין שום רושם נישט. איז ער אַנטשוויגען געוואָרען, אָבער טיף אין האַרצען האָט ער זיך געוואַלטיג גע׳חדוש׳ט, פאַרוואָס מען הערט איהם נישט?

און ער האָט עס בשום-אופן נישט געקאָנט פערשטעהן.

אָבער אין דעם רב׳ס מחשבות איז אַריינגעפאַלען אַ בליץ

אמת. ער האָט געהערט עפּיס אַ שטים, וואָס האָט איהם איינגערוימט אין אויער, אַז איבער דידאָזיגע קעפּ, וואָס זייער חוצפה און העזה האָבען איהם אַריינגעוואָרפען ממש אין אַ פערגליווערונג, איז אַדורכגעלאָפען און בעריהרט זיי מיט די פליגלען דער מלאך פון דער צייט,—און אָט די צייט איז איהם אונבעקאַנט און פרעמד. דאָס איז אַ צייט פון מרידות און קאַמף, וואָס שטויסט אַוועק אַלע מניעות אויפ׳ן וועג צום אמת. און נאָך אַ שעפּטשען האָט ער געהערט און ווידער האָט ער פערשטאַנען, פאַרוואָס דער המון האָט געשוויגען און זיך נישט אָנגענומען פאַר איהם און נישט געשלאָגען די מורדים: יאָ, דאָס איז דער שר פון דער צייט אַדורכגעגאַנגען צוזאַמען מיט שטורם און קאַמף און האָט פונאַנדערגעטראָגען איבער דער וועלט רחמנות און מחילה און די אַלע קללות, חרמות און האַס האָט ער פערברענט מיט זיין פלאַם-פייער.

דאָס אַליין האָט ר׳ יצחק טודרוס געשפּירט נישט דייטליך, ווי דורך אַ נעבעל, אָבער דאָס איז געוועזען גענוג, אַז זיין האַרץ זאָל פערגליווערט ווערען פון אימה.

—דאָס איז אַ בת-קול!—האָט ער אַ טראַכט געטהאָן.

דאָס אונטערשעפּטשען פון זיינע אייגענע נעבעלהאַפטע און צעוואָרפענע מחשבות האָט ער אָנגענומען פאַר אַ בת-קול, וואָס יעדער נביא האָט איהם אין די סאַמע קריטישע צייטען געהערט.

—אַ בת-קול!—האָט ער איבערגע׳חזר׳ט מיט ציטערדיגע ליפּען און איז בלאַס געוואָרען.

דער עולם איז ביסלעכווייז אַרויס פון בית-המדרש. שווייגענדיג און פערטראַכט איז מען געגאַנגען, פּונקט ווי ביי אַלעמען וואָלטען זיך אויף אַ רגע אַ וואַקעל געטהאָן די אייביגע זיילען פון דער אמונה...

אַלע, אַלע זענען שוין אַוועק. רייך און אָרים זענען אַרויס און בלויז פון צייט צו צייט האָבען זיך דערהערט די איילינע טריט פון אַ פערשפּעטיגטער פרוי, וואָס איז געגאַנגען פון דער ווייבערשוהל...

***

מאיר האָט זיך איצט דערנעהנט צו זיין הויז מיט גרויס אימה, ווי אַמאָל ר׳ עקיבא, וואָס האָט זיך אומגעקעהרט אַהיים פון זיין ווייטער נסיעה אין אַ העלער לבנה-נאַכט, און דאָס האַרץ האָט איהם געצאַפּעלט פון פחד.

מאיר האָט געוואוסט, אַז ער וועט אַוועק פון דאַנען, אַז ער וועט מוזען פיהרען אַ לעבען פון אַ נע-ונד׳ניק, אין נויט און אַנגסט, דערפאַר אָבער וועט ער געהן צו זיין הויכען ציל, צי וועלכען ער האָט שוין לאַנג געשטרעבט.

איצט האָט ער נאָר געוואָלט זיך געזעגענען מיט זיין הויז, וואו עס איז געשטאַנען זיין וויג, אַ קוק טהאָן אויף איהם צום לעצטען מאָל און אַוועקגעהן.

אָבער אין איין פענסטער פונ׳ם הויז האָט נאָך געציטערט אַ פייערל. מאיר האָט זיך אָבגעשטעלט און אַ קוק געטהאָן. דורך די שויבען האָט זיך דייטליך געצייכענט די שווערע און אונבעוועגליכע געשטאַלט פון דער עלטערבאָבע פריידע, וואָס האָט געדרעמעלט אין אַ טיפען פאָטעל.

מאיר איז לאַנגזאַם אַרויף אויפ׳ן הויכען גאַניק און האָט אָנגעריהרט דאָס הענדטעל פון דער טיר. די טיר איז גראָד, נישט ווי אַלעמאָל, געווען אָפען. ער איז אַדורכגעגאַנגען דעם שמאָלען קאָרידאָר און געבליבען שטעהן פאַר דער אָפענער טיר פון גאַסטצימער.

אין שטוב איז געווען טויט-שטיל. שוין-זשע האָבען שוין אַלע געשלאָפען? דאָס איז געווען אונגלויבליך. אָבער קיין איין שאָרך טאָר הייגט נישט שטערען דאָס געזעגענען זיך פון דעם אוראייניקעל מיט זיין עלטערבאָבען. מאיר האָט זיך אַראָב-

נעלאָזט אויף די קניה פאר דערדאָזיגער שלאָפעדיגער געשטאַלט און האָט אָנגעשפאַרט זיין קאָפּ אויף איהרע קניה. דאָס לעצטע מאָל האָט ער איצט אָבגערוהט אונטער דעמדאָזיגען אָבדאַך.

—באָבע!—האָט ער געמורמעלט.—מיין גוטע באָבע!

פריידע איז געשלאָפען שטיל, ווי אַ קינד.

און מאיר האָט ווייטער געשעפטשעט:

—איך וועל דיך שוין מעהר קיינמאָל נישט זעהן... קיינמאָל...

ער האָט צוגעפרעסט זיינע ליפּען צו איהרע קליינינטשיקע הענד, וואָס האָבען איהם אַזויפיל מאָל געצערטעלט און געוויגט און נאָכדעם בעשיצט פון אַלץ און פון אַלעם און נאָכדעם איהם איבערגעגעבען דעם אוצר, וואָס איז געוועזען זיין ישועה און זיין ירידה, זיין לעבען און זיין טויט.

פריידעס קאָפּ האָט זיך עטוואָס בעוועגט. איהרע ברילליאַנטענע אוירינגלעך האָבען זיך אָנגעקלאַפּט אָן די פּערל און געשאָטען ברילליאַנטען-פונקען אינ׳ם שיין פון דער לבנה.

—קינד-לעבען!—האָט זי אַ שעפּטשע געטהאָן.

די אויגען האָט זי נישט געעפענט, אָבער זי האָט אַ שמייכעל געטהאָן און איז פון דאָסניי אַנטדרעמעלט געוואָרען.

מאיר האָט זיך פערטראַכט, אָנגעשפאַרט דעם קאָפּ אויף דער באָבעס קניה, האָט ער זיך אין געדאַנק געזעגענט מיט אַלץ און מיט אַלעם... צולעצט האָט ער זיך אויפגעהויבען און לאַנגזאַם אַרויס פון צימער. אינ׳ם פינסטערן קאָרידאָר האָט ער מיט אַמאָל דערשפירט, ווי עמיץ האָט איהם אַרומגעכאַפּט מיט שטאַרקע הענד און אַריינגעלעגט אין קעשענע אַריין עפּיס אַ שווערע זאַך.

—מאיר, איך בין דאָס, איך, בער! דיין זיידע האָט געזוכט אין דער משפחה א דרייסטען מענשען, וואָס זאָל דיר קענען איבערגעבען אַ ביסעל געלד אויפ׳ן יועג. אַלע אין שטוב האָבען רחמנות אויף דיר... די ווייבער וויינען אין די בעטען... די פעטערס זענען בייז אויפ׳ן רב און אויף די קהלס׳-לייט... דיין זיידע איז שיער נישט געשטאָרבען פון אַנגסט... אָבער

קיינער וויל דיך נישט זעהן... אַזוי איז שוין דער מנהג ביי אונז... אָבער דו, מאיר, זיי זיך נישט מצער!.. איך בין דיך מקנא! דו האָסט זיך נישט געשראָקען, ווי איך, און וועסט ווערען אַ מענש... היינט האָבען זיך דיינע חברים אָנגענומען פאַר דיר און דער המון האָט זיך נישט אָנגענומען פאַר׳ן רב... דאָס איז אַן אָנהויב, אָבער דער סוף איז נאָך ווייט. ווען דו זאָלסט זיך מאָרגען בעווייזען פאַר דער היגער בעפעלקערונג, וואָלטען זיי ווידער אָנגעצונדען געוואָרען פון גרימצאָרן. טאָ געה-זשע דיר! געה דיר אין דער גרויסער וועלט אַריין! דו ביזט יונג און דרייסט און דו האָסט אַ גרויס לעבען פאַר זיך. ווען-עס-איז וועסטו זיך אומקעהרען צו אונז און וועסט אַריינטראָגען ליכט אין דער היגער פינסטערניש. מיר האָבען דאָ אַ סך בריליאַנטען, מען בעדאַרף אָבער אַראָבנעהמען פון זיי דאָס פסולת. אין דער גרויסער וועלט וועסטו ווערען אַ געלעהרטער און אַ שטאַרקער מאַן מיט אַ גרויסער דעה, און אַלע וועלען זיך צוהערען צו דיר.

זיי האָבען זיך אַרומגענומען. בער איז פערשוואונדען געוואָרען הינטער דער טיר, וואָס האָט זיך תיכף צוגעמאַכט. אין שטוב האָט זיך קיינער נישט בעוועגט. עס האָט זיך געדאַכט, אַז, די שווייגענדיגע ווענד ריידען צו מאיר׳ן:

—געה-אַוועק פון דאַנען! געה אַוועק!

און ער איז אַוועקגעגאַנגען! דרויסען האָט שוין געטאָגט. דאָס שטעדטעל האָט נאָך געשלאָפען, פערזונקען אין אַ גרויען פאַרטאָג פון הערבסט. מאיר איז געגאַנגען פאָראויס מיט זיכערע און שנעל׳ע טריט.

מאיר האָט זעהר געאיילט, אָבער ער האָט נאָך געוואָלט זיך געזעגענען מיט יענער, וואָס האָט איהם צוגעזאָגט צו זיין אַ טרייע רחל. ער האָט אויך געוואָלט נעהמען ביי איהר די צואָה.

די טיר און פענסטער פון דער קאַראַאימישער כאַטקע זענען געווען אָפען.

—גאָלדע!—האָט ער שטיל געזאָגט.—גאָלדע!

קיינער האָט זיך נישט אָבגערופען.

נאָכאַמאָל האָט ער זי אַרוף געטהאָן. אין כאַטקע איז געוועזן שטיל, ווי אין אַ קבר.

לאַנגזאַם איז ער צוגעגאַנגען צו יענעם אָרט, וואו דער אַלטער קאַראַאים איז געוועהנליך געזעסען. אָבער קיינער איז נישט געווען.

מאיר האָט זיך דערשראָקען. ער האָט זיך נישט געקאָנט דערקלערן די סבה, פאַרוואָס איז קיינער נישטאָ אין שטוב.

ער האָט אַ קוק געטהאָן אופ'ן בערגעל און אויף די פעל-דער און דאָסמאָל האָט ער שוין הויך אויסגעשריען:

—גאָלדע!

פון דערנאָהנט האָט זיך דערהערט עפיס אַ שאָרך. דער-דאָזיגער שאָרך האָט זיך דערטראָגען פון אַ קוסט, וואָס איז גע-שטאַנען נישט ווייט פון דער כאַטקע. פון די פערפלאָנטערטע צווייגען האָט זיך אויפגעהויבען לייבעלע, אינגאַנצען בעדעקט מיט טוי און מיט קלעפּיגע אויגען פון שלאָפען.

מאיר איז באַלד צוגעגאַנגען צו איהם. דאָס קינד איז ווי-עס-איז אַרויסגעקראָכען פונ'ם קוסט און האָט באַלד אַריינגערוקט אַ הענדטעל אין זיין קאַפּאָטקעלע.

—וואו איז גאָלדע?—האָט מאיר געפרעגט.

לייבעלע האָט נישט געענטפערט. אין אַ רגע אַרום האָט ער איהם דערלאַנגט אַ געלב פּאַפּיר-פּעקעלע.

מאיר האָט זיך איונגעבויגט צום יונגעל.

—ווער האָט עס דיר געגעבען?—האָט ער שנעל אַ פרעג געטהאָן.

—זי!—האָט לייבעלע געענטפערט און אָנגעוויזען אויף דער כאַטע.

—און ווען האָט זי דיר דאָס געגעבען? און צוליב וואָס?

דאָס יונגעל האָט געענטפערט:

—מענשען זענען געגאַנגען... איז זי אַרויסגעלאָפען פון שטוב... האָט מי, אויפגעוועקט... אַריינגעלעגט עס מיר אין דער קאַפּאָטקע אַריין... און געזאָגט: זאָלסט עס אָוועקגעבען מאיר'ן,

ווען ער וועט קומען אַהער...

מאיר האָט אָנגעהויבען ציטערן אויפ'ן גאַנצען לייב.

—און דערנאָך?—האָט ער געפרעגט.—דערנאָך?

—דערנאָך האָט זי מיך פערבעהאַלטען אין דעמדאָזיגען קוסט און איז אַריינגעלאָפען אין שטוב...

—און אַ סך מענשען זענען געווען?

—צוויי... דריי... צעהן... איך ווייס נישט..

—אָבער וואָס האָבען דידאָזיגע מענשען געטהאָן?

דידאָזיגע מענשען זענען געקומען און געשריען אויף איהר, אַז זי זאָל זיי אָוועקגעבען די פּאַפּירען... און לאַנג האָבען זיי געשריען... אָבער זי האָט געשריען, אַז זי וועט נישט געבען!.. נישט געבען!.. נישט געבען!.. און די ציג איז אין פאָרהויז אומגעלאָפען און אַזוי געמעקעט... אומגעלאָפען און געמע-קעט...

מאיר, וואָס האָט אַלץ מעהר און מעהר געציטערט, האָט צערטליך אַרויפגעלעגט זיין האַנד אויף דעם יונגעלס קאָפּ און געפרעגט:

—און וואָס איז נאָכדעם געווען? שפּעטער?

—נאָכדעם האָט זי גענומען איהר וועב-שטוהל אין דער האַנד אַריין און האָט זיך אַנידערגעשטעלט נעבען זיידען... איך האָב עס געזעהן פון וויטען... זי איז געווען ווייס און דאָס וועב-שטוהל ווייס, אָבער די מענשען זענען געווען שוואַרץ... און צווישען זיי איז אַרומגעלאָפען די ציג און געשריען, גע-מעקעט...

—און דערנאָך? און דערנאָך?

ביי דעם יונגעל זענען אָנגעלאָפען טרעהרען אויף די אויגען.

—דערנאָך האָב איך שוין נישט געוואָלט קוקען מעהר... איך האָב מיך בעהאַלטען אין קוסט און געציטערט מיט אַלע אברים... אין הייזעל איז געוואָרען אַזאַ קלאַפּעריי... אַזאַ גע-פּילדער און אַזאַ זיפצען און אָכצען... נאָכדעם זענען אַלע אַ-וועק... און זי האָט מען אָוועקגעטראָגען... און דעם זיידען האָט

מען אַוועקגעטראָגען... און די ציג איז אַוועקגעלאָפען צום באַרג און איך ווייס נישט, וואו זי איז...

מאיר האָט זיך אויסגעגלייכט און מיט טויטע אויגען אַ קוק געטהאָן אויפ'ן הימעל: ער האָט שוין אַלץ געוואוסט...

די זון איז שוין אויפגעגאַנגען. ווי פערענדערט האָט זיך איצט מאיר'ס געזיכט, בעלויכטען פון דער זון! זיין שטערען מיט'ן רויטען שניט איז בעדעקט געוואָרען מיט אַ נעץ פון קניי-טשעלעך, פונקט ווי פאַר דערדאָזיגער נאַכט און פאַר דעמדאָזי-גען פריהמאָרגען האָבען זיך לאַנגע שווערע יאָהרען אַדורכגע-טראָגען איבער איהם. זיינע אויגען האָבען מרה-שחורה'דיג גע-ברענט און די הענד זענען מאַכטלאָז אַראָבגעהאַנגען...

אַ לענגערע צייט איז ער אַזוי געשטאַנען, און עס איז געווען קענטיג, אַז מיט זיין דמיון און זכרון הערט ער איצט יענע שטים, וואָס איז אַנטשוויגען געוואָרען אויף אייביג.

פלוצלונג האָט ער דערשפירט, ווי עפּיס אַ שוואַכע האַנד האָט איהם אַ ציה געטהאָן פאַר'ן בגד און גלייכצייטיג האָט ער דערהערט אַ שוואַכען קול:

—גוטער מאיר...

נעבען איהם איז געשטאַנען לייבעלע און האָט מיט גרוי-סע שוואַרצע אומעטיגע אויגען געקוקט איהם אין פּנים אַריין. אין דער האַנד האָט ער געהאַלטען דאָס געלבע פּאַפּיר-פּע-קעלע...

דערזעהן דאָסדאָזיגע פּעקעלע, האָט ער זיך אַזוי פון שלאָף אויפגעכאַפּט, איז געקומען צו זיך און האָט באַלד פערשטאַ-נען, אַז ער בעדאַרף ערגעץ געהן, צו אַ ציל, וואָס איז איהם אונגעהויער טייער, נאָך טייערער פון לעבען.

ער האָט אַ פיהר געטהאָן מיטביידע הענד איבער'ן שטע-רען, נאָכדעם האָט ער צוגענומען ביים יונגעל דעם סעניאָרס מאַנוסקריפּט... אַז ער האָט איהם דערשפירט אין דער האַנד, האָט ער אויפגעהויבען דעם קאָפּ און די אויגען האָבען ווידער געגומען לייכטען מיט מוט און ווילענסקראַפט...

ער האָט געקוקט אויפ'ן שטעדטעל, וואָס איז אויפגעוואַכט

געוואָרען פון שלאָף און האָט לאַנג עפּיס גערעדט, אָבער גיכער מיט דער מחשבה, איידער מיט ווערטער. ער האָט גערעדט וועגען דעם גורל פון יודען, וועגען זייער אַמאָליגער גרויסקייט און היינטיגער ירידה און וועגען דעם, אַז ער וועט קיינמאָל נישט אויפהערען צו זיין אַ יוד.

—ווען-עס-איז... אַמאָל... אַמאָל...—האָט ער געחזר׳ט, טראַכטענדיג פון זיין ווייטער צוקונפט. ער האָט נישט אַראָבגענומען די אויגען פון דערדאָזיגער כּאַטע, פונקט ווי ער וואָלט זיך אין געדאַנק הייס צוזעגענט מיט דעם ערשטען ריינעם און קורצען גליק פון זיין ליבע, וואָס איז אַזוי שרעקליך איבערגעהאַקט געוואָרען.

נאָכדעם האָט ער זיך לאַנגזאַם אויפגעהויבען אויפ׳ן באַרג.

דאָס יונגעל, איז בּיי אַ מינוט געשטאַנען אונבּעוועגליך נעבען דער טיר פון הייזעל און האָט געקוקט אויף דעם אַוועקגעהענדיגען. נאָכדעם זענען זיינע גרויסע אויגען אָנגעפילט געוואָרען מיט טרעהרען און ער האָט זיך הויך, אויפ׳ן קול צעוויינט. אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער זיך האַסטיג אַוועקגעלאָזט נאָך מאיר׳ן, אָבער אַז ער האָט איהם דעריאָגט, האָט ער אַריינגעלעגט די הענד אין די אַרבּעל און געגומען געהן לאַנגזאַם, ווי מאיר.

אַזוי זענען איינער נאָכ׳ן צווייטען—דער פערשאָלטענער און דעם אָרימאַנס יונגעלע—פערשוואונדען געוואָרען הינטער׳ן באַרג, וואו פאַר זיי האָט זיך אַוועקגעצויגען אַ זאַמדיגער שליאַך, וואָס האָט געפיהרט אין דער ברייטער אונבּעקאַנטער וועלט אריין.

***

צי האָט ער דערגרייכט, דערדאָזיגער, וואָס איז פערשטויסען און פערשאָלטען געוואָרען, יענעם ציל, צו וועלכען ער

האָט זיך אַזוי הייס געריסען! צי האָט ער געפונען אין דער ברייטער אונבעקאַנטער וועלט יענע מענשען, וואָס זאָלען עפענען פאַר איהם דאָס האַרץ און די טיר פונ׳ם הויז און זאָלען איהם פערלייכטערן דעם וועג צו דעם קוואַל פון חכמה?

צי האָט ער זיך אומגעקעהרט אָדער ער וועט נאָך אַמאָל זיך אומקעהרן אין זיין היימישען שטעדטעל, וואו צוזאַמען מיט פערצייהונג און מחילה וועט ער אויך ברענגען יענס ליכט, וואָס מיט זיין כּוח וועט אויסוואַקסען אַ לבנון-צעדער דאָרט, וואו עס האָט פריהער געוואַקסען אַנ׳אָרים נידעריג שטרויכעל?

איך ווייס נישט!

דידאָזיגע געשיכטע איז פערלאָפען ערשט דאָ נישט לאַנג און זי האָט זיך דעריבער נאָך נישט געענדיגט. אָבער טאַקי דערפאַר, וואָס דידאָזיגע געשיכטע און נאָך אַ סך אַזוינע געשיכטעס זענען נאָך ווייט פון זייער סוף, זאָלסטו, לעזער,—עס מאַכט נישט אויס צו וואָס פאַר אַ פאָלק דו געהערסט און וואָס פאַר אַ בלוט עס פליסט אין דיינע אָדערן און אויף וואָס פאַר אַ לשון דו בעזינגסט דעם בורא עולם—אויב דו וועסט אַמאָל אָנבעגעגענען מאיר יעזעפאָוויטש׳ן אויף דיין וועג, זאָלסטו איהם אָפּענהערציג און אָהן שום קווענקלעניש אויסציהען דיין ברידער ליכע האַנד, זיי איהם אַ פריינד און פערהעלף איהם אין זיין שווער׳ן וועג!